STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03995

UNTERN YISROEL HIML

Abraham Weisbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לכבוד מיין חבר
פריינד און חבר
[illegible]
[illegible]
מיט די בעסטע ברכה
אברהם וויסבוים

אברהם ווייסבוים

אונטערן ישראל הימל

רייזע־איינדרוקן

(טאָג־בוך)

פארלאג „המשך"

מעקסיקע, ד. פ.
1954 — תשי"ד

Abraham Weisbaum

Bajo el Cielo de Israel

Impresiones de un Viaje

(D i a r i o)

Copyright 1954, by Abraham Weisbaum
Mexico, City

Todos los derechos del autor reservados
conforme a la ley

MEXICO, D. F.
1954

אברהם ווייסבוים

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין טאַטן עובדיה
און פון מיין מאַמען שרה
זכרונם לברכה

פאָרוואָרט

זאָל דער לייענער נישט זוכן, אינעם דאָזיקן בוך, דעם פּאָליטישן אָדער איינזייטיקן צוגאַנג צו מדינת ישראל. ער — דער לייענער — וועט אַזוינס נישט געפינען, מחמת אברהם ווייסבוים איז געפאָרן קיין ישראל־לאַנד צו שפּירן אונטער זיך די ערד, אויף וועלכער, מיט צענדליקער דורות צוריק, עס האָבן געטראָטן די אבות אבותינו — —

און —

ער איז געפאָרן קיין ישראל־לאַנד צו פילן איבער זיך, ווי אַ באַלדאַכין, דעם בלויען ארץ־ישראל־הימל.

ער האָט נישט געזוכט אַרויסצוברענגען מדינת ישראל לשבח אָדער לגנאי. ער האָט אָבער יאָ, מיט זיין שרייבערישן בליק, אַריינגעדרונגען אין פאַרשי־דענע ווינקעלעך פונעם ישראלדיקן נייעם לעבן און עס באַשריבן מיט ליבשאַפט.

אָבער —

פאַר גרויס ליבשאַפט צו אייגנס, צו נאָענטס, קען אַמאָל אַ שרייבער אַריינפאַלן אין דער פאַסטקע פון כסדרדיקן לויב.

אברהם ווייסבוים האָט אויסגעמיטן דעם דאָזיקן שטרויכל־וועג.

אמת טאַקע, — ער זעט מער פּאָזיטיווס ווי נע־גאַטיווס אין מדינת ישראל. ער זעט עס אָבער מיט טיף־אידישן סענטימענט, וואָס גליט־אַרויס פון זיינע אייגענע ווייסבוימישע אויגן און שפּיגלט־זיך־אָפּ

אין אַט די טאָג-בוך-פאַרצייכענונגען פון „אונטערן ישראל הימל״.

«»

הגם אברהם וויסבוימס פעליעטאָניסטישער סטיל זעט זיך גאַנץ בולט אַרויס פון אַ סך קאַפּיטלעך אין דעם דאָזיקן בוך זיינעם, האָט ער אָבער פיל שטעלן, פון וועלכע דער לירישער אידישקייט-סענטימענט שאַרפט-זיך-אַרויס.

ער איז בילדעריש, פאַרביק און שיין.

פאַראַן בילדער אַזעלכע, וואָס מ'זעט זיי, ממש, און שילדערונגען וואָס זיינען גאַנץ און סאָליד.

זיינע פייסאַזשן פאַרמאָגן קאָליר.

די תל אביבער אָדער חיפהר גאַסן און געסלעך, פאַרבן-זיך אָקעגן, מיט דער ווייסקייט פון זייערע הייזער, מיט דער העלער גרויקייט פון זייערע טראָטואַרן און מיט דער אָנגענעמער בלויקייט פונעם ישראל-הימל.

אברהם וויסבוים האָט נישט געזוכט בלויז צו דערציילן וועגן ארץ ישראלדיקן לעבן. ער האָט דאָס דאָרטיקע לעבן, אינאיינעם מיט דעם זיך-איינוואָרצלענדיקן און שאַפנדיקן איד פון ישראל, אויך אַרומגעהילט מיט דער נאַטור-שיינקייט און עם איינגעראַמט אין דער ישראלדיקער פּאַנאָראַמיקער ראַם.

«»

וואו-נישט-וואו, פון זיין טאָג-בוך, הויכט-אַרויס אַ ראָמאַנטישקייט. דאָס איז אָבער אַ אידישע ראָמאַנטישקייט, וואָס איז איינגעוועבט, פון קינדווייזאָן, אין דעם שרייבערס שפּירונגען.

עס דערוועקן זיך ביי אברהם וויסבוימען די תנ״כישע שטימונגען פון זיינע חדר-און ישיבה-יאָרן.

ווילט זיך מיר דאָ נאָכאַמאָל זאָגן וועגן אברהם וויסבוימען דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט ביים צוריקקום פון זיין ישראל-נסיעה:

ער האָט דאָרט געקליבן שטיינדעלעך קאָלירטע און זיי געבראַכט מיט זיך ווי הייליקע קמיעות. ער

האָט אויפגעקליבן מושלען, ביי די ברעגן פון ים־סוף, און ער האָט זיך געשפּילט מיט זיי ווי אַ קינד... ווייל ער האָט ווידער דערפילט, אַז ער איז אַ קינד — אַן אור־אור־אייניקל פון די עלטער־עלטער־זיי־דעס, וואָס האָבן געלעבט אין דעם מילך־און־האָ־ניקדיקן לאַנד...

ער האָט דאָס לאַנד געזען פון איין עק ביז צו דעם אַנדערן.

ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ סך ווינקעלעך און געזען ווי די אידישע מדינה גייט־אויף מיט עקש־נות דורך שטרויכל און געפאַר.

נישט נאָר ווי אַ שרייבער, נאָר אויך ווי אַ טיף־אידישער מענטש, האָט אברהם ווייסבוים באַטראַכט דאָס לאַנד.

ער האָט דאָרט אויך געזוכט דעם סינטעז צווישן די תפוצות ישראל און מדינת ישראל.

«»

דער שרייבער פון „אונטערן ישראל הימל" האָט ליב מדינת ישראל, פונקט ווי עס זיינען אים נאָענט און אייגן די תפוצות ישראל. במילא, איז ער אויך דורכגעדרונגען מיטן אידיש־וועלטלעכן קולטור־לע־בען, וואָס איז געווען, און איז ווייטער, שפּעדיק־שע־פּעריש אין די אידיש־לשונדיקע תפוצות.

הגם עברית איז אים נאָענט, האָט ער פרום ליב דאָס אידישע לשון...

זיין עקשנותדיקער איינשטעל פאַר דער אידי־שער שפּראַך, איז אַ פאַקט — און כמעט שוין גע־וואָרן אַ מיטאָ — אויף דער מעקסיקאַנער אידישער גאַס. דעריבער געפינט מען אויך, אין זיינע באַש־רייבונגען, שטעלן וואו דער אידיש־סענטימענט זעט זיך בולט אַרויס.

טויזנטער און טויזנטער אידן רעדן אידיש, און לעבן זיך אויס גייסטיק אויף אידיש, אין מדינת ישראל. אברהם ווייסבוים ברענגט עס אַרויס, ביי פאַרשידענע באַגעגענישן מיט מענטשן און גרופּעס פון ישראל־לאַנד, אין זיין טאָג־בוך־ספר, „אונטערן ישראל הימל".

פון „מעקסיקאנער זיגזאגן" — זיין בוך פעליע־טאנען און הומארעסקעס — ביז צו דעם איצטיקן, „אונטערן ישראל הימל", האט אברהם ווייסבוים א שפאן־געטאן פון הומאר און סאטירע ביז צו ערנסט.

עס איז אבער פון דעם מין ערנסט, וואס איז דורכגענומען מיט דער גוטמוטיקייט פון א הו־מאריסט.

עס איז אן ערנסטקייט, וואס שמייכלט אקעגן...

מיט דעם געווינט דאס דאזיקע טאג־בוך, „אונ־טערן ישראל הימל", פון אברהם ווייסבוים, זייער פיל.

יצחק בערלינער

עטלעכע ווערטער פון מחבר:

אונטערן ישראל הימל —

ווערט דערהויבן דער כבוד פון פאָלק ישראל.

אונטערן פרייען ישראל הימל —

בויט זיך אַ אידיש לעבן אויף יושר און צדק.

אונטערן בלויען ישראל הימל —

ווערן מקוים דעם נביאס ווערטער:

ושבתי את שבות עמי ישראל
ובנו ערים נשמות וישבו,
ונטעו כרמים ושתו את יינם,
ועשו גנות ואכלו את פריהם.

(עמוס, ט׳, י״ד).

און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל, און זיי וועלן אָפּבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן, און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין, און מאַכן גערטנער און עסן זייער פרוכט.

(אידיש: יהואש)

שבת דעם 21־טן מאַרץ 1953

ס׳איז פאַר מיר היינט אַן אויסערגעוויינלעכער טאָג.

יאָ, ס׳איז פאַר מיר היינט אַ גרויסער יום־טוב.

כ׳פאָר היינט קיין ארץ ישראל!

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט געדאַנקען אין קאָפּ, מיך נישט געלאָזט צורו אויף קיין איין מינוט, אָט האָב איך איינגעדרימלט און באַלד ווידער וואַך.

געדאַנקען ווי כוואַליעס אויפן ים. ס׳גייט אַוועק אַ געדאַנק און באַלד קומט אַן אַנדערער, שנעל לויפנדיקער געדאַנק.

די געדאַנקען האַלטן מיך אין קלעם, האַלטן און לאָזן נישט אָפּ: טראַכטן און טראַכטן!

אָ, ניין, כ׳קען זיך פון זיי בשום אופן נישט באַפרייען.

ס׳ווילט זיך אַזוי שלאָפן, אויסרוען, כ׳בין אַזוי מיד, מיד פון צוגרייטן זיך אַ גאַנצן טאָג צו דער רייזע, צו דער ווייטער רייזע קיין ארץ ישראל.

כ׳פאַרמאַך שטאַרקער די אויגן, אָבער אומזיסט, ס׳שלאָפט זיך נישט! אַ מידקייט צעגיסט זיך איבערן גאַנצן קערפּער, אָבער דער מוח טראַכט:

אַמאָל, אַמאָל ווען פון קליינעם שטעטל אין פוילן איז אַ איד אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, איז דאָס געווען אַ גרויס געשעעניש פאַר גאַנצן שטעטל. כמעט אַלע איינוואוינער האָבן אים באַגלייט ביז אויפן שאָסיי, אים מיטגעגעבן הונדערטער ברכות אויפן וועג, אים אָנגעזאָגט, ער זאָל פאַר זיי בעטן ביי דער מוטער רחלס קבר, ביי דער מערת המכפלה און ביי דער כותל־מערבי.

אַלע האָבן אים שטילערהייט מקנא געווען, ווען ער וועט, איבער

אברהם ווייסבוים

הונדערט און צוואַנציק יאָר, שטאַרבן, וועט ער ליגן באַגראָבן און דער הייליקער ארץ ישראל ערד.

און היינט? היינט פאַרט מען קיין ארץ ישראל נישט שטאַרבן, נאָר לעבן, לעבן! נישט וויינען און בעטן, נאָך קעמפן און בויען.

אידן פאָרן היינט קיין ארץ ישראל זעען ווי דאָס לאַנד בויט זיך, בליט און וואַקסט. היינט פליט מען קיין ארץ ישראל...

די געדאַנקען יאָגן, יאָגן זיך איינער נאָכן אַנדערן. ניין, כ'וועל שוין היינט נישט שלאָפן.

ווי גוט, ווי זיס וואָלט געווען איצט אַנטשלאָפן צו ווערן, אָבער ניין. כ'טראַכט ווייטער:

וועלכער איד האָט דאָס נישט איינגעזאַפּט אין זיין מוח די צוויי ווערטער: ארץ ישראל.

אין מוח טויכן אויף בילדער פון דער יוגנט. עס צינדן זיך און לייכטן אויף בילדער פון די חדר־יאָרן, פון דער ישיבה, פון בית מדרש, פון חסידים־שטיבל. און אַלץ וואָס מ'האָט געלערנט און געדאַוונט איז געווען פאַרוועבט, פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט ארץ ישראל און וועגן ארץ ישראל, וועגן ציון און ירושלים.

מיר האָבן דאָך אַלע מאָל געוואַרט אויף משיחן. מיר האָבן דאָך אַלע געחלומט וועגן אויסלייזונג און וועגן ארץ ישראל.

כ'האָב אַזוי איינגעדרימלט אינגאַנצן אַרומגענומען און פאַר־וועבט אין געדאַנקען, אין חלומות פון אַמאָל, פון פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן...

כ'האָב זיך היינט פרי אויפגעכאַפּט און פיבעריש, גיך און אומ־געדולדיק זיך געגרייט פאָרן צום לופט־פאָרט.

די האַלבע שעה, וואָס דויערט דאָס פאָרן פון צענטער שטאָט ביזן אַעראָדראָם, האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אַ גאַנצע אייביקייט...

כ'בין אומרואיק. מיר דאַכט זיך, אַז דער אויטאָ פאָרט איצט עפּעס אַזוי פּאַמעלעך, פּאַמעלעך...

ווער ווייסט, אפשר וועל איך נאָך פאַרשפּעטיקן?

אויפן לופט־פאָרט איז לעבעדיק, אַ גערודער. מ'קומט, מ'גייט. אַן עראָפּלאַן קומט אָן, אַן עראָפּלאַן פליט אַוועק.

מענטשן אומגעדולדיקע, מיט אַ באַהאַלטענער שרעק אין די אויגן, דרייען זיך אַרום מיט קליינע רענצלעך אין די הענט.

אַלע וואַרטן, אַלע קוקן אַרויס צו די אָנקומענדיקע עראָפּלאַנען.

א ו נ ט ע ר ן   י ש ר א ל   ה י מ ל

כ׳בין אַרומגערינגלט מיט פריינט, משפחה און באַקאַנטע, וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר.

כ׳דאַרף שוין אַרויפגיין אויפן עראָפּלאַן. דאָס האַרץ קלאַפּט אַביסל שטאַרקער. אַ באַהאַלטענע שרעק, אַ מורא האָט מיך אַרומגענומען, ווען כ׳האָב זיך דערנענטערט צום עראָפּלאַן.

ס׳איז דאָך דאָס ערשטע מאָל וואָס כ׳גיי פליען... ווער ווייסט, אפשר? ס׳איז דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ מאַשין, אַזאַ ריזיקער עראָפּלאַן. אַזאַ געמאַך מיט אַזוי פיל מענטשן דאַרף זיך אויפהייבן אין דער לופט... און פליען, פליען.

אָבער ניין, מ׳דאַרף זיך האַלטן העלדיש, בראַוו, מ׳טאָרנישט אַרויסווייזן קיין מורא, ס׳פּאַסט נישט, וואָס עפּעס מורא האָבן? מ׳דאַרף מאַכן אַ פריילעכע מינע, אַ צופרידענעם שמייכל...

זייט געזונט. אַדיאָס, אַדיאָס! שלום!

כ׳זיץ שוין אין עראָפּלאַן. די שרעק ווערט אַביסל געמילדערט. עפּעס אַזוי פיל מענטשן זיצן זיך אַזוי רואיק אויף די אויסגעבעטע שטולן.

אָבער פאַרוואָס זיצן אַלע עפּעס אַזוי שטיל? מיט אַן איינגעהאַלטענער, פאַרטראַכטער ערנסטקייט, פונקט ווי אין שול פאַר שופר־בלאָזן, אָדער פאַר מזכיר נשמות זיין...

נישטאָ דאָ די פריילעכקייט, די אויפגעהייטערטקייט, ווי ביי פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן אין אַ באַן־וואַגאָן אָדער אין אַן אויטאָבוס.

עס צינדט זיך אָן אַן אויפשריפט איבער דער טיר: נישט רויכערן, פאַרשפּילען די פּאַסקעס!

די באַדינער גייען אַריין און אַרויס דורך דער שמאָלער טיר וואָס פירט צו די מאָטאָרס, גיבן אַכטונג יעדער זאָל זיך אַרומבינדן מיט די פּאַסקעס פון ביידע זייטן שטול.

איינער נאָכן אַנדערן נעמען אַרבעטן די פיר מאָטאָרס מיט אַ רעש און געבייזער ווי זיי וואָלטן געוואָלט חרוב מאַכן דעם גאַנצן לופט־פאָרט, און דער ריזיקער עראָפּלאַן רירט זיך פון אָרט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, בויגט זיך אַביסעלע פון ביידע זייטן, העצקעט און שפּרינגט אונטער אויף די גומענע רעדער, ווי אַ פאַרוואונדעטער ריזיסער אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל אויף די מידע דינע פיס...

דער עראָפּלאַן פאָרט אַרום אַביסל, ווי ער וויל אויספּראָבירן זיינע כוחות, ער בלייבט שטיין אַ ווייל. מיטאַמאָל הייבן די פיר מאָטאָרס אָן שטאַרקער צו אַרבעטן מיט אַ טויב־מאַכנדיקן גערויש.

און מיט א ירגזון און גוואלדיקן אימפעט גיט זיך דער מעכטי־קער עראָפּלאַן אַ ריס אָפּ פון דער זינדיקער ערד און מיר פליען...

די פריערדיקע שרעק גייט פּאַמעלעך איבער אין אַ נייגעריקייט און באַוואונדערונג.

דער ריזיקער עראָפּלאַן מיט די 56 פּאַסאַזשירן פליט ווי אַן אָדלער אין דער לופט אזוי לייכט, אזוי גרינג און אזוי שיין.

דער מענטש האָט באַזיגט די לופט און פליט!

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי כ׳וואָלט מיטאַמאָל אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ערד. כ׳געהער מער נישט צו דער ערד...

כ׳קוק אַראָפּ און זע, ווי עפּעס אַ נייע וועלט ליגט אונטער מיר: בערג מיט טאָלן, און די שטאָט זעט אונטן אויס ווי אויסגעשטעלטע קעסטלעך מיט טונקעלע פּאַסן אינדערמיט.

כ׳בין בטבע אַ שלעכטער ים־פאָרער, כ׳לייד תמיד פון דער גודנער ים־קראַנקהייט. האָט מען מיר מיטגעגעבן אַזעלכע קליינע פּילן, כ׳וויים, ווי ס׳מאַכט זיך...

אָבער וואונדער איבער וואונדער, כ׳פיל זיך דאָ אַ סך בעסער ווי אויף אַ שיף. וואָס זאָג איך? אַ סך בעסער ווי אין אַן אויטאָבוס אויף דער האַרטער ערד, וואו איין אויטאָבוס וויל איבעריאָגן דעם אַנדערן...

אַ מחיה צו פליען!

ס׳איז נאָר שווער דאָס ערשטע מאָל זיך אָפּצורייסן פון דער זינדיקער ערד צו וועלכער מיר זיינען נאָך צוגעבונדן. פּונקט ווי ס׳איז שווער דעם קינד זיך אָפּצורייסן פון דער מאַמעס בויך ביים געבוירן ווערן...

אָבער אַז מיר האָבן זיך שוין יאָ אָפּגעריסן פון דער ערד און מ׳פליט שוין, פילט זיך דער מענטש אַביסל איבעראַשט און ווי אַ באַזיגער פון דער סודותדיקער נאַטור, פון גאַנצן באַשאַף.

און כ׳לויב און בענטש שטילערהייט דעם אַלמעכטיקן באַשע־פער, וואָס האָט באַשאָנקען דעם מענטש מיט דער גרויסער חכמה אויסצוגעפינען די סודות פון דער נאַטור, אונדז מגלה געווען דעם סוד, ווי אַ ריזיקע, שווערע מאַשין קען זיך אויפהייבן אין דער לופט און פליען...

כ׳זיץ לעבן פליגל און זע דורכן פענסטערל ווי די פּראָפּעלערס

דרייען זיך מיט אַ בליציקע שנעלקייט, און מיט אַ ריטמישן גערויש שניידן זיי זיך אַריין אין דער לויטערער לופט.

כ'האָב תמיד פיינט דאָס גערויש פון מאַשינען, דאָס בריאַזגען פון רעדער און דאָס קלאַפן פון אייזערנע האַמערס. אָבער דאָ אין עראָפּלאַן איז דאָס גערויש מיר געוואָרן אַזוי ליב, אַזוי טייער און אַזוי אָנגענעם צו הערן, ווי מוזיק... ווי אַן אויסערגעוויינטלעכע מאַשין־סימפאָניע...

יאָ, די גערויש־סימפאָניע פון פיר ריזיקע עראָפּלאַן־מאָטאָרס.

כ'הער זיך גוט צו צום מאָטאָר־גערויש מיט אַ גוואַלדיקער אויפמערקזאַמקייט. דאָס אויער כאַפּט אויף דעם מינדסטן און קלענסטן בייט פון ריטמישן מאָטאָר־גערויש.

ביי דעם קלענסטן בייט גיב איך זיך אַ כאַפּ און דאָס האַרץ גיט אַ צאַפּל... אפשר? אפשר האָט עפּעס געטראָפן מיט אַ מאָטאָר, אפשר?

אָבער ניין! דער ריזיקער עראָפּלאַן שווימט זיך אַזוי געמיטלעך אין דער פרישער פרילינג־לופט אונטער אַ בלויען הימל און אַ צעשטראַלטע גאָלדענע זון.

בלויז דער ריטמישער גערויש פון די פיר מאָטאָרס, איז ווי אַ געזאַנג און אַ לויב דער מאָדערנער טעכניק, וואָס האָט שוין אפילו דעם מאָדערנעם מענטש באַלד געמאַכט ווי אַ מאַשין...

די פּאַסאַזשירן זיצן רואיק, פאַרטראַכט, רעדן נישט קיין וואָרט. יעדער איז פאַרנומען מיט זיך אַליין. מ'זיצט דאָך אין אַ מאַשין וואָס פליט, און ס'גנבעט זיך אַריין אין מוח אַ ספק, אַ צווייפל, אַ נישט זיכערקייט; ס'איז דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ מאַשין, אַ טויטע זאַך, ווער ווייסט, עפּעס אַ שרויף, אַ רעדעלע, אַ גאַזאָלין־רערל זאָל חלילה קאַליע ווערן, אפשר?

אָבער ס'עפנט זיך די טיר און די דינער אויסגעפּוצט ווי אין בעסטן רעסטאָראַן און אַ שלאַנקע, שיינע קעלנערין, אַ בלאָנדע, טראָגן אַרום קעסטלעך מיט קאָנפעקטן, צוקערלעך מיט טשיקלעס און זיינען מכבד די פּאַסאַזשירן.

יעדער איינער נעמט עפּעס פון יוצא וועגן, ווער האָט עס איצט אין זינען צו עסן קאָנפעקטן מיט צוקערלעך...

אָבער אין אַ האַלבע שעה אַרום סערווירט מען אַ געשמאַקן אָנבייסן. און מערקווירדיק, די פּאַסאַזשירן עסן גאַנץ געשמאַק, גלייך ווי מ'וואָלט געזעסן אין אַ פיינעם רעסטאָראַן...

מ׳פארגעסט מיטאמאל די געפאר, די סכנה וואס קען חלילה טרעפן יעדע מינוט אינדערהייך, אין דער פרייער לופט... גארנישט, מ׳עסט און מ׳טרינקט און מ׳לאזט זיך וואוילגיין.

ווער קען דאס אריינדרינגען אין דער מענטשלעכער פסיכיק? שווער צו פארשטיין און באגרייפן די מענטשלעכע נשמה.

דער עראפלאן הייבט זיך אויף הויך איבער די וואלקנס. פון אונטן זעט מען בלויז א ים פון ווייסע, קלארע וואלקנס, ווי א גרויס אויסגעשפרייט פעלד מיט ווייסע בערגלעך שניי.

ס׳דאכט זיך, ווי דער עראפלאן וואלט געהאנגען אינדערלופט אויף איין ארט. מ׳פילט גארנישט ווי דער עראפלאן שווימט אין דער לופט און שלינגט די קילאמעטערס מיט א גוואלדיקער שנעלקייט...

מ׳הערט בלויז דאס ריטמישע מאטאר־געזאנג...

איז דאס פאר מיר א גרויסע איבערלעבונג, דאס ערשטע מאל געפין איך זיך צווישן הימל און ערד, אין א פליענדיקן עראפלאן.

בין איך געפארן אויף אן אמעריקאנער עראפלאן ביז יוסטאן (טעקסאס), און ביזן איבערזעצן זיך אין א צווייטן עראפלאן צו פארן אין אוונט אין ניו יארק, בין איך אוועק אביסל שפאצירן אין שטאט אריין.

און ווידער טרעט איך אויף דער הארטער ערד... ווי באקוועם ס׳איז היינט דאס פליען, איז פארט א מחיה צו שפאצירן אויף דער ערד און בעסער קוקן ארויף ווי דער עראפלאן פליט...

אויפן צווייטן עראפלאן אין אוונט, האט מען שוין סערווירט א פיינע וועטשערע.

ביי יעדער שטול איז דא א טאץ וואס ווערט אריינגעפאסט פוןביידע זייטן שטול ווי א טישעלע, אויפן טישעלע שטעלט מען ארויף א טאץ מיט די מאכלים.

איר קענט זיך נישט רירן פון ארט ביז איר ענדיקט נישט דאס עסן, ביז מ׳נעמט נישט ארויס דאס קליינע טישעלע פון דער שטול.

אלע עסן שטיל, רואיק ווי אין א שפיטאל, און די עסערס מיט די טישעלעך איבער די קני זעען נעבעך אויס ווי קראנקע, אינוואלידן, וואס קענען זיך נישט באוועגן, אדער גיין...

דער „סטיואַרד" בויגט זיך צו און פרעגט יעדן איינעם שטיל: אפשר נאך א קאפע, נאך א טיי?

אפילו די שלאַנקע בלאַנדע קעלנערקע, בויגט זיך איבערן שטיל לעבן פּנים, גלייך ווי זי וויל זיך צעקושן מיט אייך, אָדער זי וויל אייך איינרוימען אַ סוד. זי רעדט עפּעס אַזוי פריינטלעך, אַזוי שטיל און אַזוי זיס: סער. און יעס סער! אפשר אַ קאַפע? אַ קאַלטן טרונק?

יאָ, די מאַטאָרס רוישן, מוז מען רעדן צו די פּאַסאַזשירן לעבן די אויערן, זיי זאָלן קענען הערן...

נאָך דער וועטשערע איז אין עראָפּלאַן געוואָרן טונקל, בלויז ווען איינער וויל לייענען, גיט ער אַ דרוק אַ קנעפּל אינדערהייך איבער דער שטול אויף דער פּאָליצע, און אַ קליין לעמפּעלע, ווי אַ שטערנדל צינדט זיך אָן איבער אייך.

שאַפט די טונקעלע באַלייכטונג אַ רואיק געמיט. די ליכטיקע שטערנדלעך פינקלען איבער די מענטשן וואָס זיצן אָנגעלעגט אויף די אויסגעבויגענע ווייכע שטולן. עס זעט אויס ווי מ'וואָלט דאָ גע־פירט חלילה קראַנקע אָדער פאַרוואונדעטע.

ס'איז שטיל. רואיק, קיינער רעדט נישט קיין וואָרט, נאָר דאָס ריטמישע רוישן פון די מאָטאָרס דערמאָנט יעדן וואו מ'געפינט זיך...

כ'לעג אָן דעם קאָפּ אויף דער אויסגעבויגענער שטול און פּראָ־ביר אפשר וועל איך קענען כאַפּן אַ דרימל.

פאַרשידענע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ: מ'איז צופרידן פון דער געשמאַקער וועטשערע. די באַהאַנדלונג איז אויסגעצייכנט, נאָכאַלעמען איז גאַרנישט אַזוי שלעכט צו פליען...

אָבער באַלד גיב איך אַ טראַכט: נו, די סכנה, די מורא אַז — —

נאָר ווייסיך וואָס? און אויף דער ערד איז דען נישט קיין געפאַר צו פאָרן? אויף אַ באַן אָדער אויף אַן אויטאָבוס קען דען נישט טרעפן חלילה אַן אומגליק?

בין איך טאַקע, אַזוי קלערנדיק, גאַנץ געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן — — —

פּלוצלונג האָב איך דערפילט אַ פאַל, אַ מוראדיקן, שרעקלעכן פאַל...

אָט גיט דער ריזיקער עראָפּלאַן אַ פאַל, ער דערכאַפּט זיך און ווידער אַ פאַל. אַ פאַל אין דער לופט. אַ לאָז אַראָפּ זיך און פאַרהאַלט זיך און פליט ווייטער.

ס'דאַכט זיך ווי דער ריזיקער עראָפּלאַן זוכט עפּעס, זוכט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן אין דער נאַכטיקער, פינסטערער לופט.

אינסטינקטיוו כאַפּ איך זיך אָן מיט ביידע הענט ביי די זייטן פון שטול. ס'כאַפּט מיך אַרום אַ שרעק, אַ פּאַניק באַהערשט מיך און האַלט מיך פעסט צוגעשמידט צו דער שטול.

דער שטערן ווערט מיר באַדעקט מיט טראָפּנס שווייס, כ'פּיל זיך נישט גוט.

וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קונצן מאַכט איצט דער עראָפּלאַן?

אַראָפּ און אַרויף, אַ פלי און אַ פאַל!

עטלעכע פּאַסאַזשירן־קרעכצן אין דער שטיל. דרייען זיך אויף אַלע זייטן מיט אַן אויסרוף אָ! אָ! אָ!

ס'קומט אַריין דער „סטיוואַרד" און באַרואיקט די פּאַסאַזשירן. ער רעדט שטילערהייט נישט איבערוועקן די שלאָפנדיקע:

ס'איז גאָרנישט, מ'דאַרף זיך נישט שרעקן, דאָס זיינען אַזעלכע לופט־קעשענעס, די לופט איז אויף דעם אָרט שיטער, גיט זיך דער עוויאָן אַ לאָז אַראָפּ אַביסל, פאַלט אַריין צוריק אין דער געדיכטער לופט און פליט ווייטער.

ס'איז טאַקע גאָרנישט, ווי דער סטיוואַרד זאָגט, אָבער קיין גרויסע מציאה איז דאָס אויך נישט...

ס'איז אַ גאַנץ קנאַפּער פאַרגעניגן, ווען מ'פילט מיטאַמאָל, אַז שוין... אָט פאַלט דער עראָפּלאַן אַראָפּ, הייבט זיך אַרויף און פאַלט ווידער.

אָט־אָט שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ פאַר שרעק און די געדערעם אין בויך הייבן אָן צו מאַכן קונצן...

נאָר גאָרנישט, ס'איז נאָר דאָס ערשטע מאָל אַ מורא, ווען דער עראָפּלאַן גיט מיטאַמאָל אַ פאַל פון דער הויך אין מיטן דער פינס־טערער נאַכט. מ'פילט זיך טאַקע נישט גוט, אָבער מ'ווערט בים־לעכווייז צוגעוואוינט צום פאַלן...

אַ מענטש גיט דאָך אויך אַמאָל אַ פאַל און הייבט זיך צוריק אויף...

אמת, עס זיינען דאָ פאַלן ווען דער מענטש גיט אַ צושטאַרקן פאַל... אפילו שטאַרקע, גייסטיק־דערהויבענע מענטשן גיבן אויך אַמאָל אַ פאַל... דערהויבן זיך און ווערן פון פאַל נאָך שטאַרקער...

אָט מיט די געדאַנקען בין איך ווידער איינגעשלאָפן אויפן אָנ־לען פון שטול אין טונקעלן עראָפּלאַן.

זונטיק דעם 22-טן מאַרץ

זעקס אַזייגער אינדערפרי, אַלע פּאַסאַזשירן זיינען שוין וואַך, קוקן אַרויס מיט אומגעדולד און דערוואַרטונג דורך די קליינע פענסטערלעך.

כ'האָב זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט, ווי איבערגעוועקט פון שלאָף. דער עראָפּלאַן פליט איצט איבער ניו־יאָרק.

וואָס פאַר אַ פּרעכטיק בילד די האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן דער־זען: די גיגאַנטישע נאָך־שלאָפנדיקע שטאָט זעט אויס פון אויבן ווי אַ לעגענדאַריש־פאַנטאַסטישע אויסשטעלונג.

ס'שיילן זיך אַרויס די סילועטן פון די ריזיקע שמאָלע געביידעס, וואָס רייסן זיך צום הימל מיט זייערע שפּיצן. די קלענערע געביי־דעס זעען אויס פון דער הייך, ווי אַ געמיש פון פאַרשידענע קינדער־שפּילעכלעך...

צווישן די הייזער ציען זיך שמאָלע לאַנגע, טונקעלע לענטעס, דאָס זיינען די גאַסן וואָס זיינען נאָך שוואַך באַלויכטן מיט שורות פינקלדיקע פייערלעך.

אין דער פאַנטאַסטישער שטאָט שלענגלען זיך און ציען זיך בלויע וואַסער־פּאַסן, מיט שמאָלע שפּילעוודיקע לאַנגע בריקן פון אַלע זייטן שטאָט.

דאָס מאַטע טאָג־ליכט רייסט זיך אַריין דורך די פענסטערלעך און מישט זיך אויס מיט דער נאָך נישט אויסגעלאָשענער באַלייכטונג אין עראָפּלאַן.

די נאָך־אָנגעצונדענע גאַסן־לאַמטערן און דאָס טאָג־ליכט מישן זיך אויס, און די ריזיקע שטאָט איז איינגעהילט אין אַ געמיש פון טאָג און נאַכט ליכטיקייט, וואָס שאַפט דעם איינדרוק פון אַ פאַר־

הלומטער שטאָט, וואָס האָט זיך נאָכנישט אויפגעוועקט פון טיפן פאַרכישופטן שלאָף...

דורך די טונקעלע פרימאָרגן־לופט זעט מען די אויסגעשטעלטע ליכט־סיגנאַלן, וואָס טוקן זיך אונטן אויפן לופט־פעלד.

עס צינדט זיך און לעשט זיך אַ שטאַרק העלער סיגנאַל אויפן טורעם פון לופט־פּאָרט.

איבער דער טיר אין עראָפּלאַן צינדן זיך ווידער אָן די אויפשריפטן: נישט רויכערן, אַרומבינדן זיך מיט די פּאַסקעס, און דורכן מיקראָפאָן הערט זיך די שוואַכע שטימע פון פּילאָט: זיצן רואיק, דער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ אויפן לופט־פּאָרט אין ניו־יאָרק.

דער עראָפּלאַן לויפט אַרום אַביסל אויף דעם האַרטן אַספאַלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט און ווייסט נישט וואו צו בלייבן שטיין — און אָט שטייט שוין דער עראָפּלאַן.

אַלע דערפילן עפּעס אַ דערלייכטערונג, אַ שטילע פרייד כאַפּט אַרום אַלע: געקומען! אָנגעקומען אין ניו־יאָרק!

ביים אַרויפגיין אין עראָפּלאַן דאַרף מען אויספילן אַ געדרוקטן פראַגע־בויגן, ביים אַראָפּגיין דאַרף מען ווידער שרייבן. מ׳האַלט אין איין אויספילן פראַגע־קאַרטלעך.

מ׳היט זייער אָפּ דעם פּאַסאַזשיר, מ׳האָט שטאַרק מורא ער זאָל חלילה נישט פאַרלוירן ווערן...

נישט אומזיסט איז פּאַפּיר געוואָרן אַזוי טייער... מ׳האַלט אין איין שרייבן.

כ׳האָב געגעבן מיין וואַליז דעם אָנגעשטעלטן פון דער „עיר כּראַנס" ביורא. דער עראָפּלאַן דאַרף ערשט אָפּפליען אַכט אין אָוונט קיין פּאַריז. האָב איך זיך מיטן קליינעם רענצל אין האַנט דערפילט אַ פרייער מענטש.

ס׳איז שוין זיבן אַזייגער, אין די גרויסע זאַלן פון לופט־פּאָרט ברענען נאָך די לאָמפּן. ס׳איז היינט אַ טונקעלער טאָג, דער הימל איז פאַרוואָלקנט, און ס׳איז אַביסל קיל און דרויסן.

כ׳האָב אַרומגעזוכט אָן אומבאַקאַנטן פריינט, פאַר וועמען כ׳האָב געהאַט אַ גרוס פון מעקסיקע, און ער האָט אויף מיר דאָ געדאַרפט וואַרטן.

כ׳דריי זיך אַרום צווישן אַ רווישנדיקע מאַסע מענטשן. מיטאַמאָל קומט צו מיר צו אַ הויכער איידעלער מענטש, מיט אַ פּנים פון אַ

דענקער אָדער אַן אַקטיאָר. ער פרעגט מיך שטיל מיט נישט קיין זיכערער שטימע: זענט איר מיסטער וויסבוים?

יאָ, האָב איך גיך געענטפערט און איר זענט פריינט גענדעל?

יאָ, יאָ! די אומבאַקאַנטע האָבן זיך באַקענט!

דאָס איז טאַקע דער פריינט הירשל גענדעל, דער באַקאַנטער הומאָריסט און רעציטאַטאָר פון ניו־יאָרק.

ער רעדט טאַקע צו מיר אַזוי בנעימותדיק, געמיטלעך און פאַמעלעך, ווי ער וואָלט עפּעס דעקלאַמירט...

מיר גייען אַראָפּ אין „סובוויי״ (אונטערערד־באַן), אין וואַגאָן זיינען דאָ ווייניק מענטשן. ס'איז זונטיק אינדערפרי. דער מידער עולם שלאָפט היינט אַביסל לענגער. מ'רוט זיך אויס די מידע ביינער פון אַ גאַנצע וואָך אַרבעט און יאַגעניש.

עטלעכע מידע, האַלב־פאַרשלאָפענע מענטשן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער פון זייערע מאַנטלען זיצן פאַרטראַכט, ברוגזע און שאָקלען זיך צו אין די שנעל־לויפנדיקע וואַגאָנעס.

עטלעכע פרויען מיט זויערע, אומעטיקע פּנימער, מיט נישט אויסגעשלאָפענע מידע אויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן געטראָגן דעם גאַנצן וועלט־שמערץ אויף זייערע שמאָלע פּלייצעס... זיצן אָפּגעריקטע, פאַרטראַכטע אין די באַלויכטענע, וואַקלענדיקע וואַגאָנעס.

די טונקעלע קאָרידאָרן מיט די לאַנגע טונעלן און גלאַנציקע אייזערנע רעלסן, מאַכן אויף מיר אַ שווערן נישט־הימלעכן איינדרוק.

כ'בין שוין געפאָרן, מיט יאָרן צוריק אין לאָנדאָנער „סובוויי״, אָבער אין יענע אונטערערד־באַן, זיינען די קאָרידאָרן, די אריינגענג און די טונעלן געווען עפּעס מער באַלויכטן און אַ סך היימלעכער.

כ'האָב אַביסל שפּעטער טאַקע דערזען דאָס ערשטע מאָל אַן „עליוויטער״, די גאַסן־באַן וואָס לויפט אינדערהייך אויף אויפגעשטעלטע בריקן, אויף אייזערנע סלופּעס איבער דעם טראָטואַר.

די באַן אויבן לויפט מיט אַ געקלאַפּעריי, מיט אַ געבראַזגעריי אויף די אייזערנע שינעס און אונטן גייען מענטשן אויפן טראָטואַר.

האָט דאָס אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטאָט געבויט פון שטאָל, בעטאָן און אייזן. הויכע געביידעס וואָס רייסן זיך צו די הימלען און די מענטשן זעען אויס אַזוי קליין, אַזוי נעבעכדיק, קעגן די ריזיקע געביידעס מיט דער גוואַלדיקער טעכניק, פון באַנען אינדערהייך איבער די גאַסן, וואָס פאַרשטעלן דעם מענטש אַ שטיק

ליכטיקן הימל... און באַנען אונטער דער ערד. נאָר פאָרן און פאָרן! נאָר לויפן און לויפן!

נאָר וואָס קען מען זען אין איין טאָג אין דער ריזיקער וועלט־שטאָט? ביינאַכט מוז איך שוין ווידער זיין אויפן לופט־פאָרט, זיי־דער זיך אַריינזעצן אין אַ פראַנצויזישן „עיר פראַנס" עראָפּלאַן און ווייטער פליען ביז פּאַריז אויפן וועג קיין ישראל.

האָט מיר פריינט גענדעל אַרויסגעוויזן אַ סך גאַסטפריינטלעכ־קייט. ער וויזט מיר עטלעכע וויכטיקע אידישע אינסטיטוציעס, די באַרימטע „איסט בראָדוויי".

אָבער, ס'איז זונטיק, אַלץ איז היינט פאַרמאַכט. מיר גייען אַריין אין אַ קאַפעטעריע אין באַרימטן „גאַרמענט סענטער", דער צענטער־פון די אידישע שניידער פאַבריקן.

אַ גאַנצע וואָך שפּרודלט דאָ מיט לעבן, דאָ איז שטענדיק אַ טומל, אַן ענגשאַפט, אַ געלאַף. איצט זיינען די גאַסן ליידיק. שטיל און רואיק.

אין דער קאַפעטעריע זיצן ביי טישלעך עטלעכע מענטשן און דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט נישט קיין טייערן אָנביסן...

אין דער קאַפע זיינען נישטאָ קיין קעלנערס צו דערלאַנגען דאָס עסן, גיין, דאָ הערשט אמתע דעמאָקראַטיע: אַ מאַשין־דעמאָקראַטיע.

ביי דער וואַנט שטייען אויסגעשטעלט אַזעלכע ליכטיקע קעסט־לעך, אויטאָמאַטן, מ'וואַרפט אַריין צען סענט און ס'גייט אַרויס אַ טעלערל מיט אַ שטיקל קוכן. אַ צווייטער אויטאָמאַט גיסט אָן, פאַר די צען סענט, אַ טעפּעלע קאַווע. ס'זיינען אויך דאָ אויטאָמאַטן וואָס פאַרקויפן אייך אַ סענדוויטש.

יאָ, דאָ אין דער קאַפעטעריע זעט מען די צוקונפט פון דער מענטשהייט, פון דער ציוויליזאַציע נעבעך...

גיין, ס'געפעלן מיר שוין גאָרנישט די מאַשין־מאכלים מיט דער אויטאָמאַטישער באַדינונג...

ס'פעלט דאָך דאָ אַ וואַרעמע מענטשלעכע האַנט, וואָס זאָל דערלאַנגען דאָס ביסל עסן. דער וואַרעמער גוט מאָרגן פון קעלנער, דער וואַרעמער בליק און שמייכל פון אַ באַחנטער קעלנערין.

מיר גייען אַריין אין אַ ישיבה לעבן דער „פּאָרוועררטס" געביידע. ס'כאַפּט מיך אַרום אַ וואַרעמקייט, אַ היימישקייט. כ'הער דאָס קול פון יונגע בחורימלעך, דעם אומעטיק־זיסן ניגון פון דער גמרא.

די ישיבה איז, קיין עין הרע, געפּאַקט מיט לערנער, מיט תּלמי־דים. דער משגיח, אַ ברייט־פּלייציקער איד מיט אַ געדיכטער ברייטער באָרד, דערקלערט מיר, אַז עס זיינען דאָ צוויי־ערליי תּלמידים, די וואָס קומען בלויז לערנען אין דער ישיבה, און די וואָס עסן און שלאָפן אין ספּעציעלע וואוינונגען ביי דער ישיבה.

ס'איז מיר כאָטש אַ ביסעלע וואַרעמער געוואָרן אין דעם קילן זונטיק פרימאָרגן, אין דער גרויסער ניו־יאָרק...

מיין גוטער פריינט גענדעל וויזט מיר די גרויסע אימפּאָזאַנטע שטאָט־ביבליאָטעק, די ריזיקע געביידעס, די וואָלקן־קראַצערס, וואָס פאַרייסן זייערע שטיינערנע קעפּ צו די וואָלקנס.

אָבער איך ווער ווייניק נתפּעל, ווייניק איבעראַשט פון דעם ראָזמאַך, פון דעם גוואַלדיקן פאַרנעם פון די קאָלאָסן פון שטיין, בעטאָן און שטאָל...

אוודאי וואָלט איך אויך געוואָלט באַזוכן די מוזייאומס, די קאָנצערט־זאַלן וואָס געפינען זיך אין דער ריזיקער שטאָט. אָבער די צייט איז קורץ, כ'קען אפילו נישט באַזוכן עטלעכע חברים שרייבער.

ס'איז זונטיק, און דער טאָג מיטן ניו־יאָרקער פאַרכמאַרעטן הימל רוקט זיך גיך אַוועק.

בין איך שוין געווען פינף מאָל אין די שטאָטן, אין דער שיינער „מלאכים שטאָט", אין לאָס אַנדזשעלעס. בין איך טאַקע פאַרליבט אין דער צעשפּרייטער, פאַרחלומטער מלאכים שטאָט.

און היינט בין איך דאָס ערשטע מאָל אין דער ריזיקער בבל־שטאָט ניו־יאָרק — און כ'בין געבליבן קאַלט...

קאַלט צו די ריזיקע שטיינערנע געביידעס, קאַלט צו די לויפנדיקע, טומלדיקע עליוויטערס און צו די אומעטיקע, שנעל־יאָגנדיקע באַן אונטער דער ערד...

אָבער ס'איז אויך דאָ אַ קולטור־ניו־יאָרק, וואָס כ'קען צום באַדויערן היינט נישט זען.

כ'פאָר דאָך נאָר אַדורך ניו־יאָרק. איך פאָר דאָך איצט אויפן וועג קיין ישראל.

בין איך פאַרנאַכט אַן איינזאַמער צוריקגעקומען אויפן לופט־פּאָרט.

ס'איז דאָ אַביסל לעבעדיקער ווי אין דער קאַלטער, אומעטיקער שטאָט. מ'גייט, מ'לויפט. מ'וועגט די וואַליזן. עראָפּלאַנען קומען, עראָפּלאַנען פליען אַוועק.

לעבן די באַלויכטענע לאַנגע שרייבטישן פון די פאַרשידענע ערעפּלאַן־קאָמפּאַניעס, שטייען מענטשן און קויפן בילעטן. דאַמען אין ספּאָרט־קליידער מיט קליינע רענצלעך אין די הענט, זיצן אומ־רואיק און וואַרטן אויפן מיקראָפּאָן־רוף פון זייער עראָפּלאַן, וואָס פליט באַלד אָפּ.

מ׳כאַפּט דערווייל אויף גיך א טעפּל הייסע קאַפע מיט א קעז־סענדוויטש און מ׳הערט זיך גוט צו וועגן די מעלדונגען פון מיקראָ־פאָן, וועלכער עראָפּלאַן ס׳פליט באַלד אָפּ.

אכט אַזייגער אין אָוונט זיץ איך שוין אין פראַנצויזישן עראָפּלאַן.

ס׳איז טאַקע דער זעלבער גרויסער, „קאָנסטעליישאָן" עראָפּלאַן וואָס דער אַמעריקאַנער מיט פיר מאָטאָרס. נאָר דער פראַנצויזישער עראָפּלאַן איז אַביסל אַנדערש אויסגעשטאַט פון אינעווייניק, אַנדע־רע באַלייכטונג און באַקוועמלעכקייט און אַנדערש איז די באַדינונג.

די אַמעריקאַנער „סטיוּאַרדס" זיינען אויך געגוג העפלעך און דאָס עסן גאַנץ געשמאַק. אָבער אין דעם פראַנצויזישן עראָפּלאַן דער־פילט מען באַלד די פראַנצויזישע אַטמאָספערע.

די שלאַנקע, עלעגאַנטע קעלנערין רעדט פראַנצויזיש און אויך ענגליש און די העפלעכקייט איז א פריינטלעכע און אויך זייער א וואַרעמע, מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פראַנצויזישן שמייכל, חן און בויג: מאָנסיע, מאַדאַם!

די אָנגעצויגענע קאַלטע העפלעכקייט פון פאַסאַזשיר און באַ־דינער פאַרשווינדט, און ס׳שאַפט זיך א וואַרעמע פריינטשאַפט צווישן ביידע — באַדינער און רייזנדער.

יאָ, ס׳איז דאָך טאַקע א מחיה צו זיצן אויף דער באַקוועמער, ווייכער שטול, נאָך ארומדרייען זיך א גאַנצן טאָג איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק...

נאָך א האַלבע שעה פליען, האָט מען טאַקע סערווירט א פיינע, געשמאַקע וועטשערע, אַלאַ פראַנסעס: מיטן פיינעם קאָניאַק, ווייַן, גוטן קעז און שוואַרצע קאַפע.

נאָך אַזא געשמאַקע וועטשערע ווילט זיך אַביסל שפּאַצירן אין דרויסן, נאָר אַז מ׳פליט קען מען דאָך נישט גיין...

מוז מען זיצן אויף דער שטול און זיך ווידער צוהערן צום ריט־

מישן געוויש פון די מאָטאָרס. גישט קיין שלעכטע מוזיק נאָך אזא געשמאַקע, פראַנצויזישע וועטשערע...

פליט דער ריזיקער עראָפּלאַן אין דער פינסטערער נאַכט, אונ־טער א בלויען, אויסגעשטערנטן הימל. מ׳פליט איבער קאַנאַדע.

די באַלייכטונג אין עראָפּלאַן ווערט ביסלעכווייז טונקעלער, געדעמפטער, די פּאַסאַזשירן זאָלן קענען כאַפּן א דרימל אויף די אויסגעבויגענע, ווייכע שטולן.

די פּאַסאַזשירן שלאָפן שוין, עטלעכע לייענען צייטונגען און דאָס פינקלדיקע שטערנדל לייכט פון אויבן גלייך אויף דער צייטונג.

כ׳האָב די גאַנצע צייט פון עסן באַטראַכט די פּאַסאַזשירן, גע־זוכט מיט די אויגן אפשר וועל איך דערקענען א איד. אָבער ניין! נישטאָ קיין איין אידיש פּנים...

כ׳האָב זיך דערפילט עפּעס אַזוי איינזאַם, אליין, פארלאָזן אויפן פליענדיקן עראָפּלאַן אין דער פינסטערער נאַכט.

כ׳האָב איינגעדרימלט — — —

נאָך עטלעכע שעה פליען, האָב איך דערפילט א קעלט אין די פיס. כ׳האָב זיך צוגעדעקט מיט א וואָלענע דעקע אַרום די קני. אָבער ס׳ווערט וואָס אַמאָל קעלטער.

ווען כ׳האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענסטערל, האָב איך דערזען אונטן עפּעס א ווייסקייט ליגט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַרום און אַרום, וואָס איז דאָס? שניי! יאָ, טאַקע שניי!

כ׳האָב זיך דערשראָקן, ווען דער עראָפּלאַן האָט גענומען מאַכן קונצן... אַראָפּ און אַרויף.

דער עראָפּלאַן האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן אויפן לופט־פּאָרט, וואָס איז געווען שוואַך באַלויכטן צווישן אַרומיקע שניי־פעלדער.

כ׳האָב געכאַפּט דעם אמתן ציטער ביים אַריינגיין אין גרויסן זאַל פון לופט־פּאָרט.

מיר זיינען געווען אין „גאַנדער", א שטעטל אויפן גרויסן אינדזל ניו פאָונדלאַנד אין קאַנאַדע, וואו דער עראָפּלאַן שטעלט זיך אָפּ אויף זיין לעצטן אָפּרו איידער ער מאַכט דעם פלי ביז פּאַריז.

דער עראָפּלאַן פליט נישט פון ניו־יאָרק דירעקט קיין פּאַריז, אָ, ניין! ס׳איז א צו ווייטע שטרעקע איבערן ים ביז פּאַריז. פליט מען גלייכער דורך קאַנאַדע ביזן אינדזל ניו פאָונדלאַנד (טערע־נאָוואַ).

און פון לופט־פּאָרט גאַנדער פליט מען איבער אירלאַנד, ענג־לאַנד, דורכן נאָרד־ים ביז פּאַריז.

איז דאָס טאַקע אַ גוטע אידייע, וואָס ווייניקער איבערן ים וואו די סכנה איז אַ סך גרעסער, און מער איבער דער ערד. ווי ס'מאַכט זיך אַמאָל, זאָל זיך דער עראָפּלאַן קענען אַראָפּלאָזן אויף דער האַרטער ערד...

אָבער דאָ איז פּאַר פּסח נאָך גוט קאַלט, דאָ איז נאָך ווינטער. מ'גיט אונדז הייסע ענגלישע טיי צו דערוואַרעמען זיך אַביסל.

דאָ איז שוין דריי אַזייגער פּאַרטאָג, אָבער אויף מיין זייגער איז ערשט 12 אַזייגער האַלבע נאַכט.

כ'האָב ביי דעם פליען געוואונען גאַנצע דריי שעה, דריי לעבע־דיקע שעה...

אָבער אַ שפּיגל און אַ זיינער מאַכן אַמאָל דעם מענטש אַ פאַלשן חשבון... ס'איז אַן אָפּגעגעבענע זאַך: ווען כ'וועל פאָרן צוריק פון פּאַריז, וועל איך די דריי שעה מוזן צוריקגעבן...

מאָנטיק דעם 23-טן מאַרץ

היינט אינדערפרי בין איך אָנגעקומען אין פּאַריז. די באַהאַנד־לונג ביים צאָל־אַמט איז זייער אַ פיינע, מ׳זוכט נישט ביי טוריסטן אין באַגאַזש. מ׳פרעגט נאָר וואָס מ׳פירט און פּאַרטיק. אָבער אַ קאַרטל מיט פראַגעס מוז יעדער אויספילן, מ׳דאַרף ווידער שרייבן...

אַן אויטאָבוס פירט די טוריסטן אין דער סטאַנציע „אינוואַליד" אין שטאָט. פון דאָרט שיקן שוין די אָנגעשטעלטע פון „עיר פראַנס" די טוריסטן אין האָטעלן מיט אַ טאַקסע אויפן חשבון פון דער עראָ־פּלאַן קאָמפּאַניע, אויף דריי טעג.

ס׳איז שוין גאָרנישט קיין שלעכטער פּלאַן... מ׳קען זיך גוט אויסרוען, עסן און טרינקען אויפן חשבון פון „עיר פראַנס", און דער־ווייל כאַפּן אַ שפּאַציר און אָנקוקן אַביסל די שיינע, פּרעכטיקע פּאַריז.

איז מיין מזל געווען צו וואוינען און צו עסן אין דעם שיינעם קאַליפאָרניאַ האָטעל, אויף דע בערי גאַס לעבן דעם באַרימטן בול־וואַרד שאַמפּס עליזעי, אין סאַמע צענטער שטאָט, נישט ווייט פון אַרק דע טריאומף.

כ׳בין געבליבן זיצן אין מיין האָטעל צימער און גענומען טראַכטן: אָ, גאָט! וואו בין איך? בין איך טאַקע שוין דאָ אין פּאַריז? ערשט מיט צוויי טעג צוריק בין איך דאָך געווען אין מעק־סיקע? נעכטן אין ניו־יאָרק און היינט — אין פּאַריז!

ווי קליין די וועלט איז געוואָרן. אמתער קפיצת הדרך...

אין וואַש־צימער דערזע איך עפּעס אַ מאָדנע הויכע וואַנע אויף פיר קליינע פיסלעך. אַזאַ כלי זע איך דאָס ערשטע מאָל. ווייזט אויס, אַז אין אַלע פּאַריזער האָטעלן זיינען דאָ אַזעלכע אַלטמאָדישע כיפּע וואַנעס, וואו ס׳איז שווער אַריינצושטעלן אַ פוס...

כ'וויל זיך אביסל ארומוואשן — און נישטאָ קיין זייף...

קלינגן איך שוין אביסל בייז נאָך אַ באַדינער. קומט־צו צו דער מיר אַ באַדינערין אויסגעפּוצט מיט אַ ווייס היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, און אַ ווייס ברייט אויסגעפּרעסט פאַרטוך נעמט אַרום דעם שלאַנקן, ווייבערשן קערפּער.

כ'זאָג איר אויף ענגליש: מיס, סאָפּ, כ'וויל אַ שטיקל זייף. זי קוקט אויף מיר מיט גרויסע נאַרישוואַטע אויגן, זי פאַרשטייט נישט. כ'זאָג איר אין שפּאַניש: כאַבאָן. זי שאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק, ניין זי פאַרשטייט נישט.

כ'זאָג איר אויף פראַנצויזיש: מאַדמאַזעל, סאַוואָן, סאַוואָן! און זי ענטפערט גיך: אָ, סאַוואָן! וואַי מאָנסיע, סאַוואָן. זי גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז די געסט דאַרפן באַצאָלן פאַרן זייף. מילא, זאָל זיין אַזוי. כ'היים איר ברענגען אַ שטיקל סאַוואָן, כ'וועל איר שפּעטער באַצאָלן.

אַ מאָדנע זאַך, טראַכט איך, אַזאַ פיינער האָטעל און די געסט דאַרפן באַצאָלן פאַרן זייף. אַ מין באַרדיטשעווער האָטעל!...

מיין צימער איז אויפן זעקסטן שטאָק. פאָרט מען אַרויף און אַראָפּ אין אַן אַלטמאָדישער ווינדע (עלעוואַדאָר). מ'זעט דורך די אייזערנע שטאַכעטן וואָס ס'טוט זיך אויף יעדן שטאָק...

דער פירער אין אַן אוניפאָרם מיט מעשענע, גלאַנציקע קנעפּ, גיט אַן עפן דאָס טירל און גיט זיך גיך אַ בויג מיט אַ העפלעכן שטילן מאָנסיע! ווי ס'וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון דער ווינדע עפּעס אַ גראַף אָדער אַ מיניסטער...

אין האָטעל־רעסטאָראַן איז פאַרן אָנבייסן שוין צושפּעט און צום מיטאָק איז נאָך פרי. בייט איך איבער עטלעכע ראָלאַר צו גיין אין אַ קאַפע עפּעס איבערבייסן.

כ'וואונדער זיך שטאַרק, ווען מ'גיט מיר פאַר אַ דאָלאַר 360 פראַנק. רבונו של עולם! אַ גאַנצן באַרג מיט געלט! דינע פּאַפּירענע באַנק־נאָטן צו הונדערטער, און די קלענערע פראַנקן זיינען פון קופּער.

כ'בלייב שטיין אביסל פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, און אַ מיט־לייד דערוועקט זיך אין מיר צו דעם איידעלן, פרייהייט־ליבנדן, פראַנצויזישן פאָלק. ווי, ווי! וואָס פון דעם פראַנק איז געבעך געוואָרן!

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן גיי איך אַרום שפּאַצירן אויף די פּאַריזער גאַסן. עפּעס אַ מאָדנער געפיל נעמט מיך אַרום.

נאָך דרייסיק לאַנגע יאָרן, טרעט איך ווידער אויף די גאַסן אין אייראָפּע. אויף די גאַסן פון קולטורעלן פּאַריז.

זיינען די גאַסן געפּלאַסטערט ווי אַמאָל אין וואַרשע: מיט גלאַטע קליינע, פיר־קאַנטיקע שטיינער אויסגעלייגט אין האַלבע צירקלען.

ברייטע, רחבותדיקע בולוואַרן מיט גרויסע ביימער, וואָס הייבן שוין אָן פאַר פּסח, ערב פרילינג, זיך באַנייען, שפּראָצן און בליען, נאָכן אייראָפּעאישןווינטער.

שטייען די מאַסיווע, אַלטע הייזער אין גלייכע שורות, מיט באַל־קאָנען, געזימצן, שטוקאַטור אויף יעדן שטאָק באַזונדער. די דעכער זיינען קיילעכיק מיט שמאָלע, פּלאַטשיקע קוימענס.

דער טינק אויף די ווענט האָט שוין לאַנג געביטן זיין ערשטן קאָליר... טונקל פון שטויב און רעגן, וואָס די צייט האָט זיי באַ־דעקט פון דרויסן, זעען די הייזער טאַקע אויס ווי אַלטע, היסטאָרישע מוזייאומס. וואו פּריוואַטע מענטשן האָבן זיך אין זיי דערוויייל אריינגעצויגן...

די אַלטע, היסטאָרישע, שיינע פּאַריז, לאָזט נישט צו דערווייל די מאָדערנע טעכניק פון הייזער געבוי. פּאַריז וויל זיך נישט אונ־טערגעבן דער מאָדערנער אַרכיטעקטור, פון שטאָל, בעטאָן און צע־מענט, וואו די הייזער זעען אויס ווי אויסגעגאָסענע לאַנגע קאַסטנס, ווי קאַזאַרמעס...

פּאַריז האַלט זיך נאָך ביי דער פאַרגאַנגענער ראָמאַנטישער עפּאָכע.

פיל איך זיך עפּעס אין אַן אַטמאָספערע, אין אַן אַמביענט פון די צייטן, פון די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פון די צייטן ווען די יוגנט, די אידישע יוגנט, האָט געלעבט, געאַטעמט מיט שיינע, ראָמאַנטישע חלומות. פון אַ נייער וועלט, אַן אידעאַלע וועלט, וואָס דאַרף געבוירן ווערן, פון פרייהייט, פון גייסטיקע ווערטן, פון אַ גרויסער מענטשלעכער קולטור, פון קונסט, מוזיק און ליטעראַטור.

די לעבעדיקע, ענערגישע אידישע יוגנט מיט די נאַציאָנאַלע חלומות, פון ווידערגעבורט פון אידישן פאָלק אין ארץ ישראל, פון ווידערגעבורט, פון אַ רענעסאַנס פון דער אידישער קולטור.

כ'זיץ ביי א טישל אין דרויסן ביי אן עלעגאנטע קאפע אויף דעםברייטן רחבותדיקן שאמפס עליזעי בולווארד.

כ'באטראכט די שפאצירער אויפן ברייטן טראָטואר. מ'זעט דאָ נישט קיין גרויסן לוקסוס. אָבער די דאמען, די פאריזער עלעגאנטע דאמען גייען עפעס אזוי לייכט אויפן טראָטואר, זיי שוועבן עפעס אזוי שיין אזוי עלעגאנט געקליידט, מיט אזא מין „שיק", מיט אזא גראציע, וואָס מ'זעט עס נישט אין קיין אנדער לאנד.

כ'זופ פאמעלעך די קאפע, די געשמאקע קאפע מיטן פאריזער אראמאט, און די געדאנקען לאָזן מיך נישט אָפּ. דערינערונגען וועקן זיך פון אמאָל, אמאָל אין אייראָפּע.

כ'בין דאָך דעם ערשטן טאָג אין פאריז, דאס וויגעלע פון פרייהייט. די שטאָט פון רעוואָלוציע, פון קונסט, מוזייאומס, מאָנומענטן, פארקן מיט פאָנטאנען און עלעגאנטע, שיינע בולווארן.

אָבער די אומעטיקע, טרויעריקע געדאנקען לאָזן מיך נישט אָפּ, וואו כ'זיץ ביים טעפּעלע קאפע, איינזאם אליין ביי א טישל אין דער גרויסער, פרעכטיקער שטאָט פאריז:

— און דער סוף? דער שרעקלעכער סוף! דער סוף פון אונדזער אידישער יוגנט? דער צוזאמענברוך פון דער גאנצער אייראָפּעאישער קולטור.

דער חורבן, די קאטאסטראָפע פון אונדזער פאָלק!

יאָ, כ'בין ווידער אין אייראָפּע, און ווי סימבאָליש: דווקא פון דער שטאָט פון פרייהייט און רעוואָלוציע. פאָר איך אין א לאנד פון א ניי אידיש לעבן. צום לאנד פון פארווירקלעכטע אידעאלן, חלומות און האָפענונגען, צום לאנד וואו אונדזער געפייניקט פאָלק כאפט אָפּ דעם אָטעם, נאָך דער שרעקלעכער קאטאסטראָפע, וואָס האָט אים געטראָפן אין דער אלטער פארבלוטיקטער אייראָפּע...

כ'פאָר אין לאנד וואו ס'גייט אויף א ניי ליכט, וואו ס'בויט זיך א ניי אידיש לעבן, אין אלט־ניי לאנד — אין מדינת ישראל!

כ'זעץ זיך אריין אין א טאקסי און זאָג דעם שאָפער, ער זאָל מיך פירן אביסל זען די שטאָט.

ער קוקט מיך אָן און פארשטייט נישט וואָס איך וויל. כ'דערקלער אים אין ענגליש, אין שפאניש און אביסל פראנצויזיש, ביז דער שאָפער גיט זיך א כאפּ מיט א פריילעכן אויסרוף: אָ, מאָנסיע, טרע ביען! וואולאַ!

ווי שיין, ווי ליכט, גלאטיק און לוסטיק קלינגט דאס פראנצוי־זישע וואָרט „וואולא”: געגאנגען, הייסט דאס, ווייטער, לאָמיר גיין!

די אַלטע פראנצויזישע טאקסים זיינען אויך ראָמאנטיש... א גרויסע גלעזערנע שויב טיילט אָפּ, מאכט א מחיצה צווישן שאָפער און פּאסאזשיר. אז מ'וויל רעדן מיטן שאָפער לאָזט מען אראָפּ די שויב. מ'קען אויך עפענען דעם דאך פון דעם אויטאָ און כאַפּן א קוק אויפן פרייען הימל מיט דער ליכטיקער זון...

מיר פאָרן צום פּלאס דע באסטיל. כ'בליב שטיין לעבן בריטן און הויכן מאָנומענט פאר די געפאלענע העלדן, די רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געשטורעמט און צעשטערט די שרעקלעכע באסטיל־טורמע אין 1789. דאָרט ליגן אויך די רעוואָלוציאָנערן פון 1848 וואָס האָבן געקעמפט קעגן טיראנען און געהאָלפן אָפּשאפן די פעאָדאלע אָרד־נונג אין אייראָפּע.

כ'שפּאציר לעבן רואיק־פּליסנדיקן טייך „סען” וואָס ציט זיך איבער דער שטאָט ווי א גרויסע לאנגע לענטע, מיט די פּרעכטיק געבויטע בריקן איבערן טייך.

לעבן דעם לאנגען, שטיינערנעם צאם פון טייך, וואָס זעט אויס ווי א נידעריק געמויערטע וואנט, שטייען ביכער־פארקויפער.

ווייטער אביסל שטייען עטלעכע קונסט־מאלער מיט די פּינזלען אין האנט פארטיפט אין זייער ארבעט.

אויפן טייך שווימען עטלעכע לאנגע לאסט־שיפלעך, אָבער קיי־נער שטעלט זיך נישט אָפּ קוקן. אַלץ איז אזוי נאטירלעך און איינפאך.

כ'באטראכט די אלטע געביידע פון „אסאמבלע נאסיאָנאַל”, גע־בויט אין גריכישן סטיל. מיט צוועלף מאסיווע, הויכע זיילן ביים אריינגאנג, מיט צענטליקער שטיינערנע טרעפּ.

די קאָלומנעס זיינען אָפּגעבלאקעוועט, טונקל פון אַלטקייט, פון שטויב, מ'זעט בלויז עטלעכע העלע פלעקן פון דעם אמאָליקן קאָליר פון די ריזיקע, שטיינערנע זיילן.

אזוי זיינען געבליבן אין זייער היסטאָרישער אַלטקייט צענטלי־קער פּרעכטיקע געביידעס, וואָס דערמאָנען אין זייער אמאָליקער גלאָריע און רום.

מ'באנייט זיי נישט, מ'וואשט זיי נישט פון דרויסן. אָבער זיי מאכן אן אימפּאָזאנטן, הערלעכן איינדרוק מיט זייער אַלטקייט און פּאַרנעם.

אויבן ביים אריינגאנג אין דער „אסעמבלע נאסיאנאל” זיינען אויסגעקריצט די היסטארישע דריי ווערטער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע: פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

ווען די ערשטע איבעראשונג איז אריבער האב איך זיך געזעצט אויף א באנק און גענומען נאכטראכטן אביסל ניכטערער:

ס'ווערט שוין צוויי טויזנט יאר פאריז, די פאריז וואס האט אנגעצונדן דעם פאקל פון דער הומאניטארער לאזונג: פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט. אבער איך פאר דאך איצט אין א לאנד, וואס האט נאך מיט איבער דריי טויזנט יאר צוריק פראקלאמירט אין איר תורה: וקראתם דרור בארץ לכל ישביה. און אויסרופן א פריילאזונג אין לאנד פאר אלע אירע באוואוינער. (חומש, ויקרא, פרשה בהר פסוק א).

איז די רעוואלוציאנערע לאזונג פון פאריז ערשט אלט 164 יאר און די הומאניטארע לאזונג פון אונדזער תורה איז שוין מער ווי מיט דריי טויזנט יאר צוריק...

אונדזער גרויסער נביא ישעיה האט נאך מיט 2700 יאר צוריק פראקלאמירט אין ירושלים די הייליקע ווערטער פאר דער גאנצער מענטשהייט:

וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות, לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה.

און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אקער־אייזנס און זייערע שפיזן אויף צווייג־מעסערס. א פאלק קעגן א פאלק וועט נישט הייבן א שווערד און מ'וועט נישט מער לערנען מלחמה. (ישעיה, קאפיטל ב' פסוק ד').

זיינען ישעיה הנביאס ווערטער דערוויל נאך אין ערגעץ נישט אויסגעקריצט געווארן, אפילו נישט אין פאריז...

כ'שפאציר נאך ארום אביסל. ס'איז דאך דא, אין דער פרעכטיקער פאריז אזוי פיל צו זען: צענטליקער מוזייאומס, א חוץ דעם בארימטן „לואוור”, קאנקארד, דעם טולערי־גארטן מיט די וואונדערלעכע מירמל־שטיין־סקולפטורן, דעם אייפל־טורעם.

אבער כ'מוז דאס אפלייגן אויפן צווייטן טאג.

כ'פאר צו דער פאמיליע קויפמאן, וואס וואוינט שוין אין פאריז מער ווי דרייסיק יאר. זיי האבן זיך געראטעוועט פון די נאצים דורך

א נס... זייערע פראנצויזישע פריינט האבן זיי באהאלטן אין א דארף איבער דער מלחמה.

עפּעס איז אזוי גוט, עפּעס ווערט אזוי גרינג אויפן האַרץ, ווען מ׳קריגט א גוטן פריינט אין דער פרעמד. נאָך דערצו אין א גרויסער שטאָט, אין דער וועלטשטאָט פּאריז.

האָב איך זיך טאקע מהיה געווען מיטן לויטערן, הייסן גלאָז טיי מיט ציטרין, וואָס די האַרציקע פרוי קויפמאַן האָט מיך מכבד געווען.

פאָרנדיק אזא לאַנגן וועג אויפן עראָפּלאַן, נישט פילנדיק אונטער זיך די האַרטע ערד... איז טאקע א הייסע גלאָז טיי א סך בעסער, ווי א פינקלדיק גלאָז שאַמפּאַניער...

בין איך אויך היינט ביינאכט געגאַנגען אויפן גרויסן מאַס־מיטינג פון פּאַריזער קרן־היסוד, אויף וועלכן ס׳וועט אַרויסטרעטן דער כנסת־פאָרזיצער, יוסף שפּרינצאַק.

ס׳איז שוין געווען ניין אזייגער אין אָוונט, ווען אין גרויסן וואַגראַם־זאַל, געפּאַקט מיט הונדערטער אידן איז אַריינגעקומען שפּרינצאַק מיט זיין פרוי און זיינען גלייך אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם פון פּרעזידיום.

דער באַקאַנטער פּועלי ציון פירער יאַרבלום עפנט דעם מיטינג אויף פראַנצויזיש, ווייל עס זיינען דאָ עטלעכע רעדנער נישט־אידן און א דעפּוטאַט פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט.

א רעדנער פון דער אידישער פעדעראַציע אין פּאַריז, באַגריסט שפּרינצאַקן אין אידיש. עס רעדן אויך עטלעכע פראַנצויזישע רעדנער.

און ווען שפּרינצאַק שטעלט זיך אויף און דערקלערט, אז ער וועט רעדן מאַמע־לשון, אידיש. גיט זיך ספּאַנטאַן דער גאַנצער עולם א שטעל אויף און אַפּלאַדירט מיט גרויס ענטוזיאַזם.

ווען כ׳הער דעם רעדנער און זע דעם באַגייסטערטן עולם אַרום מיר, דאַכט זיך מיר, אז כ׳בין איצט ווידער און אַמאָליקן פּוילן אויף א ציוניסטישן מיטינג...

יוסף שפּרינצאַק האָט אין זיין שיין־געבויטער רעדע, אָנגעפּיקעוועט מיט חכמה און גלייכווערטלעך, דערקלערט אז ס׳איז א צייכן פון דער צייט, וואָס א פאָרשטייער פון דער „אַליאַנס איזראַעליט״

פון פראַנצויזישן אידנטום, איז געקומען רעדן אויף אַ קרן היסוד מיטינג.

כ׳האָב נאָכן מיטינג גערעדט מיט חבר שפּרינצאַק, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן איצט אַריבערכאַפּן זיך אין מעקסיקע, וואו ס׳גייט איצט אָן דער פּאַראייניקטער קאַמפּיין.

האָט ער מיר געענטפערט, אַז ס׳איז פאַר אים איצט אוממעגלעך צו פאָרן קיין מעקסיקע. אָבער ער וועט זיכער קומען זיך באַקענען מיטן קולטורעלן, שפּרודלדיקן אידישן ישוב אין מעקסיקע.

איז דאָס טאַקע פאַר מיר געווען אַן אינטערעסאַנטע איבערלע־בונג: דעם ערשטן טאָג אין פּאַריז, און אין אָוונט בין איך שוין געווען אויף אַ מיטינג פאַר מדינת ישראל, ווען כ׳בין איצט אויפן וועג קיין ישראל.

— דינסטיק, דעם 24-טן מאַרץ —

כ׳האָב היינט מיט אַ פריינט געמאַכט אַ שפּאַציר אין אידישן געגנט אין פּאַריז. אויף דעם באַרימטן „פּלעצל״ לעבן רי דע טעמפּל, בעלוויו און אין שמאָלע געדרייטע גאַסן.

האָב איך געמיינט, אַז כ׳בין ביי אונדז אין מעקסיקע אויף דער כעסוס מאַריאַ־גאַס. נאָר דאָ זיינען די הייזער העכער.

אידישע קראָמען וואָס פאַרקויפן אַביסל אידישקייט פאַר די פאַר־ריזער אידן, אידישע רעסטאָראַנען מיט געפילטע פיש.

כ׳האָב אויך געוואָלט באַזוכן די אידישע רעדאַקציעס, אָבער ס׳איז שוין געווען צושפּעט. כ׳בין היינט איינגעלאַדן צו עסן אַ אידישע וועטשערע.

נעכטן האָב איך געגעסן אַן אַריסטאָקראַטישע וועטשערע אין האָטעל. איז די וועטשערע געווען גאַנץ געשמאַק. אָבער עפּעס אַזוי פיל מאכלים, מיט אַזאַ אָנגעצויגנקייט. עפּעס זיצן די געסט ביי די טישעלעך אַזוי שטיל, אַזוי שטייף און מ׳הערט אין גרויסן עס־זאַל נישט קיין הויך וואָרט.

איין קעלנער דערלאַנגט אייך די זופּ מיט אַ שטילן — מאָנסיע! אַ צווייטער קעלנער דערלאַנגט דאָס פלייש, און אַ דריטער קעלנער, וואָס זעט אויס ווי אַ היימישער קאַוואַל... מיט אַ טונקל לעדערן פאַרטוך, נאָר מיט אַ שוואַרצן, לאַנגן ראָק, אַ ווייס העמד מיט אַ שוואַרץ קראַוואַטל.

ער איז דאָס דער שר המשקים... ער דרייט זיך אַרום ביי אַלע טישלעך און גיסט אָן דעם וויין אין די גלעזלעך, מער נישט... נישט קיין שווערע אַרבעט!

וועל איך דערפאר היינט עסן א אידישע וועטשערע אָן א שר המשקים...

כ'גיי דערווייל צו אין א קאפע אויף שאמפס עלעזעי דערקוויקן זיך מיט א טעפעלע פאריזער קאפע.

כ'זיץ אין דרויסן ביים טישל און וואונדער זיך שטארק, ווי אזוי די פראנצויזן זיצן זיך אזוי רואיק, בנעימותדיק און זופן פאמעלעך דאָכ געשליפענע גלעזל אפעריטיוו, קאָניאַק, אָדער דאָס טעפעלע שווארצע קאפע.

די קעלנער אין ווייסע רעקלעך, מיט שמאָלע, געדרייטע עפּאָ־לעטן פון א גאָלד קאָליר אויף די אקסל, מיט א ווייס האנטוכל אין האנט. באדינען די געסט מיט א וואזשנער מינע, ווי זיי וואָלטן געטאָן א הייליקע ארבעט...

כ'האָב געהערט, אז די פראנצויזן זיינען היים־בלוטיקע מענטשן. קאָכן זיך, שרייען, היצן זיך און ווערן גיך אויפגערעגט.

זיץ איך איצט צווישן פראנצויזן. פרויען און מענער זופן פון די גלעזלעך, רעדן אזוי שטיל, שמועסן צווישן זיך אזוי רואיק, קוים וואָס מ'הערט זיי רעדן.

זיינען דאָס פראנצויזן אָדער קאַלטע ענגלענדער?

יאָ, די פיינע מאַניערן פון די פראנצויזן בארואיקן, זייער העפ־לעכקייט לאַדט אייך איין: קומט פרעמדער און געניסט פון אונדזער קונסט און קולטור.

אוודאי הערשט איצט אין פראנקרייך אן עקאָנאָמישע דעפרעסיע, אָבער דער פראנצויז לעבט זיך ווייטער אין זיין אמביענט, מיט זיין קאפע, מיט זיין גלעזל וויין אָדער קאָניאַק.

דער פראַנצויז האָט ליב דאָס לעבן, און מאכט דאָס בעסטע פון ערגסטן... און האלט ווייטער אָן די פראנצויזישע עספרי.

נאָך דער געשמאַקער אידישער וועטשערע, בין איך מיט פריינט קויפמאן און מיט זיין יונגע טאָכטער פאולעט, א רויטהאָריקע שיינ־הייט, געגאנגען שפאצירן אויפן פרעכטיקן קאָנקאָרד־פּלאַץ, וואָס זעט אויס בייַנאכט מיט די מאָנומענטן, היסטאָרישע געביידעס און מיט די שורות אויסגעשטעלטע הונדערטער גאז־לאַמטערן, וואָס שפרייטן ארום און ארום „קאָנקאָרד" א מאַט־מילדן שיין, ווי א לע־גענדאַרישער ראנדעוואו־פּלאַץ אין מיטל־אלטער...

איז דאָס פאָרן אויף די פאריזער גאסן אויך גרינג און באקוועם.

ס׳לויפן איבער די גאסן און בולווארן, שטיל אָן פייפעריי, אָן געקלאפעריי, די קליינע, עלעגאנטע אויטאָבוסן מיט גרויסע ליכטיקע פענסטער.

דער שאָפער זיצט פון פאָרנט און דער קאָנדוקטאָר שטייט ביים ארייננאנג פון הינטן און פארקויפט די בילעטן די פאסאזשירן מיט א העפלעכן — מאדאם, מאָנסיע!

און צו פאָרן מיט דער „מעטראָ" איז נאָך שנעלער און באקוועמער.

די אונטער־ערד־באן אין פאריז איז דאָך די שענסטע וואָס כ׳האָב אמאָל געזען.

די טונעלן זיינען ליכטיקע, די ווענט זיינען באדעקט מיט קליינע ווייסע קאכלעס. די נעמען פון די סטאנציעס מיט גרויסע אותיות פון מאָזאיק. און מיט בענק ביי דער וואנט צו ווארטן אויף א באן.

אלץ גייט צו אזוי רואיק, אָן טומל, אָן געפילדער און מ׳שטופט זיך נישט.

איז טאקע א פארגעניגן צו פאָרן אין דער פאריזער „מעטראָ".

מיטוואָך, דעם 25-טן מאַרץ

היינט בין איך ווידער געוואָרן אַרומגעכאַפּט מיט רייזע־פיבער און מיינע געדאַנקען זיינען ווידער פאַרנומען מיט ארץ ישראל.

כ׳וואָלט שוין געוואָלט וואָס גיכער קומען צו מיין אויסגעבענקטען ציל, צו טרעטן אויף דער ערד פון ישראל.

כ׳האָב אין די דריי טעג פון מיין זיין אין פּאַריז קיין סך נישט געקענט זען.

די שטאָט אַליין מיט אירע אַלייען, פּאַרקן, מאָנומענטן און בולווערן, זעט דאָך אויס ווי אַן אַלטער גרויסער מוזייאום...

דעם לאָוור אַליין, דאַרף מען דאָך באַזוכן טעג און וואָכן גאַנצע, אָנצוקוקן און באַטראַכטן די פּרעכטיקע קונסט־אוצרות.

אין דריי טעג קען מען זיך נישט גענוג אָנזאַפּן, מיט דער ראָמאַנטישער, קולטורעלער פּאַריז.

אין דריי טעג קען מען זיך נישט גענוג זעטיקן מיט דער וואונדער־פּאַריז.

וועל איך טאַקע ביים צוריקפאָרן פון מיין רייזע אין ישראל ווידער דאַרפן זיין דריי טעג אין פּאַריז, וועל איך ווידער האָבן די מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין די פּאַריזער קונסטווינקעלעך, מיט זייער מאָדערנער קרעאַציע.

און אין די וואונדערלעכע מוזייאומס, וואו ס׳ווערט פּרעזערווירט, אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיטן די קונסט־אוצרות פון דורות מענטשלעכער, געניאַלער שאַפונג.

פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג איז געקומען אַן אויטאָ מיך נעמען צו דער „אינוואַליד״ סטאַנציע פון „עיר פראַנס״. דאָרט האָט שוין געוואַרט דער גרויסער אויטאָבוס, וואָס פירט די פּאַסאַזשירן אויפן לופט־פּאָרט.

מ׳דאַרף שוין ווידער שרייבן, ווידער, אויספּילן פּראַגע־קאַרטלעך, וואו מ׳איז געבוירן, ווען ס׳איז געווען דער ברית און ווען מ׳רעכנט צו שטאַרבן...

אויפן לופט־פּאַרט איז אַ רעש, אַ גערודער. מ׳גייט, מ׳לויפט אַרום נערוועז, אומגעדולדיק. מ׳דאַרף באַזאָרגן דעם באַגאַזש, הערן ווען מ׳רופט צום עראָפּלאַן.

דאָרט טרעף איך שוין מיין גוטן פריינט, דעם באַקאַנטן כלל־טוער פון מעקסיקע גרונם שימאַנאָוויטש מיט זיין פרוי. זיי פאָרן אויך מיטן זעלבן עראָפּלאַן קיין תל־אביב, און נאָך עטלעכע מעקסיקאַנער אידן, וואָס פאָרן אויף פּסח קיין ישראל.

ס׳ווערט מיר אַביסל היימלעכער, קיין עין הרע, אַזוי פיל אידישע פּאַסאַזשירן. אידן פון אייראָפּע, אידן פון די שטאַטן פאָרן אויפן זעלבן עראָפּלאַן אויף פּסח און אויפן יום העצמאות אין ישראל.

אידן האָבן זיך דאָך אויפגעכאַפּט פון לאַנגן שלאָף, פון די איינגעזעסענע לענדער מיטן ביסל וואוילטאָג... און זיך גענומען רירן פון די ערטער, הערנדיק די בשורה, אַז ישראל גייט שוין פייערן דעם פינפטן יום טוב פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

אידן ווילן זעען מיט אייגענע אויגן דעם גרויסן וואונדער פון אַן אייגן פריי לאַנד, זיי ווילן זעען אַלץ וואָס ווערט געבויט און געשאַפן אין זייער אַמאָליקן, אַלטן ארץ ישראל.

זיינען טאַקע אַלע אידישע פּאַסאַזשירן האַפּערדיק, פריילעך און באַגייסטערט פון זייער רייזע אין דעם נייעם, אויסגעחלומטן ארץ ישראל.

ס׳קומט צו מיר צו אַ באַברילטער, אַמעריקאַנער איד, ער קען מיך, זאָגט ער, ווייל כ׳בין געווען אין לאָס אַנדזשעלעס, פון אידישן קלוב.

ער פאָרט מיט זיין פרוי קיין ישראל, זיי זיינען אַביסל אומרואיק וועגן זייער באַגאַזש.

ער פרעגט מיך צו ס׳איז טאַקע אמת, וואָס מ׳האָט אים געזאָגט, אַז ביים צאָל־אַמט אין ישראל זוכט מען שטאַרק און מ׳נישטערט און מ׳רייסט אויף די וואַליזן מיט זאַכן, און אַז מ׳נעמט אַ גרויסן אָפּצאָל פאַר מתנות און פאַר פאָטאָ־אַפּאַראַטן.

אַזוי זאָגט מיר אויך אַ צווייטער אַמעריקאַנער איד, וואָס שטייט דערלעבן און פּילדערט אויף ענגליש. אויף אַזאַ מין ענגליש, אַז

ס׳איז נעבעך א גאָטס רחמנות אויפן איד און אויף שעקספּירס לשון...

כ׳בארואיק די אידן, כ׳זאָג זיי אַז די אידישע צאָל־באַאמטע זיינען זיכער נישט ערגער, ווי די אמעריקאַנער אָדער פראַנצוויזישע...

ציטערט נישט אידן, האָט קיין מורא נישט, פּלאָטערט נישט אומזיסט. מ׳וועט אייך חלילה וחס גאָרנישט טאָן קיין שלעכטס ביים צאָל־אַמט אין לוד. ווייס איך וואָס! אידישע גזלנים...

מ׳רייסט נישט און מ׳זוכט נישט מער ווי אין אנדערע לענדער...

אַלץ וואָס מ׳האָט זיי דערציילט איז ליגנס מיט ליגנס, אויסגעטראַכט פון שלעכטע מענטשן. זיי ווייסן ביי וועמען צו זוכן, די אידישע „טאַמאָזשניקעס". זיי זוכן ביי די אומפאַרשעמטע שפּעקוליאַנטן מיט די ישראל פונטן, וואָס שטערן די עקאָנאָמיע פון דער יונגער אידישער מדינה...

און אַז מ׳וועט ביי אייך בעטן אַן אָפּצאָל פאַר א זאַך? וואָס איז דאָ דער גרויסער אומגליק?

אין וועלכן לאַנד נעמט מען נישט קיין אָפּצאָל פאַר געוויסע זאַכן?

נישט געזאָרגט אידן, ס׳וועט זיין גוט!

ס׳קאָסט אייך אַזוי פיל די רייזע, וועט קאָסטן נאָך עטלעכע פונט!

זאָל ישראל האָבן נאָך עטלעכע פונט פון א גוטן אמעריקאַנער איד...

דער פריינט מיינער האָט זיך אביסל בארואיקט. זיך פאַרטראַכט און געזאָגט א פריילעכער צום ווייב: וועל, וועל, ס׳איז גאָרנישט. ס׳וועט זיין אָלרייט, קלער נישט, איז נאָך עטלעכע דאָלאַר! מיר פאָרן דאָך אין ישראל, אָלרייט!

אין דרויסן איז שוין טונקל. אויפן לופטפאָרט האָבן זיך צעצונדן די סיגנאַל־לאָמפּן. אַלע פּאַסאַזשירן שטייען מיט די קליינע רענצלעך אין די הענט און וואַרטן.

מ׳וואַרט אויפן לעצטן פלי פון פּאַריז ביז לוד, ביז ישראל.

איינציקווייז רופט מען אויס די נעמען פון די פּאַסאַזשירן, און יעדער איינער גייט אַרויף אויפן לייטער מיט די שמאָלע טרעפּ, גייט שטיל אַריין אין עראָפּלאַן און זוכט זיך אויס אַן אָרט וואו צו זיצן ביז, ביז ער וועט דערגרייכן דעם לעצטן פונקט — ישראל!

דער עראָפּלאַן הייבט זיך האַסטיק אויף אין דער לופט מיט א

שטאַרקן רעש. די מאָטאָרס רוישן, קאָכן־אויף די לופט, שרייען אוים דעם לעצטן זיי־געזונט, אָרעוואואַר פּאַריז!

כ׳זיץ ביים פענסטערל און זע פון ווייטנס אַ מאַט־רויטע ליכט ביים האָריזאָנט: אין פּאַריז האָבן זיך אָנגעצונדן די לאַמטערן און באַלייכטן די ראָמאַנטישע שטאָט, וואָס גרייט זיך צום נאַכטיקן לעבן, צום שפּאַציר און צום זיצן געמיטלעך ביי אַ טישל אין דרויסן לעבן אַ קאַפע, און זיך קוויקן מיט אַ טעפּעלע שוואַרצע קאַפע אָדער זופּן פאַמעלעך אַ גלעזעלע קאָניאַק.

אָבער דער ריזיקער עראָפּלאַן שווימט זיך מאַיעסטעטיש אין דער קילער לופט, אוועק פון פּאַריז אויף זיין ווייטן וועג אין דער פינסטערער נאַכט.

דער עראָפּלאַן איז פול. אַלע פּלעצער זיינען פאַרנומען. אַלע פּאַסאַזשירן פאָרן קיין ישראל.

דער עראָפּלאַן פליט טאַקע דורך איטאַליע, אָבער ער וועט זיך דאָס מאָל נישט אָפּשטעלן אין רוים, נאָר פליען דירעקט ביז לוד.

צווישן די 56 פּאַסאַזשירן, זיינען דאָ, קיין עין הרע, 50 אידן...

עטלעכע גלחים זיצן זיך רואיק, פאַרטראַכט ווי די בודאַס... שוואַרץ־לייביקע מענטשן מיט געפּרעסטע, אויפגעשטעלטע ווייסע קעלנער אַרום האַלז.

די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס פאַרקנעפּלט ביזן האַלז, מיט אַ הייליקע מינע אויף די פּנימער. זיי פאָרן דאָך אין „טיעררא סאַנטאַ״, אין הייליקן לאַנד אויף זייער קריסטלעכן פּסח.

אין אָנהייב זיצן אַלע שטיל, אָנגעצויגן, ווי מ׳קען זיך גאָרנישט... אָבער ביסלעכווייז צוגייט דאָס אייז... מ׳ווערט אַביסל וואַרעמער, צוגעלאָזענער, פריינטלעכער און מ׳הייבט זיך אָן דורכרעדן אַביסל.

מ׳לאָזט וויסן די פּאַסאַזשירן, אַז דער עראָפּלאַן הייבט זיך אויף איצט זעכצן טויזנט פים הויך... מיר פליען דאָך איבער די אַלפּן־בערג.

די לופט ענדערט זיך אַביסל, ס׳ווערט אַביסל שווערער צו אָטעמען... אָבער דאָס האַלט נישט אָן לאַנג און אַלע דערפילן זיך באַלד גרינגער און פרייער, די לופט ווערט צוריק נאָרמאַל און ס׳אָטעמט זיך אַ סך בעסער.

אין אַ שעה אַרום האָט מען סערווירט אַ געשמאַקע וועטשערע, אַלאַ פראַנס, מיטן אמתן גלעזל פראַנצויזישן קאָניאַק.

די צוויי קעלנער מיט דער שיינער, עלעגאַנטער קעלנערין, האָבן

נעבעך שווער געאַרבעט, צוטראָגנדיק יעדן פּאַסאַזשיר אַ טאַץ מיט די געשמאַקע מאכלים.

דער עולם האָט טאַקע גאַנץ געשמאַק געגעסן און מיט גרויס אַפּעטיט. דער עראָפּלאַן איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פליִענדיקן רעסטאָראַן...

בלויז אַ פרומער איד מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד אַרום אַ קיילעכדיק איידל פּנים, וואָס זיצט די גאַנצע צייט אין אַ יאַרמולקע, ער נעבעך זיצט ליידיק... ער עסט נישט קיין טרפות.

כ׳פרעג אים וואָס ער וויל עסן, זאָגט ער מיר, אַז בלויז געקאָכטע האַרטע אייער, ברויט מיט סאָדע וואַסער.

דער סטיוּאַרד וויל אים געבן אַמעריקאַנער כשרע שפּייז פון פאַרמאַכטע בלעכענע קעסטלעך. האָט ער אָבער נישט קיין כשרע גאָפּל־מעסער...

מילא, נו, איז כאָטש דאָ אין פראַנצויזישן עראָפּלאַן איין איד וואָס דעמאָנסטרירט אָפן זיין אידישקייט, כאָטש די באַדינער ווייסן גאַנץ גוט, אַז כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זיינען גוטע, געטרייע אידן: זיי פאָרן דאָך אַלע קיין ישראל, אין הייליקן לאַנד...

די גלחים עסן מיט גרויס אַפּעטיט און קוקן מיט מיטלייד און רחמנות אויפן פרומען, אמתן „איזראַעליט", וואָס איז גרייט צו הונגערן פאַר זיין רעליגיע אויפן וועג צום הייליקן לאַנד...

די פּאַסאַזשירן זיינען אַלע וואַך, קיינער שלאָפט נישט און דרימלט נישט נאָך דער געשמאַקער וועטשערע.

אַלע וואַרטן אויף עפּעס, אַלע וואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער אויף עפּעס אַ גרויסער געשעעניש.

דער עראָפּלאַן דערנענטערט זיך מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט צו ארץ ישראל.

ס׳עפנט זיך די טיר און ס׳קומען אריין די קעלנער מיט טאַצן אין די הענט. אויף די טאַצן זיינען אויסגעשטעלט פלעשלעך שאַמ־פּאַניער מיט קליינע פלעשלעך ליקער.

זיי גיבן יעדן פּאַסאַזשיר מיטצונעמען אַ „סואווועניר" פון עראָ־פּלאַן: אַ פלעשל שאַמפּאַניער, אַ פלעשל ליקער, אָדער ביידע.

האָב איך גענומען אַ פלעשל שאַמפּאַניער מיט אַ פלעשעלע ליקער.

דאָס פלעשעלע ליקער האָב איך אריינגעלייגט אין קעשענע און דאָס פלעשל שאַמפּאַניער האָב איך געהאַלטן אין האַנט.

א ו נ ט ע ר ן   י ש ר א ל   ה י מ ל

לאָמיך אראָפּגיין פון עראָפּלאַן מיט אַ פלעשל שאַמפּאַניער אין האַנט אין ישראל.

יאָ, ס'איז דאָך פאַר מיר איצט אַ גרויסער יום־טוב!

און אויף אַזאַ גרויסן יום־טוב מוז מען האָבן און מ'דאַרף טאַקע האָבן ווייַן, אַ פלאַש ווייַן!

דער עראָפּלאַן דערנענטערט זיך צום לופט־פּאָרט אין לוד.

ס'באַווייזט זיך דער ליכטיקער צייכן ביי דער טיר: נישט רויכערן, גאַרטלט זיך אַרום מיט די פּאַסקעס.

דער עולם ווערט אומרואיק, מ'הייבט אָן צוזאַמענגעמען די זאַכן.

די אידן ווערן ערנסטער, קוקן זיך אַרום מיט געשפּאַנטקייט און דערוואַרטונג. שעפּטשען אינדערשטיל: נו, אַ דאַנק גאָט אָנגעקומען בשלום.

פּונקט 12 בייַנאַכט גיט דער עראָפּלאַן דעם לעצטן ציטער, גיט זיך אַ שטאַרקן טרייסל אויף צוריק און בלייבט שטיין אויף דער ערד, אויף דער ערד אין ארץ ישראל.

פּאַמעלעך און שטיל גייט דער עולם אַראָפּ פון די טרעפּלעך. אַלע זייַנען פאַרטראַכט, פאַרנומען מיט געדאַנקען. מיר זייַנען איצט שוין אין מדינת ישראל.

כ'גיי אַראָפּ פון לעצטן טרעפּל, כ'מאַך דעם ערשטן טריט אויף דער ערד... אויף דער ארץ ישראל ערד!

דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, די אויגן זייַנען פייכט, די נשמה איז איבערפולט פון פרייד, פון אַן אויסערגעוויינלעכער, דערהויבענער שמחה.

ס'איז דאָך פאַר מיר אַ גוואַלדיקע איבערלעבונג.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן טרעט איך דאָך אויף דער ארץ ישראל ערד! אויף אייגענער ערד אויף דער אידישער הייליקער ערד!

מיינע פיס האָבן שוין געטרעטן אויף דער ערד פון שטעט און לענדער, אין שטעט וואו מ'האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ פרעמדן, ווי אויף אַ גאַסט.

אין לענדער, וואו מ'האָט מיר געטאָן אַ טובה, אַ פיינע מענטשלעכע טובה און מיר דערלויבט צו וואוינען אין לאַנד...

און איצט?

איצט טרעט איך אויף אייגענער, אידישער ערד, ווי אַן איינגעלאַדענער צו קומען אַהיים...

אברהם ווייסבוים

מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָס פאַר מיר געווען אַ חלום,
איצט איז דער חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן.

יאָ, דער חלום איז דאָך וואָר! אמת!

כ'בין עקזאַלטירט, כ'בין איבערפולט מיט כוואַליעס עמאָציעס.
כ'קען זיך בשום אופן נישט קאָנטראָלירן.

כ'פיל די וואַרעמע טרערן קייקלען זיך אויף מיינע באַקן, טרערן פון
שמחה, פון גרויסער פרייד.

אַלע עמאָציעס וואָס האָבן געטליעט אין האַרץ אין פאַרלויף
פון צענטליקער יאָרן, זיינען איצט אַרויס אָפּן און געקריגן אַ תיקון
אויף דער ארץ ישראל ערד, אונטערן אויסגעשטערנטן בלויען ישראל
הימל, אין דער קילער, נאַכטיקער ארץ ישראל לופט.

און ווי סימבאָליש, פונקט אין חצות!

פונקט אין האַלבער נאַכט, ווען פרומע אידן ריכטן אָפּ חצות,
וויינען אויפן חורבן בית המקדש...

כ'גיי אין דער פינסטער צו דער לופט־פאָרט געביידע. כ'האַלט
דאָס קליינע רענצל אין איין האַנט און אין דער צווייטער דאָס פלעשל
שאַמפּאַניער.

כ'גיי מיט אַ שטיל געזאַנג אין האַרץ, כ'קען זיך נישט באַהערשן
און רוף אויס הויך צו די מענטשן וואָס שטייען אין דער פינסטער,
אין דרויסן, אויף דער אָפּגעצאַמטער טעראַסע, „שלום! שלום אידן!

כ'הער פלוצים אויסרופן: אברהם! אברהם ווייסבוים!
ווייסבוים!

אין דער טונקעלער נאַכט זע איך נישט קיינעם פון ווייטנס.
כ'הייב אויף דאָס פלעשל שאַמפּאַניער אין דער הייך מיט אַ שלום!

כ'פאַרשטיי, אַז דאָרט שטייען עטלעכע פון מיין משפחה וואָס
זיינען מיך געקומען אָפּוואַרטן אויפן לופט פאָרט, אָבער איך דער־
קען נישט קיינעם.

איינער נאָכן אַנדערן, אין דער ריי, שטעלט מען זיך ביי די
פענסטערלעך, וואו די באַאַמטע קוקן גיך איבער די פּאַספּאָרטן און
דערליידיקן די געלט־פראַגע.

ס'ווערט פאַרשריבן אויף אַ שמאָל קאַרטל וויפיל געלט איינער
פירט אַריין אין לאַנד.

די באַאַמטע ענטפערן אויף אַלע לשונות וואָס מ'רעדט צו זיי
העברעאיש, אידיש און אַנדערע שפּראַכן.

כ'גיי אַריין אין צאָל־אַמט.

אויף די לאנגע טישן ליגט אויסגעלייגט דער באגאזש פון די טוריסטן, יעדער איינער שטייט לעבן זיינע זאכן.

אויך מיין וואליז מיטן קליינעם רענצל און דאָס פלעשל שאמ־פאניער געפינען זיך שוין אויך אויפן טיש.

כ'גיי צו צו אַ הויכן יונגערמאן אין אַ שיינעם אוניפאָרם און זאָג אים, אַז כ'בין אַ אידישער שרייבער פון מעקסיקע, און כ'וויל זען ווי ס'גייט דאָ צוביים צאָל־אמט.

דער פריינטלעכער באאמטער גיט מיר אַ ברייטן שלום (שאלאָם) און מיר גייען באלד איבער אויף מאמע־לשון...

דער באאמטער רעדט טאקע אַ פיינעם פליסיקן אידיש. ער דער־זעט ביי מיר די צייטונג „דער וועג" פון מעקסיקע, ער באטראכט די צייטונג פון אלע זייטן און פרעגט מיך צי אין מעקסיקע גייט אויך ארוים אַ העברעאישע צייטונג. זאָג איך אים, אַז דערווייל נישט... אָבער אין אלע אידישע שולן לערנט מען אויך העברעאיש.

כ'שטיי און באטראכט דערווייל די באהאנדלונג ביים צאָל־אמט.

אלץ ווערט דאָך אזוי העפלעך און גיך דערליידיקט. די באאמטע פרעגן נאָר וואָס איינער פירט, און ביי די מערסטע טוריסטן ווערן אינגאנצן נישט געעפנט די וואליזן.

די טרעגערס טראָגן באלד ארויס דעם באגאזש צו די טאקסים, און די טוריסטן גייען זיי נאָך צופרידענע און מיט שמייכלדיקע פנימער... זיי האָבן זיך נעבעך, ווי איז מיר, אומזיסט געשראָקן.

בין איך שוין געשטאנען ביים צאָל־אמט אין מעקסיקע, אין די שטאטן און אין פראנקרייך.

און איצט זע איך, אַז אויך דאָ אין ישראל הערשט אַ מוסטער־האפטע אָרדענונג, און אַ פיינע, העפלעכע באהאנדלונג ביים צאָל־אמט.

מיינע קוזינס דערזען מיך און קלאפן אין פענסטער: מהר, גיבער אברהם! כ'וויז זיי מיט דער האנט: רגע אחת, איין מינוט!

דער באאמטער הייסט מאכן אַ צייכן אויף מיין וואליז און גיט מיר צוריק די צייטונג און מיר געזעגענען זיך מיט אַ פריינטלעכן שלום.

כ'בייט איבער אַ דאָלאר צו באצאָלן דעם טרעגער, אַ קליין געוויקסיקער מיט אַ קיילעכיק רויט פנים, און כ'פרעג אַ באאמטן וויפיל דארף איך געבן דעם גוי...

צעלאַכט ער זיך הויך: אַ גוי? אַ גוי? דער טרעגער איז דאָך אַ איד!

כ'האָב זיך אַ ביסל פאַרשעמט. פון איבעראַשונג און צעשטרייאונג האָב איך פאַרגעסן וואו כ'בין אין דער וועלט... האָב איך געמיינט, אַז דער טרעגער איז אַ גוי.

כ'בין ביי דער טיר אין דרויסן געבליבן שטיין אין איבעראַשטער. כ'האָב דאָך מיין משפחה אינגאַנצן נישט דערקענט...

מיינע עלטערן ז"ל האָבן אַ סך יאָרן געוואוינט אין ווארשע אין זייערע עלטערן זיינען געבליבן אין קליינעם שטעטל.

און איצט שטייען דאָ אַרום מיר מיינע קוזינס קינדער. די צווייטע קוזינס מיינע.

זיי זיינען טאַקע געקומען אין ישראל מיט יאָרן צוריק אַלס חלוצים, האָבן דאָ חתונה געהאַט און האָבן שוין אַליין קינדער...

מיר זיינען געשטאַנען עטלעכע מינוט שטיל, די אויגן פייכטע אָבער פול מיט פרייד, און זיך האַרציק צוקושט.

כ'האָב דערפילט ווי זיי קוקן אויף מיר מיט היימישער משפּחה וואַרעמקייט אין זייערע צעשטראַלטע אויגן.

מיר זיינען באַלד אַריין אין רעסטאָראַן־סאַלאָן. מ'האָט מיך מכבד געווען מיט אַ הייסער גלאָז טיי מיט קיכלעך.

מ'האָט זיך גענומען דינגען צו וועמען זאָל איך איצט, צוערשט אַזייגער ביינאַכט, פאָרן.

מיין טייערע קוזינע חיה צביה פון נתניה, האָט געשיקט איר זון מרדכי, אַ סטודענט פון העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, ער זאָל מיך נעמען אין נתניה.

אָבער מיין טייערער קוזין ישראל ראָזענבערג האָט געוואונען...

ער איז דאָך נעבעך געקומען מיט אַ „דזשיפּ" אויש פון חיפה, מיטן חבר שאָפער פון הסתדרות, אַ האַרציקער בעסאַראַבער יונגערמאַן חיים צוקערמאַן.

האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין קאַלטן, שטאָלענעם „דזשיפּ". איך, מיין קוזינע ביילע, מיין קוזין ישראל און דער חבר חיים און מיר פאָרן אין מיטן נאַכט קיין חיפה.

מיר פאָרן איבערן גלאַטיק געפלאַסטערטן שאָסיי. די נאַכטיקע קילע לופט איז ריין און פריש. דער טיף־בלויער הימל איז פאַרזייעט מיט פינקלדיקע שטערן.

די לבנה נאָכגישט קיין פולע, ווי אַן אָפּגעביסענע זילבערנע

מטבע. שיקט אראָפּ איר בלאָס־זילבערן ליכט אויפן גלאַטיקן שאָסיי.
דער רווישנדיקער דזשיפּ שיקט פאָראויס צוויי לאַנגע, ציטער־דיקע פּאַסן ליכט, און שרעקט נעבעך איבער די שאַקאַלן, וואָס לויפן גיך אריבער דעם שאָסיי און ווערן פארפאַלן ערגעץ צווישן די באַוואַקסענע פעלדער.
דער קליינער, שטאַרקער דזשיפּ רעדלט זיך גיך־גיך, שטרענגט נעבעך אָן זיינע שטאָלענע כוחות, ער וויל נעבעך ווייזן וואָס ער קען...
לויפט ער מיט אימפּעט. שפּרינגט אונטער אביסעלע אויפן הארטן שאָסיי. ער וויל וואָס פריער קומען קיין חיפה.
צוזאַמען מיטן חבר שאָפער שאָקלען מיר זיך הין און צוריק, ווי מיר וואָלטן געווען פארטיפט אין א שטילער תפילה...
כ׳זיץ פארטיפט אין געדאַנקען פון מיין שטעטל אין פוילן, וואָס די נאַצי־באַנדיטן האָבן חרוב געמאַכט.
געדענק איך מיין קוזין יעקב הערש ע״ה, ווען כ׳בין נאָך א קליין אינגל געווען.
געווען איז ער א פרומער, גאָטס־פארכטיקער איד, און א גרוי־סער למדן. האָבן די זין זיינע, די חלוצים, אברהם און ישראל, אראָפּ־געבערענגט זייערע עלטערן קיין ארץ ישראל, נאָך פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה.
איז דער פאָטער זייערער געשטאָרבן אין פתח תקוה מיט פיר יאָר צוריק. פארן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אז מ׳זאָל דעם ווילנער ש״ס זיינעם אריינגעבן אין בית מדרש אין פתח תקוה.
ער האָט געוואוסט, אז זיינע זין וועלן שוין אין די שווערע גמראָס מער נישט אריינקוקן...
איצט פאָר איך מיט זיין זון אין א דזשיפּ אויף די געפלאַסטער־טע וועגן אין ארץ ישראל, און ער זינגט מיטן חבר שאָפער העברע־אישע חלוצים־לידער אין דער קילער, שפּעטער נאַכט אריין...
ס׳איז שוין צוויי א זייגער ביינאַכט. דער שלאָף איז ביי מיר געוואָרן אָפּגענומען, כ׳בין וואַך!
מיר ווייזט אויס, אז דאָס איז אלץ א חלום, א שיינער, לעגענ־דאַרישער־חלום.
בין איך שוין טאַקע אין ארץ ישראל?
ערשט מיט פינף טעג צוריק האָב איך דאָך שפּאַצירט אויף די גאַסן אין מעקסיקע?

און איצט, פאַר איך אין מיטן נאַכט אויפן שאָסיי פון תל אביב קיין חיפה.

אַלץ איז פאַר מיר דאָ עפּעס אַזוי ניי, און דאָך אַזוי היימיש און נאָענט...

עפּעס אַן אינערלעכע פרייד און צופרידנקייט פּילט־אָן מיין האַרץ, ווען איך זע פוןביידע זייטן שאָסיי, אידישע שטעטלעך, דערפער און קיבוצים, וואָס זיינען איינגעטונקען אין גרינס און פאַרהילט אין נאַכטיקע שאָטנס.

פיר אַזייגער פאַרטאָג האָב איך דערזען די שלאָפנדיקע שטאָט חיפה.

ליגט איצט די אינדוסטריע שטאָט אַ מידע, אַ מאַטע פון אַ שווערן טאָג אַרבעט.

מאַכט די שלאָפנדיקע שטאָט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט איצט געלעגן אַ פאַרכישופטע אונטער דער לבנה־ליכט.

דער הויכער, טונקעלער כרמל־באַרג הייבט זיך צוקאָפּנס, און צופוסנס שפּרייט אויס דער טונקעלער ים זיינע סודותדיקע טיפע וואַסערן.

זעט טאַקע אויס די שטאָט, ווי אַ באַשיצטע פון נאַכטיקע געפאַרן, און אַרומגערינגלט, ווי מיט אַ לעגענדאַרישער פעסטונג פון באַרג און ים...

עפּעס גלימערט אַזוי פאַנטאַסטיש דער שוואַך באַלויכטענער כרמל.

די שורות לאַמטערן שלאָגן איצט אָפּ אַ מאַטן שיין אויף די רונדיקע גאַסן אויפן באַרג.

פון הדר קומט שוין אַ שטאַרקערע ליכט פון די צעצונדענע גאַסן־לאַמטערן.

אונטן, ביים פּאָרט הערשט איצט אַ שטילקייט, אַ רואיקייט. פון די פאַראַנקערטע שיפן שלאָגט אָפּ אַ ציטערדיקער שיין און באַלייכט אַ פּאַס וואַסער אַרום די שיפן.

די באַרגיקע גאַסן און געסלעך זיינען איצט ליידיק, און זעען אויס אומעטיקע, פאַרבענקטע אונטער די באַלויכטענע לאַמטערן און בלאַס לבנה־ליכט.

ליגן איצט די מידע איינוואוינער און רוען זיך אויס אויף די ווייכע, וואַרעמע געלעגערס.

נאָר אָט באַלד, נאָך אין אַ צוויי שעה אַרום, וועט זיך די שטאָט

אויפכאפן, און ס׳וועט זיך ווידער דערהערן דאס קלאפן פון האמערס, דאס רוישן פון מאשינען, דאס פייפן פון שיפן.

ס׳וועט זיך ווידער הערן דאס געזאנג פון ארבעט איבער די בארגיקע גאסן.

שטילע זיינען מיר אריין אין מיין קוזינס הויז.

כ׳ליג שוין אויפן ריינעם, ווייסן געלעגער. די אויגן קלעפן זיך, מאכן זיך אליין צו. ס׳ווילט זיך אזוי שלאפן, אבער אין מיינע אויערן זשומט נאך אלץ דער גערויש פון די עראפלאן־מאטארס...

די געדאנקען פלאנטערן זיך פון די איבערלעבונגען און איינדרוקן פון די ערשטע עטלעכע שעה אין ארץ ישראל.

דאָנערשטיק דעם 26-טן מאַרץ

די זון־שטראַלן רייסן זיך דורך די דינע פאָרהאַנגען און זאָגן מיר אָן, אַז ס׳איז שוין צייט אויפצושטיין.

כ׳קוק אַרויס דורכן פענסטער און דערזע דעם בלוי־גרינעם ים, אַ לויטערן בלויען הימל און אַ צעשטראַלטע זון וואָס שיקט אַריין דורכן פענסטער אַ מילדע, אָנגענעמע וואַרעמקייט.

אין פּאָרט רודערט זיך שוין. די גאַסן זיינען פול מיט באַוועגונג, כ׳איילט זיך צו דער אַרבעט, צו עפענען די קראָמען, קאַפעען און רעסטאָראַנען.

די אַרבעטזאַמע שטאָט האָט זיך גענומען צו דער עבודה, צו עפענען די פאַבריקן, וואַרשטאַטן און גאַראַזשן.

די אַרבעטזאַמע שטאָט האָט זיך ווידער גענומען צו אַ פרישן טאָג אַרבעט.

איז טאַקע דער היינטיקער טאָג געווען פאַר מיר אַ פרייליכער, אַ זוניקער און אַ וואַרעמער.

דער ערשטער טאָג אין מדינת ישראל!

כ׳האָב זיך געפרייט מיטן באַקענען זיך מיט מיין טייערע קוזינע בעלאַ, אַן אינטעליגענטע, שיינע פרוי מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר און מיט בלויע, מילדע אויגן.

ס׳קומט אַריין אין צימער אַ פיר יאָריק בלאָנד מלאכל מיט בלויע אייגעלעך, און מיט אַ זיס ראָז פּנימל, בלוט און מילך.

דאָס איז דאָס קליינע טעכטערל, מיין קוזינס. הייסן הייסט זי גליה, נאָר מ׳רופט זי גאַלינקאַ, אַביסל פאַרצויגן...

אַזוי ווערן אַלע העברעאישע נעמען אַביסל פאַראידישט... און טאַקע אַביסל ווייכער אויך.

פון מרדכי — מאָטקע, פון שרה (סאַראַ) ווערט שרהלע, פון משה — משהלע און פון חנה — חנהלע.

קומט זי צו מיר צו, דאָס זיסע מלאכל, באַגריסט מיך שעמעוודיק מיט אַ שלום דוד! (שאַלאָם דאָד), און נעמט באַלד באַווייזן וואָס זי קען...

זי הייבט אָן זינגען מיט איר איידל, דין שטימעלע די פיר קשיות צום סדר אויף פסח, וואָס מ'לערנט זי אין שולע:

מה נשתנה הלילה הזה, הלילה הזה, מכל הלילות — — —

זי זינגט מיר אָפּ די פיר קשיות מיט איר זיס שטימעלע, ווי אַ זילבערן גלעקעלע.

דאָס ערשטע מאָל הער איך זינגען די פיר קשיות.

מיר זיינען געוואוינט צו הערן פרעגן די פיר קשיות פסח ביים סדר. אָבער אין ארץ ישראל זינגט מען די פיר קשיות.

איז דער ניגון פון די זינגענדיקע קשיות אַזוי שיין, אַזוי פסחדיק, אַזוי באַטעמט יום טובדיק.

די מעלאָדיע איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל בענקשאַפט און האָפנונג אויפן פרילינג. אויפן חג־האביב אין ישראל.

איז מיין ערשטער אָנבייסן אין ישראל, געווען גאַנץ געשמאַק. אויב מ'עסט נאָר איין איי ביים אָנבייסן, עסט מען דערפאַר אַ וואונדערלעך געשמאַק ברויט, וואָס האָט טויזנט טעם...

אַזאַ באַטעמט, געשמאַק ברויט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געגעסן. מ'דאַרף זיין אין ישראל און פאַרזוכן אַ שטיקל ארץ ישראלדיק לחם...

דערפאַר אָבער טרינקט מען דאָ דאָס אמתדיקע גלאָז „מיץ".

דאָ טרינקט מען מיץ (פּאָמעראַנצן זאַפט) וויפיל מ'וויל, ס'קאָסט ביליק און טאַקע פון די גוטע ארץ ישראל פּאָמעראַנצן, אָדער אַ גלאָז „אשכולית" (גרייפּ־פרוכט) באַלד אינדערפרי, איז אויך נישט שלעכט צום אַפּעטיט.

עסט מען אויך געשמאַקן ווייכן קעז און אָנשטאָט פּוטער, עסט מען אַ ספּעציעל, נאַרהאַפטיקן מאַרגאַרין.

מאַרגאַרין קריגט מען וויפיל מ'וויל, אָבער פּוטער קריגט מען בלויז אויף „פּונקטן".

אויף אייער, פלייש און פּוטער איז נאָך דאָ די „צנע", און דאָס אויך פאַר די קינדער צום ערשט.

און אויב איר האָט נאָר מיט וואָס... קענט איר קויפן קליידער, שיך און אפילו בריליאַנטן וויפיל איר ווילט. אויף די זאַכן איז שוין מער נישטאָ די „צנע".

אָבער ברויט קען מען קויפן וויפיל מ'וויל און וויפיל איר קענט נאָר עסן... און מ'עסט טאַקע אַ סך ברויט אין ישראל. דאָס ברויט איז דאָך טאַקע טעם גן־עדן!

איז טאַקע פאַר די טוריסטן אין ישראל אַן אמתער גן־עדן!

פאַר די טוריסטן איז נישטאָ קיין שום „צנע". אַ טוריסט קען קריגן אין די האָטעלן, אין רעסטאָראַנען, וואָס זיין האַרץ גלוסט...

פאַר אַ טוריסט סערווירט מען פלייש וויפיל ער וויל (פאַר געלט...) אפילו צוויי מאָל אין טאָג אַ פערטל געבראָטן עוף.

דערפאַר דערכאַפּט מען זיך דאָס האַרץ, אין פּריוואַטע היימען, מיט אַ גוט גלעזל ישראל וויין, מיט אַ שטיקל וועיכן קעז (אַמאָל אויך מיט אַ שטיקל פלייש), מאַרגאַרין, גלעזער „מיץ" און טאַקע מיט אַ באַטעמט שטיקל ישראל ברויט.

אַ סענדוויטש פון ברויט מיט איינגעמאַכטס פון פּרוכטן מיט אַ קאַלט גלאָז ישראל ביר, איז אַ מחיה צו עסן אין אַ הייסן טאָג.

יאָ, דאָס ישראל ביר איז דאָך טאַקע אויסגעצייכנט און אין אַזעלכע גרויסע פלעשער, וואָס מ'זעט דאָס נישט אין קיין שום לאַנד. צו דריי גלעזער אין אַ פלאַש...

און פון די ישראל־פּרוכטן: פּאָמעראַנצן, באַנאַנעס, ראָזשינקעס און פייגן, מאַכן דאָך די גוטע אידישע באַלעבאָסטעס די בעסטע קאָמפּאָטן.

ס'איז פּשוט אַ מצוה אַ ברכה צומאַכן אויף אַזאַ ישראל־קאָמפּאָט.

און פון די ישראל־גרינסן, ווערן דאָך געמאַכט די בעסטע און געשמאַקסטע סאַלאַדן, וואָס זיינען אַ געזונט פאַר די ביינער און אַ מייער מיטל קעגן ווערן צו דיק...

אפילו אַ כשרער וועגעטעריאַנער וואָלט זיך מיט די סאַלאַדן אונטערגעלענט דאָס האַרץ...

שטעלט די ישראל־באַלעבאָסטע צוזאַמען אַ מיטאָג, וואָס קיין שום פּרוי אין דער וועלט קען דאָס נישט באַוויזן.

און פון אַזאַ זאַטן, געשמאַקן מיטאָג, קען מען טאַקע אין ישראל נישט זען קיין סך דיקע, שלאַנקע און מאָגערע פּרויען־פיגורן...

די געראָטענע ארץ ישראל באַלעבאָסטעס, זעען אויס, קיין עין הרע, גאַנץ קיילעכדיק און חנעוודיק. נישט ווי די האָליוואודער מאָגערע קינאָ־אַרטיסטקעס...

היטן די ישראל־מאַמעס אָפּ דאָס ערשטע די קינדערלעך זייערע, עס זאָל זיי חלילה גאָרנישט פעלן.

אַן אייעלע, איז עס פאַרן קינד, אַ גלאָז מילך — פאַרן קינד, אַ שטיקעלע פלייש, איז עס פאַרן קינד!

האָט טאָקע יעדער אַ גוט וואָרט און אַ ברכה אויף די ליפּן, פאַר דער געטרייער ליבער, פּאַטריאָטישער ישראל־מאַמע...

גיי איך נאָכן אָנבייסן אַביסל שפּאַצירן אויף דער הערצל גאַס, וואו ס׳געפינען זיך די גרעסטע און שענסטע געשעפטן.

די באַוועגונג אויף דער אַביסל באַרגיקער גאַס איז אַ געדיכטע, אַ לעבעדיקע. מענטשן גייען הין און צוריק אויף ביידע זייטן טראָ־טואַר. מ׳קוקט אויף די אויסגעשטעלטע סחורות אין די פענסטער.

מ׳קויפט איין אויף יום טוב, ס׳איז דאָך בלויז עטלעכע טעג צו פּסח.

הערט מען אין די גאַסן רעדן דעם קלינגענדיקן העברעאיש, מיט דער ישראל באַגריסונג: „שלום! שלום! (שאַלאָם, שאַלאָם), און מיטן באַקאַנטן וואָרט — בסדר! (בעסיידער), אין אָרדענונג הייסט עס... דאָס וואָרט בסדר קלינגט ווי ביי אונדז אין מעקסיקע עסטאַ ביען — ס׳איז גוט!

די ישראל אידן זיינען דאָך גרויסע אָפּטימיסטן, ענטפערן זיי, אַז ס׳איז בסדר און ס׳וועט זיין בסדר!

מ׳הערט אויך רעדן דעם זאַפטיקן, היימישן אידיש און טאָקע אויך ענגליש. די אַמעריקאַנער אידישע טוריסטן רעדן צווישן זיך ענגליש און טאָקע גאַנץ הויך...

דאַכט זיך טאָקע, אַז אַלע דריי שפּראַכן האָבן אין ישראל גע־מאַכט שלום צווישן זיך לכבוד יום טוב, לכבוד פּסח, וואָס אַלע אידן עסן די זעלביקע מצה...

זיינען די מערסטע הייזער אין חיפה, געבויט פון טונקל־געלע שטיינער, פון מאַסיווע בלאָקס, וואָס זעען אויס ווי פעסטונגען.

די שורות הייזער הייבן זיך באַרג אַרויף־אַרויף, פון איין גאַס צו דער אַנדערער, ביז צום כרמל באַרג אַרויף.

זיינען אויך דאָ שטיינערנע טרעפּ אַריבערצוגיין פון איין גאַס אין דער צווייטער. מאַכט דאָס אַלץ אַן איינדרוק פון אַ פאָרט־שטאָט מיט סודותדיקע, אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך, ווי אין אַלע פאָרט־שטעט, אין אַלע לענדער.

אָבער אַ סך הייזער זיינען שוין געבויט פון בעטאָן און צע־מענט אויפן אַמעריקאַנער סטיל.

אויך די זעקס שטאָקיקע, גרויסע, אימפּאָזאַנטע געביידעס פון

דער התדרות, וואָס פאַרנעמען עטלעכע בלאָקס. זיינען אויך געבויט אויף אַ מאָדערנעם סטיל.

דאָרט געפינען זיך די פאַרשידענע אַרבעטער ביוראָס: קופת־חולים, תנובה. סולליובונה און אַנדערע ביוראָס פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון.

געפינט זיך דאָרט אויך די ביוראָ פאַר די נייע עולים, און די קולטור־ביוראָ פאַר די מעברות פאַרן גאַנצן צפון און גליל.

בין איך טאַקע באַלד דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען אין ישראל, געגאַנגען אָפּגעבן אַ גרוס דעם אַלטן טאַטן פון מיין אומ־פאַרגעסלעכן חבר משה ראָזענבערג ע"ה, דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון דער היגער אידישער ציַיטונג „דער וועג".

זיצט פאַר מיר דער אַלטער ר' יצחק מיטן גרויען בערדל, אַ בן שבעים, קיין עין הרע, אַריבער די זיבעציק, ביז הונדערט און צוואַנציק און איז נאָך גאַנץ רירעוודיק און לעבעדיק, קיין עין הרע.

ער בלייבט מיטאַמאָל זיצן טרויעריק, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און מיט פייכטע אויגן פון טרערן רעדט ער אַרויס שטיל, ווי צו זיך אַליין: אַזוי, מיין משה ע"ה איז געווען אייערס אַ גוטער חבר. אַזוי יונג געגאַנגען פון דער וועלט, אַזוי יונג געבעך געשטאָרבן. ווי און ווינד איז צו מיינע אַלטע יאָר.

ער הייבט זיך אויף און פירט מיך אַריין אין צווייטן צימער, וואו עס זיצן ביים טיש די קינדער זיינע און די משפחה.

מיר ווערן גיך באַקאַנט און מ'איז מיך באַלד מכבד מיט אַ גלעזל ישראל וויין מיט היימישע קיכלעך.

יאָ, מ'זאָגט, אַז די אידן אין ארץ ישראל זיינען עגאָאיסטן, נישט גאַסטפריינטלעך. אָבער דאָס איז דאָך נישט אמת.

וואו מ'קומט, רייך אָדער נישט פאַרמעגלעך, ווייזט מען דאָך אַרויס אַזאַ האַרציקע גאַסטפריינטלעכקייט, מיט אַזאַ וואַרעמקייט.

מ'איז מכבד דעם גאַסט מיט וואָס נאָר מ'קען, און דאָס ערשטע איז טאַקע וויין מיט קיכלעך.

ווען באַקט מען טאַקע אָפּ אַזוי פיל קיכעלעך, מיט די געשמאַקע אויסגעבראָטענע בייגעלעך?

און דער וויין? דער ארץ ישראל וויין איז דאָך באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט.

טרינקט מען טאַקע אין ישראל אַ סך וויין, פאַרשידענע סאָרטן גוטע און געשמאַקע וויינען, וואָס דערקוויקן דאָס געמיט...

פרייטיק דעם 27-טן מאַרץ

היינט בין איך געפאָרן אין דעם שיינעם, קליינעם שטעטעלע קרית חיים ביים ים. אויפן נאָמען פון מארטירער חיים אַרלאָזאָראָוו.

פאָרט מען בלויז אַ האַלבע שעה מיטן אויטאָבוס, אָבער וואַרטן אויפן אויטאָבוס, דאַרף מען אויך אַ האַלבע שעה...

איז דאָס אַרויספאָרן אין ישראל פון איין קיבוץ אין אַנדערן, פון איין שטעטל אין אַנדערן, אָדער טאַקע פון איין גרויסער שטאָט אין דער צווייטער, זייער נישט באַקוועם...

ס'איז אַ שווערער פּראָבלעם מיט דער קאָמוניקאַציע אין ישראל.

ס'איז נישטאָ גענוג אויטאָבוסן און טאַקסיס, נאָכצוקומען דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג, קיין עין הרע, אין מדינת ישראל.

זיינען אין די גרויסע שטעט, ווי תל אביב, חיפה אָדער ירושלים, די אויטאָבוסן שטענדיק איבערגעפּאַקט און מען מוז שטיין און וואַרטן אין דער ריי צו קענען אַריינגיין אין אַן אויטאָבוס.

איז דאָס אַרויספאָרן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער טאַקע אַ סך ערגער.

מ'דאַרף שטיין און וואַרטן אויפן אויטאָבוס אַ האַלבע שעה און אַמאָל מער...

זיינען אָבער די שאָפערס גוטע, געטרייע בירגער פון ישראל. זיי ווילן אוודאי, אַז די טוריסטן זאָל זיין באַקוועם דאָס פאָרן און נישט לאַנג דאַרפן וואַרטן אין דער ריי.

לאָזן זיי טאַקע אַריין אין אויטאָבוס צום ערשט די טוריסטן, וואָס ווייזן אַ טוריסטן פּאַס... נאָך די טוריסטן קומען די מיליטער־לייט און ערשט דערנאָך די געוויינלעכע בירגער.

א טייערע זאַך, איז צו זיין אַ טוריסט אין ארץ ישראל!

אין קיין שום לאַנד האָט דער טוריסט נישט אַזאַ פּריווילעגיע ווי אין ישראל.

האָב איך זיך טאַקע געפילט אביסל אומבאַקוועם און זיך געשעמט פאַר די מענטשן, וואָס שטייען שוין לאַנג און וואַרטן אין דער ריי, און איך גיי אַריין דער ערשטער אין אויטאָבוס ווי אַ פּריץ...

האָב איך טאַקע, אַז די געטרייע ישראל־בירגער, ווען מיר מוחל זיין... כ'בין דאָך אַ גאַסט אין ארץ ישראל.

איז דער שאָסיי אַ גוטער, אַ גלאַטער. דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ אויפן שאָסיי לעבן שטעטעלע קרית חיים.

די גאַסן גייען דאָ מיט נומערן נישט מיט קיין נעמען. נישט אַלע גאַסן זיינען דערווייל ברוקירט, גלאַנצן די געל־זאַמדיקע גאַסן קעגן דער וואַרימער זון.

און די ווייסע איינשטאָקיקע הייזער שטייען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות, ביי יעדן פאַמיליע־הויז איז דאָ אַ קליינער גאָרטן פון פאָרנט מיט עטלעכע ביימער.

זעט אויס דאָס ריינע, ציכטיקע שטעטעלע, נישט ווייט פון בלוי־גרינעם ים, ווי אַ דאַטשע, ווי אַן אָפּרו־אָרט, וואו די מענטשן קומען זיך דאָ אויסרוען אין זייערע שטילע, מיט זון־באַגאָסענע הייזער.

מיין קוזין דוד משניות, אַ געוועזענער חלוץ. אַרבעט ביים פּאָרט אין חיפה. ער פאָרט אַרום אין אַ פּאַטרול־שיפל לעבן פּאָרט...

יאָ, אונדזערע העלדישע חלוצים טוען זיך אויס צו אַלץ:

צו דער יבשה און צום ים!

צום פעלד און צו דער מאַשין. צו דער שווערער אינדוסטריע און צו דער איידעלער ביוראָ־אַרבעט.

צו גיסן צעמענט און צו לייגן ציגל, צו בויען הייזער און פּלאַס־טערן שאָסייען.

די מוסקולן פון דעם אידישן אַרבעטס־מענטש האָבן צוריק דער־פילט זייערע כוחות, וואָס זיינען צוליב אומשטענדן... געוואָרן ביס־לעכווייז אָפּגעשוואַכט.

און אפשר זיינען די פּועלי־ציון טעאָרעטיקער גערעכט מיט זייער טעאָריע:

אַז דער אידישער אַרבעטער קען זיך אינגאַנצן פּראָלעטאַריזירן בלויז אויף אַן אייגענער טעריטאָריע. אין אַן אייגן לאַנד, וואו עס זיינען אָפן און פריי אַלע אַרבעטס־מעגלעכקייטן...

א, מיט וואס פאר אן אימפעט, מיט וואס פאר א פלייס, די אידישע ארבעטער בויען מדינת ישראל!

אמאל האט טאקע מיין קוזינע ביילע אויך געארבעט, מיטגעהאלפן אין דער פרנסה. אבער ווען מ'האט צוויי קינדער, און קיין דינסט קען מען זיך נישט דערלויבן צו האלטן... מוז מען בלייבן אין הויז ביי דער באלעבאטישקייט.

זיינען די דריי צימערן מיט דער שיינער קיך אזוי פיין איינגע־אָרדנט, מיט פיין מעבל, אז ס'שמעקט טאקע אין יעדן ווינקעלע.

ווייס איך נישט אויב ארבעטער אין א סך רייכערע לענדער קע־נען זיך פארגינען צו וואוינען אזוי גוט און באקוועם...

איז הינטערן הויז אויך דא א שטאל מיט א „לול", א שטיי: מיט עטלעכע הינער, קאטשקעס און דריי גרויסע אינדיקעס. וואס האלטן אין איין „האלדערן". בלאזן זיך און פילדערן.

איז טאקע דא פאר די קינדער א פריש אייעלע יעדן טאג (פאר די גרויסע אויך...) און א מאל אן עוף אויף שבת.

זע איך טאקע, אז אלע וואס וואוינען אין די קליינע שטעטלעך, האבן הינער, אייער און אויך א שטיקעלע פלייש פאר די קינדער.

האט מיין טייערע קוזינע צוליב דעם גאסט פון מעקסיקע. גע־שאכטן א פעטע קאטשקע און מיך מכבד געווען מיט א שבתדיק מיטאג כיד המלך:

א גוט גלעזל ווייַן, א געשמאקע פארשפייז, זופ, געבראטענע קאטשקע, קאמפאט און א טעפעלע שווארצע קאפע...

כ'האב נאר רחמנות געהאט אויף דער ארעמער קאטשקע, וואס צוליב מיר, האט מען איר נעבעך מקצר ימים געווען...

יא. לעבן אזוי טויזנטער ארבעטער פאמיליעס, וואס יאגן זיך נישט צו וואוינען דווקא אין די גרויסע שטעט.

די ארבעטער וואס וואוינען אין די קליינע שטעטלעך קענען און מעגן האבן פאר זייערע פאמיליעס (ניט צום פארקויפן) הינער, אייער און גרינצייג וויפיל זיי דארפן פאר זיך.

לעבן זיך דא אין קרית חיים די ארבעטער פאמיליעס אזוי רואיק, אזוי מנוחהדיק, אזוי אידיליש, אז כ'בין זיי פשוט מקנא.

וואלט איך דא געוואלט בלייבן וואוינען אין דעם ליכטיקן שטע־טעלע ביים זאמדיקן ים־ברעג און אפלעבן דא מיין רעשט ביסל יארן וואס מיר איז באשערט...

שבת דעם 28-טן מאַרץ

היינט אינדערפרי בין איך מיט מיין קוזין געגאַנגען שפּאַצירן צום ים.

דער טאָג איז אַזוי ליכטיק, אַזוי וואונדערלעך שיין.

דער וועג איז אַ זאַמדיקער, אַזאַ געל זון־באַגאָסן ריין זאַמד, וואָס פינקלט און גלאַנצט, ווי צעשמאָלצן, צעגאָסן גאָלד אונטער דער צעשטראַלטער זון.

גאַנצע כוואַליעס גאָלדיק זאַמד, ליגט אויסגעשפּרייט אַרום ים־ברעג, און אַזוי פיל זאַמד!

ס׳גייט זיך אויפן זאַמד עפּעס אַזוי ווייך, אַזוי ווייך! פּונקט ווי אויף אַ ווייך פּערסיש טעפּיך... די שיך דריקן זיך אַזוי לייכט אין גרינג אַריין אין זאַמד.

מ׳דאַרף דאָך נישט אויסרייבן די שיך און פּטרן די זוילן מיט די אָפּצאַסן אויף די האַרטע שטיינער און טראָטואַרן... און די פוס־טריט פּרעסן זיך אָפּ אַזוי שיין און גלאַטיק אויפן ווייכן, גאָל־דענעם זאַמד.

כ׳שטיי פאַרטראַכט ביים ברעג ים, די כוואַליעס באַוועגן זיך ריטמיש און וואַשן מיט זייער ווייסן שוים דאָס גאָלדענע זאַמד ביים אויסגעשפּרייטן ברעג.

פון ווייטן אומענדלעכן ים בלאָזט אַ פריש, מחיהדיק ווינטל.

ווערן רויט די באַקן, פון דער ריינער, פרישער לופט, און די לונגען ציען אַריין אין זיך די געזאַלצענע ים־לופט און עפּעס אָטעמט זיך אַזוי לייכט, אַזוי גרינג.

אַן אמתער עונג שבת, אַן עונג שבת אין ארץ ישראל ביים אָפענעם גרין־בלויען, אומענדלעכן ים.

נעמען מיך ארום טיפע עמאָציעס און לאָזן מיך נישט אָפּ.

מיר דאַכט זיך, אז דאָס אַלץ איז נאָר אַ חלום, אַ שיינער וואונדערלעכער חלום!

שטיי איך טאַקע, אין דער אמתן ביים זאַמדיקן ים־ברעג אין ארץ ישראל און קוק אויפן ווייט אויסגעשפּרייטן ים, וואו די שווימענדיקע כוואַליעס באַוועגן זיך איינע נאָך דער אַנדערער אונטער דער וואַרעמער פרילינג־זון?

וויפיל דורות אידן האָבן וועגן דעם געחלומט? וויפיל דורות אידן האָבן אויף דעם געהאָפט? וויפיל חלוצים האָבן זייערע יונגע לעבנס אוועקגעגעבן צו שאַפן, קיבוצים, קאָלאָניעס און דערפער ביים ברעג ים אין ארץ ישראל?

און אַט בין איך געקומען פון דער ווייטער, שיינער מעקסיקע און שטיי דאָ ביים ברעג ים, ביים אידישן ים־ברעג, און קוק אַ פאַרבענקטער אויף די שימערירנדע כוואַליעס אונטער דער צעשטראַלטער זון, אויף די גאָלדענע זאַמדן און אויף די שורות ווייסע, ציכטיקע הייזער אין קרית חיים.

איז דאָס נישט אַ סך שענער ווי דער שענסטער, פאַנטאַסטישער חלום?

מיין קוזין פרעגט מיך פלוצים: אברהם, וואָס שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט? און מיט אַ צופרידענעם שמייכל ענטפער איך אים:

ס'איז גוט, ס'איז מיר אויפן האַרץ אַזוי גוט, ווען כ'קען דאָ שטיין ביים אָפענעם ים און זען ווי אַ נייַ לעבן, אַ נייַ אידיש לעבן גייט אויף ביי די ים־ברעגן פון ארץ ישראל.

האָב איך אויפגעקליבן די פערלמוטערנע מושלען (זשאַבע שיסעלעך) וואָס ליגן צעוואָרפן ביים ברעג אויפן געלן זאַמד. כ'וואַש זיי אָפּ, רייניק זיי אָפּ ביים וואַסער, און זיי גלאַנצן די געבויגענע און געקאַרבטע מושלען מיט זייער מאַט־פערלדיקן קאָליר אונטער דער שבתדיקער, ליכטיקער זון.

כ'וועל זיי מיטנעמען מיט זיך די אויסגעוואַשענע, שטיפע מושלען פון ארץ ישראלדיקן ים־ברעג, אויף מיין ווייטער נסיעה צוריק קיין מעקסיקע...

פאַרנאַכט זיינען מיר געגאַנגען שפּאַצירן נישט ווייט פון קרית חיים. אין די גרעסערע שטעטלעך קרית־ביאַליק און קרית־מאָצקין. אַ שבתדיקע, בין השמשות רואיקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף

ביידע שטילע שטעטלעך.

אין דער גרעסערער קרית מאָצקין, זיינען דאָ פיינע, גרויסע, גע־מויערטע הייזער. געפלאַסטערטע גאַסן מיט טראָטואַרן ביי די הייזער שורות בוימער און אַ גרויסע, ברייטע אַלייע אין מיטן גאַס.

די באַנקן און די געשעפטן זיינען היינט פאַרמאַכט. לעבן די האָטעלן זיינען אָפן בלויז די סאָדע־וואַסער קרעמלעך און די יוגנט קוויקט זיך מיט „גלידה" (אייז־קרעם).

די נאַכט איז גיך צוגעפאַלן און מיר שפּאַצירן צוריק אַהיים אין קרית חיים.

איז אויפן וועג הינטערן שטעטל פינסטער, מיר דאַרפן אַריבער־גיין איבער די שינעס פון דער באַן־ליניע. פרעג איך מיין קוזין צי איז דאָ נישט קיין געפאַר צו גיין ביינאַכט אין דער פינסטער?

צעלאַכט ער זיך האַרציק: וואָס? אַ געפאַר? פאַר וועמען זאָלן מיר דאָ מורא האָבן?

וואָס מיינסטו, דו ביסט אין פּוילן? וואו אידן האָבן מורא גע־האַט צו גיין הינטערן שטאָט, די שקצים זאָלן אויף די אידן נישט אָנהייבן צו וואַרפן שטיינער און אָנרייצן די הינט אויף זיי...

דאָ אַרום און אַרום וואוינען אידן. אַלע שטעטלעך, פעלדער און גערטנער זיינען אידיש.

דאָ וואַרפט מען נישט קיין שטיינער אויף אידן, דאָ רייצט מען נישט אָן קיין בייזע הינט אויף אידן.

דאָ איז ארץ ישראל!

זונטיק דעם 29-טן מאַרץ —

כ'בין שוין צוריק אין חיפה.

איז מיר היינט באַשערט געווען צו נעמען אָנטייל אין דעם גרויסן מרויער, וואָס האָט געהערשט אין חיפה.

היינט איז פונקט דער געדענק־טאָג פאַר די אידישע הגנה־העלדן, וואָס האָבן מיט פינף יאָר צוריק, געפירט דעם קאַמף מיט די באַוואָפנטע אַראַבער איבער דער גרויסער פּאָרט־שטאָט חיפה.

די הגנה האָט טאַקע די שטאָט איינגענומען, אָבער עס זיינען אויך געפאַלן נעבעך אַ סך אידישע קרבנות.

בין איך געגאַנגען מיט מיין קוזין ישראל אויפן מיליטערישן בית־עולם, וואו ס'ליגן די געפאַלענע העלדן פון חיפה, און מען מאַכט זיי היינט אַן אזכרה.

צופוסנס פון כרמל־ באַרג האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, חברים און די עלטערן פון די געפאַלענע, אַלע שטייען מיט געבויגענע קעפּ, ווען דער חזן מאַכט דעם אל מלא רחמים.

מ'זאָגט קאַפּיטלעך תהילים און מ'האַלט טרויער־רעדעס. די מאַמעס פון די געפאַלענע העלדן וויינען, העשן און שלוכצן נאָך זייערע מייערע, ליבע זין און די טאַטעס שטיקן און דריקן אין זיך דעם ווייטיק און צער איבער זייערע געפאַלענע זין און טעכטער.

די מיליטערישע קברים ווערן אָפּגעהיטן און געהאַלטן אין גרויסער אָרדענונג. יעדער קבר איז ביי די זייטן אַרומגעלייגט מיט גלייכע גראַניט־שטיינער.

ביי יעדן קבר איז אַריינגעשטעלט אַ קליינע מצבה מיט אַ מיליטערישער אָפּצייכענונג: צבא הגנה לישראל. און מיטן נאָמען און מיליטערישן ראַנג פון געפאַלענעם.

זיינען די מיליטערישע קברים ביים בארג כרמל, אויסגעלייגט אין טעראסן, העבער און העכער, אין גלייכע שורות.

כ׳באטראכט דעם בית עולם. אָ, גאָט! וויפיל שורות קברים פון אונטערע העלדישע זין און טעכטער אין בליענדן עלטער.

די בעסטע און שענסטע יוגנט פון א פאָלק. די אלע געפאַלענע העלדן ארום חיפה, האָבן געפונען זייער אייביקע רו אויפן מיליטערישן בית־עולם.

דאָ רוען אלע אידישע העלדן, וואָס זיינען געפאַלן פאַרן כבוד און פרייהייט פון ישראל.

כ׳גיי דורך די שורות קברים און זע ווי א מאמע זיצט לעבן קבר פון איר טאָכטער און פארפלאָנצט א פריש בלימל־קוסט.

מיטאמאָל פאַלט זי ארויף אויפן קבר און ברעכט אויס אין א ספאזמיש געוויין. דער מאַן שטייט לעבן איר א שטילער, א פאַרגליווערטער מיט א געבויגענעם קאָפּ און טרערן קייקלען זיך פון זיינע אויגן אויף די בלאסע באַקן.

מיין קוזין באקענט מיך מיט זיינע פריינט די פאמיליע קעזשטעבער, וואָס שטייען איצט אויפן בית־עולם אין שטילן טרויער.

דער זון זייערער, דער הגנה־קאפּיטאַן דוד קעזשטעבער ע״ה, איז איינער פון די זעכצן געפאַלענע העלדן ביים קאמף פאַר חיפה.

דער קאפּיטאַן דוד, איז געשטאַנען אין דער צייט פון קאמף מיט די אראבער, ביי א פענסטער און געקוקט אין זיין פעלד־שפּאַקטיוו און געגעבן באפעלן צו די הגנה־קעמפער.

מיטאמאָל האָבן די אראבער אריינגעשאָסן א שראַפּנעל אין פענסטער און אים דערהארגעט.

דער פאָטער פון געפאַלענעם קאפּיטאַן, א געטרייער ציוניסט, ארבעט אין „תנובה" קאָאָפּעראַטיוו, ביי דער הסתדרות. ער האָט נאָך צוויי זין, אָבער די עלטערן קענען זיך קיין טרייסט נישט געפינען נאָך זייער געפאַלענעם זון דוד.

זיי לאַדן מיך איין צופאָרן מיט זיי אהיים אויפן כרמל.

אוודאי נעם איך אָן די איינלאַדונג. אין אזא מאָמענט, וועט דאָס אפשר זיין פאַר זיי א שטיקל טרייסט, אפשר?

מיר פאָרן ארויף אויפן כרמל. כ׳דערזע א פרעכטיקע פאַנאָראַמע.

עס דערמאָנט מיך די וואונדערלעכע פאַנאָראַמע פון די האָליוואוּדער בערג אין לאָס אנדזשעלעס.

יאָ, חיפה מיטן כרמל קענען זיך זיכער פאַרגלייכן מיט זייער וואונדערלעכער פּאַנאָראַמע און נאַטור־שיינקייט, מיט דער באַרימטער האַליוואוד אין די שטאַטן.

כ׳שטיי ביים ברעג באַרג און קען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם וואונדערלעכן צויבער־בילד, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר מיינע אויגן:

פון דער הויך אויפן כרמל, זעט מען דעם אויסגעשפּרייטן ים, דעם גאַנצן פּאָרט און די רוישיקע שטאָט אונטן, וואָס דראַפּעט זיך באַרג אַרויף, אַרויף.

אויף די רונדיקע, שיינע גאַסן, וואָס שלענגלען זיך אויבן אַרום כרמל, הערשט איצט אַ שבתדיקע רואיקייט.

די גאַסן־באַוועגונג איז אַ שטילע אַ געצאַמטע. אין די פיין־גע־מויערטע הייזער איז איצט שטיל. די איינוואוינער זיינען איצט אונטן אין שטאָט ביי זייער אַרבעט.

מ׳זעט אויך עטלעכע שיינע האָטעלן און קאַפעען.

טיפער אַביסל אויפן כרמל געפינט זיך דער גרויסער, שיינער שטאָט־גאָרטן „גן האם".

אַביסל ווייטער שטייט דאָס גרויסע קולטור־הויז פון הסתדרות, אין אַ רחבותדיקן גאָרטן. אין הויז איז דאָ אַ זאַל פאַר קולטורעלע אונטערנעמונגען, און אַ רעסטאָראַן.

אין די הייסע זומער חדשים קומען דאָ פאַר קולטורעלע פאַר־ווײַלונגען און פאָלקס־טענץ.

אין דער זייט אַביסל אַוועק פון צענטער, שטייט זיך אַ סאָסנע־וועלדל און וואַרט אויף די שבתדיקע געסט, זאָלן קומען כאַפּן אַביסל פרישע לופט אין שאָטנדיקן וועלדל.

פון רעכטס זעט מען, נישט ווייט פון פּאָרט, שטייען צוויי הויכע, הייזעכיקע בנינים, וואָס זעען אויס ווי גראָבע. בייכיקע, גרויסע קרוגן, אונטן ברייט און דיק און אויבן שמעלער.

דאָס זיינען די פּעטראָלעאום רעפינעריעס, וואו מ׳רייניקט דעם רויען גאַזאָלין.

און פון ווייטנס, וואו דער ים־ברעג רונדיקט זיך צו צפון, שיילט זיך אַרויס דער סילועט פון דער באַרימטער עכו־פעסטונג, וואָס רייסט זיך אַריין אַ שטיק אין ים אַריין.

פון לינקס זעט מען דעם אָפענעם ים, וואָס ציט זיך אַוועק ווייט־ווייט און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן ביים האָריזאָנט.

און טאקע פון אונטן, זעט מען ערשט דאָס פּרעכטיקע בילד פון דער שטאָט מיט די שטיינערנע הייזער, מיט די געדרייטע צוזאַמענגעפּרעסטע גאַסן און געסלעך.

דער טאָג איז אַ שיינער, אַ ליכטיקער. די לופט אויפן כרמל, אַ פרישע, אַ קילע, אַ מחיהדיקע.

פון אויבן אַ לויטערער, בלויער הימל. די זון־שטראַלן וואַרעמען אָבער ברענען נישט.

ס'איז דאָך ערב פרילינג, ערב פּסח.

כ'שטיי אויפן באַרג כרמל און קוק אַרום און אַרום, און די אויגן קענען זיך נישט גענוג זעטיקן מיטן וואונדער־שיינעם נאַטור־בילד פון דער צויבער־שטאָט — חיפה!

אין אָוונט, איז אויך אין דער גרויסער חיפה־שול פאָרגעקומען אַן אזכרה.

אין שול זיינען אויך געווען די עלטערן, פאַמיליעס און חברים פון די געפאַלענע העלדן ביים באַפרייען די שטאָט חיפה.

לעבן ארון קודש לינקס, זיינען געזעסן די פאָרשטייער פון חיפהער שטאָט־ראַט. און דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון חיפה מיט צוויי הויכע אַרמיי־אָפיצירן אין זייערע מיליטערישע אוניפאָרמען.

אויף דער רעכטער זייט, לעבן ארון קודש, איז געשטאַנען אַ טיש מיט זעכצן נישט אָנגעצונדענע ליכט.

אַ טיפער טרויער הערשט אין דער שול. אַלע לאָמפּן זיינען אָנגעצונדן. און דער חזן אויפן באַלעמער זאָגט מיט אַ ציטער אין זיין קול, עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים.

און ווען דער חזן מאַכט אַ מלא נאָך די געפאַלענע העלדן, הערט זיך איבער דער שול אַ שטיל איינגעהאַלטן געוויין.

דאָס וויינען די מאַמעס, שוועסטער און קינדער פון די אידישע העלדן.

אַ פאָרשטייער פון שטאָטראַט האַלט אַ רעדע, און דערנאָך רעדט דער מיליטערישער קאָמענדאַנט.

עטלעכע מינוט הערשט אין שול אַ טויטע שטילקייט. באַלד הערט זיך אַן אויסרוף: די טאַטעס פון אונדזערע געפאַלענע העלדן, וועלן איצט אָנצינדן די ליכט פאַר די נשמות פון זייערע טייערע, אומפאַרגעסלעכע קינדער.

מ'רופט אויס די נעמען פון די טאַטעס, און יעדער פאָטער באַ־

זונדער גייט צו צום טיש און צינדט אָן אַ ליכט נאָך זיין געפאַלע־נעם זון.

בלויז איין קליין אינגל גייט צו שטיל, פאַמעלעך צום טיש, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און צינדט אָן אַ ליכט נאָך זיין פאַרלוירע־נעם טאַטן אין קאַמף פאַר באַפרייאונג.

זעכצן אָנגעצונדענע ליכט, נאָך די זעכצן אידישע העלדן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע יונגע לעבנס, אין דעם טאָג, ווען חיפה איז געוואָרן באַפרייט.

האָט די טרויער־צערעמאָניע מיט די אָנגעצונדענע זעכצן ליכט, געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק.

אָט אַזוי באַערן, אָט אַזוי גיבן, די אידן אין ישראל, אָפּ כבוד זייערע געפאַלענע זין און טעכטער, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע יונגע לעבנס פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פאַר זייער לאַנד ישראל.

כ'זיץ און טראַכט: רבונו של עולם!

וואו האָט זיך גענומען אַזאַ גוואַלדיקער כוח צו דער הגנה, צו קענען באַזיגן אַזוי פיל אַרומיקע שונאים?

אַ נס? יאָ! אַוודאי אַ נס!

אַז מ'האָט אַזעלכע געטרייע זין און טעכטער, וואָס שרעקן זיך נישט צו גיין דעם טויט אַקעגן, ביים פאַרטיידיקן זייערע היימען, ביים פאַרטיידיקן זייער פרייהייט און לאַנד.

געשעט טאַקע דעמאָלט אויך אַ נס...

אַן אמתער נס!

מאָנטיק דעם 30-טן מאַרץ

היינט אינדערפרי האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען תל אביב.

אויף דער גאַס וואו דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ, איז אַ רעש, אַ טומל.

מענטשן שטייען אין רייען, מ׳וואַרט אויף אַ פּלאַץ אין די אויטאָבוסן וואָס פאָרן אַרויס פון תל אביב.

דער געדרענג ביי די קאַסעס נאָך בילעטן איז זייער גרויס. דער אַריינגאַנג צום אויטאָבוס איז אָפּגעצוימט מיט אייזערנע שטאַבעטן.

אַזוי פיל אידן, קיין עין הרע, פּאַקן זיך און איילן זיך. נישטאָ קיין צייט, יעדער איינער וויל וואָס פריער אַהיימקומען, ס׳איז ערב יום טוב, ערב פּסח.

תל אביב, די ריינע, ציכטיקע שטאָט מיט אירע שיינע הייזער מיט באַלקאָנען, מיטן גיכן טעמפּאָ אויף די גאַסן; מאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ גרויסע אייראָפּעאישע שטאָט, אַ שטיק וואַרשע...

די צענטראַלע, לאַנגע גאַס אַלענבי מיט די גרויסע, שיינע געשעפטן, בענק און גרויסע מאַסיווע געביידעס פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס, זעט טאַקע אויס ווי אַ שטיק נאַלעווקיס אין אַמאָליקן וואַרשע . . .

אָבער די הינטער גאַסן זיינען נישט זייער ברייט. נישט צוגעפּאַסט פאַר דער מאָדערנער טראַפיק.

אָבער די ברייטע גאַסן וואָס ציען זיך ביז צום ים, מאַכן אַן איינדרוק פון אַ שטאָט מיט אַן אייראָפּעאישן פּאַרנעם.

די פיר און פינף שטאָקיקע, שיין געבויטע הייזער מיט באַלקאָנען אויף יעדן שטאָק אין די שטילע, רואיקע גאַסן און אַלייען, מאַכן אַן איינדרוק, ווי אין די וואוינונגען וואָלטן געלעבט מענטשן, וואָס

זיינען באזארגט מיט א גוטער פרנסה און לעבן זיך דא גאנץ באקוועם.

די גאסן טראגן די נעמען פון בארימטע אידישע פערזענלעכקייטן, שרייבער און בארימטע געלערנטע. די נעמען פון די גאסן זיינען אויף דריי שפראכן.

אויבן העברעאיש, אינדערמיט אראביש און אונטן ענגליש.

כ'שפאציר אויף די גאסן, געפאקטע מיט דורכגייער און פארגעס, אז כ'בין אין ארץ ישראל...

מיר דאכט זיך, אז כ'בין אין א גרויסער אייראפעאישער שטאט, כאטש פון א מיליאן איינוואוינער... נישט פון קיין פיר הונדערט טויזנט, כן ירבו, ווי תל אביב האט איצט.

א סך הייזער זיינען שוין געבויט פון צעמענט און בעטאן, אויפן אמעריקאנער סטיל.

די ארדנונג אין די גאסן איז טאקע א מוסטערהאפטע.

די אידישע פאליציי אין שיינע אוניפארמען, שטייען אין די זייטן גאסן, לויטן ענגלישן סיסטעם.

נאר די טראפיק־פאליציי מיט ווייסע ארבל, שטייען גרייט מ'זאל חלילה נישט עובר זיין אויף די טראפיק רעגולאציעס.

ס'רייטן אויך ארום טראפיק־פאליציי אין שיינע אוניפארמען אויף פיינע, אויסגעפאשעטע פערד, וואס גייען אויף דער גאס מיט געציילטע טריט, פאמעלעך, פאמעלעך, מיט שטאלץ־ אויפגעהויבענע קעפ, גלייך ווי זיי וואלטן געגאנגען אויף א פאראד...

אין סאמע צענטער אויף אלענבי גאס, זעט זיך ארויס די גרויסע, אימפאזאנטע שול־געביידע מיטן שיינעם קופאל איבער דער שול.

דער קופאל פארענדיקט זיך טאקע אין דער הויך מיט א גרויסער מנורה.

שטייט אויף דער אנדערער זייט גאס, די אימפאזאנטע הסתדרות געביידע מיט די צענטראלע ביוראען. דארט ברויזט איצט מיט לעבן. מ'גייט אריין און ארויס.

דארט דערפילט מען דעם פולס פון דער ארץ ישראלדיקער ארבעטער־באוועגונג און דעם גרויסן נאציאנאלן כוח, וואס די הסתדרות העובדים פארמאגט.

די שיינע ראטשילד אליע, „שדרות רוטשילד", שניידט דורך די לאנגע, קאכעדיקע אלענבי גאס.

די בוימער אין דער ראָטשילד אַלייען שטייען שוין צעוואַקסענע, צעגרינטע פון אָנקומענדיקן פרילינג. לעבן די בוימער שטייען אויס־געשטעלט פוןביידע זייטן גרויסע בענק, וואו מ׳קען זיך אַביסל אָפּרוען און דערוויל כאַפּן אַ היימישן שמועס...

אין די קאַפעען זיצן אידן לייטיש און גאַנץ פיין אָנגעטאָן. מ׳זופּט אַ טעפּעלע שוואַרצע קאַפע, אַ הייסע גלאָז טיי מיט אַן עוגהלע (קיכעלע).

מ׳רעדט וועגן געשעפט, פּאָליטיק, נייס, נאָר מער פון אַלץ רעדט מען פון פּאָליטיק.

הערט מען רעדן העברעאיש, אידיש, מאַמע־לשון געמישט מיט אַביסעלע „עברית", ענגליש און טאַקע אויך אַביסל דייטש.

די טוריסטן גייען אַרום לעבן די קראָמען. באַקוקן די אויסגע־שטעלטע סחורות אין די פענסטער. זיי ווילן עפּעס קויפן, זיי געפעלט שטאַרק די קינסטלעריש־אויסגעאַרבעטענע זאַכן פון תוצרת הארץ, פון דער נאַציאָנאַלער ישראל אינדוסטריע.

אָבער זיי לייגן אָפּ דאָס קויפן אויף נאָך פּסח. ווען זיי וועלן שוין באַשטימט וויסן, וויפיל ישראל־געלט זיי וועלן קריגן פאַר אַ דאָלאַר...

איז טאַקע אַ מחיה צו זען, ווי אידן לויפן, גייען הין און צוריק שטאַרק פאַרנומענע אויף ביידע זייטן גאַס.

אין מיטן גאַס איז שטענדיק אַ געדרענג פון אויטאָבוסן און טאַקסים.

מ׳זעט באַשיינפּערלעך, ווי אידן ווילן אויסלאָדן זייער ענערגיע, וואָס איז ערגעץ וואו געהאַמעוועט געוואָרן...

זיי עפענען זייערע הענט, שפּרייטן אויס זייערע אָרעמס. שאַפן דערפער און שטעט, אינדוסטריעס און האנדל.

אין חיפה און אין תל אָביב ברויזט מיט לעבן און שאַפונגס־כוח. אידן ווילן שאַפן אַ צוקונפט, אַ ניי לעבן, אַ געזונט אידיש לעבן פאַר זייערע קינדער, פאַרן נייעם דור.

האָב איך זיך טאַקע מיט אימפּעט צוגעכאַפּט צו דער עלעגאַנטער אידישער שטאָט תל אָביב, וואָס איז זיך אַזוי שיין צעוואַקסן אין ישראל ביים מיטלענדישן ים.

כ׳האָב אַלץ געוואָלט זען, געוואָלט באַזוכן פריינט, פאַר וועלכע כ׳האָב געהאַט גרוסן פון מעקסיקע.

אָבער ס'איז היינט ערב פּסח. כ'דאַרף דאָך נאָך היינט פאָרן אין נתניה צום סדר.

כ'וועל טאַקע דאָס אַלץ מוזן אָפּלייגן אויף די לעצטע טעג פּסח. האָב איך קוים געקריגן אַן אָרט אין אַ טאַקסי, וואָס פאָרט אין נתניה.

דער שאָסיי איז אַ גוטער אַ גלייכער, ער גלאַנצט אונטער דער צעשטראַלטער זון פון דער גרויסער טראַפיק, וואָס גייט דאָ אַדורך אַרויס און אַריין אין שטאָט.

מיר פאָרן אַ דורך נישט ווייט פון רמת־גן. מ'זעט ווי ס'בויען זיך נייע גרויסע פאַבריקן, די גרויסע „תנובה" געביידע. נייע געביידעס פון שטאָל און קאָנקריט.

לינקס, זעט מען דאָס באַרימטע מיט גראָז באַוואַקסענע בערגל, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געהייסן אָנשיטן מיט ערד, כדי ער זאָל בעסער קענען זען די סטראַטעגישע פּאָזיציעס, ווען ער האָט געוואָלט איינ־נעמען דאָס הייליקע לאַנד, אין דער מלחמה מיט די טערקן.

מ'זעט אויך דעם באַרימטן גרויסן סטאַדיום פון די ישראל ספּאָרטלער.

נאָכן אַריבער פאָרן דעם היסטאָרישן טייך ירקון שפּרייטן זיך אויס פון ביידע זייטן שאָסיי, די גרין פאַרזייעטע פעלדער מיט די שאָטנדיקע, צעוואַקסענע עקאַליפּטוס־בוימער.

אַ פרייד גייט אויף אין יעדן אידיש האַרץ. ווען מ'זעט די שטעטלעך, דערפער און קיבוצים מיט גרויסע אויפשריפטן פון ביידע זייטן שאָסיי, וואו די טאַקסי לופט גיך אַדורך.

בין איך נאָך מיטאָג אָנגעקומען אין נתניה, בלויז נאָך איין שעה פאָרן פון תל אָביב.

מאַכט די שיינע, ציכטיקע שטאָט ביים ים אַ וואונדערלעכן איינ־דרוק. ברייטע, געפלאַסטערטע גאַסן.

אויפן וועג צום ים ציט זיך אַ גרויסע, ברייטע אַליע מיט גרין גראָז, בלומען, און ביי די זייטן צוויי שורות צעבליטע בוימער.

ס'ווילט זיך אַזוי צוגיין צום גרויסן גאָרטן וואָס געפינט זיך ביים ים־ברעג. אָבער ס'איז שוין שפּעט.

אין דרויסן שפּריצט איצט אַ דין, דראָבנע רעגנדל, וואָס דער־פרישט די לופט, ווי זאַפטיקע טוי־טראָפּנס פון הימל.

כ'זיך אויס די זאַנגוויל גאַס און גיי גלייך אריין צו מיין קוזינע אין הויז.

שוין מער ווי דרייסיק יאָר, וואָס כ'האָב מיין קוזינע חיה צביה נישט געזען.

אין מיין געבורט־שטעטל קאָנסקאָוואָליע (לובלינער גובערניע). איז מיין מומע חנה רחל ע"ה געווען די רייכסטע פון דער משפחה.

ווען כ'בין אריינגעקומען צו דער מומען, אין שפּייז־געשעפט, האָט מיך שטענדיק מיין קוזינע מכבד געווען מיט אַ לובלינער צוקער־לעקעכל און מיט אַ קעשענע געטריקנטע באַניקערן...

האָבן שוין די אינגלעך, מיינע חברים, געוואוסט, אַז ביי מיר אין קעשענע קענען זיי קריגן עטלעכע פּאָר באַניקערן צו שיילן...

האָבן מיט יאָרן שפּעטער אירע קינדער, די חלוצים, געראַטעוועט פון פּוילן, נאָך פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, זייער מאַמען מיטן פרומען טאַטן דעם גרויסן למדן און גערער חסיד.

זיי געבראַכט אין ארץ ישראל און אַזוי געראַטעוועט אַ טייל פון דער משפחה פון די נאַציישע רוצחים.

איז די פרייד געווען גרויס, זייער גרויס!

נאָך אַזוי פיל ליידן און פּיין, מלחמות און דער שרעקלעכער חורבן פון אונדזער פאָלק, איז דאָך טאַקע אַ גרויסע פרייד צו זען אַ טייל פון מיין משפּחה אין ארץ ישראל.

זיץ איך אַזוי פאַרטראַכט און זע ווי מ'גרייט צו דעם סדר־טיש. און דערינערונגען פון דעם ליבן יום־טוב פּסח, וועקן אויף ביי יעדן פון אונדז, די שענסטע און הערלעכסטע איבערלעבונגען פון דער סדר־נאַכט.

און איצט, ביי מיין ערשטן סדר אויף דער ארץ ישראל ערד, אונטערן ישראל הימל און ביים סדר־טיש ביי מיין ליבער קוזינע.

שווימען מיר איצט אַרויף די אַנגענעמע, זיסע דערינערונגען, ווי ים־כוואַליעס אין אַ שיינעם, שטילן זומער פאַרנאַכט.

די וואונדערלעכע, דערהויבענע סדר נאַכט אינדערהיים ביי טאַטע מאַמע אין קליינעם שטעטל אין פּוילן:

— אָט זיצן מיר אַלע ביים סדר. אונדזערע יונגע הערצער זיינען איבערפולט מיטן יום טובדיקן ציטער: אָט־אָט גייט מען שוין אָפּרעכטן דעם סדר...

כ'האַלט לעבן מיר מיין כוסעלע, וואָס יאָר נאָך יאָר טרינק איך אין דעם די פיר כוסות וויין.

א שיין ליב כוסעלע מיט א גאָלדן רייפעלע פון אויבן און אין מיטן א גאָלדענער אויפשריפט: כוס של פסח.
איז דאָס גלעזערן כוסעלע געווען ביי מיר די טייערסטע זאַך אין דער וועלט.
כ'האָב דאָס אָפּגעהיטן פון פסח ביז פסח, ווי דעם טייערסטן אוצר.
האָט אָבער מיין קלענערער ברודער יאַנקעלע געוואָרפן אַן אויג אויף מיין טייער פסחדיק כוסעלע און דאָס געוואָלט ביי מיר צונעמען.
איז ביים סדר געוואָרן אַ ברודער־קריג צוליבן כוסעלע...
האָט אונדזער שטילע, האַרציקע מאַמע שרה ע"ה, שלום געמאַכט צווישן אונדז:
דו ביסט דאָך שוין אַ גרויסער אינגל, האָט זי מיך געטרייסט, דאַרפסטו טרינקען די ארבע כוסות אין אַ גרוים גלעזל, נישט אין אַ קליין כוסעלע מיט גאָלדענע צאַצקעלעך...
מיין ברודער איז דאָך קלענער, זאָל ער טאַקע איבערנעמען מיין טייער פסחדיק כוסעלע.
אָבער מיין ליב, שיין כוסעלע, פון די אַמאָליקע באַצויבערטע סדר־נעכט קען איך ביז היינט נישט פאַרגעסן...
מיר האָבן דאָך די פאַרכישופטע סדר נאַכט אריינגעוועבט אין אונדזערע יונגע הערצער, וואָס מיר נעמען מיט זיך מיט אויף אונדזער גאַנץ לעבן...
און היינט?
חרוב געמאַכט די אידישע היימען!
אויסגעהרגעט די אידישע טאַטעס, די סדר־אָפּרעכטער.
אומגעברענגט די האַרציקע מאַמעס, די ליכטיקע פסחדיקע מלכות.
פאַרטיליקט די טייערע אידישע אינגעלעך מיט די צעשטראַלטע אויגעלעך, די פסחדיקע קשיא־פרעגערס.
צעבראָכן די דורותדיקע, יום־טובדיקע כוסות. די פסחדיקע, קרישטאָלענע, שיינע כוסעלעך מיט די גאָלדענע רייפעלעך...
און ווי סימבאָליש!
איצט זיץ איך ביים סדר, ביי די לעצטע פון אונדזער שטעטל.
ביי די איבערגעבליבענע פון אונדזער גרויסער משפּחה.
און וואו?

ביים סדר אין א פרייִ אידיש לאַנד!
אין ארץ ישראל!

האָט מען מיך, ביים שיינעם, ליכטיקן, סדר־טיש, מכבד געווען צו מאַכן קידוש.

ווען כ׳האָב גענומען דעם פסחדיקן כוס ווײַן פאַמעלעך אין האַנט, האָט מיטאַמאָל א גאַנצער קנויל עמאָציעס פאַרפּלייצט מײַן מוח.

מײַן געמיט איז אינגאַנצן געוואָרן ארומגענומען פון די אַמאָליקע דערינערונגען. כ׳האָב זיך מער נישט געקענט באַהערשן...

און א שטראָם טרערן האָט זיך געגעבן א גיס ארויס פון מײַנע אויגן.

זײַנען אַלע ביים טיש געוואָרן דערשטוינט און זיך געוואונדערט. זיי האָבן אוודאי נישט פאַרשטאַנען מײַנע געדאַנקען און וואָס ס׳קומט איצט פאָר טיף אין מײַן נשמה.

ווען כ׳שטיי פסח ביינאַכט מיטן כוס ווײַן אין האַנט, אין דער היים פון מײַן איבערגעבליבענער גרויסער משפחה אין ארץ ישראל...

כ׳האָב זיך אָבער ביסלעכווייז באַהערשט און טאַקע געמאַכט קידוש מיטן יום טובדיק זיס־אומעטיקן ניגון.

האָט מיר מײַן פרומע, גאָטס־פאַרכטיקע קוזינע שפּעטער געמאַכט א קאָמפּלימענט, אז אַזא יום־טובדיקן קידוש, האָט זי שוין לאַנג־לאַנג נישט געהערט...

האָט מען די פיר קשיות געפרעגט, ווי ס׳פירט זיך אין ארץ ישראל, טאַקע זינגענדיק.

און אַלע ביים טיש האָבן אויפגעכאַפּט דעם שיינעם, פאַרבענקטען ניגון פון די פסחדיקע קשיות אין ישראל, און מיטגעזונגען.

האָט דאָס טאַקע מיר אויסגעזען עפּעס מאָדנע, פרעמד: זינגענדיקע קשיות!

אָבער אז אַלע האָבן געזונגען, האָב איך אויך מיטגעזונגען. אז זינגען, זאָל זײַן געזונגען.

איז אָבער דער תירוץ געווען דער אַלטער, שוין נישט קיין זינגענדיקער, נאָר די אַלטע געשיכטע פון עבדים היינו לפרעה במצרים.

טרינקט מען אָבער דאָ, אין ארץ ישראל דעם אמתן פסחדיקן ווײַן.

האָב איך טאַקע געטרונקען, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, די ארבע כוסות מיטן גוטן, געשמאַקן ארץ ישראל ווײַן, פסח ביינאַכט ביים סדר, אין דער ציכטיקער, שיינער שטאָט נתניה, ביים ים.

אונטערן ישראל הימל

און פונקט ווי אמאל ביים סדר, האבן זיך אונדזערע קינדער־שע הערצער געפרייט מיט די קלעפ און מכות, וואס גאט האט געשטראפט די מצרים מיטן שלעכטן פרעה, פארן פייניקן אזוי פיל דאס פאלק ישראל אין מצרים.

און ס׳איז טאקע געשען דער גרויסער נס פון יציאת מצרים ביים ים סוף.

האט מען טאקע איצט נאכן סדר, אויך גערעדט פון דער מלחמה מיט די מצרים מיט פינף יאר צוריק...

ווען דעם היינטיקן פרעהס זעלנער זיינען אנגעפאלן אויף דער יונגער אידישער מדינה.

האבן זיי טאקע אונדזערע, העלדישע זעלנער דערלאנגט קלעפ מיט הייסע מכות... און דאס מאל איז געווען אביסל פאר־קערט:

די צעקלאפטע מצרים, האבן געמאכט א יציאת ארץ ישראל... צוריק קיין מצרים, און די יונגע אידישע הגנה־ארמיי, איז טאקע נאכאמאל צוגעקומען דורכן נגב צום — ים סוף...

די געשיכטע חזרט זיך טאקע איבער!

דינסטיק, דעם 31-טן מאַרץ

ס'איז דער ערשטער טאָג פּסח.

פאַר מיר, דער ערשטער טאָג פּסח אין ארץ ישראל.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אזא שיינער, אזא ליכטיקער. די זון האָט מילד און מחיהדיק אראָפּגעשיקט אירע גין־גאָלדענע שטראַלען פון טיף־בלויען, לויטערן הימל, אויף די איינוואוינער פון נתניה, וואָס האָבן זיך באַלד אינדערפרי געלאָזט גיין אין שול אריין דאַווענען, און אַ טייל האָט פאַמעליע געמאַכט אַ שפּאַציר צום אָפענעם ים.

מיין פרומע קוזינע איז באַלד אינדערפרי אוועק אין שול אַריין מיט איר מחזור איינגעוויקלט אין אַ ווייס טיכל.

איז זי אָבער אויך אַ חכמה, האָט זי בלויז גיך געזאָגט די מענער: דעם זון, איידעם און מיר, שוין שטייענדיק ביי דער טיר:

אַ גוטן יום טוב, מיר וועלן זיך שוין זען אין שול...

זיינען מיר טאַקע אביסל שפּעטער צוגעגאַנגען צו דער גרויסער שול.

איז די שול, קיין עין הרע, געפּאַקט.

אין קאָרידאָר שטייען רעדלעך אידן מיט די טליתים אויף די אַקסל און כאַפּן אַ שמועס אויף אַ געשמאַקן אידיש, ווי אַמאָל אין בית מדרש, אין דער אַלטער היים...

אַ יום טובדיקע שטימונג נעמט מיך אַרום ביים אריינגיין איז שול. אַלע עלעקטרישע לאָמפּן זיינען אָנגעצונדן. דער עולם שטייט אין די טליתים און וואַרט אויף עפּעס.

מיטאַמאָל ווערט שטיל און דער חזן הייבט אָן זאָגן הלל.

איבער דער גאַנצער שול קלינגט אָפּ דער זיס־פאַרבענקטער ניגון פון יום־טובדיקן הלל.

ציט אויס דער חזן מיטן יום טובדיק הארציקן ניגון.

— מה לך הים כי תנוס הירדן תסוב לאחור.

— וואס איז דיר ים, וואס דו אנטלויפסט? דו ירדן, וואס דו טרעטסט אפ אהינטער.

די ווערטער פון גרויסן קיניג־פאעט, דוד המלך, דאס פאעטישע תהילים־געזאנג קריגן מיטאמאל פליגלען, פלאטערן דא ארום אין שול.

ס'דאכט זיך, אז די יום טובדיקע דאוונער הערן די לויפנדיקע כוואליעס ביים ברעג ים אין נתניה...

און דאס פליסנדיקע, שטילע וואסער פון ירדן.

יא, טאקע דא נישט ווייט פון שול, שפרייט זיך דאך אויס דער אפענער, ברייטער ים.

און טאקע דא נישט ווייט, שלענגלט זיך אויך דער שטילער ירדן...

גייען מיר שפעטער אביסל ארויס שפאצירן צום שטאט־גארטן ביים ים.

א ברייטע, שיינע אליע ציט זיך איבער דער גאס ביז צום גארטן. די גאנצע אליע איז באדעקט מיט פריש גרין, שיין־צוגעשניטן גראז, און פון ביידע זייטן שטייען צעוואקסענע, שאטנדיקע ביימער.

פון דער רעכטער זייט גאס, שטייט א גרויסער קינא־זאל און א קאפע.

פון דער לינקער זייט, שטייען צוויי גרויסע זעקס־שטאקיקע, פרעכטיקע האטעלן. דער „פארק־האטעל" מיט א גרויסארטיקן אריינפאר. און נישט ווייט שטייט דער גרויסער האטעל „עצמאות" מיט א גרויסן עלעקטרישן אויפשריפט אויפן דאך.

מיר גייען אריין אין גארטן, וואס איז אויסגעלייגט מיט שמאלע כמעזשקעס און מיט זייטיקע וועגן טיף אין גארטן, א גן־עדן פאר ראמאנטישע פארלעך...

דער שטאט־גארטן איז פול מיט פארשידענע ביימער, געוויקסן און בלומען.

כ'גיי אראפ די שטיינערנע טרעפ ביז צום ים־ברעג, און פאר מיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט א פרעכטיקע פאנאראמע.

דער ים, א רואיקער, א גרין־בלויער, באשפיגלט פון די גאלדענע זון־שטראלן.

די כוואליעס רירן אן שטיל דעם זאמדיקן ברעג און ציען זיך פאמעלעך צוריק, אן רעש, אן געפילדער. ס'איז דאך עפעס היינט יום טוב...

א קיל ווינטל בלאָזט פון ים, דערפרישט דעם גוף און פילט אָן דאָס האַרץ מיט מוט און ענערגיע.

פרישע פריילינג־ריחות קומען פון גאָרטן. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט די שמעקנדיקע ריחות פון די צייטיקע בלומען, גרינעביימער, און אָפּגעשניטן גראָז.

ס׳איז מיר דאָ אַזוי גוט, עפּעס אַ ליכטיקייט, אַ דערהויבנקייט גייט אויף אין מיין האַרץ.

אָט דאָ, אין דעם ליכטיק־זוניקן טאָג אין חג־האביב, אין פריילינג־יום־טוב פּסח.

דאָ, אין דעם שיינעם, צעבליטן גאָרטן ביים ברעג ים אין ארץ ישראל.

דערפילט מען אַזוי וואָרהאַפטיק, אַזוי אמתדיק טיף דעם טעם פון דעם וואונדערלעך־ראָמאַנטישן געזאַנג פון קיניג־זינגער שלמה המלך:

שיר השירים, דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. וואָס דער רבי האָט מיט מיר געלערנט פאַר פּסח אין חדר, ווען כ׳בין אַ קליין אינגל געווען.

דאָ, דערפילט מען דעם אַראָמאַט, וואָס איז אָנגעזאַפּט אין דעם פּאָעטישן פריילינג־פּסוק פון שיר השירים געזאַנג:

—הנצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו.

— די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד.

— די צייט פון געזאַנג איז געקומען.

— און דער קול פון טורטל־טויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.

פילט מען טאַקע איצט דאָ דעם אַראָמאַט פון בלומען־ריחות.

גייען דאָ איצט אויף די שפּראָצונגען אין די גערטנער און פעלדער אויף דער ערד אין ארץ ישראל.

פאַרשטייט מען דאָ בעסער די פּרעכטיקע נאַטור־בילדער פון אונדזער תנ״ך.

דאָ, אין ארץ ישראל, זיינען דאָך געשאַפן געוואָרן די אומשטערבלעכע געזאַנגען פון תהילים.

די רעליגיעז־פּאָעטישע געזאַנגען פון דוד המלך, וואָס ווערן געזונגען, געבעטן און רעציטירט פון אַלע פעלקער און אין אַלע שפּראַכן, אויף דער גאָרער וועלט.

דערפילט מען דאָ אויך בעסער און טיפער, די פלאַם־פייערדיקע

ליבע־ווייען פון שלמה המלכס ראָמאַנטישע ליבע־פּאָעמע — שיר השירים.

דאָ, אויף די ארץ ישראל פעלדער, באַדעקט מיט גרין־שמעקנדיק גראָז.

און די צעבליטע, פולע גערטנער מיט רייפע, זאַפטיקע פרוכטן און אויף די זוניקע בשמים־בערג.

דאָ טאַקע איז דאָך געשאַפן געוואָרן — שיר השירים!

די גרעסטע און שענסטע ליבע־פּאָעמע אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור.

איז די צווייטע סדר־נאַכט, כ׳מיין די צווייטע נאַכט פסח, שוין געווען אָן אַ סדר...

דאָ, אין ארץ ישראל רעכנט מען דאָך אָפּ בלויז איין סדר, איז טאַקע אַ גרויסער שאָד...

אַ שאָד נאָך פיר כוסות וויין, אַזאַ טייערע, געשמאַקער וויין.

אַ שאָד וואָס מ׳הערט מער נישט זינגען אַזוי שיין, די פיר זינגענדיקע קשיות.

און טאַקע אויך אַ גרויסער שאָד, וואָס די קינדער נעבעך, קענען מער ווי איינמאָל נישט צוגנבענען דעם אפיקומן...

זיינען מיר די צווייטע נאַכט פסח, נאָך דער וועטשערע, געגאַנגען אַביסל שפּאַצירן.

מיר זיינען געגאַנגען באַזוכן מיין קוזינעס זון מיט זיין פאַמיליע, וואָס וואוינען אין סאַמע עק שטאָט אין אַן אייגן הויז.

זיינען דאָ אַרום נתניה עטלעכע קליינע פאַרשטעטלעך, מיט שיינע איינציקע פאַמיליע־הייזער און שיכונים, וואָס טוליען זיך מיט זייערע ווייסע הייזער און גערטנער צו דער גרעסערער שטאָט נתניה.

מיר גייען ביינאַכט אויפן געפלאַסטערטן שאָסיי אָן שום מורא. דאָ איז דאָך דער אמתער ליל־שמורים...

דאָ איז דאָך אַוועק אויף אייביק דער פּחד, די שרעק פאַר אונדזערע שונאים, וואָס פלעגן אונדז אַמאָל מכבד זיין מיט זייערע „ספּעציעלע” בילבולים... דווקא אויף אונדזער פרייהייט־יום־טוב פּסח.

אויפן האַלב־פינסטערן וועג הינטערן שטאָט מיט די אָפענע פעלדער, איז שטיל, זייער שטיל. מ׳זעט נישט קיין דורכגייער אויפן איינזאַמען, שאָטנדיקן וועג.

פון ווייטנס שיילן זיך שוין ארויס די איינשטאָקיקע הייזער מיט זייער ווייסקייט.

כ׳וואַרט, אַט־אַט וועלן געבן אַ שפּרונג אַרויס מיט אַ געבילעריי עטלעכע הינט און נעמען בילן אויף אונדז.

אַמאָל אין פּוילן, ווען מ׳איז געגאַנגען שפּאַצירן שפּעט ביי־נאַכט הינטערן שטאָט. האָבן נאָר די הינט דערהערט אַ שאָרך, אַ טריט פון אַ פרעמדן מענטש, זיינען זיי אַרויס מיט אַ געבילעריי פון אַלע זייטן.

און מ׳איז קוים־קוים אַנטלאָפן און זיך געראַטעוועט פון די בייזע, צערייצטע הינט, צוריק אין שטאָט אַריין...

אָבער נישט אין ישראל, אָ, ניין!

אין ארץ ישראל זיינען נישטאָ קיין סך הינט.

אין די קליינע שטעטלעך, דערפער אָדער קיבוצים, הערט מען דאָך גאָרנישט ביינאַכט דאָס באַקאַנטע בילעריי פון די דאָרפישע הינט...

וויזט אויס, אַז די ארץ ישראל כלבים, ווייסן אויך אַז היינט איז פּסח, יציאת מצרים, און ביי יציאת מצרים זאָגט דאָך דער פּסוק אין חומש: לא יחרץ כלב לשונו...

און אפשר איז טאַקע שווער אויסצוהאַלטן אין ישראל אַ הונט, צוליב דער אכילה... מ׳דאַרף דאָך די הינט געבן קעסט...

די לופט ביינאַכט אין דרויסן איז אַביסל קיל, מוז מען גיין ביי־נאַכט אין אַ מאַנטל.

דער הימל איז איצט אויסגעלייטערט, אַ טיף־בלויער און אָנגע־פּיקעוועט מיט פינקלדיקע שטערן.

די זילבערנע לבנה, אַ פולע, אַ בלאַנקנדיקע, שווימט זיך אין דער לויטערער קילער לופט רואיק, באַזאַכט און עפּעס אַזוי יום טובדיק.

באַלייכט זי אונדז טאַקע דעם וועג מיט איר בלאַס, פאַרחלומטער שיין, ביז מיר קומען צו אַ קליין ווייס הויז מיט אַן אָפענער וועראַנדע וואו ס׳ברענט איצט אַ קליין עלעקטריש לעמפּעלע, און מיר גייען אַלע אַריין אין הויז מיט אַ פריילעכן גוט יום טוב. אָבער די צווייטע נאַכט פּסח, איז דאָך שוין אין ישראל חול המועד...

מיטוואָך, דעם 1־טן אַפּריל

מיין קוזין מרדכי און איך פאָרן היינט, דעם ערשטן טאָג חול המועד פסח קיין ירושלים.

פאָר איך דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער אייביקער און הייליקער שטאָט ירושלים.

און טאַקע פּסח דאַרף מען דאָך אוודאי עולה־רגל זיין אין אונדזער אַלטער שטאָט ירושלים.

ס'ווערט דאָך שוין דריי טויזנט יאָר, זינט דוד המלך האָט באַזיגט די פעסטונג אויפן באַרג ציון און אויפגעבויט די שטאָט ירושלים. די אייביקע הויפּט־שטאָט פון אידישן פאָלק.

זיינען מיר גאַנץ פרי אַרויסגעפאָרן פון נתניה.

דער שאָסיי איז אַ גלאַטער, אַ פעסטער, פון קאָנקריט געבויטער. די רעדער פון אויטאָבוס קלינגען אָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געדרייט אויף שטאָל...

הינטער דער שטאָט זעט מען עטלעכע ליידיקע פרדסים. די פאָמעראַנצן־ביימער פאַרדאַרטע, אויסגעטרוקנטע.

בלויז עטלעכע שלאַנקע ציפּרעסן זיינע געבליבן שטיין פון אַלע זייטן, ווי שומרים וואָס היטן דעם פאַרלאָזטן, פאַריתומטן פרדס, וואָס וואַרט מ'זאָל אָפּקויפן די ערד און בויען אויף זיין אָרט אַ גרויס הויז.

מיר פאָרן אַריין אין די בערג, וואו דער נייער שאָסיי איז ניך געבויט געוואָרן אין דער צייט פון דער באַפרייאונג־מלחמה מיט די אַראַבער.

דאָס איז דער באַרימטער שאָסיי, דער „כביש הגבורה" אין קאָרידאָר. אויפן וועג קיין ירושלים.

פון דער רעכטער זייט זעט מען קליינע ביימעלעך, וואָס האַלטן זיך פעסט צווישן די שטיינער אויף די משופּעדיקע בערג.

איבערן גאַנצן וועג צווישן די בערג, זעט מען די פאַרפלאַנצטע יונגע ביימעלעך, און לעבן זיי אַריינגעשטעקט ברעטלעך מיט אויפשריפטן: „יער קוק", „יער ברלין", און „יער קדושים".

לינקס, א צען קילאָמעטער פון ירושלים, דראַפּעט זיך באַרג אַרויף דאָס באַרימטע אַראַבישע מערדער־דאָרף „ליפטא".

איצט שטייט דאָס מערדער־דאָרף צעשטערט און וואַרפט אָן אַ שרעק אויף די דורכפאָרער מיט די געל־שטיינערדיקע פוסטע, און ליידיקע אַראַבישע הייזער.

וואָס נענטער מ'קומט צו ירושלים, באַווייזן זיך די בערג באַדעקטע מיט שטיינער. זעט דאָס אויס, ווי עמעצער וואָלט דאָ אומישנע, עפּעס צוליב אַ בייזן, שלעכטן קאַפּריז, אַנגעוואָרפן אויף די בערג מיליאָנען שטיינער...

גאַנצע קילאָמעטערס פאַרזייעטע בערג מיט שטיינער.

פאַלט עפּעס אויף מיר אָן אַן אומעט, זעענדיק אַזאַ ים שטיינער. גרויע, העלע און טונקעלע שטיינער ליגן אָנגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן.

כ'פיל עפּעס ווי ס'וואָלט ווער געדריקט אויף מיין האַרץ און שווער געמאַכט מיין געמיט.

רבונו של עולם! פון וואַנען האָבן זיך דאָ אויף די בערג צונויפגענומען אַזוי פיל שטיינער?

ציען זיך די בערג פון ביידע זייטן שאָסיי, און דער וועג מאַכט אַן איינדרוק, אַז דאָ אויפן לאַנגן וועג צווישן די בערג קען קיין שום שונא נישט צוקומען אַזוי גרינג...

דער אויטאָבוס האָט זיך מיט אימפּעט אַריינגעגליטשט אין ירושלים און איז שטיינגעבליבן לעבן דער סטאַנציע, וואו כ'האָבן געוואַרט אַ סך אידן מיט פּעקלעך און רענצלעך אין די הענט.

כ'בין אַרויס פון אויטאָבוס, אַ צופרידענער אָן איבעראַשטער. אָט האָב איך דאָך געשטעלט מיינע ערשטע טריט אויף דער ערד אין ירושלים...

האָב איך איצט טאַקע מקיים געווען דעם לשנה הבאה בירושלים, וואָס כ'האָב דאָך אַזוי פיל יאָרן איבערגעחזרט ביים סדר...

עפּעס גייט אין מיר אויף אַ באַהאַלטענע פרייד. עטלעכע מינוט

בלײב איך שטײן פֿאַרטראַכט אױפֿן טראָטואַר און קוק זיך אַרום און אַרום.

כ'רעד אַרױס, װי צו זיך אַלײן בלױז עטלעכע װערטער: כ'בין דאָ אין ירושלים!

איז דאָך דאָס װאָרט ירושלים, נאָך פֿון קינדװײז אָן, געװאָרן אײנגעקריצט אין אונדזערע הערצער.

כ'בין געבליבן שטײן אַ פֿאַרװאָונדערטער, אַן איבעראַשטער אױף די גאַסן אין ירושלים.

כ'האָב דערזען אַרום דער שטאָט אַן אױסערגעװײנלעכע, פּערספּעקטיװע פּאַנאָראַמע, אַ װאונדערלעך־באַצױבערט בילד, װאָס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם און רופֿט אַרױס אַנטציקונג אין דער מענטשלעכער נשמה און אַן אױסרוף פֿון איבעראַשונג:

— אָ, װי שײן, װי געטלעך איז די פּאַנאָראַמע, די לאַנדשאַפֿט אַרום דער הײליקער שטאָט ירושלים!

בערג מיט בערג! אַרום און אַרום בערג. קלענערע און גרעסערע בערג.

דאָס זײנען נישט קײן קײט פֿון בערג, װי מיר זײנען געװאױנט צו זען, נײן!

דאָס זײנען גאַנץ באַזונדערע בערג. עפּעס אַזױ אָפּגערוקט, אָפּגעטײלט אײן באַרג פֿון אַנדערן.

יעדער באַרג שטײט זיך אַזױ אײנזאַם, אַלײן. יעדער באַרג שטײט זיך פֿאַרטיפֿט מיט זײן געשיכטע, מיט זײן היסטאָרישער פֿאַרגאַנגענהײט. יעדער באַרג אײנגעהילט מיט זײן הײליקײט...

אין דרױסן איז אַביסל קאַלט, מ'דאַרף אינדערפֿרי און אין אָװנט גײן אין אַ מאַנטל.

אָבער די לופֿט איז דאָ אַזױ פֿריש און געזונט. די לופֿט אין ירושלים איז אַזױ לױטער און רײן, און ס'איז טאַקע זײער אָנגענעם און געזונט צו װאױנען אין ירושלים, װאָס געפֿינט זיך אינדערהײך צװישן די בערג.

די הײזער אין דעם נײעם טײל ירושלים, זײנען געבױט פֿון מאַסיװע טונקל־געלע שטײנער, װאָס מאַכן אַן אײנדרוק פֿון אַלטע מױערן און שלעסער פֿון מיטלאַלטער.

אָבער אױף אַ סך גאַסן שטײען שױן די מאָדערנע געבױטע הײזער פֿון בעטאָן און קאָנקריט.

אויף די לאַנגע ברייטע גאַסן איז אַ גרויסע באַוועגונג. אויף ביידע זייטן טראָטואַר איילן זיך מענטשן הין און צוריק.

שיינע, גרויסע געשעפטן און רעסטאָראַנען. מ׳זעט אויך גרויסע, מאָדערנע האָטעלן. ירושלים באַנייט זיך. ירושלים רייסט זיך צו אַ ניי לעבן. ירושלים איז דאָך די הויפּט־שטאָט פון מדינת ישראל.

עס זיינען אויך דאָ גאַסן געדרייטע, שמאָלע, וואָס שלענגלען זיך באַרג אַראָפּ און אַרויף און די אַלטע קוואַרטאַלן פון אַמאָל, וואו ס׳וואוינען די פרומע אַלטמאָדישע אידן, מיט צענטליקער שולן, בתי מדרשים און ישיבות.

דאָס ערשטע וואָס כ׳האָב דערזען אין גאַס און זיך געמוזט אָפּשטעלן און קוקן, זיינען געווען עטלעכע אידן מיט לאַנגע, אַטלעסענע, גלאַנציקע קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען און פוטערנע שטריימלעך אויף די קעפּ. הדרת־פּנימדיקע אידן מיט שוואַרצע, בלאָנדע און ווייסע בערד.

די אידן זיינען אוודאי געגאַנגען פון דאַווענען מיט די טלית־זעקלעך אונטערן אָרעם. עפּעס זיינען די אידן אין זייער עקזאָטישמאָלערישע מלבושים געגאַנגען אויפן טראָטואַר אַזוי רואיק, אַזוי זיכער און מיט אַ הייליק געמיט אויפן פּנים, ווי איינער זאָגט:

— מיר זיינען ביי זיך אין לאַנד, אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, ביי זיך אינדערהיים. גייען מיר ווי אונדז געפעלט, ווי מיר ווילן און ווי פרומע, גאָטספאָרכטיקע אידן דאַרפן גיין אָנגעטאָן...

און ס׳איז טאַקע דאָ גאַנץ נאַטירלעך צו זען די פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשן און קליידונג.

דאָס אַלטע מיטן נייעם טרעפן זיך דאָ צוזאַמען. דאָס עכטע פרומע אידישקייט פון אַמאָל, מיט מאָדערנע וועלטלעכע אידן...

האָב איך זיך טאַקע געפרייט צו זען, אין ערשטן טאָג חול המועד פּסח, ווי אין דער קילער, פרישער לופט, גייען צוזאַמען פרומע אידן, וועלטלעכע אידן, אידן־טוריסטן אויף די גאַסן פון דער אייביקער אידישער שטאָט ירושלים...

נישט ווייט פון צענטער, זעט מען באַלד די גרויסע רוסישע צערקווע מיט די קיילעכדיקע, פאַרשפּיצטע קופּאָלן מיט דער ביזאַנטישער אַרכיטעקטור און מיט די צלמים אינדערהייך לויט דעם גריכיש־אָרטאָדאָקסישן סטיל.

דער קלויסטער שטייט אין אן אפענעם סקווער און מענטשן גייען הין און צוריק דורכן סקוועד.

אביסל ווייטער פון דער רוסישער צערקווע, זעט מען ווי ס'הויבט זיך אינדערהייך אן אימפאזאנטע, גרויסע געביידע פון א פראנצוי־זישן מאנאסטיר.

אינדערהייך אויפן טורעם פלאטערט די פראנצויזישע פאן, און דארט טאקע הייבט זיך אן די גרענעץ...

דארט ווערט שוין די שטאט צעטיילט אין צווייען: דער טייל ירושלים וואס די אראבער האבן פארכאפט מיט דער אלטער ירו־שלים.

דאס געהערט „דערווייל" צו עבר הירדן...

כ'גיי־צו צו די שטעכיקע דראטן וואס פארצאמען דעם וועג. דאס הארץ נעמט שטארקער קלאפן. אט דארט, דארט, אזוי נאענט איז שוין דער שונא...

גייען מיר שפעטער אביסל ארויף אויפן דאך פון א הויכער, שיי־נער געביידע, דארט איז געווען אן איטאליענישער מאנאסטיר. איצט איז דאס הויז פארנומען פון די אידישע סטודענטן פון העברעאישן אוניווערזיטעט.

זעט מען פון זייער נאענט, ווי אויף א הויכער געביידע פון דער אנדערער זייט גרענעץ, דרייט זיך ארום א „לעגיאנער" מיט א ביקס אין האנט... אבער פון דער אידישער זייט, דרייען זיך אויך שטיל ארום אידישע זעלנער אויף א הויכער געביידע, מיט ברייטע, טיפע באלקאנען.

און פון דער גאר הויכער געביידע פון דער קריסטלעכער יוגנט געזעלשאפט: ווי, עם, סי, עי, זעט מען די אלטע שטאט ירושלים. די מויער ארום דער אלטער שטאט, און ווי די אראבער באוועגן זיך אויף די גאסן.

זעט מען אפילו פון גאר ווייט דעם אמאר מעטשעט, וואו אונטן ביים בארג געפינט זיך די כותל־מערבי.

און פון לינקס זעט מען דאס העברעאישע אוניווערזיטעט מיטן הדסה־שפיטאל און אנדערע געביידעס, וואס געפינען זיך איצט אין דעם טייל ירושלים, וואס די אראבער האבן פארכאפט.

גייען מיר שפעטער אריין אין א רעסטאראן אויף דער שיינער בן יהודה גאס, דערכאפן זיך אביסל דאס הארץ מיט די פסחדיקע, ירושלימער מאכלים.

דער רעסטאָראַן איז, קיין עין הרע, געפּאַקט מיט אידן. מ׳האָט קוים געפונען אַן אָרט ביי אַ טישל.

איז ווייזט אויס פּסח נישטאָ קיין „צנע"... מ׳סערווירט וואָס איינער וויל און וואָס ס׳איז דאָ...

די גאַנץ באַלייבטע קעלנערין רעדט העברעאיש, קאָנגרעס־דייטש און גייט טאַקע באַלד איבער אויף מאַמע־לשון...

ס׳איז לעבעדיק אין רעסטאָראַן. אַלץ גייט צו גיך. מענטשן זיינען הונגעריק און ווארטן אויף אַן אָרט ביי אַ טיש.

כ׳זיץ און באַטראַכט די מענטשן ביי די טישלעך. מ׳הערט רעדן פאַרשידענע שפּראַכן, און נישט צו פאַרזינדיקן, מ׳זעט נישט חלילה קיין אויסגעדאַרטע הונגעריקע אידן...

ביי אונדזער טישל זיצט אויך אַ איד אין אַן אוניפאָרם פון אַ צאָל־אַמט אָפיציר. מיר צערעדן זיך און באַקענען זיך אביסל.

ער איז פון לאָמזע, פּוילן. אין ירושלים איז אויך דאָ אַ צאָל־אַמט פאַר די קריסטלעכע טוריסטן, וואָס גייען דורך דעם „מאַנדל־בוים־טויער" ביי דער גרענעץ אויף דער אַראַבישער זייט.

בין איך זייער צופרידן צו טרעפן אַ לאַנדסמאַן פון פּוילן און היים שטעלן אַ פלאַש פּסחדיקן וויין. אָבער דער באַאַמטער פון צאָל־אַמט זאָגט, אַז איך בין זיין גאַסט, כ׳בין דאָך אַ טוריסט, אַ גאַסט אין ירושלים, וועט ער שטעלן אַ פלאַש וויין.

אָבער אויסגעפירט האָב טאַקע איך...

איז מיר עפּעס געווען אַזוי גוט אויפן האַרץ. אַלץ צוזאַמען: די סביבה, פּסח אין ירושלים, אין רעסטאָראַן ביי אַ טיש מיט אַ אידישן אָפיציר ביי אַ גלעזל גוטן ארץ ישראל וויין — און אין אַ פריי אידיש לאַנד, אין דעם פרייהייט־יום־טוב — פּסח!

זיך גאַנץ פיין אונטערגעלענט אביסל, מאַכן מיר אַ שפּאַציר איבער די ירושלימער גאַסן.

וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע טיפּן מ׳זעט דאָ אויף די גאַסן: אייראָפּעאיש געקליידטע אידן. אידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט שטריימלעך און באָרד און פּיאות.

אַ קיילעכיק־באַלייבטער איד אין אַ בלאַשטשנדיק־אַטלעסענער קאַפּאָטע, אַרומגענומען מיט אַ געפלאָכטענער גאַרטל. די פּולע באַקן אַרומגענומען מיט אַ רויט־פלאַמיקער, לאַנגער באָרד מיט לאַנגע געקרייזלטע פּיאות, און מיט אַ פוטערן שטריימל אויפן לייבן־קאָפּ,

שפּאַצירט ער זיך אַזוי ברייטלעך אויפן טראָטואַר מיט אַ מינע: — כ׳מאַכט אַ וואַרע!

און אינם געדרענג אויפן טראָטואַר, מאַכט מען פּאַר אים אַ וועג, ווי ער וואָלט איצט געגאַנגען אין אַ הייליקער שליחות...

תימנער אידן מיט אומעטיקע פּנימער פון אַן אָליוון קאָליר, מיט קליינע בערדלעך און געקרייזלטע פּיאות.

גלחים מיט לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס און שטייפע שוואַרצע קאַפּעלושן אַרויפגעבויגן ביי די זייטן.

נאָנעס אין שוואַרצע פּעלערינעס מיט ווייסע, ברייטע, געפּרעסטע קאָפּ־טיכער, וואָס פאַרענדיקן זיך ביי די זייטן מיט צוויי שפּיצן.

עטלעכע אַראַבישע פרויען מיט לאַנגע, מאָדנע קליידער ביז צו דער ערד, טראָגן גרויסע קוישן אויף די קעפּ און גייען מיט געמאָסטענע, פּאַמעלעכע טריט, גלייך ווי זיי האָבן זיך נישט וואָס צו יאָגן...

און מיטאַמאָל ווייזט מיר אָן מיין קוזין: זע, קוק, דאָרט אויפן טראָטואַר גייט גאולה כהן. די באַרימטע אידישע רעוואָלוציאָנערקע, די חנעוודיקע תימנער מיידל. וואָס האָט אַזוי פיל קאָפּ־ווייטיק פאַרשאַפט די ענגלענדער...

ס׳איז דאָך יום טוב, פּסח, זיינען אַלע רעגירונג־אינסטיטוציעס פאַרמאַכט און די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע האָבן איצט „חופש״, וואַקאַציע.

אויך די כנסת איז געשלאָסן. ביי דיר טיר שטייט בלויז איין פּאָליציאַנט און גיט אַכטונג ביים אַריינגאַנג פון אַ זייטיקער טיר פון כנסת.

די דערוואייליקע כנסת־געביידע זעט אויס ווי אַ האַלבער צירקל, ציט זיך רונדיק אַרום צוויי גאַסן. דער איינשטאָקיקער בנין איז ווי אָנגעשפּאַרט לעבן אַ גרויסע זעקס שטאָקיקע געביידע...

דאַכט זיך טאַקע, אַז די גרויסע געביידע קוקט מיט גרויס דרך ארץ אויף איר קליינעם שכן די כנסת, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד און אויך די גאַנצע וועלט הערט זיך זייער גוט צו, וואָס ווערט דאָרט גערעדט און באַשטימט...

אין מיטן גאַס לעבן דער כנסת, איז אויך דאָ עפּעס אַ מאָדנער סקווער, וואו מ׳גראָבט אויס אַ גרויסן פעלז פון האַרטן גראַניט פון אַ טונקל־געלן קאָליר.

איז דער גרונט פון ירושלים האַרט, פעלזיק, פּונקט ווי די אַמאָ־

ליקע און איצטיקע פּאַרטיידיקער פון אונדזער הויפּטשטאָט אין ארץ ישראל...

מיר גייען שפּעטער איבער אַ שמאָלער גאַס באַרג אַראָפּ.

פון איין זייט גאַס געפינט זיך די געבײַדע פון די באַרימטע ראַדיאָ־סטאַנציע „קול ישראל". און פון דער אַנדער זייט שטייען מאַסיווע שטיינערנע הייזער, וואָס זעען אויס, ווי פאַרמאַכטע אַלט־מאָדישע שלעסער, וואו די גלייכע ווענט אָן פענסטער זיינען געבויט צו קענען זיך פאַרטיידיקן...

אונטן, שטייען עטלעכע אַלטע אָרעמע הייזער מיט הויכע טרעפּ און קליינע ארומגעצאַמטע הויפלעך, וואו פון איין הויף קען מען פאַרבלאָנדזשען אין עטלעכע באַזונדערע הייזער, אַ גאַנצער לאַבירינט פון צוזאַמענגעמישטע הייזער...

דערזע איך דאָרט אונטן אַ צאַם פון שטעכיקע דראָטן, מיט אַן אויפשריפט: „אָסור לעבור", דורכגאַנג פאַרבאָטן.

דאָ טאַקע איז שוין די גרענעץ פון עבר הירדן...

כ'האָב אָבער דאָרט אויך געזען אַן אויסטערליש, טשיקאַווע בילד, וואָס רופט אַרויס אַ ביטערן שמייכל:

עטלעכע הינער פון דער אידישער זייט שטופּן זיך דורך אונטן ביי די שטעכיקע דראָטן אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ... און זוכן קערנדלעך צווישן גראָז.

די הונגעריקע, אומגעבילדעטע הינער גייען אַריבער אויף דער אַראַבישער זייט אָן אַ דערלויבעניש, אָן אַ וויזע...

די הינער פון דער אַראַבישער זייט טוען דאָס אייגענע. זיי מאַכן זיך נישט וויסן, און זיי זוכן זיך צו דערכאַפּן די הינערשע הערצער אויף דער אידישער זייט...

זיינען דאָס טאַקע די איינציקע פרייע הינער און הענער, וואָס אַנערקענען נישט קיין שום גרענעצן...

זיי בעטן אפילו נישט קיין דערלויבעניש ביי דער „אָנו" קאָמי־סיע אין ישראל ביים אַריבער גיין די גרענעץ, און אויף זיי שיסט מען נישט...

די אידישע און אַראַבישע הינער האָבן שוין לאַנג שלום געמאַכט.

נאָר די שטאָלצע אַראַבישע גענז און די אָנגעבלאָזענע מיצרישע אינדיקעס ווילן קיין שלום נישט מאַכן...

גליקלעכע, פריווילעגירטע הינער!

דינגען מיר דערנאָך אַ טאַקסי אויף עטלעכע שעה. דער שאָפער איז פון די אידן, וואָס מ'רופט זיי אין ישראל „פרענקן"...

דאָס איז אַ מזרח־איד וואָס רעדט אויף אַלע לשונות. אַ טיפּ פון אַ מזרח־איד, וואָס ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ „ספרדי". אָבער אין ישראל האַלט מען זיי פאַר אַ געמיש פון ספרדים, אַראַבישע אידן, גריכישע אידן און איראַקישע אידן.

זיינען די אַזוי גערופענע פרענקן נישט איבעריק באַליבט אין ארץ ישראל...

האָט זיך דער שאָפער דערוואוסט אַז כ'בין פון מעקסיקע, האָט ער באַלד גענומען באַווייזן זיין גרויס קענטשאַפט אין שפּאַניש.

איז טאַקע געווען גאָטס רחמנות אויף סערוואַנטעס לשון...

דאָס איז געווען עפּעס אַ געמיש פון שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און פון העברעאישע ווערטער...

זיינען מיר דאָס ערשטע געפאָרן צום הערצל־באַרג.

אונטן צופוסנס ביים באַרג, הייבט זיך אָן דער מיליטערישער בית־עולם. די שורות קברים זיינען אויסגעלייגט אין טעראַסן, העכער און העכער, ווי אויסגעשניטענע ברייטע טרעפּ אַרויף צום באַרג.

ווערן דאָ, פּונקט ווי אין חיפה, די שורות קברים אָפּגעהיטן, יעדער קבר מיט גראַניט שטיינער ביי די זייטן, און מיט אַ קליינער מצבה מיט אַ מיליטערישער אָפּצייכנונג: צבא הגנה לישראל. און דער נאָמען פון געפאַלענעם העלד.

ביי די קברים שטייען איצט עטלעכע פריינט אָדער עלטערן און לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות און לייגן, מיט אַ שטילן טרויער אין די אויגן, עטלעכע בלומען אויף די קברים.

כ'שטיי און באַקוק די קברים פון די 35 געפאַלענע העלדן אין גוש־עציון.

איין קבר לעבן אַנדערן, מיט איין אויפשריפט מיט די נעמען פון די קדושים:

זיי האָבן געלעבט צוזאַמען, געקעמפט צוזאַמען. זיי האָבן מקריב געווען זייערע יונגע לעבנס פאַרן כבוד פון פאָלק און לאַנד און נישט אָפּגעטראָטן פון זייערע פּאָזיציעס...

ס'פאַרקלעמט ביים האַרץ. די אויגן ווערן פייכט, און מיט אַ נעבוייגענעם קאָפּ מורמלען שטיל די ליפּן: זאָל זייער אָנדענק זיין גע־הייליקט און געבענטשט, אָמן!

פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט גייען מיר אַרויף אויפן הערצל-באַרג.

אויפן באַרג הערשט אַ הייליקע שטילקייט.

אין צענטער פון באַרג געפינט זיך דער קבר פון ד"ר הערצל, דער טרוימער פון מדינת ישראל.

אַרום און אויפן קבר וואַקסן קליינע בלימעלעך, און ביי דער זייט פון קבר הויבט זיך אַרויף אַ הויכער מאַסט.

און אַרומגעצוימט איז דער גאַנצער קיילעכדיקער שטח פון קבר מיט אַ קייט, די פּאַרזייטע בלימעלעך זאָלן נישט צעטראָטן ווערן.

כ'שטיי מיט יראת-הכבוד און טראַכט: אָט אַזוי גיט אַ פאָלק אָפּ כבוד איר נאַציאָנאַלן טרוימער און קעמפער פאַר דער גרויסער אידייע פון אידן-שטאַט.

די נאַציאָנאַלע אידייע, וואָס האָט תמיד געלעבט אין די הערצער און נשמות פון פאָלק, איז דאָך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

און טאַקע דאָ, אין דעם באַפרייטן לאַנד, אין מדינת ישראל, אין דער אייביקער שטאָט ירושלים רוען זיינע ביינער אויף אַ באַרג, וואו עס זיינען אַמאָל געשטאַנען די אידישע קעמפער און פאַרטיידיקט זייער לאַנד קעגן די חיילות, קעגן די אַרמייען וואָס האָבן געוואָלט אַריינדרינגען אין דער אידישער הויפּט-שטאָט.

און די קינדער פון פאָלק ישראל, קומען איצט פון נאָענט און פון ווייט, אָפּגעבן כבוד און בענטשן זיין נאָמען.

זיינען אויפן באַרג, נישט ווייט פון הערצלס קבר, אויך דאָ די קברים פון זיינע עלטערן, און פון זיין פרוי.

איין קבר לעבן אַנדערן מיט אויפשריפטן פון הערצלס פאָטער און מוטער. און אָפּגערוקט אַביסל אין אַ זייט, זעט מען דעם קבר פון דוד וואָלפסאָן, דער צווייטער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָך הערצלס טויט.

איז דאָך אין ירושלים אַ סך קילער ווי אין תל אביב, נתניה אָדער חיפה. ווייעט איצט אויפן הערצל-באַרג אַ קיל, לינד ווינטל. די לופט איז אַזוי ריין און דורכזיכטיק, קען מען טאַקע זען וואָס טוט זיך אַרום און אַרום זייער ווייט.

כ'גיי פּאַמעלעך אַראָפּ פון באַרג און וואַנדער אַרום אַביסל אונטן אין טאָל.

שטייט זיך אַזוי דער הערצל-באַרג איינזאַם אַליין און וואַרט אויף

אידן וואָס זאָלן קומען און אַרויפגיין אויפן באַרג, ווי מ'איז אַמאָל געגאַנגען אויף קבר־אבות.

איז דאָך דער איינזאַמער טרוימער הערצל, געווען דער אָנזאָגער פון דער גרויסער בשורה, פון מדינת־ישראל פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק.

גיי איך איצט אויף די וועגן אַרום ירושלים און געדאַנקען בריען אין מיין מוח און לאָזן מיך נישט אָפּ.

ירושלים, ירושלים, עיר הקודש!

איז דאָך דאָס איינציקע וואָרט ירושלים געוואָרן אַ סימבאָל פון אַ גאַנץ פאָלק.

יאָ, דאָס איינאונאיינציק וואָרט ירושלים, וואָס יעדער איד שעפּט־שעט שטיל אַרויס אין זיינע תפילות. דאָס איינציקע וואָרט וואָס איז אַריין אין דער אידישער נשמה אויף תמיד, אויף אייביק.

און איך טראַכט:

אָט דאָ, אויף די שליאַכן, וועגן און אומוועגן אַרום ירושלים. אָט דאָ, אויף די דאָזיקע בערג און טאָלן, האָבן זיך דאָך אָפּגעשפּילט די שווערע קאַמפן און שלאַכטן אין די מלחמות מיט די אידישע שונאים, איינצונעמען און דעראָבערן די פעסטונגען פון ירושלים.

די מעכטיקע אַשור האָט דאָ אויף דער ערד אַרום ירושלים גע־כאַפּט אַ מפּלה.

דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער פאַרצווייפלטער קאַמף אידער דער ווילד געוואָרענער נבוכדנצאַר האָט באַזיגט די אידישע אַרמיי, און זיך אַריינגעריסן מיט זיינע האָרדעס אין די גאַסן פון ירושלים, צעשטערט די שטאָט, פאַרברענט דעם בית המקדש און אַוועק געפירט די אידן אין גלות בבל.

דאָ, אויף די אַרומיקע וועגן האָבן די העלדישע מאַקאַבייער צעקלאַפּט די גריכישע אַרמייען, און באַפרייט דאָס אידישע לאַנד, די אידישע רעליגיע און קולטור.

און דאָ טאַקע אויף דער ערד וואָס איז דאָך אָנגעזאַפּט מיטן בלוט פון די אידישע העלדן.

די ערד וואָס איך טרעט איצט אויף איר, איז דאָך דורכגעווייקט מיטן בלוט פון די אידישע קעמפער, וואָס האָבן פאַרצווייפלט גע־קעמפּט קעגן אונדזער היסטאָרישן שונא טיטוס, וואָס האָט מיט זיי־נע רוימישע לעגיאָנען, געטראָמפּלט אויף די וועגן אַרום ירושלים און געוואָלט אינגאַנצן אָפּמעקן די נעמען פון יהודה און ירושלים.

אָבער רוים האָט די אייביקע ירושלים נישט באַזיגט!
אָ, ניין!!
אָט, זעט! אידיש לעבן גייט ווידער אויף אין ירושלים.
אָט, זעט! אידן בויען און שאַפן ווייטער אויף דער ערד פון דער אייביקער אידישער הויפּט־שטאָט ירושלים.
און איך, אני הקטן, אברהם בן עובדיה. אַ איד פון ווייטן פּוילן שפּאַציר איצט אויף די שטילע איינזאַמע וועגן אַרום ירושלים. פון דער נײַ־אויפגעבויטער ירושלים.
דער אייביקער גאַנג פון אונדזער אידישער געשיכטע.
דער אייביקער געטליכער געבאָט פון נצח ישראל!
פאָרן מיר צו אַביסל שפּעטער צום הר־ציון, צום היסטאָרישן באַרג ציון.
איז דער באַרג ציון אַ הויכער, גאָר אַ הויכער באַרג.
ס'איז אַביסל שווער צו גיין אויף די געדרייטע, אויסגעהאַקטע וועגן, וואָס פירן אַרויף אויפן באַרג.
כאַפּט מען אַביסל אָפּ דעם אָטעם, ווען מ'קומט שוין אַרויף און מ'רוט זיך אַביסל אָפּ אין אַ קליינעם גאָרטן, מיט עטלעכע בוימער און אַלטע פּאַלמען אינדערהייך אויפן באַרג.
פאַרשטיי איך איצט בעסער, פאַרוואָס עס הייסט עולה־רגל־זיין קיין ירושלים.
יאָ, אין ירושלים דאַרף מען נאָך איצט אויך עולה־רגל זיין... מען מוז טאַקע גיין צופוס אויף די בערג און בערגלעך אַרום ירו־שלים.
איז מיר טאַקע באַשערט געווען דעם פּסח מקיים זיין די מצוה פון עולה־רגל זיין אין ירושלים, אויף די הויכע בערג און בערגלעך.
איז דאָ אויפן באַרג אַ פיין איינגעאָרדנטע ביוראָ אין אַ לאַנגן ליכטיקן זאַל, וואו מ'קריגט צו קויפן פאַרשידענע פּאָסט־קאַרטלעך, און ס'איז אויך דאָ אַ קליינער פּאָסט־ביוראָ, וואו מ'קען פון דאָרט שיקן בריוו און קאַרטלעך אין אַלע לענדער.
און מ'הייבט אָן צו גיין...
גייט מען אַדורך אַ קיילעכדיק געוועלבט טויער פון גרויסע שטיי־נער און מ'קומט אַריין אין אַ צימער, וואו ס'זיצט אַ איד מיט באָרד און פּיאות ביי אַ טיש. ער בעט מיך מיט אַ שטיל קול און מיט אַ טרויעריקער מינע אויפן פרומען פּנים:

זייט אזוי גוט ליבער איד און זייט מנדב עפעס פאר דער ספר תורה וואס מיר שרייבן פאר די זעקס מיליאן קדושים אונדזערע. מיר שרייבן א ספר־תורה פאר זייערע הייליקע נשמות און פאר זייער אייביקן אנדענק.

האב איך דעם איד געגעבן א פונט און אויפגעשריבן מיין נאמען, און האב טאקע אויך געקריגן א געדרוקטע קבלה פארן פונט...

אידן גייען אריין און ארויס. ס'קומען אן עטלעכע טוריסטן מיט א „פירער" וואס ווייזט זיי וואו צו גיין און דערקלערט זיי וואס אין די האלב פינצטערע שטיבלעך, וואס זעען אויס ווי טונקעלע קעלערס, געפינט זיך.

און דא טאקע קומט מען צום ערשט אריין אין א קליין ארומ־געמויערטן הויף. די ווענט זיינען פון גרויסע, פירקאנטיקע גרויע שטיינער. עס זעט זיך בלויז ארויס א שטיקל בלויער הימל פון אויבן.

גיי איך פון הויף דורך א שמאלן קארידאר, וואס זעט אויס ווי אויסגעהאקט אין בארג. די ווענט זיינען ארומגעמויערט מיט גרויסע שטיינער־בלאקס מיט א נידעריק קיילעכיק־געוועלבטן סופיט.

כ'קום אריין אין א שטיבל, וואס זעט אויס ווי א הייל. די ווענט זעען אויס ווי אויסגעהאקטע פון א שטיינערנעם, הארטן פעלז. און כ'בלייב שטיין א דערשטוינטער.

ס'כאפט מיך ארום א געפיל פון באוואונדערונג און שרעק, א שרעק מיט א נייגעריקייט.

כ'האב דערזען אן אויסערגעוויינלעך עקזאטיש בילד.

איבער דער גאנצער לענג פון דער טיף־אויסגעהאקטער וואנט, איז איינגעמויערט א שטיינערנער קאסטן, וואס סטארטשעט ארויס פון וואנט ווי א קבר.

רעכנט מען טאקע, אז דאס איז דער קבר פון געטלעכן תהילים־זינגער, דוד המלך.

און דא טאקע, אין די אויסגעהאקטע שטיינערנע שטיבלעך, ווי א פעסטונג אויפן בארג ציון, זיינען געווען די קברי מלכות בית דוד, ביז דעם פרומען גאטס פארכטיקן חזקיהו המלך.

אויבן איבערן קבר הענגט אן אויפשריפט מיט אן אויסגעמאל־טער פידל, כנור דוד, און אביסל נידעריקער, אן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: דוד מלך ישראל חי וקים.

איז די גאנצע וואנט מיטן קבר ארומגענומען אונטן מיט אן

אייזערנער צאַם, און אונטן אויף די שטיינער ברענען צענטליקער ליכטלעך. פוןביידע זייטן שטייען אויך צוויי גרויסע לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט.

ארום צאַם ביים קבר, שטייען אידן, די מערסטע זעען אוים ווי אַראַבישע אָדער תימנער אידן מיט ברוינע פּנימער, מיט קליינע בערדלעך און געקרייזלטע פּיאות.

די אידן זאָגן קאַפּיטלעך תהילים מיט א שטיל קול, וואָרט ביי וואָרט, און מיט אַן איינגעהאַלטענער הייליקער באַגייסטערונג.

פון זייערע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן שיינט אַרויס א פאַנאַטישע באַרערונג פאַרן גרויסן מייסטער פון תהילים.

פאַרקויפט מען אויך ליכטלעך אָנצוצינדן ביים קבר, און פאַר עטלעכע פּיאַסטער איז דאָ א איד, וואָס איז גרייט צו זאָגן פאַר יעדן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים.

כ׳שטיי א דערשטוינטער פון דעם מאָדנעם עקזאָטישן בילד, וואָס זעט פאַר מיר אוים, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווי א שטיקל עבודה־זרה...

מיין פאַנטאַזיע טראָגט מיך אוועק וויית־וויית מיט טויזנטער יאָר צוריק.

אָבער ווען כ׳זע ווי אידן מאַכן „געשעפט" און מ׳פאַרקויפט שוין ליכטלעך מיט קאַפּיטלעך תהילים ביי דוד המלכס קבר, ווערט דאָס אַלץ אַזוי וואָכעדיק, אַזוי נישט עטיש און אָן שום רעליגיעזער דערהויבונג...

מאַכט דאָס אויף מיר נישט קיין איבעריק גוטן איינדרוק, און א באַהאַלטענער פאַרדראָס פילט אָן דאָס האַרץ.

פון דאָרט הייבט זיך שוין אָן דער וועג צו די האַלב פינצטערע שטיבלעך, וואָס דרייען זיך אין אַלע זייטן אַרויף און אַראָפּ מיט שמאָלע דורכגענג. מיר דאַכט זיך, אַז כ׳גיי אין א לאַבירינט פון טונקעלע היילן, און פינסטער־פאַרבאָרגענע קעלערס.

דאָרט איז דער מרתף השואה, דאָרט זעט מען די סימנים פון אונדזער גרויסער בראָך, פון אונדזער שרעקלעך אומגליק.

דאָרט איז א טרויער־מוזייאום, אַן איבערבלייב פון אונדזערע זעקס מיליאָן מאַרטירער. א בלוטיקע אויסשטעלונג, אַן אייביקער עדות פון אונדזערע פאַרפייניקטע זעקס מיליאָן קדושים.

די נידעריק געוועלבטע שטיבלעך, זיינען באַלויכטן מיט טונקל רויטע לעמפּלעך און מיט א גרויסער אויפשריפט:

אידן געדענקט וואָס די נאַצי־מערדער האָבן געטאָן מיט אונד־זער פאָלק!

און אַ טיפער ווייטיק נאָגט ביים האַרץ, ווען מ׳גייט אַרום מיט שמילע טריט, דערשלאָגענע פון גרויס צער, באַקוקן די אויסגעשטעל־טע זאַכן, די איבערגעבליבענע סימנים פון אונדזער אויסגעמאָרדעט פאָלק.

אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ שוידערלעכן איינדרוק, וואָס פאַר אַ גרויל כאַפּט אַרום די מענטשלעכע נשמה, זעענדיק, וואָס מענטשן־חיות האָבן געטאָן מיט די הייליקסטע זאַכן וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט:

אַ גרויסע זאַמלונג פון צעריסענע ספר־תורות. צענטליקער ספר־תורות פאַרפלעקטע מיט בלוט.

אַ צוזאַמענגענייט ועסטל פון פּאַרמעט פון ספר תורות. אַ רעקל מיט אַרבל פון פּאַרמעט פון אַ ספר תורה, מ׳זעט נאָך פון דער אַנדערער זייט די געשריבענע העברעאישע ווערטער פון דער ספר תורה.

פּאַנטאָפל געמאַכט פון ספר תורה יריעות... אַבאַזשורן געמאַכט פון מענטשלעכער הויט..

שטיקער זייף געמאַכט פון מענטשן־פעטס, פון פאַרברענטע אי־דישע קערפּערס.

אַ שוידער, אַ ציטער כאַפּט אַרום זעענדיק די קעסטלעך אַש פון פאַרברענטע אידישע פרויען, זקנים און קליינע קינדער, פון די קרע־מאַטאָריומס.

אַ טרויעריקע תשעה־באב שטימונג הערשט אין די האַלב פינס־טערע קעלערס.

און אַ וויינענדיקער איכה־ניגון קלינגט אָפּ פון די אויסגעקרומטע שטיינערנע ווענט, נאָך די נשמות פון אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.

אין דער פאַרשטיקטער שווערער לופט הערט זיך בלויז אַ שטי־לער קרעכץ און אַן איינגעהאַלטענער אוי...

און ווי אַבלים שווייגן אַלע, בלויז מיט פאַרביסענע ליפּן פון ווייטיק און צער, באַטראַכט מען אונדזער חורבן־אויסשטעלונג.

זיינען אויף די שטיינערנע ווענט אויך אויסגעהאָנגען אויפשריפטן אין רעמלעך מיט אַ „לזכרון עולם". מיט די נעמען פון צענטליקער אידישע קהילות און שטעטלעך וואָס זיינען חרוב געוואָרן דורך די נאַצי־מערדער.

ליגן אויך אויסגעשפּרייט צעריסענע טליתים. טליתים באַפלעקט

מיט בלוט, מיט אידיש בלוט, ווי מ׳וואָלט זיי נאָר וואָס אַראָפּגענו־מען פון די קדושים, און טליתים מיט אָפּגעריסענע ציצית.

דאַכט זיך טאַקע, אַז אָט־אָט וועלן זיך אַריינשאַרן די מתים אין די טונקעלע קעלערס, און זיך איינהילן אין זייערע טליתים און זיך שטעלן זאָגן קדיש, נאָך זייער אייגן איבערגעשניטן לעבן...

עטלעכע אַמעריקאַנער טוריסטן, שטייען און באַטראַכטן צעריסענע פּרוכתן פון סאַמעט און בראָקאַט מיט אויסגעהאַפּטענע העברעאישע אותיות מיט אָפּגעריסענע שטיקלעך מגן־דוד, אויסגעהאַפּטענע מענ־טעלעך פון ספר־תורות און צעבראָכענע „עץ־חיימס״.

לעבן זיי שטייט אַ איד און דערקלערט זיי אינדערשטיל אויף ענגליש. אַז די אַלע הייליקייטן האָבן די נאַציס אַראָפּגעריסן פון די פאַרברענטע ארון־קודשן, און די אַלע אָנגערויבטע רעליגיעזע חפצים, האָט מען שפּעטער געפונען אין דייטשלאַנד.

צווישן זיי שטייט אַן עלטערער אַמעריקאַנער איד און ברעכט זיך די הענט און רעדט צו זיך אַליין אויף אידיש, מיט אַ וויינענדיקע שטימע אָנגעזאַפּט מיט טרערן:

אוי, אוי! אוי וויי איז מיר! אוי וויי איז אונדז אידן!

און דאָס האָבן אונדז געטאָן די געבילדעטע, קולטורעלע דייטשן? פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן אויף אייביק. ימח שמם וזיכרם!

זיינען צונויפגעזאַמלט אין די האַלב־טונקעלע קעלערן אויפן באַרג ציון, די שוידערלעכע סימנים פון אומגעקומענע אידן. די רעשטלעך פון די הייליקטימער פון אַן אויסגעהרגעט פאָלק.

וועט דאָס זיין אַן אייביקער שאַנדפלעק אויף די ציוויליזירטע פעלקער מיט זייער „ציוויליזאַציע״... וואָס האָבן געלאָזט אויסמאָרדן זעקס מיליאָן אומשולדיקע און אומבאַשיצטע אידן, דורך די קאַלט־בלוטיקע דייטשע מאַסן־מערדער.

כ׳פאַרלאָז די טונקעלע קעלערס פון אונדזער חורבן־אויסשטע־לונג, דער איבערבלייב פון הונדערטער אידישע קהילות, מיט ווייטיק און פאַרדראָס, דערדריקט און דערשלאָגן פון גרויס צער.

און אינסטינקטיוו ביילט זיך אַ פויסט, אַ פויסט פון נקמה קעגן די דייטשע מערדער פון אונדזער פאָלק.

זאָל דער אייביקער קין־צייכן ברענען אויף די שטערנס פון גרויסן דייטשן מערדער־פאָלק.

דאָס פאָלק פון דענקער און מערדער!

דאָס פֿאָלק פֿון פֿילאָזאָפֿן און רוצחים!

דאָס פֿאָלק פֿון מוזיקער און בלוט־פֿאַרגיסער פֿון אומשולדיקע פֿרויען און קינדער!

מיט אַ צעבראָכן געמיט קום איך צוריק אַרויס אין דרויסן, כאַפּ אָפּ אַביסל דעם אָטעם אויף דער פֿרייער לופֿט.

אָבער דעם שרעקלעכן קאָשמאַר, וואָס כ׳האָב נאָר־וואָס איבער־געלעבט, וועט שוין פֿאַרבלייבן אויפֿן גאַנצן לעבן.

זיינען אויך דאָ אויפֿן באַרג, ביים אַרויסגיין פֿון די גרויל־קע־לערס, עטלעכע ליכטיקע צימערן מיט אַן אויסשטעלונג פֿון היסטאָ־ריש רעליגיעזע חפֿצים און אַנטיקן, פֿון גרויס קינסטלערישן ווערט.

אַ גרויסע זאַמלונג פֿון שבת־לייכטער פֿון פֿאַרשידענע עפּאָכעס און יאָר־הונדערטער.

גרויסע מנורות פֿון שולן און בתי מדרשים, וואָס זיינען גע־שטאַנען ביים עמוד.

צענטליקער „מזרחס" מיט קינסטלערישע צייכנונגען און געמעלן, וואָס זיינען שטענדיק געהאָנגען ביים עמוד וואו דער חזן האָט גע־דאַוונט.

פֿאַרשידענע חנוכה לאָמפּן מיט שיין באַצירטע אָרנאַמענטן.

אַלערליי אתרוגים־פּושקעס מיט קינסטלעריש געמאַכטע בשמים־ביקסלעך.

כתר־תורות, קידוש־בעכערס, און אַנדערע זעלטענע קונסט־חפֿצים פֿון אידיש־רעליגיעזן כאַראַקטער. אויסגעגאָסענע און מיט דער האַנט אויסגעהאַמערטע אָרנאַמענטן, מיט גרויס מייסטערשאַפֿט.

אַ גרויסע זאַמלונג פֿון אַלערליי מגילות מיט קינסטלעריש־גע־מאַכטע שיידלעך.

און נאָך צענטליקער קונסט־אַנטיקן, וואָס אידן האָבן געשאַפֿן אין פֿאַרלויף פֿון יאָר־הונדערטער.

איז דאָס אַלץ געוואָרן אַרויסגעראַטעוועט פֿון די נאַצי־רויבער און אַריבער געבראַנגט געוואָרן אין ארץ ישראל, און ווערט אָפּגעהיטן לדור־דורות אין דער היסטאָרישער פֿעסטונג אויפֿן הר־ציון.

קום איך אַרויס צוריק אין דרויסן און גיי צו ביזן ראַנד באַרג. בלאָזט איצט אויפֿן באַרג אַ קאַלטער שטאַרקער ווינט.

דערפֿרישט מיך אַביסל דער ווינט, קילט און גלעט די באַקן, און ס׳איז אַ מחיה צו אָטעמען די ריינע, געזונטע באַרג־לופֿט.

כ׳האַלט צו מיין קאַפּעלוש מיט דער האַנט, דער ווינט זאָל אים נישט אַראָפּרייסן פון קאָפּ.

מיין קוזין שמייכלט און וואָרנט מיך: אברהם האַלט גוט צו דיין הוט, דער ווינט קען אים נאָך אַראָפּכאַפּן און פאַרטראָגן אויף יענער זייט גרענעץ...

כ׳קוק אַראָפּ און זע טאַקע, אַז אויף דער אַנדערער זייט בארג, אונטן אין אַ טיפן טאָל, זיינען שוין אויסגעצויגן די שטעכיקע דראָטן... דאָרט זיינען שוין דאָ די אַראַבער פון עבר הירדן.

פון הויכן באַרג שפּרייט זיך אויס אַ וואונדערלעכע לאַנדשאַפט אַרום ירושלים.

פון גאָר ווייט זעט מען ווי די אַלטע שטאָט ליגט פאַרהוילן, ווי אין אַ שאָטנדיקן טאָל.

אַביסל העכער, ווייזט זיך שוין אַרויס די נייע שטאָט מיט אירע ברייטע גאַסן מיט אַ גרויסער באַוועגונג, און מיט די הויכע מאָ־דערנע בנינים.

שטיי איך אויפן הויכן באַרג און באַטראַכט דאָס באַצויבערטע נאַטור־בילד:

פון אויבן אַ בלויער הימל מיט אַ צעשטראַלטער גאָלדענער זון. אונטן שפּרייט זיך אויס אַ ברייטער טיפער טאָל.

פון ווייטנס לינקס, שיילן זיך אַרויס די קאָנטורן פון די בלויע בערג וואָס ווערן ערגעץ פאַרפאַלן ביים האָריזאָנט.

פון רעכטס, זעט מען די סילועטן פון די איינזאַמע בערג, וואָס שטייען זיך אַזוי ביחידות, אַליין, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן.

מיניען זיך פון ווייטנס די קאָלירן. ליכט און שאָטן, שאָטן און ליכט.

פון אויבן אויף די בערג שלאָגט אָפּ אַ רויטע ליכטיקייט פון די גאָלדענע זון־שטראַלן, און פון אונטן ווערן די זון־באַלויכטענע בערג איינגעהילט אין שאָטנס וואָס ציען זיך פון די טיפע טאָלן.

פאַרשטיי איך איצט בעסער, שטייענדיק דאָ אינדערהויך אויפן באַרג ציון, די ווערטער פון תהלים־משורר דוד המלך:

— אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי?

איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג, פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

שטיי איך אַזוי פאַרטראַכט אויפן באַרג און מיר דאַכט זיך, אַז

מ׳הערט נאָך וויברירן אויף די בלויע בערג אַרום ירושלים, דעם עכאָ פון בר כוכבאס העלדישע קעמפער.

דעם עכאָ פון די אידישע גבורים, וואָס האָבן פאַרצווייפלט גע־קעמפט דעם לעצטן אידישן קאַמף פאַר פרייהייט, קעגן די רוימישע חיילות, קעגן האַדריאַנס רוימישע לעגיאָנען אין יאָר 135 נ. ק.

די בערג־פעלדן אַרום ירושלים האַלטן נאָך אין זיך פאַרבאָרגן דעם סוד פון דעם לעצטן העראָאישן קאַמף, פון בר כוכבא מיט זיינע גבורים.

האָט טאַקע בר כוכבא די מלחמה מיט די שטאַרקע רוימער פאַרלוירן, אָבער נישט אויף אייביק...

רוים האָט ירושלים נישט באַזיגט!

קלינגט איצט ווידער אָפּ אַ נייער עכאָ אויף די בערג אַרום ירו־שלים... פון דער נייער ירושלים.

קלינגט איצט ווידער אַן עכאָ פון אידישע קעמפער.

דער עכאָ פון צבא הגנה לישראל!

גיי איך נאָך אַרום אַביסל אויפן באַרג און טראַכט:

דאָ אויפן באַרג ליגט אין זיין אייביקער רו, דער זינגער פון תהילים, דער קיניג־פּאָעט דוד המלך. וואָס האָט איינגענומען די פעס־טונג אויפן הר־ציון מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, און געגרינדעט די שטאָט ירושלים.

און אַביסל ווייטער אַוועק, אויך אויף אַ באַרג, ליגט איצט אין זיין אייביקער רו אַ שרייבער מיט אַן איידעלער, צאַרט־פּאָעטישער נשמה, בנימין זאב הערצל.

אַ געטרייער זון פון פאָלק ישראל, וואָס האָט געוואָגט און גע־זאָגט צו זיין פאָלק: בויט צוריק אויף דאָס אַלט־ניי לאַנד. שאַפט צוריק מדינת־ישראל.

און — אם תירצו אין זו אגדה!

אויב איר וועט וועלן וועט דאָס נישט זיין קיין לעגענדע!

איז שוין טאַקע מדינת ישראל מער נישט קיין לעגענדע...

גיי איך פּאַמעלעך אַראָפּ פון באַרג ציון באַהערשט פון טיפע עמאָציעס.

יאָרן לאַנג האָב איך דאָך געלערנט אונדזער תנ״ך. האָב איך זיך אין מיין דמיון פאַרגעשטעלט די אַלע וועגן און שטעגן פון ארץ ישראל.

האָב איך אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעחלומט די אַלע בערג און טאָלן אַרום ירושלים.

און איצט?

איצט גיי איך דאָך אַליין אויף די וועגן פון תנ"ך, אויף די וועגן פון אונדזער געשיכטע...

איצט איז דאָך דאָס אַלץ אַזוי אמתדיק, אַזוי לעבעדיק און אַזוי רעאַל!

אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע איבערלעבונג איז דאָס פאַר מיר!

פאָרן מיר אַביסל שפּעטער צום באַרימטן קיבוץ רמת־רחל.

מיר פאָרן דורך די שטילע גאַסן וואו ס'געפינען זיך די רעגי־רונג־ביוראָען.

ביי אַ באַשיידן הויז, אין אַ קליינעם גאָרטן, וואו ס'וואוינט דער ענערגישער פּרעמיער און קריגס־מיניסטער דוד בן גוריון, שטייען זיך רואיק צוויי אידישע פּאָליציאַנטן.

מיר פאָרן אויך דורך די הינטערגאַסן וואו ס'בויט זיך דער אינדוסטריע־צענטער אין ירושלים.

זעט מען שוין פאַרטיקע, מאַסיווע פאַבריק־געביידעס, און אַ סך נאָכנישט פאַרענדיקטע גרויסע פאַבריקן.

קומען מיר צו הינטער דער שטאָט צום קיבוץ רמת־רחל, האַרט ביי דער גרענעץ מיט די אַראַבער.

איז דער באַרימטער קיבוץ שטענדיק געווען אויסגעשטעלט פאַר די אַראַבישע אַטאַקעס.

אָבער אין דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט דער גוט־איינגעפונ־דעוועטער קיבוץ זייער אַ סך געליטן.

שוין 25 יאָר עקזיסטירט דער גוט איינגעאָרדנטער קיבוץ רמת־רחל, און איז באַרימט מיט זיין העראָאישן קאַמף קעגן די אַראַבי־שע אָנגרייפער.

זעט מען נאָך איצט די שוץ־גרובנס (טרענטשעס), וואו די העל־דישע קיבוץ־חברים האָבן זיך באַשיצט פון די אַראַבישע קוילן...

און אונטן באַרג אַראָפּ, זעט מען שוין די שטעכיקע דראָטן פון דער איצטיקער גרענעץ מיט די אַראַבער.

אין דער זייט לעבן די שוץ־גרובנס, זעט מען נאָך אַ בונקער און אַ צעלעכערט הויז פון די אַראַבישע שראַפּנעלן און קוילן.

ביים ראַנד פון נידעריקן באַרג זעט מען פון ווייטנס דעם ים־המלח, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ דינעם נעפּל.

און נענטער אַביסל, די סילועטן פון דער היסטאָרישער בית־לחם.

פון דער לינקער זייט, זעט מען פון ווייטנס די אימפּאָזאַנטע געביידע אין דער אַלטער שטאָט, וואָס הייבט זיך אויף אַ בערגל מיט די טורעמס און הויכע ווענט.

דאָס איז דער פּאַלאַץ פון געוועזענעם נציב העליון, פון ענגלישן הויך־קאָמיסאַר.

זעט מען אין קיבוץ אַ סך שיינע געמויערטע וואוין־הייזער. און אויך מאָדערנע שיין אויפגעבויטע שטאַלן פאַר די קי.

די גרויסע מאַסיווע געביידע, די „מסעדה", דער קאָלעקטיווער רעסטאָראַן פון קיבוץ, זעט אויס ווי אַ שטאַרקער בנין, ווי אַ פעסטונג פון שטיין און קאָנקריט.

אין איצט לעבעדיק אין קיבוץ. מ'פאָרט אַריין און אַרויס. מ'אַרבעט, מ'שאַפט, מ'שטייט נישט ליידיק קיין מינוט.

דער קיבוץ ברויזט מיט לעבן. די קיבוץ־חברים מיט פאַרברוינט־געזונטע פּנימער, מיט קורצע אַרבל אויף די הענט, זיינען פאַרנומען מיט עפּעס.

יעדער איז מיט עפּעס באַשעפטיקט.

גייט דאָ צו די אַרבעט אַזוי רואיק, אַזוי פּלאַנמעסיק און אַזוי חבריש.

אָן שום צוואַנג, אָן שום באַפעל ווערט דאָ געטאָן די אַרבעט אויפן פעלד, אין שטאַל, אין קיך און ביים אַרויספירן די קיבוץ־פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין. מיט אַזאַ פליים, מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנהייט.

דערפילט מען טאַקע אין קיבוץ די הייליקייט פון מענטשלעכער אַרבעט.

דערפילט מען דאָ דעם כוח פון די אידישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס בויען דאָס לאַנד, וואָס שאַפן איבערן לאַנד דעם קולט פון אַרבעט.

דעם קולט פון קאָאָפּעראַטיוו־חברישן סיסטעם, פון אייגענער מענטשלעכער פּראַצע...

איז דער קיבוץ רמת־רחל דער שטאָלץ פון ירושלים!

איז טאַקע פאַר מיר געווען אַ גרויסער נחת צו זעען דאָס ערשטע

מאָל אין מיין לעבן, ווי אַזוי איבערגעגעבענע חלוצים בויען און שאַפן אַ קאָלעקטיוו־חבריש לעבן אויף די פעלדער אַרום ירושלים.

פאַרנאַכט פאָר איך צו מיט מיין קוזין, צו דעם באַקאַנטן דיכטער נתן ביסטריצקי.

איז טאַקע זייער גוט מיטצונעמען גרוסן פון חברים און פריינט, פאַר זייערע משפחות און פריינט, ווען מען מאַכט אַ נסיעה קיין ארץ ישראל.

מ'זעט ווי אַזוי מ'לעבט דאָ אין לאַנד. מ'באַקאַנט זיך מיט דער סביבה, מ'זעט ווי אַזוי מענטשן פאַרברענגען, ווי אַזוי מ'דערציט דאָ די קינדער, ווי אַזוי מ'קומט אַדורך מיטן שטיקל פרנסה און בכלל קען מען אַזוי טאַקע בעסער דערזען, ווי אַזוי דאָס לעבן אין לאַנד זעט אויס.

האָב איך פון מעקסיקע מיטגענומען אַ גרוס און אַ קליינע מתנה פון באַקאַנטן דיכטער, פעדאַגאָג און איבערגעגעבענער קעמפער פון העברעאיש און פון דער העברעאישער קולטור, דוב חומסקי, וואָס איז איצט דער דירעקטאָר פון דער „תרבות שול״ ביי אונדז אין מעקסיקע.

איז דער גרוס געווען פאַר זיין חבר נתן ביסטריצקי אין ירושלים.

איז מיר טאַקע געווען אָנגענעם און נחתדיק נאָכאַמאָל זיך באַ־געגענען מיט דעם דיכטער, עסייאיסט און עסטעט, חבר נתן ביס־טריצקי. נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען מיר האָבן זיך געזען אין מעקסיקע.

דער ליבער חבר ביסטריצקי נעמט אונדז אויף אין זיין שיינער ליכטיקער ביבליאָטעק. ער דערפרייט זיך מיטן גרוס און מיט דער קליינער מתנה פון זיין טייערן חבר פון מעקסיקע.

האָט זיך חבר ביסטריצקי דערפילט אַביסל יום טובדיק און אין אַ גוטער שטימונג. ער איז אונדז מכבד מיט אַ הייס טעפּעלע שמעק־דיקע שוואַרצע קאַפע.

און אין אַ געהויבענעם יום טובדיקן טאָן, (אַלאַ ביסטריצקי), זאָגט ער אונדז פאַמעלעך וואָרט ביי וואָרט: טרינקט ליבע פריינט די קאַפע! ס'איז עכטע בראַזיליאַנער קאַפע! איר וועט דערפילן דעם אמתן אַראָמאַט פון קאַפע!

יאָ, יאָ, די קאַפע שיקן מיר מיינע פריינט און אָנהענגער פון בראַזיל. מיינע חברים און פריינט פון לאַטיין־אַמעריקע האָבן מיך נישט פאַרגעסן... ניין, ניין, נישט פאַרגעסן!

יאָ, איז דאָס טאַקע געווען אַ גוט און געשמאַק טעפּעלע קאַפּע, מיט דעם פיינעם אַראָמאַט פון בראַזיליאַנער קאַפּע. די בעסטע קאַ־פּע, וואָס כ׳האָב געטרונקען אין ארץ ישראל.

איז דאָס דען נישט אַ וואונדערלעכער צופאַל און אַ שפּילעווו־דיקער קאַפּריז פון לעבן?

איך קום פון דער ווייטער מעקסיקע קיין ירושלים, און טרינק קאַפּע פון דער גאָר־גאָר ווייטער בראַזיל...

איז די שטימונג געווען אַ געהויבענע. חבר ביסטריצקי פרעגט מיך אויס, וועגן זיינע פריינט און חברים, וועגן אידישן ישוב אין מעקסיקע.

מיר דערמאָנען זיך פון דער צייט ווען חבר ביסטריצקי, איז געווען אין מעקסיקע, מיט אַ 10 יאָר צוריק, מיט אַ שליחות פון קרן קימת.

האָט ער טאַקע צוגעצויגן און דערוואַרעמט די אָפּגעפרעמדטע און קאַלטע חברים פאַר דער ציוניסטישער אידייע.

פאַר די אידישע שרייבער איז דאָס געווען אַן אמתער יום טוב, אַ גייסטיקער תענוג. ער האָט איינגעפירט ביי אונדז דעם עונג שבת, ליטעראַרישע אָוונטן מיט געזאַנג בציבור.

ער האָט אַריינגעברענגט חברישקייט און חסידישן ברען און התלהבות צווישן די אידישע שרייבער און קולטור־טוער.

אַז נתן ביסטריצקי איז געווען אויף אַן אָוונט, איז באַלד גע־שאַפן געוואָרן אַ חברישע אַטמאָספערע און טאַקע באַלד מיט גע־זאַנג, אידישע און העברעאישע לידער.

כ׳זיץ קעגנאיבער חבר ביסטריצקי און טראַכט: איז דאָס דער זעלבער ביסטריצקי פון 10 יאָר צוריק.

איז דאָס דער פייערדיקער ליבהאָבער און מענטשן־באַגייסטע־רער? איז דאָס דער פלאַמיקער ביסטריצקי, וואָס האָט געקענט אָנ־צינדן מענטשלעכע הערצער ביי אַ גוט גלעזל וויין און פייערדיקן געזאַנג:

— ארום דעם פייער
מיר זינגען לידער,
די נאַכט איז טייער
זי קומט נישט ווידער!

איצט זעט אויס דער גוטער חבר ביסטריצקי, עפּעס אַזוי ערנסט,

צוריקגעהאלטן און א שטילער אומעט שיינט ארויס פון זיינע פאר־טראכטע אויגן.

מיר דאכט זיך, אז כ'הער איצט א פאטעטישע נאטע אין זיין לירישער שטים...

און אן עלעגישער שמייכל רוט אויף זיינע סענסועלע ליפן, און זיין איידל פנים מיטן געדיכטן קאפ גרויע האר, איז איינגעהילט אין א שאטן פון טרויער.

האב איך ביים געזעגענען זיך מיט חבר ביסטריצקי, געהאט דעם איינדרוק, אז דער טאלאנטירטער דיכטער און עסטעט, איז איצט אן איינזאמער אדלער...

בין איך ארויס אין דרויסן אין א בין השמשות שטימונג.

אויף דער גאס איז די לופט שוין געווען אביסל קיל. ווייט ביים האריזאנט האט זיך די אונטערגייענדיקע זון צעצונדן אין פייער־דיקע פאסן. זיך פייערדיק געזעגנט מיט די בערג ארום ירושלים.

אויף יעדן שפיץ בארג, האט נאך גערוט דער לעצטער גאלדענער בליאסק פון דער פלאמיקער זון, וואס נידערט ביסלעכווייז אראפ צו מערב זייט.

פון מזרח זייט קומען שוין אן די נאכטיקע שאטנס און הילן איין יעדן באזונדער אין נאכטיקן נעפל, און די שאטנדיקע טאלן פאראייניקן זיך מיט די בלויע בערג אין נאכטיקע סודות.

האט די פארנאכטיקע שקיעה אין ירושלים, מיך ארומגענומען מיט א טיפער בענקשאפט און כ'האב זיך געלאזט גיין איבער די גאסן ווי א פארחלומטער, וואס וואנדערט ערגעץ אן א ציל צווישן טאג און נאכט שאטנס.

מיר זיינען אריין אין א רעסטאראן וואו אלע טישלעך זיינען געווען פארנומען.

דאס איז א קאאפעראטיווער רעסטאראן, וואו ארבעטער און אנ־געשטעלטע קומען עסן א מאלצייט פאר א צוגענגלעכן פרייז. דא לאזט מען נישט איבער די קעלנערינס קיין „טיפס", קיין טרינק־געלט...

איז אין גרויסן עס־זאל א גערודער, ס'קלאפן מעסער־גאפל, ס'קנאקן די טרוקענע מצות און מ'ווארט אויף אן ארט ביי א טישל.

איז דאס עסן געווען געשמאק און נישט טייער, און די אטמאס־פערע א היימישע, א חברישע. מ'רעדט ביים עסן גאנץ הויך, בא־

קאַנטע טרעפן זיך און מ׳גייט נאָכן עסן אַרוים אויף אַ נאַכטיקן שפּאַציר.

ווען כ׳בין אַרוים פון רעסטאָראַן איז שוין געווען גוט פינסטער. די לאַמטערן האָבן שוין באַלויכטן די גאַסן מיט אַ מילד־בלאַסן שיין, וואָס רייסט נישט אויף די אויגן מיט אַ צושטאַרק ליכט.

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פון די ירושלימער בערג און כ׳האָב געמוזט אָנטאָן מיין אויבערמאַנטל.

פון דערווייטנס האָט אויסגעזען, ווי די אַרומיקע בערג זיינען ערגעץ פאַרהוילן געוואָרן אין נאַכטיקער פינסטערניש.

ערשט שפּעטער אַביסל, איז די לבנה אַרוים פון אונטער די בערג און געגאָסן איר בלאַס־זילבערן ליכט אויף די שוואַך באַלויכטענע ירושלימער גאַסן.

ווען די הייליקע שטאָט איז שוין געווען איינגעהילט אין סודות־דיקער פינסטערניש, בין איך מיטן קוזין געגאַנגען באַזוכן דעם האַלב־טונקעלן „מאה־שערים" קוואַרטאַל.

פּונקט ווי אַ הונגעריקער כאַפּט זיך צו מיט גרויס אַפּעטיט צום עסן, אַזוי האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו אַלע נייע פרישע איינדרוקן.

און יעדער נייער איינדרוק, אַ נייער נשמה־ציטער, אַ נייע אַ־בערלעבונג.

כ׳פלאַטער, כ׳לויף אַרום. כ׳האָב שוין אַ סך געהערט אין ירו־שלים וועגן דער עקזאָטישער „מאה שערים" (הונדערט טויערן). אָבער מ׳דאַרף דאָרט אַליין זיין, אַליין אַלץ זען.

בלויז עטלעכע גאַסן טיילן אָפּ דעם „„מאה שערים" קוואַרטאַל פון די רוישיקע גאַסן פון צענטער אין ירושלים.

אַדורכגייענדיק עטלעכע שמאָלע זיגזאַגישע געסלעך, האָב איך גע־זען גיין פון מעריב דאַווענען עטלעכע אידן. טייל זיינען געגאַנגען אַליין, אַזוי פאַמעלעך, בהדרגהדיק מיטן שטריימל אויפן קאָפּ מיט די לאַנגע פאות און אַטלעסענע קאַפּאָטעס.

עס זיינען אויך געגאַנגען עטלעכע אידן צוזאַמען און הויך גע־רעדט אויף אַ ווייך־פּוילישן אידיש וועגן לערנען.

אויף אַן עק גאַס האָב איך געטראָפן שטיין עטלעכע יונגע בחורים מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, געקרייזלטע לאַנגע פאות און מיט שוואַרצע בילצענע קאַפּעלושן אויף די קעפּ.

די יונגע בחורים, הויכע, צעוואַקסענע, גוט דערנערטע מיט קיי־

לעבדיקע פולע באקן, בלוט און מילך... האבן זיך געאמפערט וועגן עפעס. כ׳האב געהערט ווי זיי רעדן א געשמאקן פליסיקן אידיש...

האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז כ׳בין אין א קליין שטעטל אין אמאליקן פוילן וואו אלע אידן האבן גערעדט צווישן זיך בלויז אידיש.

כ׳האב זיי באגריסט: א גוטן חול המועד אידן!

זיי האבן מיר רואיק געענטפערט און מיך באטראכט מיט א פרעגנדיקן בליק: אוודאי נישט קיין היגער, הא?

געטראפן, יא געטראפן, האב איך זיי געענטפערט מיט א שמייכל. כ׳בין נישט קיין היגער, כ׳בין א טוריסט פון מעקסיקע.

די בחורים האבן מיך אנגעקוקט, געשאקלט מיט די קעפ, געדרייט די קעפ מיט די לאנגע ציטערדיקע פאות הין און צוריק און אי־בערגעחזרט:

אזוי, אזוי, נישט קיין היגער? אזש פון מעקסיקע? אזוי! נו, ווי לעבן דארטן די אידן? מ׳דאוונט, מ׳לערנט? מ׳היט אפ אידישקייט?

האב איך זיי געפרעגט, פארוואס זיי רעדן נישט קיין העברעאיש. באלד האט איינער א הויכער שיינער בחור מיט א פאר גרויסע פאר־חלומטע אויגן, מיר גאנץ דרייסט געענטפערט מיט א גמרא־ניגון: הער נאר א מעשה? פארוואס זאלן מיר עפעס רעדן העברעאיש? פארוואס? העברעאיש איז דאך לשון קודש און אויף לשון קודש דאוונט מען און מ׳לערנט א פרשה חומש מיט רש״י.

און א צווייטער, נאך גאר א יונגער בחור מיט א פאר פייערדיקע אויגן, האט זיך אנגערופן אויף א ווייך־פוילישן אידיש:

נו, יא, אוודאי רעדן מיר אידיש, מיר זיינען דאך אידן רעדן מיר אידיש. א שיינע מעשה כ׳לעבן! משיח וועט קומען, אם ירצה השם, וועט מען רעדן לשון קודש...

האב איך געטראכט, אז ביז משיח וועט קומען קענען די בחורים מיט זייער אידיש רעדן, און מיט זייער איינשטעלן זיך פארן אידישן לשון, דערווייל ווערן מיטגלידער אין אידישן קולטור־קאנגרעס אין ניו־יארק...

זיי וואלטן זיכער געווען די געטרייסטע אידיש־רעדער...

אט די מאה־שערימדיקע באפאהטע און באקאפאטעטע בחורים, היטן דאך טאקע ערנסט אפ אונדזער מאמע לשון.

פון די ארומיקע טונקעלע געסלעך באוויזן זיך שאטנדיקע סי־

לועטן און דאָס בלאַסע לבנה־ליכט פאַרגרעסערט, ציט אויס זייערע שאָטנס אין דער לענג. און ס׳דאַכט זיך פון וויטנס, אז נאָך יעדן איד גייט נאָך א לאַנג־אויסגעצויגענער שומר...

די אידן גייען עפּעס אזוי מנוחהדיק, אזוי רואיק, רעדן צווישן זיך הויך אָן מורא, אזוי ווי ביי זיך אינדערהיים.

די אידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט שוואַרצע קאַפּעלושן, שטעלן זיך אָפּ ביי אַן עק גאַסל, זאָגן הויך א גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט! און ווערן פאַרשוואונדן אין די אַרומיקע טונקעלע געסלעך.

כ׳קום אַריין אין א לאַנגער, ברייטער, האַלב טונקעלער גאַס. דאָרט איז די פעסטונג „מאה־שערים״. דאָרט איז די „מלוכה״ פון די פרומע אידן, וואָס לעבן זיך זייער שטייגער לעבן, ווי מיט א הונ־דערט יאָר צוריק...

די לאַנגע ברוקירטע גאַס איז איצט באַגאָסן מיט לבנה־ליכט און מיט עטלעכע שוואַך־לייכטנדיקע לאַמטערן.

פון איין זייט גאַס ציען זיך נידעריקע אַלטע הייזער מיט באַ־לויכטענע פענסטער. אַלטע הייזער מיט הילצערנע סקריפּנדיקע טירן און פינסטערע קאָרידאָרן, מיט א ריח פון טוכלע קעלערס...

אין א קליין תימנער שולעכל מיט אַן אויסגעשפּרייטן טעפּיך אויף דער ערד. זיצן עטלעכע דאַרע קליינע אידעלעך מיט געקרייזלטע פּאות און קליינע בערדלעך.

זיי זיצן צוזאַמען ביי א ספר און שאָקלען זיך צו און לערנען עפּעס. ביים ארון־קודש צאַנקט עפּעס אַן אייל־לעמפּל, א נר־תמיד.

כ׳גיי א דורך א פינסטערן קאָרידאָר און קום אַריין דורך אַן אָפענער טיר אין א גרויס בית מדרש. פון סופיט הענגען אַראָפּ עט־לעכע מעשענע הענגלייכטער.

אויבן, איבערן ארון־קודש קוקן זיך אָן צוויי בייזע גאָלדענע לייבן. איין איד שטייט ביים גרויסן באַלעמער און שאָקלט זיך, דאַוונט אוודאי א פאַרשפּעטיקטן מעריב.

עטלעכע אידן זיצן ביי א גרויסן טיש און זיינען פאַרטיפט אין לערנען.

איבערן טיש הענגט אַן עלעקטריש לעמפּל, נאָר ביי די זייטיקע ווענט און פון די ווינקלען לויערט עפּעס אַרויס א סודותדיקע פינס־טערניש.

קיינער קוקט זיך נישט אום, קיינער פרעגט מיך גאָרנישט, ווען

כ'גיי אַרויף אינדערהייך אויף אייזערנע טרעפּ און קום אַריין אין דער וואַרשעווער שול.

אין שול איז ליכטיק. אידן שטייען אין רעדלעך און כאַפּן אַ שמועס.

אַ איד קומט צו און גיט מיר אָפּ אַ שלום עליכם. ער זאָגט מיר, אַז דאָ דאַוונען אויך מאָדזשיצער חסידים, און אַמאָל איז דאָ אויך געקומען דער מאָדזשיצער רבי פון תל אביב און מ'האָט געפּראַוועט אַ שלוש־סעודות מיט אַ מלווה־מלכה מיט די באַרימטע מאָדזשיצער שיינע ניגונים.

דורך שמאָלע שויבן־טירן, זע איך שפּעטער אויף דער גאַס, זיצן אַ קליין אידעלע אין אַ שמאָל שטיבעלע. ער זיצט ביי אַ ליכט און קוקט אַריין אין אַ ספר.

מיט דער שוואַרצער יאַרמולקע אויפן ווייסן קאָפּ האָר און מיטן ווייסן בערדל, זעט דער איד אויס, ווי דאָס הייליקע שניידערל...

כ'גיי פון איין בית־מדרש אין אַנדערן, פון איין ישיבה און דער אַנדערער.

מיין קוזין מיט זיין פריינט שטייען און וואַרטן אויף מיר אין דרויסן אויף דער גאַס.

מ'זאָגט מיר אַז כ'זאָל זיין פאָרזיכטיק, דאָ זיינען אויך דאָ די פאַנאַטישע חברה פון די נטורי־קרתא...

כ'קום אַריין אין אַ ישיבה, וואָס זעט אויס ווי אַ גרויס בית מדרש. ביי אַ לאַנגן טיש אויף הילצערנע בענק, זיצן פון ביידע זייטן מיש אַ צוואַנציק יונגע בחורימלעך, זיי זעען, קיין עין הרע, גאַנץ גוט אויס... די שוואַרצע קאַפּעלושלעך מיט די לאַנגע פּאות, גיבן צו אַ ווייכקייט זייערע קיילעכדיקע באַקן.

ווייזט אויס אַז די תורה־לערנער האַלטן נישט פון דער „צנע"...

אינדערמיט טיש זיצט אַ באַלייבטער איד מיט אַ הדרת־פּנימדי־קער, בלאָנדער באָרד און געדיכטע לאַנגע פּאות.

אויפן טיש שטייט אַ פלאַש ווייַן מיט עטלעכע גלעזלעך און ער פירט עפּעס אַ שמועס מיט די יונגע בחורים.

כ'גיי צו צום טיש און זאָג זיי גאַנץ הויך: שלום עליכם אידן! אַ גוטן חול־המועד פּסח!

און אַלע ענטפערן צוזאַמען: עליכם שלום, עליכם שלום!

דער דיקער איד דרייט זיך אוים אביסל און גיט מיר א פוקעע, דיקע האנט: שלום עליכם, איר זענט אוודאי נישט פון דאנען, פון וואנעט איז א איד?

כ׳דערקלער זיי אז כ׳בין א טוריסט, און כ׳וויל זיך מיט זיי אביסל באקענען. כ׳וויל זען ווי מ׳לערנט דא תורה.

דער רבי אדער דער ראש־ישיבה שטעלט זיך אויף און א צו־פרידענער, א גוט אויפגעלייגטער, גיסט ער מיר אן א גלעזל וויין.

פרעג איך אים שוין א ביסל דרייסטער: רבי וואס טרינקט איר וויין חול־המועד פסח? ס׳איז היינט ביי אייך עפעס א שמחהלע?

ניין, ניין, דערקלערט מיר זייער רבי מיט א גמרא ניגון און ער שאקלט זיך צו אביסל: ניין, ניין, ס׳איז נישט קיין שמחה, ניין! מיר טרינקען חול־המועד פסח עטלעכע גלעזלעך וויין, כדי ממלא צו זיין די ארבע כוסות!

איר פארשטייט? טאמער חלילה האט געפעלט א שמינית־שבש־מינית, אן אכטל פון אן אכטל ריינער וויין ביי די ארבע כוסות. קען מען דאס ממלא זיין חול המועד, אזוי זאגט די גמרא...

כ׳דאנק אים פארן גלעזל וויין און פרעג אים ווי אזוי קומען זיי דורך מיט פרנסה...

דער רבי ענטפערט מיר מיט א ברייטן צופרידענעם שמייכל אויפן פעטן פנים מיט די דיקע פעטע ליפן: אדרבה, אדרבה, מיר זיינען א דאנק השם יתברך צופרידן. טייערע אידן אין אמעריקע, וואוילע אידן. זיי שיקן דאך געלט מיר זאלן קענען זיצן יומם ולילה און לערנען די הייליקע תורה. ווען נישט זייער הילף וואלטן מיר נישט געקענט אויסהאלטן, אט די טייערע אינגלעך, קיין עין הרע, זיי זאלן קענען זיצן און לערנען.

זייער פיין רבי, זאג איך אים און גיב אים א פרעג נישט גאנץ זיכער: איז דאס אמת רבי וואס מ׳זאגט, אז איר דא אין מאה־שערים זענט קעגן דער ישראל־רעגירונג?

די גמרא זאגט דאך אויך, אז דינא דמלכותא דינא. דאס געזעץ פון דער רעגירונג איז א געזעץ, וואס מ׳דארף פאלגן...

אלע זיינען מיטאמאל געבליבן שטיל, די בחורים האבן זיך אנ־געקוקט איינער דעם אנדערן און אויסגעגלאצט אויף מיר די אויגן מיט נייגעריקייט, אויף מיין געוואגטער, מאדנער פראגע...

כ׳האב זיך געפילט אביסל אומבאקוועם, כ׳האב געקלערט אז

כ׳שפּיל זיך דאָ מיט פייער... און מ׳דאַרף אַרויסגיין פון דאַנען וואָס גיכער...

אָבער דער דיקער רבי האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער לופט און עטלעכע פּעטשלעך מיט די דיקע פעטע ליפּן, און מיר געזאָגט געלאָסן:

זעט איר ליבער איד דאָס איז שוין פּאָליטיק... מיר ווילן נאָר די רעגירונג זאָל אָפּהיטן דעם דת, אונדזער הייליקע תורה, אונדזער אמונה. אָבער ווייטער, ווייטער האָפן מיר, אַז דער רבונו של עולם זאָל צו איילן די אמתע גאולה, משיח זאָל שוין קומען...

כ׳געזעגן זיך מיט זיי און גיי אַרויס.

מיין קוזין פרעגט מיך גיך, נו? האָסט גוט אָפּגעשניטן מיט די הברה פאַנאַטיקער?

יאָ, דאָ איז דער תורה־צענטער, די פעסטונג פון די פרומע אידן. דאָ ציען זיך איבער דער לענג גאַס שולן, ישיבות און בתי מדרשים, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון אונטערשטיצער אין אויסלאַנד...

אוודאי טאָר מען נישט לערנען די הייליקע תורה על מנת לקבל פּרס... כדי צו קריגן באַצאָלט פאַרן לערנען.

אָבער אין דער מאה־שערים תורה־פעסטונג, האַלט מען די מצוה פון תלמוד תורה העכער ווי אַלץ...

און טאַקע ביידע צדדים זיינען צופרידן: מ׳זיצט און מ׳לערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות, אַ פּרשה חומש מיט רש״י און מ׳באַזאָרגט די לערנער מיט אַלדאָס גוטס.

אַרבעטן די „לערנער״ טאַקע גאַנץ שווער, מ׳לערנט גאַנץ תורה און מ׳האָט פּרנסה... מען מאַכט חתונה קינדער, מ׳נעמט אַן איידעם אויף קעסט און מ׳לערנט און מ׳לערנט.

איז נאָך טאַקע אין מאה־שערים, גאַנץ תורה די בעסטע סחורה...

אַמאָל האָט מען געפלעגט אויסהאַלטן די עשרה בטלנים... און אין מאה שערים ווערן אויסגעהאַלטן הונדערטער אמתע בטלנים מיט זייערע משפּחות.

דאָס זיינען די חלוקה־אידן, וואָס ציען זייער פּרנסה פון די חלוקה־געלטער וואָס ווערן געזאַמלט דורך שלוחים בכל תפוצות ישראל.

ווערט אין מאה־שערים צעטיילט דאָס חלוקה־געלט צווישן די תורה־לערנער דורך זייערע גבאים און חשבון־מאַכער.

האבן דא די פרומע תורה־לערנער זיך פארשלאסן, פאריגלט אין זייערע „הונדערט־טויערן" (מאה־שערים), און לאזן, בשום אופן, נישט אריין די נייע צייט.

ס'קען דאך חלילה נאך שאדטן צו דער פרנסה...

דא געפינען זיך אויך די מיליטאנטישע תורה־לערנער, וואס קענען פארברענען און צעברעכן אן אויטאמאביל, וואס וויל דווקא דורכפארן אין זייער „טעריטאריע" אום שבת אדער יום טוב.

יא, די הייסע תורה־לערנער קענען טאקע אויך דערלאנגען פעטש ווען מ'דארף...

דאס אלטע וויל זיך דא נישט אונטערגעבן צו דער נייער צייט. דא וויל מען נישט גיין קיין טריט פאראויס, דא לאזט מען נישט אריינבלאזן קיין שום ווינטעלע פון מאדערנעם לעבן, וואס מ'זעט אויף דער אנדערער זייט שוועל...

איז דאס טאקע א גוואלדיקער קוריאז:

אט דא נישט ווייט, בלויז עטלעכע גאסן, הערט זיך דער גערויש, דער ריטם פון א ניי לעבן.

און דא אין מאה־שערים קווארטאל איז מען נאך פארוועבט אין שפינוועבס פון א לעבן, ווי מיט א צוויי הונדערט יאר צוריק...

מיר גייען פאמעלעך ארום פון דעם פאנטאסטישן מאה־שערים קווארטאל.

ארום און ארום הערשט א שטילקייט. פון טייל פענסטער שיינט ארויס א געדעמפטע ליכט, און מ'זעט בלויז ווי טונקל־געקליידטע פיגורן שאקלען זיך ביי טישן מיט אפענע ספרים.

האט דאס אלץ אויף מיר געמאכט אן איינדרוק, ווי כ'וואלט נארוואס געוועזן אין א פארצייטיקער אידישער געטא...

כ'בין עפעס ווי פארבלענדט, כ'בין ווי פארכישופט פון א פאנ־טאסטישער פארשטעלונג פון פארגאנגענע צייטן.

כ'האב דאך נארוואס געזען א לעבעדיק בילד פון פראגער געטא, כאטש מיט א צוויי הונדערט יאר צוריק...

און אט בין איך שוין צוריק אין צענטער, כ'וואנדער ארום אי־בער די מילד־באלויכטענע ירושלימער גאסן, און איך טראכט:

אפשר ברענגען טאקע די מאה־שערים אידן אויך א נוצן?...

קומט דאך טאקע אריין א סך געלט פון אויסלאנד פאר דער פרא־פעסיאנעלער תורה־אונטערנעמונג...

ברענגען זיי דאָך אויך אַריין אין דער אידישער ירושלים א סך קאָלאָריט און האַרמאָניע מיט זייער מאָלערישער קליידונג. גיבן זיי דאָך אויך צו דער אייביקער שטאָט, א ספּעציפישע ארץ ישראל קאָלאָריט, מיט די פאַרשידן־פאַרביקע בערד און געקרייזלטע לאַנגע פּאות.

זעט מען דאָך אין דער הייליקער שטאָט ירושלים קלויסטערס מיט צלמים.

זעט מען דאָך אויך אויף די גאַסן פון דער אידישער הויפּט־שטאָט, שפּאַצירן גלחים מיט נאָנעס אין זייערע קלויסטער־מלבושים...

ברענגען טאָקע די פרומע מאה־שערים אידן אריין א שטיקל אָפּ־וועקסלונג אַן אנדערשקייט און אַן איבערבייט אין די גאַסן פון דער אידישער מעטראָפּאָליע...

כאַפּן מיר זיך שפּעטער אריין אין א קאַפע עפּעס צובייסן און מיר שפּאַצירן ווייטער. כ'גיב זיך נישט אָפּ קיין רעכנונג וואו כ'גיי, כ'ווייס נישט וואו כ'בין...

מיין געמיט איז אינגאַנצן פאַרוועבט מיט דער מיסטעריע פון דער אייביקער שטאָט ירושלים, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

מיר איז איצט עפּעס אזוי גוט אויפן הארץ. כ'בין אין א גייס־טיק־דערהויבענער שטימונג.

פּסח ביינאַכט בלאָנדזשע איך אַרום אין די גאַסן פון ירושלים.

כ'שפּאַציר דאָך אויף די נאַכטיקע וועגן פון אונדזערע נביאים, תנאָים, מלכים און גבורים...

א בלייכער לבנה־כישוף נעמט מיך אַרום, ווען כ'זע ווי דער נאַכטיקער דרימל פאַרוועבט די מידע איינוואוינער אין דער שטילער, רואיק־שלאָפנדיקער ירושלים.

האָב איך טאָקע געכאַפּט א גאַנץ געשמאַקן ציטער, ווען כ'בין געשלאָפן און מיין קוזינס סטודענטן־צימער, צוגעדעקט בלויז מיט איין קאָלדרע...

זיינען פּסח די ירושלימער נעכט קאַלטע, מוז מען ליגן צוגעדעקט טאָקע מיט צוויי קאָלדרעס. ווען מ'טראַכט פון על משכבי בלילות... אין ירושלים שפּעט ביינאַכט.

דאָנערשטיק, דעם 2-טן אַפּריל

כ'האָב זיך היינט פרי אויפגעכאַפּט. דעם ערשטן פרימאָרגן אין ירושלים, איז טאַקע ביינאַכט געווען אַ ביסל קאַלט, דערפאַר אָבער הייבט מען זיך אויף אויסגערוט, פריש און מונטער.

האָב איך זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַ הייס טעפּעלע קאַווע און זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן איבער די ירושלימער גאַסן.

איז אויף די גאַסן אַ גרויסע באַוועגונג. אידן אַליין זיך צו דער אַרבעט. אידן איילן זיך אין די שולן און אין די בתי מדרשים צו שחרית דאַווענען און צו תורה־לערנען.

גייט מען טאַקע גיך־גיך. די קילע לופט דערפרישט דעם מענטש און הייסט אים גיין אויף די טראָטואַרן אַביסל גיכער...

זיינען די געשעפטן אויף דער בן־יהודה גאַס און אויך אויף אַנדערע גאַסן, פול מיט פיין אויסגעשטעלטע אַרטיקלען אין די פענס־טער פון תוצרת־הארץ, פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע.

אָבער מער פון אַלץ לייזט מען איצט ביי די טוריסטן, פאַר די שיין־קינסטלערישע אַלבומס, שיין־געבונדענע תנ"כן. קליינע קינס־טלעריש־געדרוקטע תהלימלעך. בילדער פון די היסטאָריש־הייליקע ערטער, בילדער פון דער מיסטעריעזער ארץ ישראל לאַנדשאַפט און פרעכטיקע נאַטור־פּייסאַזשן.

כאַפּן זיך צו די טוריסטקעס צום קויפן די שיינע זילבערנע בראַסלעטן, שפּילקעס, פינגערלעך און האַלז־בענדער געפּאַסטע מיט אידל־שטיינער, קינסטלעריש אויסגעאַרבעט פון די „בצלאל" מייס־טערס.

מיר גייען צו באַזוכן די דערוויילעקע אוניווערזיטעט־געביידע.

אָבער ס'קומט היינט נישט פאַר קיין שום לעקציעס פאַר די סטודענטן.
ס'איז היינט „חופש" וואַקאַציע, פסח־וואַקאַציעס.

די אימפּאַזאַנטע, גרויסע אוניווערזיטעט געביידעס, וואָס דער אַראַבישער לעגיאָן האָט פאַרכאַפּט אין דער באַפרייאונג־מלחמה אויפן הר־הצופים, שטייען דערוויל ליידיק.

אויך דער פּרעכטיקער הדסה־שפּיטאָל איז נאָך אויף יענער זייט...

ווערט איינמאָל אין דער וואָך דערלויבט, אונטער דער אויפזיכט פון דער „אָנו" קאָמיסיע, אַריינצופירן לעבנס־פּראָדוקטן פאַר די איידישן שומרים וואָס היטן די ווערטפולע מכשירים אין די אוניווערזיטעט־ געביידעס אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ...

כ'האָב באַשלאָסן היינט צוריק פאָרן אין תל־אביב.

אָבער נישט אין קיין טאַקסי און נישט אין אויטאָבוס, נאָר פאָרן מיט דער באַן.

כ'וויל פאַרזוכן דעם טעם פון פאָרן אין אַן ארץ ישראל באַן.

זיינען מיר מיטאַגצייט אַוועק צום וואַקזאַל, געקויפט בילעטן ביי דער קאַסע און זיך געזעצט וואַרטן אין דעם קליינעם ציכטיקן וואַרט־זאַל.

כ'קוק זיך אַרום און דערזע אויף דער וואַנט הענגט אַן אינטערעסאַנטער און טשיקאַווער אויפשריפט:

צוויי אויסגעמאָלטע מענטשן בלויז ביז די אַקסלען, אַן קעפּ...
און איינער שטעקט אַריין זיין האַנט אין צווייטנס קעשענע...

און אונטן אַ העברעאישער אויפשריפט: הזהר מפני כייסים, היט זיך פון קעשענע־גנבים...

האָבן מיר, הייסט עס, שוין אויך אין מדינת ישראל „נאַציאָנאַלע" קעשענע־גנבים...

נו, טראַכט איך, פאַרוואָס נישט? אַ נאָרמאַל פאָלק גלייך מיט אַלע נאָרמאַלע פעלקער...

זיינען דאָך דאָ אין אַלע לענדער, די וואָס פאַרשטייען די גרויסע קונסט פון דער איידעלער מלאכה, אַריינצושטעקן די לאַנגע פינגער אין יענעמס קעשענע...

פאַרוואָס זשע זאָלן אין אידישן לאַנד, מדינת ישראל, אויך נישט זיין די „קינסטלער", די נישט געזעענע פּערפעקטע קעשענע־גנבים? אדרבה, פאַרוואָס נישט? מיר ווערן דאָך צוריק אַ נאָרמאַל פאָלק...

שטייען ביים אַרויסגיין אויף דער פּלאַטפאָרם צוויי פאַרטראַכטע

אידישע פּאָליציאַנטן און צוויי באַן־באַאַמטע וואָס קאָנטראָלירן די בילעטן.

איז די באַן אַן עכט דעמאָקראַטישע באַן... בלויז איין קלאַס וואַגאָנען. נישטאָ קיין פּריווילעגירטע פּאַסאַזשירן, איין קלאַס פאַר אַלע.

זיינען די וואַגאָנען, קיין עין הרע, געפּאַקט. אידן פאָרן חול־המועד פּסח קיין חיפה, קיין תל אביב.

אַלץ גייט צו אין אָרדענונג, אָן געשריי, אָן טומל, ווי מ׳איז געוואוינט אַמאָל צו זען אין דער אַלטער היים, אין אַ דריטן קלאַס וואַגאָן...

געפין איך מיר אַ פּלאַץ צו זיצן, לייג אַרויף אויף דער פּאָליצע מיין רענצל, און מיין קוזין גייט דערווייל אַריין אין עס־וואַגאָן פאַר־נעמען פּלעצער אויף אַ בּסחדיק מיטאָג אין דער ישראל־באַן.

זעט מען אין וואַגאָן פאַרשידענע טיפּן אידן: פרומע באָרד און פּאות אידן, תימנער אידן מיט ברוינע פּנימער, געקרייזלטע פּאות, קליינע בערדלעך און מיט איבערגעשראָקענע אויגן.

אייראָפּעאיש־געקליידטע אידן זיצן שטיל און לייענען אַ צייטונג. עטלעכע אידישע זעלנער שטייען, זיי האָבן נישט קיין פּלאַץ צו זיצן. נישט ווייט פון דער טיר שטייען אויך עטלעכע אַראַבער, ישראל בירגער, מיט לאַנגע פאַרמאַכטע קאַפּאָטעס, מיט ווייסע קעפיאַס אויף די קעפּ וואָס זיינען אַרומגענומען מיט צוויי שוואַרצע שנירלעך.

לעבן זיי אויף דער פּאָדלאָגע ליגן זייערע פּעקלעך, זיי רעדן צווישן זיך אַראַביש און פילן זיך דאָ גאַנץ פריי...

האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ געזאַנג, ווען די באַן האָט אָנ־געהויבן גיין.

בין איך פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום אַנדערן העלפט וואַגאָן און געזען ווער עס זינגט אַזוי הויך און אַזוי באַגייסטערט.

די יוגנט האָט זיך צעזונגען!

מ׳זינגט העברעאישע ארץ ישראל לידער, חלוצים־לידער, הויך מיט חסידישן ברען און התלהבות. פון זייערע יונגע פּנימער שיינט אַראָפּ מוט, ענערגיע און אַנטשלאָסנהייט.

כ׳ווער מיטגעריסן מיטן ברויזנדן געזאַנג ווי פון אַ מעכטיקן וואַסערפאַל, און זינג אויך מיט זיי...

דאָ פאָרט אַ גרויסע גרופּע „סאַברעס” אויף אַ „טיול” אין חיפה.

דער וואגאָן איז געוואָרן מיטאמאָל פול מיט לעבן, אויפגעהייר־מערט. ס'ברויזט מיט יוגנטלעכער באגייסטערונג.

די וואונדערלעכע, טייערע „סאברעס" וואָס זיינען נישט ווילִיק צו פּאָלגן אזוי גיך עלטערע מענטשן... און זעען אוים אביסל שטיף פּאַרעקשנט, זיינען אָבער שטענדיק גרייט אויפצונעמען יעדן איינעם, וואָס וויל זיך מיטפריינען און מיטזינגען מיט זיי.

און פונקט ווי דער קאקטוס־פלאַנץ, וואָס איז שטעכיק און הארט בלויז פון דרויסן. אזוי זיינען אויך די „סאברעס" (אין העברעאיש מיינט דאָס א קאקטוס), זיי זיינען שטעכיק, הארט און פאַרעקשנט...

אָבער טיף אין הארץ זיינען זיי טייערע, איידעלע קינדער און שטאָלצע אידן.

יאָ, זיי שיינען דאָך מיט זייער איידעלער גראציע, אונדזערע טייערע „סאברעלעך".

די שיינע ענערגישע מיידלעך אין די בלויע און ברוינע בלוזעס מיט די קורצע ארבל. די פרעכטיק־בלאָנדע מיידלעך מיט בלויע פארחלומטע אויגן.

און די ווייס־הויטיקע יונגע סאברע־מיידלעך מיט שווארץ־גלאַנ־ציקע אויגן וואָס שיסן מיט פייער...

אָט די אלע טייערע ישראל מיידלעך. האָבן דאָך אזוי ליב צו קלעטערן אויף די בערג מיט די רענצלעך אויף די מיידלשע פּלייצעס...

און די מוטיקע, איינגעשפּאַרטע, ישראל־„סאברעס", די שטאָלץ־פּאַרעקשנטע בחורמלעך מיט די ברוינע בלוזעס און קורצע הויזן, זיינען דאָך גרייט צו גיין מיילן־ווייט איבערן לאַנד אי ןדער גרעסטער סכנה...

אָט די פּאַרעקשנטע סאברעס ווערן דאָך אזוי פריינטלעך, אזוי צוגעלאָזן, ווען זיי זעען, אז מיר ווילן זיי נישט שטערן צו פאַר־ברענגען ווי זיי געפעלט...

און זיינען שטענדיק גרייט אייך צו העלפן, ווען איר פאַרלאַנגט עפּעס פון זיי.

שטייט לעבן מיר אַן עלטערער איד און זאָגט מיר שטילערהייט: נו, ווי געפעלט אייך עפּעס אונדזער יוגנט? ווי געפעלן אייך עפּעס אונדזערע „סאברעס"? איר זענט דאָך אוודאי נישט קיין היגער? א טוריסט?

יאָ, אַ טוריסט, ענטפּער איך שטיל דעם איד. איר האָט אין ארץ ישראל, אַ טייערע אידישע יוגנט.

יאָ, יאָ, ענטפּערט מיר דער איד שוין אַביסל העכער. מיר האָבן אַ טייערע יוגנט, אַ געזונט זיי אין די ביינער, אָבער זיי האָבן אַביסל צופיל חוצפּה, די יוגנט אונדזערע. זיי רעדן אַביסל צוהויך, שרייען, טומלען און ווילן נישט פאָלגן, עקשנים גרויסע אונדזערע סאַברעס.

האָב איך דעם חול־המועד איד געענטפערט: ס'מאַכט נישט אויס, ליבער איד, ס'מאַכט נישט אויס. אדרבה, כ'בין זייער צופרידן, ווען כ'זע אונדזער יוגנט פילט זיך פריי.

זיי זינגען? זאָלן זיי זינגען! ס'איז דאָך זייער אידישע באַן. זיי זינגען דאָך אין זייערע אייגענע אידישע וואַגאָנען...

זיי רעדן הויך? זאָלן זיי רעדן! זאָלן זיי רעדן און שרייען גע־זונטערהייט.

זיי זיינען דאָך יונג, די סאַברעס, פאָלגן זיי נישט און שטעכן אַביסעלע... וואַקסן דאָך אויך די שיינע, שמעקעדיקע רויזן אויף שטעכיקע צווייגלעך...

דער איד האָט געדרייט מיטן קאָפּ אַ נישט צופרידענער: איר זענט דאָך דאָ בלויז אַ גאַסט, ווייסט איר נישט וואָס עס הייסט האָדעווען קינדער אין ישראל. מיר האָבן פון זיי צו זינגען און צו זאָגן. זיי זיינען שוין אַביסל צו גאַוהדיק, צו זעלבסטשטענדיק און אַביסעלע צו פריי...

איז מיר טאַקע געווען אינטערעסאַנט צו שמועסן און הערן אַ מיינונג פון אַ ישראל־טאַטע וועגן די ישראל קינדער...

האָבן מיר זיך געזעצט אויף אַ באַנק און כ'האָב רואיק דער־קלערט דעם איד, אַז יהיה טוב! ס'וועט זיין גוט!

וואָס ווילט איר, ליבער איד, פון דער יוגנט? זיי האָבן דאָך נישט דעבּ מינדערווערט־קאָמפּלעקס, דעם שיפלות־געפיל, וואָס מיר האָבן געהאַט, ווען מיר זיינען געפאָרן אין אַ פּוילישער באַן, און ווען אין וואַגאָן זיינען געזעסן עטלעכע אָנגעבלאָזענע בייזע גויים...

וואַקסט דאָך דאָ ביי אייך אין ישראל אַ פרייע אידישע יוגנט אין אַ פריי אידיש לאַנד. טאַקע אָן קאָמפּלעקסן, אָן שיפלות, אָן מורא, אָן פּחד פאַר עטלעכע שיכורע גויים...

וואַקסט דאָך אויף אין ישראל אַ יוגנט, וואָס ווייסט נישט פון זיין אונטערטעניק פאַר יעדן „פּאַן"...

און טאקע אָן מורא פאר יעדן „איוואן"...

יאָ, כ'האָב זיי ליב די טייערע ארץ ישראל קינדער, כ'האָב זיי ליב די טייערע ישראל־יוגנט מיט מיין גאַנץ הארץ און מיין נשמה.

כ'האָב זיי ליב מיט זייער ביסל חוצפה, מיט זייער געוואַגטקייט און מיט זייער שרייענדיקן העברעאיש...

וואַקסן זיי דאָך די סאַברעס איינגעוואָרצלט און פארוואָרצלט אויף זייער ערד, אונטער אַ פרייען ארץ ישראל הימל...

אין וואַגאָן קומט אריין מיין קוזין און זאָגט מיר שטילערהייט, אַז ער האָט שוין צוויי פּלעצער אין שפּייז־וואַגאָן און מיר וועלן דאָרט שוין קענען זיצן נאָכן עסן, איבער דער גאַנצער צייט פון דער רייזע.

כ'געזעגן זיך מיטן פאַרזאָרגטן חול־המועד איד מיט אַ הויכן שאַ־לאָם (שלום) און גיי אריין אין עס־וואַגאָן.

איז דער וואַגאָן נישט זייער קיין גרויסער, אָבער גאַנץ באַקוועם.

פון ביידע זייטן וואַגאָן שטייען ביי די פענסטער טישלעך מיט אויסגעשטעלטע טעלער מיט מצות.

לעבן דער טיר ביי דער וואַנט איז דאָ אַ בופעט מיט געטראַנקען, זיכ פסחדיק געבעקס און ציגאַרעטן.

איז דער פסחדיקער מיטאָג אין דער ישראל־באַן, געווען גאַנץ געשמאַק און זעטיק.

דער קעלנער באַדינט גיך און רעכנט גיך שוין אינאיינעם מיט זיין „טיפּ" וואָס מ'דאַרף אים איבערלאָזן...

כ'זיץ ביים פענסטער און זע ווי די באַן שלענגלט זיך אויף די גלאַנציקע שינעס צווישן די בערג. ווייזט מיר אוים, אַז דאָ צווישן די בערג, איז די באַן אַ סך זיכערער, ווי אויף די אָפענע פלאַכע פעלדער נישט ווייט פון דער גרענעץ מיט די אַראַבער...

די באַן לויפט נישט, יאָגט נישט און רייסט נישט, אָבער זי גייט גאַנץ גיך.

דאַכט זיך מיר אוים, ווען כ'קוק אויף די בערג, אַז כ'פאָר איצט אויף אַ באַן אין דער שיינער מעקסיקע.

דער אייגענער פּרעכטיקער פּייסאַזש, די אייגענע באַרגיקע לאַנד־שאַפט און כמעט דער אייגענער קלימאַט, וואָס איז איצט אין פסח־טעג אַרום ירושלים.

איז דאָס פאַר מיר אַ וואונדערלעכע איבערלעבונג.

מאַכט דאָס פאָרן, אין דער ישראל־באַן, אויף מיר אַ גוואַלדיקן איינדרוק.

די רעדער גליטשן זיך אויף די שטאָלענע רעלסן מיטן ריטמישן טיק־טאַק, טיק־טאַק. דער וואַגאָן שאָקלט זיך לייכט הין און צוריק, הין און צוריק, און פאַרוויגט מיך ווי אין אַ וואַכנדיקן חלום...

איז דאָס אַלץ אמת?

בין איך שוין טאַקע אין ארץ ישראל.

פאָר איך טאַקע איצט אום פּסח אין אַ אידישער באַן?

פאָר איך טאַקע איצט אויפן וועג פון ירושלים קיין תל־אביב?

אָדער אפשר איז דאָס נישט מער ווי אַ פאַנטאַסטישער חלום?

בלויז אַ שטילער פאַרלאַנג, וואָס כ'האָב אויסגעוואַרעמט אין מיינע מחשבות פון לאַנגע לאַנגע יאָרן?...

יאָ־יאָ! יאָ־יאָ! קלאַפּן צו די רעדער.

ס'איז אמת! ס'איז אמת!

כ'פאָר איצט אויף אַ אידישער באַן צווישן אידישע בערג און ארץ ישראל.

נישט ווייט פון רמלה באַווייזן זיך שוין די פלאַכע פעלדער. קיבוצים און דערפלעך פון אַלע זייטן.

ס'ווערט אַביסל היימלעכער, ליכטיקער אויף דער נשמה און גרינגער אויפן הארץ...

זע איך שוין דורכן פענסטער גרינע לאָנקעס מיט צעוואַקסן פעט גראָז.

קי מיט פולע אייטערס שטייען צעוואָרפן איבער דער גרינער לאָנקע. שטייען זיי די פעטע גרויסע קי באַזונדער, אָפּגערוקט און זיינען שטאַרק פאַרנומען מיטן קייען דאָס גרינע פעטע גראָז.

עטלעכע שעפּסן שטייען צוזאַמען און קייען, רייסן מיט זייערע קליינע ציינדלעך דאָס דינע גראָז. זיי קוקן זיך אַרום דערשראָקן מיט די קליינע שמאָלע קעפּלעך און קייען ווייטער.

לעבן אַ פּלויט פון הילצערנע ברעטלעך שטייען עטלעכע ציגן פאַרטראַכט און וואַרטן אויף עפּעס...

די נאָכמיטאָג־זון גיסט אויס איר מילד־וואַרעם גאָלד אויף די גרינע לאָנקעס, וואַרעמט אויס דאָס גרינע פייכטע גראָז, וואָס די קי קייען מיט גרויס אַפּעטיט.

א וואונדער־שיינע אידיליע פון א דארפיש לעבן אויף די וועגן פון ארץ ישראל.

אין רמלה שטעלט זיך אפ די באן.

איז די סטאנציע נישט קיין גרויסע, אבער פול מיט לעבן, מיט א גרויסער באוועגונג. מ׳פירט סחורות פון אלע זייטן מיט לאסט־אויטאס. ס׳קומען אן און ס׳פארן אוועק אויטאבוסן מיט טאקסים.

איז טאקע א מחיה צו זען ווי אונדזערע אידן, זאלן געזונט זיין, האוון ארום. ארבעטן מיט פארקאשערטע ארבל.

אידן טראגן זעק מיט צעמענט, רערן און קאסטנס אין זייערע ארבעטער בלוזעס.

ס׳רוישט עפעס אין דער לופט ארום און ארום מיט א גוואלדיקן כוח פון שאפן און בויען.

קלינגט אפ אין דער לופט דאס געקלאנג פון שטאל און אייזן, פון רעלסן און מאשינען.

ביי די זייטן וועג לעבן רמלה ליגן אויסגעלייגט אין ארדענונג, טויזנטער שטאלענע וואסער־רערן. גאנצע קופעס אייזערנע רערן ליגן אויסגעלייגט אין גלייכע שורות, וואס ווערן ביסלעכווייז צע־פירט איבערן לאנד און איבערן ווייט ווייטן נגב...

בין איך ארום פיר פארנאכט אנגעקומען אין תל־אביב אן אויס־געריטער און א פארוויגטער פון ריטמישן רעדער־געזאנג, פון דער ארץ ישראל באן.

אבער כ׳בין ווידער לאנג נישט געבליבן אין תל־אביב. כ׳בין באלד ווייטער געפארן.

כ׳האב נאכנישט געהאט די זכיה צו נעכטיקן כאטש איין נאכט אין דער גרויסער ליכטיקער שטאט תל אביב.

האב איך נאך היינט געוואלט באזוכן דעם קיבוץ „געש", וואס געפינט זיך אויפן וועג קיין נתניה.

כ׳האב געוואלט זען די חברה נעמי דזשיוואק פון מעקסיקע, וואס האט זיך אנגעשלאסן אין דעם נייעם קיבוץ „געש" מיט א פינף יאר צוריק.

כ׳האב טאקע געוואלט זען ווי די יונגע אידעאליסטן לעבן אין דעם יונגן קיבוץ „געש" וואס בויט זיך, ראנגלט זיך און רייסט זיך צו א ניי חבריש לעבן.

האבן מיר אויף דער אויטא־סטאנציע געמוזט צו־ווארטן אביסל

און קוים געקריגן צוויי פּלעצער אין אַן אויטאָ פון זיבן פּאַסאַזשירן, שוין מיטן שאָפער, וואָס פאָרט קיין נתניה.

האָבן מיר אין מעקסיקע אַ פיינע אידישע יוגנט. אָבער די יוגנט אונדזערע איז צוגעוואוינט צו אַ באַקוועם לעבן, וואָס די עלטערן זייערע באַזאָרגן זיי שוין מיט אַלדאָס גוטס. ווילן זיי טאַקע, די יוגנט אונדזערע, לעבן אַ גוטן טאָג...

אָבער מיר האָבן טאַקע אויך אַ קליינע צאָל יוגנטלעכע נישט צופרידענע, אַן אומרואיקע, אַן אידעאַליסטישע. וואָס פאַרטראַכטן זיך וועגן זייער צוקונפט און וועגן דער צוקונפט פון זייער פאָלק... זיי קען קיין לוקסוס־לעבן נישט צופרידן שטעלן...

די אידישע יוגנט דאַרף אויך האָבן דעם אידעאַל פון חלוצים, וואָס פאָרן אין ישראל בויען און שאַפן נייע קיבוצים.

האָט טאַקע די יונגע נעמי דאָ חתונה געהאַט און באַלד אַוועק מיט איר מאַן קיין ארץ ישראל, און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קיבוץ.

ליגט דער קיבוץ „געש" נישט ווייט פון ים לעבן שאָסיי, אויפן האַלבן וועג צווישן תל אָביב און נתניה.

זעט מען אויפן וועג די גוט איינגעאָרדנטע שטעטלעך, דערפער און קיבוצים.

אויף דער רעכטער זייט שאָסיי זעט מען דאָס פיינע שטעטל הרצליה און אַנדערע מושבים.

און אַביסל ווייטער אויף דער לינקער זייט ביים ים, געפינט זיך דער בליענדער קיבוץ „שפיים", וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט 18 יאָר צוריק. און דאָרט רינט טאַקע אויך מילך און האָניק...

און טאַקע באַלד לעבן גרויסן, בליענדן קיבוץ „שפיים", בויט זיך דער נייער קיבוץ „געש".

מיר גייען אַרויס פון אויטאָ אויפן ליידיקן שאָסיי. שטיי איך און באַטראַכט וואו כ'בין ערגעץ אין דער וועלט...

אַרום און אַרום איז שטיל, מ'זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש. מ'זעט בלויז ביים זייט שאָסיי, שטייט זיך אַזוי איינזאַם, אַליין, אַ דין דרענגל אַריינגעשטעקט אין דער ערד, און פון אויבן אַ ברעטל מיט אַ העברעאישן אויפשריפט „געש".

הייבן מיר אָן צו גיין אויפן זאַמדיקן וועג וואָס ציט זיך אַ צוויי הונדערט מעטער אַרויף צום קיבוץ. איז דאָס גיין אַביסל שווער. זעט מען אויפן וועג די אָפּגעדרוקטע רעדער־צייכנס אויפן ווייכן

זאמד פון אַן אויטאָ, און ברייטע געקאַרבטע רעדער־צייכנס פון אַ טראַקטאָר.

ציען זיך אויפן וועג פון רעכטס לײדיקע נאָכנישט באַארבעטע פעלדער, מיט אַ שטייענדיק וואַסער אין מיטן פעלד, ווי אַ קליינע כאַזשעלקע.

און פון דער לינקער זייט טונקלען זיך די שלאַנקע הויכע ציפּרעסן, ווי אַ וואַנט וואָס וויל ווּעמען באַשיצן...

הינטער דער וואַנט פון די צעוואַקסענע ציפּרעסן געפינט זיך דער פּרדס פון קיבוץ „שפיים”. שטייען די טונקל־שפּיציקע ציפּרעסן געדיכט, איין בוים לעבן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך אומגעאַרעמט, ארומגענומען מיט די דינע צווייגן. כדי צו באַשיצן דעם פּרדס, כדי קיין פּרעמדן נישט דורכלאָזן אויף דער אַנדערער זייט, וואו ס׳וואַקסן די גאָלדענע זאַפטיקע פּאָמעראַנצן...

זיינען טאַקע אויך די געדיכטע ציפּרעס־ביימער אַ סגולה צו האַמעווען די ווינטן. אַ שטאַרקער ווינט זאָל חלילה נישט אַראָפּ־בלאָזן דאָס איידעלע יונגע בליעכץ און פאַרשיטן מיט זאַמד די בייכיקע קליינע פּאָמעראַנצן־ביימלעך.

ווערט מיר עפּעס אַזוי אומהיימלעך אויפן זאַמדיקן וועג לעבן די טונקעלע ציפּרעסן. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סודות די ציפּרעסן־וואַנט באַהאַלט אויף דער אַנדערער זייט פּרדס...

מיר קומען אַריין אין קיבוץ. די לופט איז קיל, מחיהדיק. ס׳שמעקט מיט רויי־ערד, מיט אָפּגעשניטן גראָז.

כ׳פרעג זיך ביי אַ חבר וואָס שטייט ביי אַ הילצערן אָפענעם שייער, וואו כ׳קען זען די חברה נעמי שחר. מ׳ווייזט מיר אָן אויף דער זייט וואו עס שטייען אַ גאַנצע ריי הילצערנע וואוינונגען, פאַר יעדער פאַמיליע אַ באַזונדער שטיבל מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. אָבער חברה נעמי איז אין שטוב נישטאָ, זי איז באַשעפטיקט אין קינדער־גאָרטן פון קיבוץ.

די הילצערנע בנינים זיינען זייער פיין איינגעאָרדנט. פון לינקס זעט מען די שטאַלן און די שפּייכלער מיטן אינווענטאַר פון קיבוץ. אין צענטער לייכט זיך שוין פון ווייטנס דער גרויסער „חדר האוכל”, דער אַלגעמיינער עס־זאַל פאַרן גאַנצן קיבוץ.

ניי איך אַרויף אויף צוויי הילצערנע טרעפּ און קום אַריין אין צוויי שיינע צימערן מיט קינדער־שפּילצייג, קליינע טישעלעך מיט בענקעלעך.

די שלאנקע פארטראכטע נעמי מיט אירע תמיד פארחלומטע אויגן, באגריסט מיך מיט א הויכן הארציקן שלום. זי דערפרייט זיך שטארק מיטן גרוס וואס איך גיב איר פון אירע עלטערן פון מעקסיקע. זי נעמט איר קליין אינגעלע, דאס קליינע סאברעלע יוסף, און מיר גייען צו אין איר וואוינונג.

אויפן וועג קומט אן נאך א חלוצה מיט א אינגעלע אויף דער האנט. מיר באגריסן זיך, דאס איז די חלוצה וויינטרויב פון מעקסיקע. זי איז אויך א חברה אין קיבוץ „געש", האט דא חתונה געהאט און האט שוין אויך א קליין סאברעלע.

איז די פרייד פון חברה וויינטרויב געוועזן גרויס, און פון גרויס איבעראשונג און שמחה האט זי אזש אנגעהויבן רעדן שפאניש... זי פרעגט זיך נאך אויף אירע עלטערן, זי וויל זיי זאלן קומען אין ישראל. זי איז דא צופרידן און גליקלעך.

גייען מיר אריין צו נעמין אין שטוב. שטייט אין צימער א שאפ־קעלע מיט ביכער, א קליין טישל און א גרויסע סאפע, וואס דינט אויך פאר א בעט. און פארשידענע שטוב־זאכן וואס גיבן צו א ווארעמע היימלעכקייט אין דער חלוצים־וואוינונג.

ס'קומט אן דער מאן, חבר צבי שחר, א סימפאטישער שטילער יונגערמאן. ער דערפרייט זיך מיט מיר און מיטן גרוס פון מעקסיקע.

כ'גיב זיי איבער די מתנה פון זייערע עלטערן פון מעקסיקע, פאר זייער פיר־יעריק סאברעלע.

איז דאס נישט קיין מתנה פון גאלד אדער זילבער, ניין! דאס האט דער זיידע מיט דער באבע פון מעקסיקע, געשיקט א ישראל־באנד אויפן נאמען פון זייער אייניקל יוסף. א קליין, יונג סאברעלע פון קיבוץ „געש" אין ארץ ישראל.

דערציילט מיר נעמי, אז זי האט מיר געשיקט צו חבר בידער־מאן אין תל־אביב, אן איינלאדונג צו קומען צום סדר אין קיבוץ. האב איך אבער די איינלאדונג באקומען ערשט נאך פסח...

דער חבר צבי שחר מאכט דערווייל שווארצע קאפע, און מיר דערקוויקן זיך דאס הארץ מיט א טעפעלע קאפע,, און מיט געשמאקע פסחדיקע קיכעלעך.

עסן טאקע אלע קיבוץ־חברים אין אלגעמיינעם עס־זאל, אבער יעדער חבר האט אויך א רעכט צו מאכן זיך טיי אדער קאפע ביי זיך אין וואוינונג, איבערהויפט ווען ס'קומט צו זיי א גאסט...

זיצן מיר און שמועסן אזוי ווארעם, אזוי הארציק וועגן די אמאַ־ליקע יאָרן אין מעקסיקע.

נעמי און איר מאַן זיינען זייער צופרידן מיט זייער לעבן אין קיבוץ. זיי לעבן לויט זייער אידעאַל און איבערצייגונג: אַלע אַר־בעטן, אַלע שאַפן און אַלע געניסן גלייך פון זייער אַרבעט. האָפן טאַקע אַלע חברים, אַז זייער קיבוץ וועט ביסלעכווייז האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן, ווי אין אַלע עלטערע קיבוצים.

חבר צבי פירט אונדז ווייזן דאָס וויכטיקסטע וואָס דער קיבוץ פאַרמאָגט.

שטייט טאַקע אונטער אַ הילצערן דעכל די טייערע וויכטיקע „זאַך" — אַ טראַקטאָר...

יאָ, יאָ, דער קיבוץ האָט שוין אַ טראַקטאָר! זאָגט מיר דער חבר צבי, און זיינע אויגן גלאַנצן מיט אַ פייערל פון גליק און פון גרויס שמחה...

אין קיבוץ ווערט שוין אביסל טונקל, אַ גרויער בין־השמשות הילט איין די אַרומיקע פעלדער. אַ פייערדיק־צעגליטע זון לאָזט זיך אַראָפּ פון דער אַנדערער זייט קיבוץ אויף מערב זייט, גלייך אין ים אַריין.

נעמי פירט מיר ווייזן דעם וואַסער־טורעם וואָס הייבט זיך אויף הויכע אייזערנע שטאַנגען באַרג־אַרויף. אויפן וועג ליגן אויסגעלייגט די אייזערנע וואַסער־רערן, וואָס פירן דאָס וואַסער גלייך אין קיבוץ אַריין.

כ'קלעטער אַרויף אינדערהייך אויפן וואַסער־טורעם און דערזע אַ פּרעכטיק בילד: אויף מזרח זייט ליגט שוין אַלץ פאַרהילט אין נאַכטיקע שאָטנס. אָבער אין מערב זייט איז נאָך דער האָריזאָנט באַלויכטן מיט אַ רויטן פּאַס פון דער אונטערגייענדער זון, וואָס גיט אַ לעצטן בליק אויפן אָפּשטאַרבנדיקן טאָג.

מיר גייען אַריין אין ליכטיקן עס־זאַל. אַ געראַומער, ציכטיקער זאַל, שיין דעקאָרירט לכבוד פּסח. אין דער קיך שטייען עטלעכע חברות וואָס גרייטן שוין צו די פּסחדיקע וועטשערע פאַרן גאַנצן קיבוץ.

אין עס־צימער שטייען אויסגעשטעלט די טישלעך מיט פיר שטולן ביי די זייטן טישל. אויף די זויבערע טישלעך שטייען טעלער מיט מצות, און טעלער מיט צעשניטענע שטיקלעך ווייסן קעז. ס'ליגן אויך אויסגעלייגט לעפל, מעסער און גאָפּל.

כ׳וואָלט אַליין אויך געהאַט חשק צו עסן אַ שטיקל אויסגעבאַקענע מצה מיט אַזאַ שטיקל געשמאַקן ווייסן קעז...

בעת איך טאַקע אַ חברה זי זאָל מיך מכבד זיין מיט אַ קליין שטיקעלע קעז מיט מצה. האָט דאָס שטיקל מצה מיטן ווייסן קעז פון קיבוץ „געש” געהאַט טויזנט טעם, טעם גן־עדן. אָבער דער אַפּעטיט מיינער איז נעבעך געוואַקסן, און כ׳וואָלט זיך אוודאי נישט אָפּגעזאָגט פון אַ געשמאַקער־מילכיקער וועטשערע חול־המועד פּסח אין ארץ ישראל, אין דעם יונגן קיבוץ „געש”...

אַ היימישע ליבטיקייט צעגיסט זיך איבערן רחבותדיקן עס־זאַל. עטלעכע חברים זיצן אַרום דער ראַדיאָ און הערן דעם יום־טובדיקן פּראָגראַם פון קול־ישראל אין ירושלים.

האָב איך דער חברה נעמי שטיל געזאָגט: מיך וואונדערט זייער וואָס אין אַ השומר הצעיר קיבוץ עסט מען מצות גלייך מיט אַלע פרומע אידן...

האָט מיר די איידעלע נעמי געענטפערט מיט אַ שמייכל: מיר זיינען טאַקע נישט קיין פרומע אידן. אָבער די טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק זיינען אונדז טייער, און מיר היטן אָפּ די אידישע טראַדיציע...

די נאַכט איז צונעפאַלן, ס׳איז געוואָרן פינסטער אין דרויסן. בלויז ביי די וואוינונגען האָבן עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך געלויכטן. כ׳געזעגן זיך מיט דער טייערע חברה נעמי און מיט איר מאַן חבר צבי און פאַרלאָז, נישט ווילנדיק, די היימיש־חברישע סביבה.

גייענדיק איבערן קיבוץ צוריק צום שאָסיי, האָט זיך מיר פאַרפּלאָנטערט אין קאָפּ אַ מחשבה: אפשר בלייבן?

אפשר בלייבן דאָ אין קיבוץ? און טאַקע אַרבעטן צוזאַמען מיט די טייערע האַרעפּאַשניקעס. זיי העלפן אין זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און לעבן גלייך מיט זיי...

האָב איך אָבער באַלד געגעבן אַ סקעפּטיש־איראָנישן שמייכל: אַ, דו נאַרישער מענטש! זעסט נישט אַז פאַר דיר איז דאָס שוין שפּעט!...

יאָ, אַ ביסעלע צו שפּעט!...

איז טאַקע פאַר מיר געווען דער באַזוך אין קיבוץ „געש” אַ גרויסע פרייד. האָב איך דאָך געזען דאָס ערשטע מאָל, ווי יונגע

פרויען און מיידלעך, יונגע אינטעליגענטע בחורים, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע וואַרעמע און באַקוועמע היימען. האָבן פאַרלאָזט דאָס יאָגן זיך נאָך לוקסוס, נאָך געלט־מאַכן, נאָך רייך ווערן און זיך גאָר אָוועקגעלאָזט קיין ישראל אַרבעטן אויף רויער ערד, אויף זאַמדיקע וועגן, צו שאַפן אַ חברישן קיבוץ און לעבן פון אייגענער שותפותדיקער אַרבעט.

באַוואונדער איך טאַקע די דאָזיקע מענטשן, וואָס גיבן אַוועק זייערע בעסטע יאָרן. זייער יוגנט פאַר זייערע אידעאַלן.

זיינען דאָך די דאָזיקע חלוצים הייליקע מענטשן!

אַ פאָלק וואָס האָט אַזאַ איבערגעגעבענע יוגנט, אַ לאַנד וואָס האָט אַזאַ יוגנט, וואָס וויל זיך מיט אַלע כוחות פאַרוואָרצלען אויף אייגענער ערד. האָט אוודאי אַ גרויסע צוקונפט, גאָר אַ גרויסע צוקונפט!

אויף די אַרומיקע פעלדער האָט שוין געהערשט אַ נאַכטיקע רואיקייט. אויף דער רעכטער זייט שוואַרצן זיך די סילועטן פון די אויסגעשטעלטע ציפּרעסן. די לבנה שוין נישט קיין פולע, ווי אַ בלייך־פאַרבויגענע מצה, האָט זיך איצט אַרויסגעכאַפּט הויך אין מיטן פון דין־פאַרוואָלקנטן הימל, און זעט נעבעך אויס אַזוי קליין, און שיינט אַזוי אומעטיק און שוואַך אַראָפּ פונדערהייך...

וואַרטן מיר ניין אַזייגער ביינאַכט אויפן פינסטערן שאָסיי.

עפּעס איז אַוועקגענומען געוואָרן פון מיר די מורא צו פאָרן ביינאַכט אויף די ליידיק־פינסטערע שאָסייען אין ישראל. וואָלט איך זיכער, אין אַן אַנדער לאַנד, מורא געהאַט צו וואַרטן שפּעט ביי־נאַכט אויף אַ פינסטערן שאָסיי, אָבער נישט אין ישראל!

ניין, כ'קען זיך דאָס נישט דערקלערן, ס'איז דאָך פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך. אָבער כ'פיל זיך פאָרט אין ישראל אַזוי רואיק, אַזוי זיכער.

עפּעס אַ מאָדנע זיכערקייט פילט אָן מיין האַרץ, כאָטש אַרום די פּאַסן לאַנד וואָס גרענעצן זיך מיט די אַראַבער, איז מען דאָך נישט גאַנץ זיכער און די סכנה איז אוודאי גרויס... אָבער אויף די וועגן און שאָסייען ווייטער אַביסל פון די גרענעץ־ליניעס, פילט מען זיך עפּעס אַזוי פריי, אַזוי זיכער, ווי אין אַן אייגענעם גאָרטן, ווי אין אַן אייגענעם הויף...

אויף דער ארץ ישראל ערד דערפילט מען, אַז מען איז צווישן

איינגענע. עפּעס אַן אינערלעכע שטים האַלט מיך אין איין דערמאָנען: דו ביסט צווישן אידן! דו ביסט דאָך אין מדינת ישראל!

דערפילט מען טאַקע אַן אינערלעכע זיכערקייט, און אַוועקגענו־מען ווערט אינגאַנצן די מורא, שפּעט ביינאַכט אויף די וועגן אין ישראל.

האָבן מיר געוואַרט אַ קנאַפּע שעה און מיט מזל געקריגן אַ פּלאַץ אין אַ טאַקסי, און שפּעט ביינאַכט אַריינגעפאָרן אין נתניה.

פרייטיק, דעם 3־טן אַפּריל

כ'בין שוין ווידער אין תל אָביב, אין דער ליכטיקער אידישער שטאָט, מיט די הויכע פעסטע הייזער, וואָס בלאַנקן אונטער דער צע־שטראַלטער זון מיט זייער ווייסקייט און ריינקייט.

איז תל־אָביב א ריינע ציכטיקע שטאָט. אויף די גאַסן, אויף די טראָטואַרן זעט מען נישט אַנגעוואָרפן קיין שטיקלעך פּאַפּיר, קיין מיסט, זוויבערע ריינע גאַסן. זעלטן אַז א שטאָט מיט אַזאַ גרויסער באַוועגונג זאָל געהאַלטן ווערן אַזוי ריין.

האָב איך אין תל־אָביב דערזען אַן אויסערגעוויינלעכע דער־שיינונג: מ'זעט דאָך נישט קיין פליגן אין תל־אָביב אפילו אין הייסע טעג.

איז דאָס טאַקע געווען א גרויס וואונדער.

זעט מען טאַקע אויך נישט קיין פליגן אין די קלענערע שטעט און דערפער. אָבער אין אַזאַ ענג־געפּאַקטער שטאָט ווי תל־אָביב, זאָל מען נישט זען קיין פליגן, נישט אין קיך און נישט אין עס־צימער, דאָס איז דאָך טאַקע א זעלטענער פאַל און טאַקע א וואונדער...

אין א סך גרויסע ריינע שטעט אין אַנדערע לענדער, קען מען זיך דאָך נישט אָפּזאָגן פון די זלידנע פליגן, וואָס זשומען אין די אויערן, שטעלן זיך אויף אַלץ און אַלעמען. שטעכן, פּיקן און לאָזן נישט צורו קיינעם.

האָב איך טאַקע נאָך אין ישראל נישט געקריגן קיין איין שטאָך פון א פליג, אפילו נישט אין דער ענגער, גרויסער תל־אביב, וואו אַלע הייזער שטייען צונויפגעדרוקט, צוזאַמענגעפּרעסט איינס לעבן אַנדערן.

יאָ, שטעכן טאַקע נישט די פליגן אין ישראל. איז טאַקע א מחיה צו שלאָפן מיט אָן אָפן פענסטער...

ווען די אַראַבישע צוויי־פּיסיקע פליגן, זאָלן ביי די גרענעצן אויפהערן צו פּיקן און צו שטעכן... וואָלט דאָך טאַקע ארץ ישראל געווען אַ זעלטענע מדינה, וואו קיינער שטעכט נישט, אפילו נישט די מיאוסע, פּאַסקודנע פליגן...

איז טאַקע אויך אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו שפּאַצירן אויף די גאַסן אין תל־אָביב. אויף די גרויסע און קליינע גאַסן פון דער מאָדערנער, עלעגאַנטער אידישער שטאָט תל־אָביב.

מיר דאַכט זיך, אַז כ׳שפּאַציר אין אַ היסטאָרישן מוזייאום פון באַרימטע אידישע נעמען. כ׳שפּאַציר דאָך אויף גאַסן פון באַרימטע גאונים, דענקער, פּאָעטן און שרייבער.

אַ שטיק אידישע געשיכטע קען מען דאָך אָראָפּלייענען פון די פאַרשידענע אויפשריפטן אויף די תל־אָביבער גאַסן. גיב איך אַ קוק אויף אַן אויפשריפט אין אַ גאַס, דערמאָן איך זיך באַלד אין אַ גאון, אין אַ דענקער אָדער שרייבער, און ס׳טויכן אויף אין געדאַנק עפּיזאָדן פון דער אידישער געשיכטע, און פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

פילט מען זיך טאַקע עפּעס אַזוי היימיש־אידיש אין די תל־אָביבער גאַסן. מיט אַזוי פיל חכמים און געלערנטע...

האָב איך זיך שוין דאַסמאָל באַקאַנט מיט מיין קוזינעס צוויי זין און אַ טאָכטער מיט זייערע פאַמיליעס אין תל־אָביב. געזען דאָס ערשטע מאָל ווי אַזוי אַ פאַמיליע מיט קינדער לעבן און קומען דורך מיט דער פרנסה אין דער גרויסער שטאָט.

איז אויך דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, גיט מען טאַקע אַכטונג צום ערשטן אויף די קינדער. האָט מען אויף יום־טוב געגעבן גרעסערע פּאָרציעס. מ׳האָט לכבוד פסח אביסל לויזער־געמאַכט די שטייפע „צנע"... קריגט טאַקע יעדע פאַמיליע מער פיש, מער פלייש און מער מעל אויף קיכעלעך.

זעען טאַקע די קינדער אויס, קיין עין הרע, גאַנץ גוט. מיט רויטע פּוקע בעקעלעך. שפּילן זיי „כדור־רגל" (פוט־באָל) לעבן די הייזער אויף די קלענערע גאַסן, און זיינען שטאַרק פאַרקאָכט אין ספּאָרט.

און די פרויען? קיין עין הרע נישט, קיילעכיקע, חלילה נישט קיין אויסגעדאַרטע, מאָגערע, מיט איינגעפאַלענע באַקן. און דאָס איז דאָך אוודאי נישט פון פאַסטן אָדער פון נישט דערעסן... זאָלן

מיר טאקע די טייערע ארץ ישראל באלעבאסטעס מוחל זיין. זיי וואלטן געמעגט אביסל אכטונג געבן אויף זייערע נישט איבעריק דינע פינגערן...

בין איך פארנאכט צוגעפארן מיט מיין קוזין אין כפר סבא.

מיר ווילן באזוכן דעם קימפעטארן־שפיטאל פון קופת־חולים אין כפר סבא. מיין קוזין אברהם ראזענבערגס טאכטער, ליגט איצט אין קימפעטארין־שפיטאל. זי איז מיט עטלעכע טעג צוריק געלעגן גע־ווארן און געבוירן א אינגעלע, א סאברעלע.

וואוינט זי טאקע אין פתח תקוה, אבער דארט איז דער שפיטאל פאר געוויינערינס, קיין עין הרע, איבערפולט... די יונגע פאטריא־כישע ווייבלעך אין ישאל, איילן זיך צו אביסל, און זיינען טאקע מקיים די מצוה פון דער תורה:

— פרו ורבו ומלאו את הארץ.

פרוכפערט אייך און מערט אייך אן פילט אן די ערד (דאס לאנד אויך...)

איז טאקע תוצרת הארץ א ברכה פאר ארץ ישראל... געבוירן די אידישע ווייבלעך שיינע, געזונטע סאברעלעך, קיין עין הרע.

האב איך טאקע אויך געוואלט זען דאס ערשטע מאל, ווי אזוי א שפיטאל פון קופת־חולים זעט אויס. האב איך דאך אזוי פיל גע־הערט פון דער וואונדערלעכער קופת־חולים פון דער הסתדרות אין ארץ ישראל.

פון א קליינער קראנקע־קאסע, וואס 150 ארץ ישראל ארבעטער האבן זיך געשאפן מיט פערציק יאר צוריק, איז טאקע אויסגעוואקסן די גרויסע וואונדערלעכע קופת־חולים, מיט שפיטאלן, קליניקס און מעדיצינישע הילף פאר א קנאפן מיליאן ארבעטער און אנגעשטעל־טע מיט זייערע פאמיליעס.

איז דאך דאס א גוואלדיקע דערגרייכונג. איז דאך דאס א וואונ־דער איבער וואונדער!

אין גרעסערע, רייכערע לענדער ווערן דאך די ארבעטער מיט זייערע פאמיליעס, אזוי נישט באזארגט מיט מעדיצינישע באהאנד־לונג, ווי אין דער קליינער, ארעמער מדינת ישראל...

און א וואונדער איז אויך, וואס די קופת־חולים טיילט דאך אויס מעדיצינישע הילף פאר קראנקע פון די „מעברות" און פאר די נייע עולים.

זייגען טאקע די צוויי ווערטער קופת־חולים שוין געווארן א שם־דבר, בארימט אין ישראל און טאקע אויך אין אנדערע לענדער. נעמען דאך די צוויי ווערטער אריין אין זיך דעם אידיש־עטישן באַגריף פון רחמנים בני רחמנים.

גיבן טאקע די צוויי ווערטער קופת־חולים מוט און האפנונג הונדערטער קראנקע אידן. אבער נישט חלילה ווי פארשטויסענע, אָרעמע קראנקע נעבעך...

א, ניין!

נאָר ווי גליכע מיט גלייכע, ווי גלייכבארעכטיקטע מיטגלידער פון דער גרויסער הומאניטארער, אידיש־סאציאלער הסתדרות. איז דאָס א גרויסער כבוד און פרעזטיזש פאר די אידישע ארבעטער און טאקע אויך א גרויסע הילף פארן גאנצן לאנד.

ס׳איז שוין געווען גוט פינסטער ווען מיר זיינען געקומען אין כפר סבא.

גייען מיר דורך א גדויסן גארטן און מיר קומען אריין אין שיינעם ווארט־צימער.

האָט זיך דער דאקטאר דערפרייט מיט מיין קוזין. זיי קענען זיך נאך פון דער באפרייאונג־מלחמה, וואו דער דאקטאר איז פארוואונדעט געווארן אין א שלאכט מיט די אראבער.

שמועסן מיר אביסל וועגן שפיטאל, וועגן די קראנקע און זייערע קאפריזן. פרעגט מיך דער ענערגישער, גוטמוטיקער דאקטער. וועגן די אידישע דאקטוירים אין מעקסיקע און צי האבן די אידן אין מעקסיקע א אידיש שפיטאל, און טאקע פארוואס קומען נישט די אידישע יונגע דאקטוירים אין מדינת־ישראל?

וואונדערט ער זיך דער דאקטאר. אזא פיינער אידישער ישוב אין מעקסיקע און האט נאכנישט קיין אידיש שפיטאל.

בעט אונדז דער דאקטאר אריין אין א גרויסן באקוועמען זאל, וואו ס׳שטייען עטלעכע בעטן מיט קימפעטארינס. אין לופטיקן זאל הערשט א שטילקייט, און א היימישע רואיקייט שפרייט זיך אויס אויף די ווייסע ווענט, אויף די ווייסע בעטן און אויף די ווייסע קליינע טישעלעך לעבן די קימפעטארינס. פון סופיט גיסט אראפ איבערן זאל א מילך־ווייכע ליכטיקייט. וואס באַרואיקט און פאר־שלעפערט.

פון די ווייס־בלאנקע קישנס שיינען ארויס די בלאסע פנימער

פון די קימפעטאָרינס, מיט אַ דינעם שמייכל פון גליקזעליקייט אויף די בלייכע ליפּן. די געדיכטע בלאָנדע און שווארצע קעפּ האָר אויף די ווייסע קישנס. זעען אוים ווי אויסגעמאָלטע קונסט־בילדער אין אַ ראַם פון אַ ווייך־ציכטיק בעט, מיט אַ העל־וואָלענער קאָלדרע...

די קימפּעטאָרינס ליגן רואיק און באַטראַכטן די געסט מיט שטו־מע בליקן.

שטיל באַגרים איך מיין קוזינס טאָכטער, כ'בין איר מכבד מיט אַ קעסטל שאָקאָלאַד. און כ'פרעג איר ווי זי פילט זיך אין געזונט. ענטפערט זי מיר מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַ שמייכל: טוב מאוד, תודה! (זייער גוט, אַ דאַנק).

איז טאַקע די באַהאַנדלונג אין קופּת־חולים שפּיטאָל אויסגע־צייכנט. אַלע, פון דאָקטאָר ביז די קראַנקן־שוועסטער, היטן דאָך אָפּ די קימפּעטאָרינס מיט די ניי־געבוירענע סאַברעלעך, ווי די אויגן אין קאָפּ...

האָט דאָס אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. כ'בין איבעראַשט פון אַלץ וואָס כ'זע דאָ אין שפּיטאָל.

אַלע זיינען דאָך אַזוי פּריינטלעך, אַזוי צוגעלאָזט, אַזוי האַרציק.

זיינען טאַקע די ישראל־ווייבלעך צופרידן צו קומען נאָכאַמאָל אין דער ווארעם־חברישער, קימפּעטאָרין־היים, און ווידער ברענגען אויף דער וועלט אַ ניי סאַברעלע...

ביים פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, זאָג איך שטיל צו מיין קוזין: געבענטשט זאָלן זיין די מענטשן. וואָס האָבן געשאַפן דעם הומאַ־ניטאַרן וואונדערלעכן קופּת־חולים, מיט די קליניקס און שפּיטעלער, וואו קראַנקע געפינען אַ היילונג און אַ טרייסט אין זייערע ליידן. איז דאָך דאָס אַ גוואַלדיקער אויפטו פון דער הסתדרות, צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון די אַרבעטער־מאַסן אין ארץ ישראל.

און מיט אַ ברכה אויף די ליפּן פאַר די שאַפער און בויער פון קופּת־חולים פאַרלאָזן מיר דער שפּיטאָל־הויף.

איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען מיר האָבן גענומען זוכן אין די האַלב־פינסטערע הינטער־גאַסן אין כפר סבא, דעם אדרעס פון דעם באַקאַנטן העברעאישן פּעדאַגאָג און געלערנטן ד"ר הענעך דרויז.

האָב איך געהאַט אַ גרוס פאַרן ד"ר דרויז פון זיין קוזינע אין

מעקסיקע, און כ׳האב געוואלט דעם גרוס איבערגעבן, כאטש ס׳איז שוין געווען שפעט ביינאכט.

מדינת ישראל איז דאך שוין געווארן דאס, וואס אמאל די פאראייניקטע שטאטן אין אמעריקע.

האט טאקע יעדער איד פון אייראפע געהאט א משפחה־מיט־גליד, א קרוב, א פריינט אדער א בן־עיר, א לאנדסמאן אין אמעריקע.

איז דאס טאקע היינט אויך געווארן אין מדינת ישראל.

האט דאך כמעט יעדער איד א קרוב. א פריינט אדער א לאנדס־מאן פון די שארית הפליטה, וואס האבן זיך געראטעוועט קיין ארץ ישראל.

גיבן איצט מיט, די אידן פון די אמעריקאנער לענדער, גרוסן און מתנות פאר זייערע קרובים און פריינט פון די לענדער פון די אלטע היימען אין אייראפע, וואס וואוינען איצט אין ישראל. איז טאקע געווארן א לעבעדיקער קאנטאקט, א באנד, א פאמיליע־פאדעם וואס פאראייניקט די תפוצות ישראל מיט ארץ ישראל...

דאס אייביקע ראד פון געשיכטע דרייט זיך און דרייט זיך, און קומט ווידער צוריק צום ערשטן פונקט, צום אייביקן שורש.

יא, געשיכטע איז אויך גלגל החוזר בעולם.

די געשיכטע חזרט זיך איבער:

— ארץ ישראל, בבל. שפאניע, פוילן, אמעריקע און ווידער — ארץ ישראל...

האבן מיר געהאלטן אין איין פרעגן וואו ס׳געפינט זיך דער שיכון הותיקים, אין די נייע אויפגעבויטע הייזער הינטערן שטעטל.

איז אזוי גוט, אזוי אנגענעם צו בלאנדזשען אין די ארץ ישראל שטעטלעך אפילו ביינאכט. כ׳פיל, אז עפעס גייט אויף אין מיר אלץ נייע און נייע איבערלעבונגען. וואונדערלעכע איינדרוקן, וואס זיינען מיר ביז איצט געווען אינגאנצן פרעמד.

כ׳גיי דאך איצט אין די פינסטערע געסלעך ביינאכט אין א אידיש שטעטל, צווישן אידן, אויף אידישער ערד אין א אידיש לאנד.

עפעס אן אינערלעכע צופרידנקייט איז אין מיר געוואקסן. כ׳גיי אזוי פריי, כ׳טרעט אויפן ווייכן געלן זאמד אזוי זיכער און אזוי היימיש, און אן שום מורא...

א פארגעניגן, א גרויס פארגעניגען איז צו בלאנדזשען ביינאכט אין די קליינע דערפער און שטעטלעך. אויף די זאמדיקע וועגן,

שליאַכן און סטעזשקעס אין פרייען אידישן לאַנד, אין ארץ ישראל.

האָב איך באַלויכטן מיט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל, די האַלב־פינסטערע, נאָכנישט געפלאַסטערטע געסלעך, ביז מיר האָבן דער־זען אַ שורה ווייסע קליינע הייזער אַרומגענומען מיט גערטנדלעך, און טאַקע אין אַזאַ ווייס הויז, וואו אויף דער הילצערנער ווערענדע האָט געברענט אַ שוואַך עלעקטריש לעמפּעלע, האָבן מיר דעם אַדרעס געפונען.

איז אויך געווען אַ שטיקל גליק, וואָס מיר האָבן שפּעטער אויפן שאָסיי געקריגן אַ טאַקסי. און שפּעט ביינאַכט בין איך, מיט אַ צו־פרידענער אָנגענעמער מידקייט, פון אַזוי פיל אַרומגיין, זוכן און טרעפן, געקומען אין נתניה.

שבת, דעם 4־טן אַפּריל

היינט, באַלד אינדערפרי בין איך ווידער געקומען אין תל־אָביב.

בין איך שוין דאָ געבליבן עטלעכע טעג. מ׳דאַרף דאָך זיך אביסל אָפּרוען און אויפהערן אַרומצופאָרן יעדן טאָג הין און צוריק...

גיין וואוינען אין אַ האָטעל, האָט מען מיך נישט געלאָזט. ס׳טייטש, עטלעכע צווייטע קוזינס, קיין עין הרע, וואוינען אין תל־אָביב און איך זאָל גאָר גיין אין אַ האָטעל אריין.

זיינען זיי טאַקע נישט קיין רייכע מענטשן, אָבער אַזעלכע טייערע, האַרציקע און גאַסטפריינטלעכע מענטשן איז שווער צוגעפינען אין אַן אנדער לאַנד. איז מען דאָך אין ישראל גרייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן ביסן ברויט סיי פאַר אייגענע און סיי פאַר פרעמדע.

אויסערגעוויינלעכע, מאָדנע, שטאָלצע אידן אין ארץ ישראל.

זיינען דאָך אַ סך קרובים און פריינט נישט צופרידן, ווען מ׳שיקט זיי סקריפּס אָדער פּעקלעך שפּייז...

דאַרפן זיי טאַקע נעבעך די „סקריפּס" מיט די פּעקלעך, אָבער נישט ווי קיין נדבות, נישט ווי קיין טובות...

טייערע, שטאָלצע אידן אין ישראל!

בין איך דערווייל געבליבן וואוינען ביי מיין צווייטן קוזין יוסף.

איז דאָ דער פּראָבלעם פון דירה־געלט נישט קיין שווערער. דירה־געלט איז דאָך אין ישראל ביליקער, ווי אין אַ סך אנדערע לענדער.

צאָלט מען פאַר אַ וואוינונג פון דריי צימערן מיט אַ קיך 15 אָדער 20 פונט אַ חודש. און די וואָס וואוינען נאָך אין דירות פון פאַר דער באַפרייאונג־מלחמה, צאָלן נאָך ווייניקער...

האָט די אידישע רעגירונג אַ גוטע זאַך געטאָן. זי האָט פאַרפרוירן

דאָס דירה־געלט און לאָזט נאָך ביז היינט נישט העכערן קיין דירה־געלט.

איז אָבער דאָ א גרויסע צרה מיטן געפינען א דירה, ס'פעלן אויס וואוינונגען אין ישראל. בייט מען טאקע זעלטן א וואוינונג, און די וואָס בייטן שוין יאָ די דירה, ווילן פאַר זייערע אַלטע וואוינונג שליסל־געלט, ווייל זיי דאַרפן דאָך אליין אויך צאָלן שליסל־געלט פאַר זייער נייער דירה...

אפילו די איינגנטימער פון די דירות נעמען אויך שליסל־געלט...

איז טאקע דאָס שליסל־געלט אַן אומגליק פאַר נישט פאַרמעגלעכע פאַמיליעס. דאַרף מען געבן פאַר א וואוינונג פון דריי אָדער צוויי צימערן מיט א קיך, דריי טויזנט פונט שליסל־געלט... און אַמאָל מער.

פאַר א קראָם אויף א צענטראַלער גאס דאַרף מען דאָך געבן 15 אָדער 20 טויזנט פונט שליסל־געלט...

איז דאָס שליסל־געלט שוין געוואָרן אַן איינגעבירגערטע צרה אין ישראל.

מישט זיך נישט אריין די רעגירונג אין דעם דירות־פּראָבלעם. אויף שליסל־געלט איז דערווייל נישטאָ קיין „צנע"...

בויט מען דערפאַר נייע שיכונים. נייע „קאָלאָניעס" מיט הונדערטער הייזער הינטער תל אביב.

בויט אויך די הסתדרות נייע קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר אירע מיטגלידער, און די אַרבעטער צאָלן ביסלעכווייז אויס זייערע וואוינונגען און די דירות פאַרבלייבן שוין זייער אייגנטום...

בויט אויך די רעגירונג אויס נייע הייזער וואו ס'ווערן ביסלעכווייז באַזעצט די איינוואוינער פון די מעברות.

וואַקסן טאקע אויס נייע געגנטן מיט נייע שורות הייזער הינטער די גרעסערע שטעט און שטעטלעך, וואו די גאַסן זיינען נאָך אפילו נישט אויסברוקירט און אפילו אָן טראָטואַרן.

גייט צו דאָס בויען מיט א גוואַלדיקן אימפּעט. זעט מען ווען מ'פאָרט דורך הינטער א שטאָט, ווי מ'בויט און ווי מ'פאַרטיקט אויס שורות נייע הייזער. ווערט נאָר איין שורה הייזער פאַרענדיקט, ווערט באַלד געגראָבן דער פונדאַמענט פאַר א שורה נייע הייזער.

האָב איך זיך לכבוד שבת אביסל אויסגערוט אין תל אביב, און נאָכמיטאָג בין איך געגאַנגען באַזוכן דעם באַרימטן פּאָעט־פּאַרטיזאַן אברהם סוצקעווער.

האָט דער באַוואוסטער דיכטער, געפונען אַ מקום־מנוחה אין מדינת ישראל, וואו ער וואוינט איצט מיט זיין פאַמיליע.

איז איצט אברהם סוצקעווער, דער רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל „די גאָלדענע קייט", וואָס די הסתדרות גיט אַרויס אין מדינת ישראל.

וואוינט ער טאַקע אין ארץ ישראל, דער גאָט־געבענטשטער דיכטער סוצקעווער, און דאָס בעסערע, גאָלדענע אידיש־וואָרט שיקט ער אַרויס אין אַלע תפוצות־ישראל, דווקא פון ארץ ישראל...

איז דאָס טאַקע אַ רמז, אַ סימבאָל פון די וויטאַלע כוחות פון אונדזער אידישער ליטעראַטור און אידיש לשון... אַז דווקא דאָרט, וואו ס'קומט איצט פאָר דער צונויפּזאַמל, דער קיבוץ גלויות פון אַלע עקן וועלט, און טאַקע דאָרט וואו ס'האָט זיך געראַטעוועט דער גרעסטער טייל פון די שארית הפליטה פון נאַצי־גיהנום. אָט די אידן וואָס טראַכטן, פילן און רעדן דעם זאַפטיק־האַרציקן מאַמע־לשון — אידיש.

גייט דאָרט איצט אויך אַרויס דער בעסטער ליטעראַרישער זשור־נאַל אויף אידיש־לשון, פון אונדזערע שעפער איןביידע שפּראַכן אידיש און העברעאיש.

איז דער זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" טאַקע אַ צייכן, אַן אָנזאָג און אַ טרייסט, אַז דער גאָלדענער פאָדעם פון אידישן שאַפן ווערט נישט איבערגעריסן. די גאָלדענע רינגעלעך פון אידישן שאַפן אומעטום, קייטלען זיך ווידער צוזאַמען אין דער „גאָלדענער קייט" אין ארץ ישראל.

איז נישט שטענדיק גוט צו קענען פּערזענלעך קינסטלער, אַק־טיאָרן אָדער דיכטער. אַמאָל איז בעסער, אַז מ'קען די קינסטלער בלויז פון זייער שאַפן...

דעם אַקטיאָר אויף דער בינע, דעם מאָלער — אויף זיינע ביל־דער, דעם מוזיקער — אויף קאָנצערטן און דיכטער און שרייבער - - אין זייערע ביכער...

אָבער דעם פּאָעט־פּאַרטיזאַן אברהם סוצקעווער, איז טאַקע אויך אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו קענען אים פּערזענלעך.

האָט מיר מיין ליבער חבר יצחק בערלינער דער באַוואוסטער אידיש־מעקסיקאַנער דיכטער, מיטגעגעבן אַ גרוס פאַר זיין קאָלעגע סוצקעווער אין ישראל. און טאַקע אויך אַ קליינע פּאָעטישע מתנה:

א שיינעם עלעגאנטן קראוואט פון מעקסיקע פארן דיכטער סוצקע־ווער, און פארן צווייטן רעדאקטאר פון „דער גאלדענער קייט" אברהם לעווינסאן.

א אידישער דיכטער פון מעקסיקע שיקט א מתנה אלס אויסדרוק פון פארערונג צו א אידישן דיכטער אין ארץ ישראל.

איז א קראוואט, א „בינדע" ווי א סימבאל, וואס פארבינדט די שאפער פון דעם פארהייליקט און געפליגלט אידיש־ווארט. וואס פארקניפט און פאראייניקט די זינגער און באזינגער פון אונדזער גע־פייניקט אידיש פאלק.

די זינגער וואס זינגען אין העברעאיש און אין אונדזער האר־ציק מאמע־לשון, זיינען דאך פארבינדן אין זייערע ריטמישע שורות, אין זייערע פאעטישע וויזיעס פון האפענונג, טרייסט און בטחון פאר אונדזער פאלק אין די תפוצות ישראל און אין ארץ ישראל...

איז טאקע געווען א פארגעניגן דריקן די האנט פון דיכטער סוצקעווער, די האנט וואס האלט די פאעטישע פעדער, די האנט וואס האט אנגעשריבן די פרעכטיקע פאעמע „געהיימשטאט". און די שטאר־קע האנט וואס האט אויך געהאלטן א ביקס צו פארטיידיקן די געיאג־טע און געפלאגטע געטא־מארטירער. די פארטיזאן־האנט וואס האט נקמה גענומען אין אונדזערע פייניקער.

דערפילט מען טאקע א חברישן שלום עליכם פון א שטארקער האנט... א פעסטן מתנת־יד.

מאכט דער דיכטער סוצקעווער א וואונדערלעכן איינדרוק מיט זיין אויסערלעכן אויסזען און טאקע אויך מיט זיין שטארקן כאראק־טער און קלינגנדיק ווארט. א גוואלדיקע ענערגיע שיינט אראפ פון זיין רויאיק פנים, א מילדער שמייכל רוט אויף זיינע דינע ליפן און א קלוגשאפט קוקט ארויס פון זיינע צעשטראלטע אויגן, אונטער די קלארע ברילן.

זיצן מיר אין זיין באקוועם ביבליאטעק־צימער און מיר שמועסן וועגן אידישן ישוב אין מעקסיקע און וועגן מדינת ישראל. סוצקע־ווער באטראכט רויאיק דעם מעקסיקאנער קראוואט, וואס א חבר־פאעט האט אים געשיקט אזש פון דער ווייטער, שיינע מעקסיקע.

די פרוי, סוצקעווערס, איז אונדז מכבד מיט א פיין טעפעלע קאפע און מיר רעדן דערווייל וועגן זיין ליטערארישער ארבעט אין ישראל.

האב איך אים טאקע געפרעגט, צו ס'איז אמת, אז אין ישראל

איז דאָ אַ דיסקרימינאַציע קעגן דער אידישער שפּראַך און קולטור?

האָבן אים די אויגן געגעבן אַ בליץ אויף און מיר גיך געענטפערט: נישט ריכטיק מיין ליבער פריינט, נישט ריכטיק!

אמת, די יוגנט ווערט דאָ דערצויגן אויף דער העברעאישער שפּראַך און קולטור. אָבער ווער ס'וויל זיך אויסלעבן אויף דער אידישער שפּראַך און קולטור, ווערט חלילה קיינעם נישט געשטערט. אָט זעט איר דאָך, דאָ גייען אַרויס אידישע צייטונגען. ס'ווערן געדרוקט אידישע ביכער, און טאַקע די הסתדרות אַליין גיט דאָך אַרויס אַזאַ וויכטיקן ליטעראַרישן זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" אויף אידיש.

ער וויזט מיר אַ צופרידענער זיין לעצטע פּאָעמע „סיביר". אַ פּרעכטיק בוך, קינסטלעריש געדרוקט אין גרויסן פאָרמאַט און טאַקע אויף ביידע שפּראַכן: אידיש און העברעאיש, און אַרויסגעגעבן האָט די ביכער טאַקע די הסתדרות...

אפשר וואָלט איר זיך חבר סוצקעווער אַראָפּגעכאַפּט צו אונדז אין מעקסיקע אויף עטלעכע רעפעראַטן? גיב איך פלוצים אים אַ פּרעג. סוצקעווער צעשמייכלט זיך, שאָקלט פאַמעלעך מיטן קאָפּ: ניין, ניין! אומעגלעך.

ער גרייט זיך טאַקע אויף אַ לעקציע־טור אין עטלעכע לענדער אין אייראָפּע און אין אַרגענטינע, אָבער מעקסיקע איז אַביסל צו ווייט, ווען ער וועט זיין אין די שטאַטן וועט ער אויך קענען קומען אין מעקסיקע.

דערצייל איך פריינט סוצקעווער, וועגן שווערן איינדרוק וואָס דער וועג קיין ירושלים האָט אויף מיר געמאַכט.

אַזוי פיל שטיינער ליגן אָנגעוואָרפן אויף די בערג, און כ'האָב זיך געפילט אין אַ שווערער געדריקטער שטימונג פון אַזאַ שרעקלעכן ים מיט שטיינער, אויף די בערג פון יהודה:

גוואַלד, מיט אַזוי פיל שטיינער, וואָלט מען דאָך געקענט פאַרשטיינען אַלע נאַצי־מערדער פון אונדזער פאָלק!

האָט זיך אין זיינע אויגן באַוויזן אַ גלאַנציק פּיערל, און אַ ליכטיקער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיין ערנסט פּנים, און נישט קלערנדיק מיר גיך געענטפערט: איר ווייסט חבר וויסבוים, פאַרוואָס עס ליגן אָנגעוואָרפן אַזוי פיל שטיינער אויפן וועג קיין ירושלים?

ווייל יעדער איד וואָס פאָרט קיין ירושלים, וואַרפט אַראָפּ אַ שטיין פון הארץ...

האָב איך זיך געזעגנט מיטן דיכטער סוצקעווער און באַשטימט באַלד נאָך פּסח, זיך זען נאָכאַמאָל אין רעדאַקציע פון דער „גאָל־דענער קייט".

האָב איך שפּעטער געמאַכט אַ שפּאַציר מיט מיינע קוזינס אין דער אַלטער שטאָט יפו. איז טאַקע פאַר מיר געווען זייער אינטערע־סאַנט צו זען די אַלטע אַראַבישע שטאָט מיט די שמאָלע גאַסן און געדרייטע ענג געסלעך און מערק, וואו פאַר אַ איד פון דער נאָענ־טער תל אביב איז געווען אַ געפאַר דורכצוגיין אפילו בייטאָג.

איצט, נאָך דער באַפרייאונג־מלחמה, איז די אַלטע שטאָט יפו כמעט פאַראייניקט מיט דער גרויסער שיינער תל אביב.

פאָרן אָבער נישט קיין געדונגענע טאַקסים און נישט קיין אוי־טאָבוסן שבת אין תל אביב.

איר קענט טאַקע פאָרן אין אייער אייגענער אויטאָ אפילו אום שבת אָבער נישט דורך דער צענטראַלער גאַס אַלענבי, וואו עס שטייט די גרויסע שטאָט־שול, בשעת אידן דאַוונען אָדער גייען אַרויס פון שול נאָכן דאַוונען. אויף דער שטילער גאַס שטייט זיך אַזוי רו־איק דער אויסגעפּוצטער שבתדיקער פּאָליציאַנט מיט די ווייסע הענט־שקעס און גיט אַכטונג, אַז קיינער זאָל חלילה נישט דורכפאָרן די עטלעכע בלאָקס וואו די שול געפינט זיך.

פרעג איך מיין קוזין: נו, ווען דאַוונט טאַקע דער אידישער פּאָ־ליציאַנט?

ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל: מסתמא דאַוונט ער באַלד אינדערפרי ביים ערשטן מנין...

מוזן טאַקע אַלע אויטאָס פאָרן דורך די הינטער גאַסן, וואו קיין שול מיט דאַוונער איז נישטאָ. קען מען אויך דינגען אַ טאַקסי צו פאָרן אויסער די שטאָט, אָבער אין שטאָט קען מען אין קיין געדונ־גענער טאַקסי אָדער אין אַן אויטאָבוס, שבת און יום טוב נישט פאָרן...

גייען מיר צופוס דורך עטלעכע תל אביבער גאַסן, ביז מיר קו־מען צו אַ שמאָלער לאַנגער גאַס, וואן ס'איז אוודאי באַקוועמער צו גיין אין מיטן גאַס, ווי אויפן שמאָלן טראָטואַר, וואו מער ווי איין מענטש קען קוים דורכגיין.

האָב איך דערזען אַ לאַבירינט פון שמאָלע, געדרייטע געסלעך. אַלטע קליינע הייזער מיט צוזאַמענגעפּרעסטע הויפלעך. הילצערנע אַל־טע צעשפּאַלטענע טירן אויף דער גאַס אַרויס.

אביסל ווייטער צום ים צו, זעט מען גאנצע קווארטאלן צעשאָסענע הייזער מיט אראָפּגעשאָסענע דעכער, בלויז די צעפאַלענע שטיינערנע ווענט שטייען מיט די לעבער פון די אויסגעהאַקטע פענסטער. שטייען זיי אזוי די איינגעפאַלענע פוסטע חורבות, נאָך פון דער צייט ווען ס'איז פאָרגעקומען די שלאַכט אין דער באַפרייאונג־מלחמה, פון דער הגנה מיט די אראַבער, וואָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די געמויערטע הייזער אין יפו, און באַשאָסן די איינוואוינער אין תל אביב.

זיינען טאַקע נעבעך אויך געפאַלן א סך העלדישע, אידישע קעמפער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע יונגע לעבנס ביים פאַרנעמען די אַלטע באַפעסטיקטע יפו.

זעען טאַקע אוים די צעשטערטע הייזער, ווי ס'וואָלט דאָ פאָרגעקומען א גרויסע ערד־ציטערניש...

שטייען אויך אין צענטער פון דער אלטער יפו, גרויסע געמויערטע הייזער, ארום אן אויסברוקירטן סקווער, מיט טונקעלע, פלאַטשיקע שטיינער.

ציט זיך א לאַנגע ברייטע גאַס, רחוב יפו, וואָס פאַראייניקט און גיסט זיך צוזאמען מיט דער שיינער תל אביב. שטייט נאָך דאָרט די אימפּאָזאַנטע, שטאַרקע ענגלישע פּאָליציי סטאַנציע, וואָס זעט אוים ווי א פעסטונג. איצט איז דאָס א אידישע פּאָליציי־סטאַנציע מיט רעגירונג־אינסטיטוציעס.

זעט מען נאָך אויף די ווענט פון דער גרויסער שטאַרקער געביידע, די צייכנס פון די שראַפּנעלן און קוילן, וואָס די „הגנה" האָט דאָרט אריינגעשאָסן בעת דער שלאַכט ביים פאַרנעמען די באַפעסטיקטע יפו.

מאַכט דאָס אויף מיר אן איינדרוק, ווי כ'וואָלט איצט געגאַנגען אין א ווייטער אָריענטאַלישער שטאָט, וואו אַלץ זעט אוים אזוי אַלט, טונקל, פאַרשווארצט און ענג.

איז דער קאָנטראַסט זייער גרוים: די שיינע ליכטיקע תל אביב, מיט דער אַלטער פאַרפוילטער יפו...

מזרח מיט מערב שטייען מיט די פּלייצעס באַהאָפטן ווי א צווילינג איינער מיטן אנדערן.

אייראָפּעאישע קולטור און עלעגאַנץ, צוזאמען מיט פינסטערניש און פאַרשימלטער אָפּגעשטאַנענקייט.

א ב ר ה ם   ו ו י י ס ב ו י ם

אָבער עפּעס רירט זיך שוין פאָראויס אין דער אַלטער פּאַרציי־מיקער יפו... האָבן זיך דערוויל איינגעאָרדנט אין הייזער, וואָס די אַראַבער האָבן איבערגעלאָזט, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון דער שטאָט, די נייע עולים, תימנער און אַנדערע אָריענטאַלישע אידן, און טאַקע אויך עולים פון אייראָפּעאישע אידן.

איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען מיר זיינען מידע צוריקגע־קומען אַהיים אין תל אביב.

זונטיק דעם 5־טן אפריל

היינט אינדערפרי זיינען מיר געפארן אין פתח־תקוה אויף א ברית פון דעם סאברעלע, וואס מיין קוזינס טאכטער האט געבוירן אין קופת חולים־שפיטאל אין כפר סבא.

האט מיך ארומגענומען א ווארעמקייט אין דער היימישער סביבה וואס האט געהערשט אין שטוב. די משפחה און געסט רעדן דאך אזא היימיש פוילישן אידיש.

לאנגע הילצערנע בענק ארום טיש און טאצן לעקעך, פלעשער משקה מיט פסחדיקע קיכעלעך שטייען אויסגעשטעלט אויפן לאנגן געדעקטן טיש.

אלע רעדן צווישן זיך עפעס אזוי שטיל און מ׳ווארט אויפן מוהל.

האב איך טאקע אויפן מאמענט פארגעסן וואו איך בין...

האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז כ׳בין איצט אויף א ברית אין אמאליקן קליינעם שטעטל אין פוילן. אבער איך ווער דאך איצט טאקע זיין אויף א ברית אין דעם אמאליקן לאנד „כנען״, וואו אונדזער פאטער אברהם האט געמאכט דעם ערשטן ברית מיט קנאפע פיר טויזנט יאר צוריק...

און דא טאקע אויף דער הייליקער ערד איז ער דאך געווארן דער ערשטער איד...

האט מען מיך אויך מכבד געווען מיט א מצוה, צו האלטן עטלעכע מינוט אויף די הענט דאס קישן מיטן רך־הנולד, מיטן קליינעם סאברעלע און באלד איבערגעבן אן אנדערן ביזן סנדק.

איז דען דאס נישט א גליקלעכער צופאל, צו קומען פון דער ווייטער שיינער מעקסיקע און האלטן אויף דער האנט, דאס ערשטע

מאָל אין מיין לעבן, אַ קליין צאַרט „עופעלע" וואָס מ'גייט דאָס מאַכן פאַר אַ „איד" אין אידישן לאַנד, אין ארץ ישראל.

האַלט איך דאָס קישן מיטן קליינינקן אינגעלע מיט די פאַרשלאָ־פענע אויגעלעך און איך טראַכט:

דו קליין זיס אינגעלע, דו ליגסט דיר אַזוי באַקוועם אין דעם זאַרעמען, ווייכן קישן. וועט דיר טאַקע אויך זיין וואַרעם, היימיש און באַקוועם, ווען דו וועסט אויסוואַקסן אין דיין לאַנד ישראל. דו וועסט זיין פאַרוואָרצלט אויף דיין אייגענער ערד, וואו דו ביסט געבוירן.

דו קליין צאַרט „נפשל", דו וועסט לעבן אַ געזונט נאָרמאַל לעבן אין דיין אייגן לאַנד. דיך וועט מען נישט רופן „פרעמדער", „אויס־לענדער"...

דו קליין צאַרט „נפשל". דו וועסט נישט דאַרפן זיין נע־ונד, אַרומוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד צו געפינען אַ מקום מנוחה, ווי דיין זיידע און טאַטע האָבן דאָס געטאָן, ביז זיי זיינען פאַרט געקו־מען אַהיים... טאַקע דאָ וואו דו ביסט געבוירן געוואָרן.

דיך פיצעלע אינגעלע, האַלט אויף דער האַנט איינער פון דיין משפחה, וואָס איז שוין אייסגעפאָרן לענדער און שטעט, ביז ער איז געקומען אין לאַנד פון אונדזערע אָבות, אין ארץ ישראל. און כ'האָב שוין די זכיה, ליב שיין אינגעלע, צו זיין אויף דיין ברית, אויף דער ערד וואו ס'איז טאַקע אַמאָל פאָרגעקומען דער ערשטער ברית, פון ע־רשטע איד — אברהם אָבינו...

זיי געבענטשט, דו קליין סאַברעלע!

איז נאָכן מל זיין דאָס קינד געוואָרן לעבעדיק, ששון ושמחה, אַ פרייד אַ גדולה, אַ נייער אידישער בירגער צוגעקומען אין אי־דישן לאַנד.

אָט דאָס קליינניקע „אידעלע", קען דאָך נאָך ווערן דער פּרעזי־דענט פון מדינת ישראל...

מ'טרינקט לחיים, מ'בייסט צו, מ'ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס, אַזוי ווי אויף אַ היימישער אידישער שמחה.

כ'זיץ און טראַכט: בין איך טאַקע אין מדינת ישראל? אָבער אפשר איז דאָס נישט מער ווי אַ חלום? כ'בין דאָך איצט צוריק אין אַ קליין אידיש שטעטל אין פוילן... די אייגענע אידן, די איי־גענע היימישקייט און די אייגענע טראַדיציעס...

ניין! אידישער לעבנס־שטייגער גייט נישט אונטער!

אידישע טראַדיציעס און מנהגים פון הונדערטער יאָרן, ווערן נישט איבערגעריסן אין ארץ ישראל, וואו אידן בויען ווידער אויף זייערע געצעלטן.

אידיש לעבן גייט ווייטער און ווייטער. דער גאָלדענער פאָדעם פון דורותדיק אידיש לעבן ציט זיך ווייטער און ווייטער און וועט קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן.

דער אייביקער אידישער קוואַל וועט קיינמאָל נישט אויסגעטריקנט ווערן.

אדרבה, דווקא דאָ, אין ארץ ישראל, שפּרודלט אויפסניי א פריש, צאַפּלדיק אידיש לעבן, אין א פרייער אידישער מדינה.

יאָ, כ׳זע דאָ, וואו כ׳גיי און וואו כ׳שטיי אידישן המשך!

אוודאי, אביסעלע אויף א נייעם אופן, אביסל א נייער פאָרם, אָבער המשך!

יאָ. המשך!

המשך אויף אייגענער ערד, א זיכערער, א געזונטער און נאַטיר־לעכער המשך אין אַן אייגן לאַנד, אין מדינת ישראל!

האָב איך שפּעטער אביסל געמאַכט א שפּאַציר אויף די גאַסן פון פּתח תקוה. א שיינע גרויסע שטאָט איז היינט פּתח תקוה, מיט שיינע געפּלאַסטערטע גאַסן.

דאָרט וואו מיט א זעכציק יאָר צוריק, האָבן די ערשטע קאָלאָ־ניסטן אָנגעהויבן באַארבעטן דעם זומפּיקן באָדן. דאָרט וואו מ׳האָט פאַרפלאַנצט די ערשטע פּרדסים, זיינען איצט אויפגעבויט גאַסן מיט שיינע הייזער. און פוןביידע זייטן טראָטואַר ציען זיך באַוואַקסענע ביימער, וואָס שאַפן א מחיהדיקן שאָטן פאַר די דורכגייער.

א לעבעדיקע, קאָכעדיקע שטאָט איז פּתח תקוה: געשעפטן, האָ־טעלן, קינאָס, פּאַרקן, שפּיטאָלן און שולן, בתי מדרשים, קופּת־חו־לים־קליניקס און קאָאָפּעראַטיוון.

זיינען דאָ די מערסטע איינוואוינער, די קינדער פון די אַמאָלי־קע ערשטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געגרינדערט די קאָלאָניע פּתח תקוה, און אויך טויזנטער אָלט־איינגעזעסענע איינוואוינער און הונ־דערטער נייע עולים, פילן אָן די שטאָט מיט זייער ענערגיע, מיט זייער שאַפן.

זעט טאַקע אוים די אַלטע שטאָט פּתח תקוה, ווי א אידישע

שטאָט מיט אַ היימיש אידיש לעבן פון די אַמאָליקע ברויזנדע אי־דישע שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און אוקראַינע.

האָבן זיך די אַמאָליקע בויער און שאַפער פון דער קאָלאָניע, די ערשטע ציוניסטישע אידעאַליסטן, געקענט פאַרשטעלן, אַז פון זייער קאָלאָניע, פון זייער שווערער אַרבעט און האָרעוואַניע, וועט אויסוואַקסן אַ גרויסע שיינע שטאָט, וואו ס'פּולסירט אַ פריי אידיש לעבן, אין אַן אייגן פריי אידיש לאַנד?

יאָ, כ'גיי איצט אויף אַ שיינער גאַס מיט זיינע מאָדערנע הייזער. אָבער דאָ איז אפשר מיט אַ זעבציק יאָר צוריק געשטאַנען אַ צריף, אַ ביידל פון אַן אַרבעטער פאַמיליע פון די ערשטע קאָלאָניסטן. דאָ וואו עס ציען זיך איצט די געפּלאַסטערטע גאַסן מיט טראָטואַרן פון צעמענט, זיינען דאַך אַמאָל דאָ געווען אויסגעשפּרייט צעאַקערטע פעלדער מיט תבואה־בייטן, פון די אַמאָליקע חובבי־ציון...

און שטילערהייט זאָג איך אַרויס עטלעכע ליב־ווערטער פון כבוד און פאַרערונג, פאַר די ערשטע פּיאָנערן פון דער קאָלאָניע, וואָס האָבן געפונען זייער אייביקע רו אויפן אַלטן בית עולם, פון דער לעבעדיקער שטאָט פתח תקוה.

איז מיר נאָך היינט באַשערט געווען אַ גרויסע פרייד איבערצו־לעבן.

זיינען מיר נאָכמיטאָג צוגעפאָרן אין רמת־יצחק, אַ האַלבע שעה פאָרן פון תל אביב, צו מיין פעטער יאַנקל ברוך, אַ ברודער פון מיין פאָטער ז"ל.

איז מיין פעטער געקומען מיט זיין פאַמיליע אין ארץ ישראל, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. וואוינט ער אין אַן אייגן באַקוועם הויז מיט אַ קליינעם גאָרטן, אַ שטייג מיט עטלעכע עופות און אַביסל גרינס איז אויך דאָ אייגנס.

לעבט ער זיך רואיק, דער פעטער מיינער, מיט זיינע קינדער און אייניקלעך אין שטילן שטעטעלע רמת־יצחק.

איז ער שוין אַ בן תשעים (עד מאה ועשרים שנים), שוין באַלד אַ נייגציקער, ביז הונדערט און צוואַנציק... נאָר אַביסל טויב, נעבעך.

אָבער ער איז נאָך, קיין עין הרע, ביי די כוחות. ער גייט אָן אַ שטעקן (אָן ברילן אויך) אַלע טאָג דאַוונען אין שול אַריין, אין רמת־יצחק. און ווען ער קומט אין תל אביב, גייט ער טאַקע אַליין אַרויף צו מיין קוזין אויפן דריטן שטאָק... און איז זיך מחיה מיט אַ טעלער

הייסע גריץ, און האָט נאָך אַלץ ליב צו דערציילן, גאַנצע בערג מיט וויצן און זאָגן חכמהלעך.

א געבענטשטע עלטער!

יאָ, אַמאָליקע אידן מיט אַמאָליקע כוחות.

איז טאַקע די פרייד געווען גרויס, דאָס איז דאָך דער איינציק געבליבענער פעטער, וואָס איך געדענק אים קוים, ווען כ'בין נאָך א קליין אינגל געווען. און איצט האָב איך געהאַט די זכיה צו זען מיין אַלטן פעטער אין ארץ ישראל.

אין גאַנצן א ציטערדיקער, איבערגעוועלטיקט פון גרויס פרייד, האָט ער מיך ארומגענומען מיט זיינע דאַרע אויסגעטריקנטע הענט און מיך געקושט. האָט מיין האַרץ געגעבן א ציטער, און א פאָטער־לעכע וואַרעמקייט האָט מיך ארומגענומען, ווען כ'האָב מיט אַמאָל דערפילט מיין פעטערס באָרד אויף מיין פנים...

ס'האָט זיך אין מיר פּלוצים דערוועקט א צערטלעכע פאָטער־ליבע, און כ'האָב מיך דערמאָנט אין מיין טאַטנס שוואַרצע באָרד און אין דעם שטענדיקן אומעט, וואָס האָט ארויסגעשיינט פון זיינע ליכטיקע אויגן.

האָט זיך אויך אין פעטערס פייכטע אויגן באַוויזן א גלאַנץ פון פרייד, וואָס ער אָט נאָך דערלעבט צו זען זיין ברודערס א זון, נאָך דערצו אין מדינת ישראל. ער איז געווען איבעראַשט, צעטומלט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר: אַזוי, ביסטו דאָס טאַקע אברהמעלע, מיין ברודערס זון פון אַמעריקע, פון, פון מעקסיקע? יאָ, פון מעקסיקע! ביסטו טאַקע געקומען צו אונדז, צו אונדז אין ארץ ישראל. וועסט דאָ בלייבן, האַ?

וואָס זאָגסטו, האַ? מיר האָבן שוין אונדזער מדינה, אונדזער ארץ ישראל!

און פון זיינע אַלטע פאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט גרויסע טרערן און זיינען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין זיין געדיכטער ווייסער באָרד...

די מומע איז מיך מכבד מיט וויין, מיט קיכעלעך, און דער פע־טער מיינער גיסט מיר אָן אַלע מאָל א פרישׂ גלעזל וויין און זאָגט מיר אַביסעלע מוסר: אַזוי טוט מען, האַ? נישטאָ קיין דרך ארץ פאַר קיין אַלטן פעטער, האַ? ביסט שוין עטלעכע טעג אין תל אביב און ביסט נישט געקומען זען דיין אַלטן פעטער.

נו, אברהם, אברהמעלע, זאָג, זאָג, ווי געפעלט דיר ארץ ישראל, האַ? אַ שיינע מדינה, האַ? אַלץ אונדזערס, געלויבט צו גאָט, אַלץ אייגנס!

נו, וואָס האָב איך געקענט זאָגן מיין אַלטן ארץ ישראל פעטער?

אז כ'בין געווען אַזוי איבערפולט פון פרייד, אַז כ'בין געווען אַרום און אַרום אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל גליק...

וואָס האָב איך געזאָלט זאָגן, אַז אַ איד, אַ בן תשעים, אַ ניינציקער, קיין עין הרע, דאַנקט גאָט וואָס מיר האָבן שוין „אייגנס"... האָב איך אויך געדאַנקט גאָט, און אין איינוועגס, שוין אויך געדאַנקט די „בילוים", די חלוצים און טאַקע אויך דער „הגנה" פאַרן שטיין קעלע „אייגנס", וואָס מיר האָבן שוין אויף גאָטס ערד...

פאַרנאַכט בין איך צוריקגעקומען אין תל אביב אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער, וואָס אַ גרויסער טייל פון מיין משפחה האָט זיך דאָך געראַטעוועט פון בלוטיקן מבול, פון די נאַצי מערדער, און געפינט זיך איצט אין מדינת־ישראל.

מאָנטיק, דעם 6־טן אַפּריל

היינט איז שביעי של פּסח, דער זיבעטער טאָג פּסח.

אָבער דאָ אין ארץ ישראל, איז שוין דער לעצטער טאָג פּסח. דאָ איז מען מזכיר נשמות דעם זיבעטן טאָג פּסח, און נישט אחרון של פּסח, ווי אין חוץ־לארץ, ווי אין אנדערע לענדער.

בין איך געגאַנגען אין דער גרויסער אימפּאָזאַנטער שטאָט־שול, וואָס שטייט זיך אַזוי רחבותדיק, מיט אַ פאַרנעם אויף דער צענ־טראַלער אַלענבי גאַס, מיט ברייטע הויכע טרעפּ ביים אריינגאַנג.

אַ גאַנצע וואָך זיינען אין דער גרויסער שול נישטאָ קיין סך דאַוונער. די פרומע אידן דאַוונען דאָך אין די צענטליקער קלענערע שולן און בתי־מדרשים, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ תל אביב.

איז אָבער אין דער גרויסער שול, אויך דאָ אַ קליין שולעכל אונטן אין קעלער, מיט אַ באַזונדער אריינגאַנג פון דער רעכטער זייט שול. איז דאָרט טאַקע שטענדיק דאָ אַ מנין, אינדערפרי און ביי מנחה־מעריב. דאָרט האַלט מען אין איין דאַוונען. אָפּגעדאַוונט, שטעלט זיך באַלד דאַוונען אַן אַנדער מנין, און מ׳קען דאָרט אריינ־כאַפּן אַ קדיש ווען מ׳דאַרף...

מאַכט דאָס קליינע שולעכל אונטער דער גרויסער שול אַן איינ־דרוק, ווי אַמאָל די כאַפּנדיקע דאַוונער אין דער קליינער שול אויפן הויף פון די נאַלעווקעס נומער 15, אין אַמאָליקן וואַרשע... וואו מ׳האָט כמעט אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין דאַוונען.

איז איצט אָבער דער לעצטער טאָג פּסח און אידן גייען מזכיר נשמות זיין אין דער גרויסער שול אַריין.

שטייט אויף דער גאַס לעבן דער שול דער אידישער פּאָליציאַנט,

יום טובדיק אויסגעפוצט, מיט א שטאָלצער מינע אויפן פנים, ווי איינער זאָגט: איר זעט אידן, איך היט אָפּ דעם כבוד פון דער שול און פון די מתפּללים. דאָ וועט שוין חלילה קיינער נישט דורכפאָרן און מחלל זיין דעם הייליקן יום טוב און אריינברענגען א וואָכעדי־קייט אין אייער יום טובדיק דאַוונען אין שול.

איז די גרויסע שול געווען, קיין עין הרע, געפּאַקט.

מער ווי צוויי טויזנט אידן, מענער און פרויען, זיינען געקומען מזכיר נשמות זיין און אין איינוועגס אויך הערן דאַוונען דעם חזן מיטן כאָר.

הערשט טאַקע אין שול א שטילע, הייליקייט. אַלע שווייגן און וואַרטן אויף עפּעס.

די שול איז שטאַרק באַלויכטן. די עלעקטרישע לאָמפּן שימער־רירן, גלאַנצן און פינקלען פון אַלע זייטן און מישן זיך אויס מיטן טאָג־ליכט, וואָס רייסט זיך דורך די הויכע שול־פענסטער מיט די מאַטע שויבן.

דאַכט זיך מיר אויס, אז א פאַרבלענדעניש הערשט ארום מיר, ס'איז עפּעס נישט טאָג און נישט נאַכט...

אין דרויסן איז דאָך איצט העלער טאָג, וואו די צעשטראַלטע זון גיסט אזוי ברייטהאַרציק איר גאָלדן ליכט, אויף די שטילע יום טובדיקע גאַסן, און אין שול האָט זיך איצט אריינגעכאַפּט די נאַכט, וואו זי ווערט אזוי העל באַלויכטן.

ארום די ווענט ציען זיך אויבן פון דריי זייטן, גרויסע באַלקאָנען מיטן עזרת נשים. דאָרט שטייען די פרומע תל־אביבער פרויען, וואָס זיינען געקומען גאָט בעטן און מתפּלל זיין פאַר זייערע עלטערנס נשמות.

פון אויבן איבערן ארון־קודש, אויף א פאַרהאַנגענעם באַלקאָן, הערט זיך דאָס כאָר־געזאַנג.

האָט הרב אונטערמאַן פאַר יזכור געהאַלטן א קורצע רעדע: ווען אידן גיבן אָפּ כבוד די פאַרשטאָרבענע עלטערן. דאַרפן זיי אויך גע־דענקען צו היטן זייער גייסטיקע ירושה. זיין געטריי דער אידישער אמונה און זיין געטרייע בירגער פון מדינת ישראל.

און באַלד צעשאַלט זיך איבער דער גרויסער שול דאָס כאָר־גע־זאַנג מיטן חזן, וואָס זיינען מזכיר די נשמות פון די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס זיינען געשטאָרבן מיט א על־

דישן טויט על קידוש השם, און די הייליקע נשמות פון די געפאַלענע גבורים פאַר'ן באַפרייאונג פון זייער לאַנד — מדינת ישראל.

פון דער ווייבער־שול אויבן. הערט זיך א זיפצן און א שטיל איינגעהאַלטן געוויין. דער גאַנצער עולם שטייט שטיל, ערנסט, פאַרטיפט אין געדאַנקען. אידן רעדן נישט ביים מזכיר נשמות זיין.

און ס'דוכט זיך, אז די רירנדע תפילות מיטן כאָר־געזאַנג, פליען גלייך אַרויף אויבן צום טיף־קיילעכדיקן קופּאָל, אויפן הויכן האַלברונדיקן שול־סופיט.

פאַרנאַכט האָט זיך די יוגנט אַרויסגעלאָזט אויף א יום טובדיקן שפּאַציר איבער די תל־אביבער גאַסן. מ'גייט גרופּעסווייז און צו צוויי און דריי. מ'רעדט גאַנץ הויך אויף א קלינגנדיקן העברעאיש. מ'הערט אויך רעדן אונדזער האַרציקן אידיש און טאַקע אויך אַן אַמעריקאַנער ענגליש, פון אונדזערע אַמעריקאַנער אידישע טוריסטן.

ביי דער גרויסע קינאָ „מוגראַבי" אויף אַלענבי גאַס און ביי אַנדערע קינאָס, שטייט מען אין דער ריי און מ'וואַרט צו קריגן א בילעט און א פּלאַץ אין קינאָ.

אידישע זעלנער אין ווייכע מיליטערישע באַנעטס, שפּאַצירן פאַמעלעך און באַגריסן זייערע באַקאַנטע און עלטסטע מיט א מיליטערישן האַנט־סאַלוט. שפּאַצירן אויך די אידישע, פּרעכטיקע זעלנער־מיידלעך אין מיליטערישע אוניפאָרמען: מיליטערישע ווייכע באַנעטס, וואָס האַלטן זיך אזוי חנעוודיק אויף די שיינע מיידלשע קעפּ האָר, און אין קורצע געפּרעסטע קליידלעך.

ס'שפּאַצירן אויך שיין געקליידטע דאַמען. פיין־געקליידטע מענער און פרויען מיט א באַלעבאַטישע מינע אויפן פּנים...

מ'שפּאַצירט אין די גאַסן, אין די אַלייען און ביים ים־ברעג.

דאָס וועטער איז מחיהדיק, מילד און פון ים בלאָזט א פרישלינד ווינטל.

מיטן אָנקום פון דער נאַכט, האָט זיך דער עולם צוגעכאַפּט צו די אויסגעשטעלטע טישלעך אין דרויסן לעבן די קאַפעען, און זיך דערקוויקט מיט א חמצדיק טעפּעלע קאַפע.

האָב איך אויך היינט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרגעניגן. כ'בין געגאַנגען זען א פאָרשטעלונג אין אידישן טעאַטער...

איז דאָס דען נישט קיין גוואַלדיקער קוריאָז? כ'קום פון דער וויטער שיינער מעקסיקע, וואו ס'איז דאָ א פיינער קולטורעלער

אידיש־רעדנדיקער ישוב, און ס'איז טאַקע אויך דאָ עטלעכע טאַלאַנ־טירטע אידישע אַקטיאָרן, אָבער קיין אידיש טעאַטער שפּילט נישט מער.

ס'קומען אמאָל אין אַ יאָר אַראָפּ איין אַקטיאָר אָדער צוויי, שפּילן אָפּ עטלעכע פאָרשטעלונגען און פאָרן באַלד אוועק.

און אין אָרעמען ארץ ישראל שפּילט מען דווקא יאָ אידיש טעאַ־טער...

אין עקאָנאָמיש־געדריקטן מדינת ישראל עסן די אידישע מאַסן ברויט מיט טעאַטער... פּונקט ווי אַמאָל אין פּוילן.

איז דאָ פּסח געווען אַ גערעטעניש אויף אידיש טעאַטער, קיין עין הרע.

אַמאָל־אַמאָל, האָבן אַ סך אידישע קינסטלער, שרייבער און אַק־טיאָרן, טאַקע מקנא געווען די אידישע קינסטלער און סאָוועט־רוס־לאַנד. וואו די מלוכה האָט באַזאָרגט דעם קינסטלער מיט אַ שטיקל ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

האָט דער קינסטלער זיך געקענט אָפּגעבן מיט זיין קונסט, אָן שום זאָרג פאַרן מאָרגן.

האָבן זיי אָבער שפּעטער נעבעך איבערגעלעבט אַ ביטערע אַנ־טוישונג...

פון די שיינע חלומות האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ טייך, אַ נעכטיקער טאָג. אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, מיראַזשן, אַ גייסטיקער מדבר...

נישטאָ איצט מער קיין אָרט פאַרן אידישן וואָרט און פאַרן אי־דישן וואָרט־קינסטלער, פאַרן אידישן שאַפן אין לאַנד פון סאָציאַ־ליזם, אין לאַנד פון קאָמוניזם...

פאַר צוויי מיליאָן אידן, איז דאָך איצט דאָס שעפערישע אידי־שע וואָרט טויט (העברעאיש אויך) אין סאָציאַליסטישן פאָטער־לאַנד...

האָט מען אַמאָל, אין די אַלטע צייטן געזאָגט: אַלע וועגן פירן קיין רוים!

מעג מען טאַקע היינט שוין זאָגן: אַלע וועגן פון אידישן קינס־טלער. שרייבער, אַקטיאָרן, מאָלער און מוזיקער פירן קיין ארץ ישראל...

זיינען טאַקע די לעצטע עטלעכע יאָר געקומען קיין ארץ ישראל אַ סך אידישע אַקטיאָרן און שרייבער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט

פון נאַצי־גיהנום, און אויך די וואָס זיינען באַלד נאָך דער מלחמה אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און פון פוילן.

שפּילן איצט עטלעכע אידישע טעאַטערס אין מדינת ישראל. א חוץ דאָס העברעאישע טעאַטער, וואָס האָט שוין לאַנג אַן אייגן טעאַטער, די פּרעכטיקע „הבימה"־געביידע.

מוזן טאַקע דערוויַיל די אידישע אַקטיאָרן שפּילן אין גערונגענע זאַלן אָדער קינאָס.

שפּילן די באַרימטע קינסטלער דזשיגאַן און שומאַכער אין „אהל־שם" זאַל, פאַר זייער אָפּפליען קיין קאַנאַדע אויף גאַסטראָלן.

איז אויף פּסח אויך געקומען פון די שטאַטן, דער באַקאַנטער שוישפּילער יוסף בולאָוו און געגעבן קליין־קונסט פאָרשטעלונגען, אין תל־אביב און אין אַנדערע שטעט.

איז אויך דאָ אין תל אביב אַ „גאָלדפאַדן־טעאַטער" מיט אַ גרויסער פאַראייניקטער טרופּע, וואָס שפּילן אידיש טעאַטער.

שפּילן די באַרימטע קינסטלער דזשיגאַן און שומאַכער אין תל אביב און אין אַנדערע שטעט די קאָמעדיע אין דריי אַקטן „כאן קבור הכלב" (דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן).

דאָס טעאַטער „לי לה לו" שפּילט כסדר די רעווי „אביב בתל אביב" (פרילינג אין תל אביב). דאָס „אוהל" טעאַטער שפּילט כסדר די באַרימטע פּיעסע „העיר הזאת" (די דאָזיקע שטאָט).

און אַ חוץ דעם, שפּילט דאָך שוין דאָס העברעאישע „הבימה" טעאַטער עטלעכע וואָכן מעטערלינקס „הצפור הכחלה" (דער בלויער פויגל). שפּילט אויך אין אימפּאָזאַנטן „הבימה"־טעאַטער די העברעאישע אָפּערע „אופרה ישראלית".

פאָרן טאַקע די אַלע טעאַטער־טרופּעס איבער אַלע שטעט, שטעטלעך, גרעסערע דערפער און קיבוצים שפּילן אידיש און העברעאיש טעאַטער.

האָט דאָס אַליין אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז איך געפין זיך טאַקע אין דעם „גייסטיקן צענטער" פון דער אידישער און העברעאישער קולטור, אין מדינת ישראל...

האָב איך נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געזען אין תל אביב, אויסגעהאָנגען איבער דער שטאָט גרויסע אַפישן. אַז אין פאָלקס־טעאַטער שפּילט מען אידיש טעאַטער אין „בית־הפועל"־זאַל, צוויי מאָל אין אָוונט די קאָמעדיע אין דריי אַקטן „אונדזערע סאַברעס" פון אהרן אשמן, אונטער דער לייטונג פון זיגמונט טורקאָוו.

האָב איך געוואוסט, אַז דער באַרימטער קינסטלער און רעזשי־סאָר זיגמונד טורקאָוו, איז פון בראַזיל מיט עטלעכע יאָר צוריק, געפאָרן זיך באַזעצן אין מדינת ישראל און שפּילן אידיש טעאַטער, און אויך רעזשיסירן העברעאישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין פאָלקס־טעאַטער („תיאטרון עממי") אויף ביידע שפּראַכן, אידיש און העברעאיש.

האָב איך זיך נאָך באַקענט מיטן באַרימטן קינסטלער אין מעקסיקע, וואו ער איז געוואָרן איינגעלאַדן מיט אכצן יאָר צוריק פון אַרגענטינע, וואו ער איז געקומען פון פּוילן אויף גאַסט־ראָלן צו עפענען דאָס אידישע טעאַטער אין מעקסיקע. וואָס די פירער פון מעקסיקאַניש־אידישן טעאַטער, מאָרים בראַון און מאָרים געל־בער, האָבן דעמאָלט איבערגעבויט פון אַ קליינער קינאָ פאַר אַ שטענדיק אידיש טעאַטער.

זיינען טאַקע די עטלעכע חדשים, וואָס טורקאָוו האָט געשפּילט אין מעקסיקע צוזאַמען מיט די היגע אידישע אַקטיאָרן, געווען אַ גרויסער גייסטיקער פאַרגעניגן פאַר אַלע ליבהאָבער פון בעסערן אידיש־טעאַטער אין מעקסיקע.

איז אָבער טורקאָוו שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין פּוילן און האָט זיך קוים קוים געראַטעוועט דאָס לעבן, ווען די נאַצי־באַנדיטן זיינען באַפאַלן פּוילן. איז ער טורקאָוו געווען עטלעכע יאָר אין בראַזיל, וואו ער האָט רעזשיסירט דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער אויף פּאָרטו־געזיש.

בין איך איצט, מיט אַ אכצן יאָר שפּעטער, ווידער געגאַנגען זען טורקאָוון שפּילן אידיש טעאַטער — אין ארץ ישראל...

האָט מיך פריינט טורקאָוו אויפגענומען מיט פרייד אין גאַר־דעראָב־צימער הינטער דער בינע, וואו די אַקטיאָרן גרימירן זיך און גרייטן זיך צום אויפטריט.

כ'האָב דערפילט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק און אַ האַרציקן שלום עליכם, מיט גרויס צופרידנקייט אין זיינע קלוגע, פאַרבענקטע אויגן. מיר כאַפּן אויף גיך אַ שמועס. טורקאָוו פרעגט זיך נאָך אויפן אידישן ישוב אין מעקסיקע, און וואָס מאַכן עפּעס זיינע קאָלעגן אַקטיאָרן? שפּילן זיי אידיש טעאַטער?

דאָס גלעקל קלינגט, טורקאָוו האָט איצט אַן אויפטריט, בעט ער מיך דערוויייל אַריינגיין אין טעאַטער זען די פאָרשטעלונג.

שפּילט שוין די טרופּע די קאָמעדיע „אונדזערע סאַברעס" 26

מאָל, און לכבוד יום טוב שפּילט מען צוויי מאָל, זיבן און ניין אין אָוונט. כ׳באַקען זיך מיט די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלער־גיהנום און איצט שפּילן זיי ווידער אידיש טעאַטער אין ישראל.

זיץ איך אין גרויסן לופטיקן זאַל (נישט אויף קיין געבעטענע ווייכע שטולן), און זע די פאָרשטעלונג אויף דער בינע.

איז דאָס געווען אַ וואונדערלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונג. מ׳האָט געזען די האַנט פון גרויסן רעזשיסאָר, זיגמונט טורקאָוו. כ׳זיץ און באַטראַכט דעם טעאַטער־עולם. כ׳קוק זיך גוט צו, כ׳וויל דאָך זען ווער ס׳קומט אין אידישן טעאַטער. זיינען דאָס טאַקע די אייגענע הארציקע טעאַטער־גייער פון אַמאָליקן פּוילן?

עפּעס פיל איך זיך אַזוי היימיש צווישן טעאַטער־עולם. כ׳זע דאָך די זעלביקע פאָלקס־מענטשן, וואָס כ׳האָב געזען אין אידישן טעאַטער מיט אַ סך יאָרן צוריק אין פּוילן.

בין איך אַביסל דערשטוינט, דאַכט זיך מיר, אַז דאָ איז פאָרגעקומען בלויז אַ טראַנספאָרמאַציע, אַן איבערבייט:

דאָס טעאַטער איז טאַקע אַן איינפאַכער זאַל, און די שטולן זיינען אויך איינפאַכע הילצערנע שטולן. אָבער די מענטשן, יאָ, די מענטשן זיינען דאָך די זעלבע טייערע אידן פון אַמאָליקן פּוילן, וואָס האָבן זיך געקוויקט און הנאה געהאַט פון אַ גוטער אידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג.

דאָ זיצן דאָך די זעלבע ליבהאָבער פון אידישן טעאַטער, וואָס האָבן אַמאָל אָוועקגעגעבן דעם לעצטן רובל, די לעצטע זלאָטע און אָנגעפילט די אידישע טעאַטערס אין פּוילן.

האָב איך טאַקע פאַרגעסן וואו כ׳בין, ווען אין זאַל איז געוואָרן פינסטער און די פאָרשטעלונג אויף דער בינע האָט זיך אָנגעהויבן.

דאַכט זיך מיר, אַז כ׳זיץ ווידער אין אידישן טעאַטער אין וואַרשע, און אָט באַלד וועט זיך ענדיקן די פאָרשטעלונג, וועל איך גיין מיט מיינע חברים אין אַ קאַוויאַרניע טרינקען אַ הייס גלאָז קאַווע מיט שמאַנט, און דערבאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל געשמאַקן קעז־קוכן...

זיץ איך צווישן היימישן עולם און ווער אַליין אויך מיטגעריסן מיט זייער ענטוזיאַזם, וואָס זיי ווייזן אַרויס ביים אַפּלאָדירן די אַקטיאָרן נאָך יעדן אַקט.

ווען אָבער אין זאַל איז ליכטיק געוואָרן, האָב איך זיך באַלד דערמאָנט, אז כ׳בין נישט אין ווארשע.

די אידישע ווארשע איז דאָך צעשטערט, חרוב געוואָרן. און די טויזנטער טייערע אידן, די הארציקע פאָלקס־מענטשן, די ליבהאָבער און אויפהאַלטער פון אידישן טעאַטער, זיינען דאָך מאַסנוויז אויס־געמאָרדעט געוואָרן, פארברענט און פארטיליקט געוואָרן דורך די נאַצי־מערדער.

דאָ זיצן נאָר די איבערגעבליבענע, די געראַטעוועטע, די שאַ־רית־הפליטה נאָך דער גרויסער, שרעקלעכער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל.

ניין, כ׳בין איצט נישט אין ווארשע, כ׳בין דאָך גאָר אין ארץ ישראל, און כ׳בין דאָך דאָ אויף א פאָרשטעלונג אין אידישן טעאַ־טער...

ניין, אידיש לעבן גייט נישט אונטער!

כ׳זע דאָך דאָ אומעטום אידישן המשך. יאָ, המשך פון אידישן וואָרט און פון אידישן פאָלקס־טימלעכן לעבן.

נצח ישראל לא ישקר!

אידיש לעבן גייט ווידער אויף אין ארץ ישראל, אויף דער פרייער ארץ ישראל ערד.

בין איך אויך געווען אין פריינט טורקאָווס באַקוועמער שיינער וואוינונג, מיט גאָר א פיינער ביבליאָטעק, און זיך אויך באַקענט מיט זיין פרוי; אַן עלעגאַנטע שלאַנקע דאַמע און א באַגאַבטע אַק־טריסע. האָפט אויך פריינט טורקאָוו, אז ער וועט זיך אַמאָל ארי־בערכאַפּן אויף גאַסטראָלן צו די אידישע ישובים אין לאַטיין־אַמע־ריקע און שפּילן אידיש טעאַטער פאַר זיינע טויזנטער פארהערער.

זיגמונט טורקאָוו; דער גייסטרייכער מענטש און גרויסער קינס־טלער, דינט נאָך אַלץ צו דער געטין פון קונסט... איז ער טאַקע איצט צופרידן, וואָס ער האָט געמאַכט זיין היים אין מדינת ישראל, און האָט דאָ די מעגלעכקייט צו שפּילן און רעזשיסירן אידיש און הע־ברעאיש טעאַטער.

דינסטיק, דעם 7־טן אפריל

היינט איז שוין אוים יום טוב, אוים פסח אין ארץ ישראל, און מ׳קען שוין עסן א שטיקל חמץ.

אין אנדערע לענדער איז היינט אחרון של פסח, מוז מען נאך עסן די טרוקענע דארע מצה. אבער דא אין ישראל קען מען שוין עסן א פריש, געשמאק שטיקל ברויט.

האב איך זיך היינט דערפילט אביסל פרייער. כ׳קען זיך שוין צעפירן די הענט און נעמען באזוכן פריינט, שרייבער און רעדאקציעס.

בין איך אינדערפרי געגאנגען באזוכן די רעדאקציע פון דער גרעסטער און פארשפרייטסטער העברעאישער צייטונג אין מדינת ישראל: די הסתדרות צייטונג „דבר״ אויף שיינקין גאס.

א גרויסע פירשטאקיקע אימפאזאנטע געביידע מיט א גרויסער שילד גאר אינדערהייך „דבר״. ביינאכט ווערט די עלעקטרישע שילד אנגעצונדן און דאסווארט „דבר״ לייכט פון ווייטנס, ווי ס׳לייכט דער קולטורעלער כוח פון דער הסתדרות אויף די פאלקסמאסן אין ארץ ישראל.

דערקלער איך ביים אריינגאנג ווער כ׳בין, און אז כ׳וויל זען דעם חבר רעדאקטאר פון „דבר״ דוד זכאי. כ׳גיי ארויף אויפן ערשטן שטאק, ציט זיך אויבן א לאנגער קארידאר מיט צימערן פון ביידע זייטן. אויף יעדער טיר זיינען אנגעשריבן נעמען פון די רעדאקציע־מיטגלידער אדער סעקרעטאר.

גיי איך אריין אין צימער וואו עס זיצט דער חבר דן פינעס. כ׳האב אים טאקע באלד דערקענט, דעם הויכן דארן און ערנסטן חבר פינעס, וואס איז מיט יארן צוריק געווען אין מעקסיקע מיט א שליחות פון דער הסתדרות.

גיט ער מיר א הארציקן שלום און בעט מיך זיצן. מיר כאַפּן א װאַרעמען שמועס װעגן מעקסיקע. ער פרעגט זיך נאָך װעגן זײנע חברים און פרײנט, און װעגן דער לינע פאַרן ארבעטנדיקן ארץ ישראל.

יאָ, יאָ, איר האָט אין מעקסיקע זײער גוטע חברים, זאָגט מיר חבר פּינעס מיט א פאַרזאָרגטער, ערנסטע שטימע. אָבער מ׳דאַרף מער ארבעטן, מער טאָן. איצט איז די צײט פאַר מעשים, העלפן בױען די מדינה און די ארבעטער באַװעגונג אין ישראל.

ס׳קומט ארײן א בחור מיט פאַרקאַרשערטע ארבל און טראָגט א טאַץ מיט הײסע פּינקלדיקע גלעזער טײ, חבר פּינעס איז מיך מכבד מיט א חבריש גלעזל טײ, און דערקלערט מיר, אז די ארבעטער און די מיטארבעטער פון רעדאַקציע האָבן דאָ א קאָאָפּעראַטיװע קלײנע קאַפע און יעדער קען זיך דערקװיקן און צובײסן פאַר א קלײנעם פּרײז א סענדװיטש, א גלאָז טײ אָדער קאַפע.

פירט מיך דער ליבער חבר פּינעס אַראָפּ אונטן, מיר װײזן די גרױסע „דבר" דרוקערײ. ער דערקלערט מיר אױפן װעג, אז דער חבר רעדאַקטאָר דוד זכאי, איז איצט אױף װאַקאַציע. ער האָט צװײ װאָכן „חופש" און אױב איך װיל קען איך רעדן צו אים אױפן טע־לעפאָן.

גײען מיר אַראָפּ אונטן אין א גרױסן ליכטיקן זאַל. שטײען דאָ די מאָדערנע לינאָטיפּן און די זעצערס קלאַפּן מיט די פינ־גער װי אױף שרײב־מאַשינען, און די הײסע בלײענע שורות פאַלן און פאַלן אַרױס און שטעלן זיך אױס אין גאַנצע קאָלומס. ס׳הערט זיך דאָס ריטמישע קלאַפּערײ פון די לינאָטיפּן, װי דאָס קלאַפּן פון רעגן־טראָפּנס אױף א בלעכענעם דאַך...

שטײט אין צװײטן זאַל א גרױסע ראָטאַציע־מאַשין מיט קלע־נערע דרוק־מאַשינען, א גאַנצע װעלט מיט מאַשינען. די דרוק־מאַ־שינען רױשן קלאַפּן אָן אױפהער. ארבעטער גײען ארײן און אַרױס, מ׳ברענגט ארײן אױסגעשטעלטע בלאָקן אין אײזערנע ראַמען צום דרוקן.

גײען מיר דערנאָך אַראָפּ אין קעלער. שטײען דאָ מאַשינען אױס־צוגיסן גרױסע אותיות פאַר די צײטונג־קעפּלעך, שנײד־מאַשינען, צו שנײדן פּאַפּיר און קאַרטאָן, און נײ־מאַשינען צו נײען די ביכלעך און בראָשורן װאָס די הסתדרות גיט אױך אַרױס.

אין קאָרידאָר פון קעלער ליגן אױסגעלײגט, דיקע ראָלן פּאַפּיר

פאר דער צייטונג. דאס איז דאך א טייערער אוצר אין ישראל — פאפיר! איז דאך איצט אין ישראל א גרויסער מאנגל אין פאפיר.

דערקלערט מיר חבר פינעס, אז דא ווערט אויך געדרוקט דער העברעאישער חודש־זשורנאל „דבר הפועלת” (דאס ווארט פון דער ארבעטער־פרוי). און אז ביי א פיר הונדערט פאמיליעס לעבן פון דער „דבר” צייטונג מיט אירע פארשידענע אויסגאבעס.

גייט שוין די „דבר” צייטונג ארויס 28 יאר... און איז טאקע די פארשפרייטסטע צייטונג אין ארץ ישראל מיט א גרויסן פרעסטיזש.

האט דער גרויסער פארנעם פון דער „דבר” רעדאקציע און דרוק־קעריי, געמאכט אויף מיר א גוואלדיקן איינדרוק. כ׳האב דערזען דעם גרויסן כוח פון דער הסתדרות, וואס די ארבעטער און די אידעאליס־טישע פירער זייערע, האבן געשאפן אין ישראל.

איז טאקע די הסתדרות־צייטונג „דבר” די טריבונע פון די אי־דישע ארבעטער אין ארץ ישראל, וואס לערנט און בילדעט אוים און פארטיידיקט די אידישע פאלקס־מאסן, און גרייט זיי צו צו א בעסער לעבן, צו א חבריש־קאאפעראטיוו לעבן. צוהעלפן בויען דאס לאנד און צו א בעסערער און שענערער וועלט.

כ׳געזעגן זיך מיט חבר פינעס און פארלאז די „דבר” רעדאקציע, און האף טאקע צו קומען נאכאמאל זיך זען מיטן רעדאקטאר דוד זכאי.

בין איך נאכן באזוך פון דער גרויסער העברעאישער צייטונג „דבר” געגאנגען באלד באזוכן די גרעסטע אידישע צייטונג אין מדי־נת ישראל „„לעצטע נייעס”.

איז אין תל אביב א סך מאל באקוועמער צו גיין צופוס אויפן הארטן טראטואר, איידער צו פארן אין די געפאקטע אויטאבוסן און פארזוכן דעם טעם פון עטלעכע „פריינטלעכע” עלנבויגנס אין די זייטן...

האב איך גלייכער געמאכט א לאנגן שפאציר איבער דער רוי־שיקער אלענבי גאס ביז דער לעווינסקי גאס.

פון סאמע עק אלענבי, זעט מען שוין פון ווייטנס אויף דער אנדערער זייט לעווינסקי גאס, אראפשיינען פון דער הייך אויפן ערשטן שטאק, די אידישע שילד מיט גרויסע אותיות „לעצטע נייעס”.

איז די לעווינסקי גאס נישט קיין איבעריק שיינע... קליינע אלטע הייזער מיט שמאלע הויפן. זיינען ווייטער אביסל אויף דער גאס, אויסגעשטעלט געשטעלן מיט גרינצייג און ארעמע קליינע קרעמלעך.

איז דאָס, ווייזט אויס, אויך אביסל סימבאָליש... און דאָס איז דאָך טאַקע דער געשיכטלעכער גאַנג פון אונדזערעביידע שפּראַכן העברעאיש און אידיש:

געפינט זיך טאַקע די רעדאַקציע פון דעם העברעאישן „דבר" אויף דער פיינער עלעגאַנטער שיינקין גאַס, אין אַן איינענע שיינער געביידע, ווי אַן אמתע „גברת" (האַרינטע, ווי מ׳רופט העברעאיש"...)

און די רעדאַקציע פון דער אידישער „לעצטע נייעס" געפינט זיך אויף דער אָרעמער, נישט אויסגעפּוצטער לעווינסקי גאַס, ווי אַן אָרעמע „שפחה" (אַ דינסט, ווי די העברעער האָבן גערופן אידיש...)

יאָ ווייזט אויס אַז דאָס איז טאַקע דער גורל פון אונדזער מאַמע-לשון...

אָבער אין ארץ ישראל רופט מען דאָך נישט אַ דינסט שפחה אָדער משרתת, נאָר מיטן העפלעכן וואָרט „עוזרת" — העלפערין...

העלפט טאַקע די אידישע „עוזרת"-מאַמע-לשון, די הונדערטער טויזנטער עולים וואָס זייער שפּראַך איז אידיש, און זיי לעבן זיך אוים אין דער אידישער קולטור. לייענען נאָך צענטליקער טויזנטער אידן די אידישע פּרעסע אין ארץ ישראל.

לאָזן טאַקע נישט די עטלעכע אידישע צייטונגען און וואָכנבלעטער, אַז די אידיש-רעדנדיקע עולים זאָלן חלילה נישט ווערן קיין „פּאַריאַס", אַרויסגעשטויסענע, אָן אַ לשון און אָן אַ קולטורעלער סביבה אין זייער אייגן לאַנד...

קום איך אַריין אין אַ קליינעם הויף און גיי אַרויף ערשטן שטאָק. גיי אַדורך אַ טונקעלן קאָרידאָר און קום אַריין אין רעדאַקציע פון דער „לעצטער נייעס".

פאַרנעמט די רעדאַקציע דריי באַקוועמע צימערן. זיצט באַלד אין ערשטן צימער דער פאַרוואַלטער פון דער צייטונג ישראל חדש, וואָס איז אויך אַ שותף צו דער צייטונג, און דאָרט זיצט אויך ביי אַ שרייבטיש די סעקרעטאַרין.

דערקלערט מיר פריינט חדש, אַז די צייטונג מאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן. אַז די „לעצטע נייעס" גייט אַרוים אין 24 טויזנט עקזעמפּלאַרן, און ווערט געלייענט פון צענטליקער טויזנטער אידן איבער גאַנצן לאַנד.

גייט די צייטונג אַרוים בלויז דריי מאָל אַ וואָך. האָבן זיי טאַקע די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן די צייטונג יעדן טאָג, אָבער צוליב

מאנגל אין פאפיר, גיט די ישראל־רעגירונג נישט קיין דערלויבעניש אויף קיין שום טעגלעכער אידישער ציטונג.

זיינען די אנדערע פיר אידישע צייטונגען אויך נישט קיין טעג־לעכע.

באקלאגן זיך אבער די ארויסגעבער פון דער אידישער צייטונג, אז פארוואס איז דא גענוג פאפיר, פאר די פרעמד־שפראכיקע טעג־לעכע צייטונגען און פאר די אידישע נישט...

האלטן זיי, אז דאס איז אפשר א דיסקרימינאציע קעגן אונדזער־מאמע־לשון, קעגן דער אידישער שפראך...

גיי איך אריין אין גרויסן, באקוועמען רעדאקציע־צימער און באקען זיך מיטן רעדאקטאר פריינט מ. צאנין.

מאכט קאלעגע צאנין א איינדרוק פון אן ענערגישן מענטש. א הויכער, א שלאנקער מיט א שטארקן ווילן און א גרויס ליבשאפט און איבערגעבנהייט פארן אידישן ווארט און פאר דער אידישער קולטור.

איז דאך מ. צאנין א חוץ אן אויסגעצייכנטער זשורנאליסט, אויך א טאלאנטירטער שריפטשטעלער. דער מחבר פון בוך „איבער־שטיין און שטאק" וואו ער אליין האט באלד נאך דער מלחמה, גע־זען אין פוילן דעם שרעקלעכן חורבן פון פוילישן אידנטום.

ווייזט ער טאקע אויך אן אין זיינע שילדערונגען פון אונדזער גרויס אומגליק אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך. אז די פאר־לאזן, אונדזערע כמעט 1.000 יאריקע שכנים, האבן אליין געהאלפן אויסמארדן און ראבירן זייערע נעבטיקע שכנים, די אידישע באַ־פעלקערונג אין פוילן.

איז טאקע קאלעגע צאנין א ווארעמער איד און א געטרייער יש־ראל־בירגער. אבער ער קעמפט אויך פאר דער אידישער שפראך און קולטור אין אידישן לאנד.

— די אידן אין מדינת ישראל — זאגט מיר פריינט צאנין — זיינען דאך שוין מער נישט אין גלות, דארף זייער „צונג" אויך נישט זיין אין גלות...

אין דער פרייער ארץ ישראל דארפן דאך די אידישע פאלקס־מאסן נישט פארלירן די קולטור־אוצרות, וואס זיינען געווארן אנ־געזאמלט אין פארלויף פון הונדערטער יארן אין די גלות־לענדער. אדרבא, דא אין אייגן לאנד, אין אן אייגענער אידישער סביבה. דארפן דאך די אידיש־רעדנדיקע מאסן האבן די מעגלעכקייט צו לעבן

אין זייער אידישער קולטור; אידישע צייטונגען, אידיש טעאטער און אידישע ביכער.

דרוקט דאך די אידישע „לעצטע נייעס, אויך אנאנסן פון העברעאישע אוונט־קורסן, צו לערנען די עולים העברעאיש...

דרוקט דאך די אידישע צייטונג אנאנסן פון דעם העברעאישן „הבימה" טעאטער און פון דער העברעאישער אפערע.

זעט טאקע אויס, אז דער „ריב לשונות" דער שפראכן־קאמף אין ארץ ישראל, איז געווארן אביסל שוואכער, און א שטילער שלום הערשט צווישןביידע שפראכן... איז טאקע דער איינדרוק, אז א טאלעראנטע באציאונג פון ביידע שפראכן, העברעאיש און אידיש, הערשט איצט אונטער דעם בלויען ארץ ישראל הימל.

האט מיך פריינט צאנין אריינגעפירט אין צווייטן צימער און מיך באקענט מיטן קאלעגע א. וו. יאסני. דער נאענטסטער מיטארבעטער פון דער צייטונג, צו האבן מיט מיר אן אינטערוויו וועגן מעקסיקאנער אידישן ישוב.

מאכט אויף מיר זייער א גוטן איינדרוק קאלעגע יאסני, מיט זיין העפלעכקייט און באנעמען זיך צו א קאלעגע־שרייבער, און טאקע אויך מיט זיין אויסזען: א ברייט־פלייציקער, א פעסט־געבויטער מיט א געדיכטן, האלב־באשנייטן קאפ־האר. א קיילעכיק־אײדל פנים מיט א פאר אומעטיק־פארבענקטע אויגן.

נאכן אינטערוויו גיט מיך מיטאמאל א פרעג פריינט יאסני: נו, און וואס מאכן עפעס מיינע לאדזשער פריינט אין מעקסיקע? און וואס מאכט עפעס מיין יוגנט חבר דער דיכטער יצחק בערלינער? און וואס מאכט די קליינע שפרודלדיקע נחמהלע?

האב איך זיך דערוואוסט, אז מיין ליבער חבר יצחק בערלינער איז קאלעגע יאסנים א יוגנט־חבר פון לאדזש.

האט זיך פלוצים אין פריינט יאסנים אויגן אנגעצונדן א פייערל. ער איז געבליבן זיצן שטיל, פארטראכט און מיטאמאל געגעבן א שמארקן זיפץ: איי, ליבער פריינט, איי, איז דאס געווען א צייט! איי, איז דאס געווען א טייערע ליבע יוגנט אונדזערע!

א יוגנט פול מיט לעבן, פול מיט שיינע חלומות און האפענונגען אויף א בעסערער וועלט. פרעגט, פרעגט מיין ליבן חבר יצחק, וואס פאר א טייערע אידישע יוגנט מיר האבן געהאט אין לאדזש?

פריינט יאסני בויגט אראפ אביסל דעם קאפ און רעדט אזוי שטיל, עפעס אזוי טרויעריק, מיט אזא טיפן אומעט:

אברהם ווייסבוים

אָ, ווי טרויעריק איז איצט צו לעבן אויף דער וועלט!

צעבראָכן ליגן די געטער אונדזערע. צעשטערט געוואָרן זיינען די אידעאַלן אונדזערע!

אָ, ווי אומעטיק, ליבער פריינט, ווי אומעטיק!

דאַכט זיך מיר, אַז אָט־אָט וועט זיך דער גרויסער שטאַרקער מאַן, צעוויינען ווי אַ קליין קינד...

און מיטאַמאָל כאַפּט גיך פריינט יאַסני אַ שטיקל פּאַפּיר, נעמט גיך שרייבן און שטיל זיך אונטערזינגען מיט אַן עלעגישן טאָן, זיין חבר בערלינערס אַ ליד, וואָס ער געדענקט נאָך פון לאָדזש, פון אַמאָל, מיט לאַנגע לאַנגע יאָרן צוריק:

גייען מיר
מיט שטילע טריט, מיט שטילע טריט,
דורך בלינדער נאַכט.
האַלטן מיר די קעפּ אַראָפּגעבויגן,
טריפן טרערעלעך פון אונדזערע אויגן.

האָב איך אויך שטיל מיטגעזונגען דאָס ליד „גייען מיר", וואָס כ'קען דאָס שוין מער ווי אַ צוויי צענטליק יאָר אין מעקסיקע.

בלייבן מיר ביידע עטלעכע מינוט זיצן שטיל... גיט מיר, פריינט יאַסני, דאָס אויפגעשריבענע ליד מיט עטלעכע האַרציקע ווערטער פאַר זיין ליבן יוגנט פריינט, דעם דיכטער יצחק בערלינער אין מעקסיקע.

זיצן מיר ביידע ביים שרייבטיש איינער קעגן אַנדערן אין אַ אי־דישער רעדאַקציע, אין ארץ ישראל.

איך דערמאַן זיך פון מיין יוגנט אין וואַרשע, און חבר יאַסני פון זיין יוגנט פון אַמאָל אין לאָדזש...

האָב איך איצט נישט געוואָלט באַרירן מיט קאָלעגע צאַנין די פראַגע, וועגן דער שטענדיקער מחלוקה צווישן ביידע שרייבער: צווישן דעם זקן הסופרים דוד פּינסקי, וואָס וואוינט איצט אויפן כרמל אין חיפה, און דעם רעדאַקטאָר פון דער „לעצטער נייעס" פריינט צאַנין אין תל־אביב. ביז כ'וועל וועגן דעם שמועסן מיטן באַרימטן דראַמאַטורג און שריפטשטעלער דוד פּינסקי, ווען כ'וועל נאָכאַמאָל זיין אין חיפה.

מיטוואָך, דעם 8־טן אַפּריל

האָט זיך היינט דער טאָג געשטעלט אַ שיינער, אַ פּרעכטיקער.

באַלד אינדערפרי, האָט זיך די מילדע פרילינג־זון צעשטראַלט אונטער אַ בלוי־לויטערן הימל.

וואַרימט זי די פרילינג־זון און שפּרייט אויס אירע ברילִיאַנטענע שטראַלן אויף אַלץ און אַלעמען: אויף די תל אביבער ווייסע הייזער און ריינע גאַסן, אויף מענטש און ערד, אויף די שוימענדיקע כוואַליעס ביים ים־ברעג, וואָס באַוועגן זיך איצט אַזוי רואיק, אַזוי ריטמיש־געלאַסן ביים לאַנגן אָפּגעצוימטן וועג, וואָס ציט זיך אויף אַ ברייטער שיינע גאַס לעבן ים־ברעג.

שטייען איצט די אויסגעשטעלטע בענק ביים ברעג ים, איינזאַמע, ליידיקע ביז פאַרנאַכט. ביז די שטאָט וועט זיך געבן אַ לאָז אַרויס צום ים, און גיך באַזעצן די אייזערנע, פאַרלאָזענע בענק.

איז אַ גרויס פאַרגעניגן, צו שפּאַצירן אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן, איינער אַליין ביים ים.

די לופט איז דאָך דאָ אַזוי קרישטאָל־ריין, אַזוי העל־דורכזיכטיק. קען מען טאַקע איצט זען פון זייער ווייט.

זעט מען דורך דער ריינער לויטערער לופט, ווי דער רואיק־אויסגעשפּרייטער ים ציט זיך אונטער די שימערירנדיקע זון־שטראַלן ווייט־ווייט אַוועק, ביז צום פאַרהוילענעם האָריזאָנט, וואָס באַהעפט זיך מיטן גרין־בלויען ים און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן, פאַרשוואונדן פון מענטשלעכן אויג.

עפּעס טראַכט זיך איצט אַזוי רואיק, אַזוי גרינג און אַזוי קלאָר.

פון אָפענעם ים בלאָזט אַ לינד פרילינג־ווינטל גלייך אין שטאָט אַריין, און דערפרישט די תל־אביבער איינוואוינער, וואָס לאָזן זיך איצט אַרויס צו זייער טעגלעכער אַרבעט.

פון דער אנדערער זייט גאס ביים ים, וואו ס'שטייען אויסגע־שטעלט הייזער מיט האטעלן און רעסטאראנען. זעט מען שוין, ווי די נישט אויסגעשלאפענע מידע קעלנער, שטעלן אוים אין דרויסן אויפן טראטואר לעבן די קאפעען, די קליינע טישעלעך מיט שטולן.

גרייט מען דאס צו פאר די געסט, וואס וועלן באלד קומען זיך דערקוויקן מיט א היים טעפעלע קאפע ביים לופטיקן אפענעם ים.

איז מיר עפעס אזוי גוט אויפן הארץ. עפעס וואקסט אין מיר א גרוים צופרידנקייט, און אן אומאויסשעפלעך גליק באהערשט מיך אינגאנצן.

א נייער טאג גייט אויף פאר מיר. א ליכטיקער, שטראלנדיקער טאג אין דער פרייער ארץ ישראל.

האב איך היינט טאקע באשלאסן צופארן אין נגב. מאכן א טיול (עקסקורסיע) ביז אילת ביים ברעג ים־סוף (רויטער־ים).

האב איך היינט טאקע באשלאסן צו פארן אין נגב. מאכן א טיול ביורא, מיט פריינט משה כהן. אן אינטעליגענטער, הארציקער מענטש, פון מדינת ישראל.

איז פריינט כהן דער באלעבאס פון דער רייזע־ביורא „מונדוס" אין תל אביב.

האט זיך מיט מיר פריינט כהן דערפרייט. מיך פארגעשטעלט פאר זיין שיינער אינטעליגענטער פרוי, אן אמתע אשת חיל... מיך איינגעלאדן אין זיין פריוואט ביורא־צימער און אויף א פריינטלעכן אופן מיך געראטן צופארן מיטן טיול אין נגב, וואס פליט אפ דאר־נערשטיק אינדערפרי אויף א צוויי־טאגיקע עקסקורסיע, און בלייבן נעכטיקן אין אילת.

האב איך שפעטער געוויזן מיין קוזין דעם בילעט צו פארן אין נגב. איז זיין יונגע טאכטער דרורה, א זעכצן־יאריקע סאברע מיט א קרוין בלאנדע האר אויפן קאפ און מיט א פאר גרויסע בלויע אויגן, מיטאמאל געבליבן זיצן טרויעריק.

זי האט מיט איר אומעטיק מיידלשער־שטימע קוים ארויסגע־רעדט: דער „דוד" (דאד, פעטער) איז ערשט צוויי וואכן אין ישראל און ער פארט שוין אין אילת. איך בין דאך דא געבוירן און בין נאך אין אילת נישט געוועז. זי האט גענומען פלאטערן און בליצן מיט די בלויע אויגן:

כ'וויל פארן, כ'וויל מיטפארן מיטן פעטער אברהם אין אילת, אין נגב וויל איך פארן!

נו, וואָס זאָל איך טאַקע טאָן? ווי טוט מען נישט צוליב אַזאַ טייערע צעשטראַלטע סאַברע, וואָס לערנט זיך אַזוי גוט אין דער העברעאישער גימנאַזיע.

האָב איך פאַר דער פּרעכטיקער סאַברע דרורה אויך באַשטעלט אַ בילעט צו פאָרן אויפן טיול אין נגב. איז די שמחה געווען ביי איר זייער גרויס. זי האָט דאָך נישט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן פאַר פרייד. אין אירע יונג־מיידלשע ליוטערע, בלויע אויגן, האָט געגלאַנצט אַזוי פיל באַגייסטערונג און וואַרעמקייט.

איז זי גיך געלאָפן אין גימנאַזיע בעטן ביים דירעקטאָר אַ דער־לויבעניש צו פאָרן אויף צוויי טעג אין נגב. געלאָפן אָנזאָגן די חברות די גוטע בשורה און ווייזן דעם בילעט:

זי פאָרט אין נגב! זי וועט פליען דאָס ערשטע מאָל אין אַן עראָפּלאַן! זי פאָרט אין אילת, אין אילת!

איז היינט פאַרנאַכט געקומען נאָך מיר חבר מנחם בידערמאַן און מיך גענומען אַהיים צו זיך אין שטוב, צו עסן אָוונט־ברויט און פאַרברענגען אַביסל אין קרייז פון זיין משפחה.

האָבן מיינע טייערע פריינט און חברים מנחם און דבורה בידער־מאַן געוואוינט עטלעכע יאָר אין מעקסיקע, און וואוינען שוין צוריק אַ סך יאָרן אין ארץ ישראל.

פאַראַן אידייען־חברים וואָס זיינען אויך פּערזענלעכע פריינט. אָט דאָס זיינען דאָך טאַקע געווען פאַר מיר אין מעקסיקע, די ליבע האַר־ציקע מענטשן, מנחם און דבורה.

האָט חבר בידערמאַן איבערגעלאָזט אין מעקסיקע זייער אַ גרויסן איינפלוס אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג. אויף די פּועלי ציון חברים און אויף די סימפּאַטיקער פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, מיט זיין ערנסטקייט ון אויפריכטיקייט.

וואוינען זיי איצט, די חברים מיינע אין זייער נייער וואוינונג, אין דעם שיכון קרית־שלום. אין אַ נייער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע לעבן תל אביב.

שטייען די שיינע, ווייסע שורות הסתדרות־הייזער, נישט ווייט פון גלאַטן געפלאַסטערטן שאָסיי, אויף זאַמדיקע ברייטע גאַסן, נאָכ־נישט קיין אַספאַלטירטע.

אַנטפּלעקט זיך פון ווייטנס אַ וואונדערלעך בילד:

אויף אויסגעשפּרייטן געל־זאַמדיקן גרונט, שטייען אויסגעשטעלט זון־באַגאָסענע ווייסע הייזער־קוואַדראַטן, אונטער אַ טיף־בלויען הימל.

שטייען זיי די גרויסע מאָדערנע פיר־שטאָקיקע ווייסע הייזער, און מאַכן אַן איינדרוק, ווי דאָ וואָלט עפּעס געווען אַ סאַנאַטאָריום, אָדער רייכע רעזידענץ־הייזער.

אָבער ניין!

דאָ וואוינען דאָך אַרבעטער און אָנגעשטעלטע הסתדרות־מיט־גלידער, וואָס צאָלן אויס ביסלעכווייז זייערע וואוינונגען און בלייבן שוין זייער אייגנטום...

שטייען זיי די פּרעכטיקע שורות פאַמיליע־הייזער אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן, גלייך ווי יעדעס פאַמיליע־הויז וואָלט געווען אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך, יעדעס הויז האָט אויך אַרום אַ שטיקל פּלאַץ צו פלאַנצן בוימעלעך און גראָז. אַרום און אַרום די אַלע גרויסע פירשטאָקיקע הייזער איז רואיק און שטיל.

די מערסטע איינוואוינער אַרבעטן איצט אין דער גרויסער שטאָט. ערשט פאַרנאַכט ווערט דאָ אַביסל לעבעדיקער און די באַוועגונג גרעסער. ביינאַכט צעצינדן זיך אין די שורות ווייסע הייזער אַלע פענסטער, מיט אַ הימלעכער עלעקטרישער באַלייכטונג, וואָס זאָגט אָן אַלע דורכפאָרער אויפן פינסטערן שאָסיי, אַז דאָ איז אויפגעבויט אַ נייער שיכון, אַ נייע אידישע קאָלאָניע קרית־שלום.

בין איך נאָך נעכטן באַלד נאָכמיטאָג געפאָרן באַזוכן מיינע חברים בידערמאַן.

האָב איך אָנגעהויבן זוכן דעם נומער אין די גרויסע הייזער און טאַקע נישט געקענט געפינען. זיינען דאָך די אידן אין ישראל גוטמוטיקע, פריינטלעכע מענטשן. ווען מ׳פרעגט זיי אויף אַן אַדרעס אָדער אויף אַ נומער פון אַ וואוינונג, וועלן זיי נישט אוועקגיין ביז זיי וועלן אייך העלפן אויסזוכן דעם נומער.

האָב איך אָנגעקלונגען אויפן ערשטן שטאָק אין דער וואוינונג פון חבר בידערמאַן, נאָר קיינער איז פּונקט אין שטוב נישט געווען. האָב איך שוין געוואָלט אוועקגיין, עפנט זיך פּלוצים אויף קעגנאיבער אַ טיר, און אַ פרוי קומט אַרויס און פרעגט מיך אויף העבראיש וועמען איך זוך. כ׳דריי זיך אויס און — די פרוי בלייבט שטיין פאַרוואונדערט מיט אַ פראַגע אין די ברייט־צעעפנטע אויגן: איר, איר, חבר ווייסבוים!?

— גאָט, מיין גאָט! איר זענט דאָ אין ישראל?

האָב איך די פרוי באַלד דערקענט. דאָס איז דאָך די געוועזענע

העברעאישע לערערין טינאָוויצקי, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אין מעקסיקע.

האָט מיך די חברה באַלד איינגעלאַדן אין איר וואוינונג. שיינע צוויי ציכטיקע צימערן מיט אַ קיך, גאָר פיין מעבל און אַלע באַק־וועמלעכקייטן.

גייען אַזוי אַלע וואוינונגען אין אַלע הסתדרות־הייזער: צו צוויי און דריי צימערן אין אַ וואוינונג.

האָט מיר די חברה דערקלערט, אַז די חברים בידערמאַן זיינען אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט און קומען ערשט אַהיים פאַרנאַכט.

האָט מיך די גאַסטפריינטלעכע חברה געבעטן וואַרטן ביז איר מאַן וועט קומען וועלן מיר עסן צוזאַמען וועטשערע, אָבער כ׳האָב באַלד געמוזט צוריקפאָרן אין תל־אביב.

טייערע, גאַסטפריינטלעכע אידן זיינען דאָ אין ארץ ישראל!

בין איך טאַקע אַ ביסל שפּעטער שוין געווען ביי חבר בידערמאַן! אין זיין פיינער גוט איינגעאָרדנטער וואוינונג, מיט אַ פיינער ביבליאָ־טעק. שמעקט טאַקע אין יעדן ווינקעלע. ריין, ציכטיק און אַ וואַרעמע היימלעכקייט נעמט מיך אַרום ביי די טייערע חברים מנחם און דבורה אין הויז.

איז די פרייד טאַקע געווען גרויס. ביי דער ליבער חברה דבורה זיינען די אויגן פייכט געווען... אַט, נאָך אַזוי פיל יאָרן זעט מען זיך ווידער און וואו? טאַקע אין מדינת ישראל!

יאָ, יאָ, זאָגט מיר חבר מנחם, מיר האָבן דערלעבט! יאָ, חבר ווייסבוים, מיר האָבן דאָך דערלעבט! און זיינע אויגן גלאַנצן פון פרייד און גליק.

אַרום טיש זיצן געסט: די משפחה, די חברים מנחם און דבורהס שוועסטער און שוואָגער, אליעזר אורלאַנד און פרוי. די עלטערן פון באַוואוסטן העברעאישן שרייבער אין ישראל יעקב אורלאַנד, דער מחבר פון דער באַרימטער פּיעסע „העיר הזאת” (די דאָזיקע שטאָט), וואָס ווערט כסדר געשפּילט איז אַלע שטעט אין ארץ ישראל.

האָט די שטילע, איידעלע דבורה געגרייט אַ געשמאַקע וועטשע־רע, פון בעסטן און פון שענסטן, און טאַקע די אמתע, סאַלאַטן פון ירקות (גרינצייג) אַלאַ מדינת ישראל...

האָבן מיר זיך דערמאָנט אין די ערשטע יאָרן פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין מעקסיקע, אין דעם ענטוזיאַזם און אידעאַליזם

פון די חברים. אין די קולטורעלע אָוונטן, לעקציעס און פאָרשטעלונ־
גען ביי דער פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „קדימה".

וואָס פאַר אַן אומפאַרגעסלעכע און אינטערעסאַנטע צייט, איז
דאָס געווען.

האָב איך טאַקע היינט פאַרבראַכט אַ וואונדערלעכן אָוונט, אין אַ
גייסטרייכע מסיבה, אין דער פיינער היים ביי די ליבע חברים מנחם
און דבורה בידערמאַן.

דאָנערשטיק, דעם 9־טן אַפּריל

א קילער פרימאָרגן איז היינט געווען אין תל אביב.

אויפן הימל זיינען אַרומגעפלויגן צעריסענע שטיקער וואָלקנס. געקראָכן איינער צום אַנדערן, איינער אויפן אַנדערן. זיך דווקא גע־וואָלט פאַראייניקן און פאַרדעקן די געבליבענע שטיקלעך בלויען הימל, וואו די זון האָט זיך קוים־קוים דורכגעריסן.

ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים רעגענען.

אָבער ביסלעכווייז האָט אַ צפון־ווינט ערגעץ פאַרטריבן די שטי־קער צעריסענע וואָלקנס, און דער הימל האָט זיך צוריק אויסגעליי־טערט און די פרימאָרגן זון האָט שוין ווידערגענומען וואַרעמען אַביסל די תל אביבער, נאָך האַלב־פאַרשלאָפענע איינוואוינער.

אַרום אַכט אַזייגער האָב איך, מיט דער נישט אויסגעשלאָפענער יונגער סאַברע דרורה, שוין געוואַרט ביי די אויטאָס פון טיול אין נגב, צו פאָרן אויפן לופט־פּאָרט אין לוד.

פאָרט מען אַ האַלבע שעה ביז לוד.

אויפן לופט־פּאָרט איז איצט לעבעדיק. מענטשן גייען הין און צוריק, מ׳וועגט דעם באַגאַזש, מ׳באַזאָרגט די פּעסער מיט די פּאַפּירן. ס׳פליען אָפּ עראָפּלאַנען מיט פּאַסאַזשירן קיין אַמעריקע אָדער איי־ראָפּע.

ס׳קומען אָן אויטאָס מיט טוריסטן, צו פליען מיטן עראָפּלאַן אין אילת.

מ׳דערכאַפּט זיך דערווייל דאָס האַרץ אין רעסטאָראַן־זאַל איידער דער עראָפּלאַן פליט אָפּ אין נגב. מ׳טרינקט אַ גלעזל הייסע טיי אָדער קאַווע מיט אַ שטיקל קוכן, אָדער מיט עטלעכע בייגעלעך.

האָבן דאָך די ארץ ישראל בייגעלעך טעם גן־עדן. אַזעלכע גע־

שמאַקע בייגעלעך קריגט מען דאָך נישט אין קיין שום לאַנד, אויסער אין מדינת ישראל.

זיינען די דינע בייגעלעך אויסגעבאַקן, אויסגעברוינט און גייען צוזאַמען ווי אַ צווילינג: צוויי דינע גלאַנציקע בייגעלעך אינאיינעם, אויסגעצויגענע, לענגער ווי ברייטער. און מ'קריגט זיי צו קויפן אין קרעמעלעך אָדער קיאָסקן, וואו מ'פאַרקויפט „גזוז" (גאַזאַז, סאָדע־וואַסער), שאָקאָלאַד און צוקערקעס.

וויסן טאַקע, די וואָס זיינען געווען אין ארץ ישראל, דעם גן־עדן־טעם פון די דינע ברוינע בייגעלעך, וואָס צעגייען אין מויל און מ'וויל פאַרזוכן באַלד נאָך אַ בייגעלע...

דער עולם זיצט ביי די טישלעך און בייסן־צו עפּעס. מיטאַמאָל הערט זיך אַ רוף פון מיקראָפאָן: צום אל־על עראָפּלאַן וואָס פליט אין אילת! צום אל־על עראָפּלאַן!

גייען גיך אַרויס אַלע פּאַסאַזשירן מיט די קליינע רענצלעך אין די הענט, און שטעלן זיך אויס לעבן עראָפּלאַן מיט צוויי מאָטאָרס, וואָס שטייט גרייט אָפּצופליען אין נגב.

זיינען מיר שוין, צען אַזייגער, געזעסן אין עראָפּלאַן.

פּערציק אידישע טוריסטן זיצן זיך באַקוועם אין אל־על עראָפּלאַן.

איז דער עראָפּלאַן אַ אידישער, די פּילאָטן און מעכאַניקער — אידן...

איז דאָס דען נישט קיין אויסערגעוויינלעכער צופאַל?

אידן, טוריסטן פון פאַרשידענע לענדער זיצן צוזאַמען אין אַ אידישן עראָפּלאַן, אין אַ אידישער מדינה, און פליען אונטער דעם אויסגעלייטערטן, בלויען ארץ ישראל הימל, צום ווייטן נגב.

דער עראָפּלאַן צעוויגט זיך אַביסל, די מאָטאָרס רוישן ער מאַכט עטלעכע הקפות אַרום לופט־פעלד, לויפט, דערוואַרעמט זיך אַביסל די שמאָלענע ביינער און — מיר פליען!

די פּאַסאַזשירן זיצן שטיל פאַרטראַכט, די אויגן צוגעשמידט צו די קליינע עראָפּלאַן־פענסטערלעך.

אַלע האָבן איצט איין געדאַנק און איין פאַרלאַנג:

צום נגב! צום נגב!

בין איך שוין געפלויגן אין עראָפּלאַן אין מעקסיקע, אין די שטאַטן, אין קאַנאַדע און אין פראַנקרייך. און איצט פלי איך על כנפי נשרים, אויף אָדלער־פליגל אין ארץ ישראל צום נגב, אין אילת, צום ים־סוף!

הערשט אין עראָפּלאַן א יום טובדיקע שטימונג. די טוריסטן, די מערסטע אמעריקאַנער אידן, זיינען באַגייסטערט פון דער רייזע.

ס'קומט אַריין דער אידישער „סטיוארד" און איז יעדן מכבד מיט א גלאָז „מיץ" (פּאָמעראַנצן זאַפט). גיט יעדן א מאַפּע אויף א גרויסן טאָוול, צו וויסן וואו מ'פליט איבערן נגב.

דער עולם איז פאַרטיפט אין די מאַפּעס, מ'שטודירט דעם וועג איבערן נגב. מ'ווערט אביסל היימישער, מ'רעדט שטיל איינער צום אַנדערן אין ענגליש, אידיש און העברעאיש.

אַן אַמעריקאַנער אידישע טוריסטקע האַלט אָפן אין האַנט אַן ענגליש־העברעאישן ווערטער־בוך, און פאַרמוטשעט נעבעך דעם איד וואָס זיצט לעבן איר, מיט איר קענטשאַפט אין עברית (איווריט, העברעאיש).

דער הימל איז לויטער. א מילדע פרילינג־זון באַשיינט אונטן די ליידיקע העל־זאַמדיקע וועגן, בערג און טאָלן און פאַרהוילענע מדבר־שליאַכן.

ס'איז מיר עפּעס אַזוי גוט, אַזוי יום טובדיק אויפן האַרץ.

כ'פלי דאָך איבערן נגב!

אָ, וואָס פאַר א וואונדערלעכע איבערלעבונג דאָס איז!

אין די צייט אין עראָפּלאַן זייער גיך דורכגעפלויגן. אפשר אַזוי גיך ווי דער עראָפּלאַן איז געפלויגן, און אפשר נאָך גיכער...

האָבן די קנאַפּע דריי הונדערט קילאָמעטער פון לוד ביז אילת, געדויערט נישט מער ווי א שעה מיט א פערטל.

פּאַמעלעך האָט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּגעלאָזט, געגעבן א ציטער — און שטייט שוין אויפן אָפענעם לופט־פעלד אין אילת.

איז דער ערשטער איינדרוק געווען, אַז מיר זיינען געקומען אין אַן אָאַזיס, ערגעץ אין א גרויסן שטילן מדבר.

פון ווייטנס זעט מען די ליידיקע בערג פון עבר הירדן, וואָס ציען זיך לענגאויס ביים שטילן רואיקן ים־סוף (רויטער־ים).

פון דער הייך אויפן לופט־פעלד זעט מען שוין דאָס שטעטל מיט די קליינע הייזער, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין עטלעכע זייטן כאַזונדער אויף העכערע און נידעריקע ערד־פלאַכן.

אַן אָפענער גרויסער אויטאָבוס וואַרט שוין אויף די פּאַסאַזשירן. אַלע טוריסטן זעצן זיך אוים אין אויטאָבוס אויף לאַנגע בענק, און כ'פאָרט נענטער צום ברעג ים.

איז דער וועג נאָך נישט קיין אַספאַלטירטער. דער אויטאָבוס

שפּרינגט אביסל אונטער. אָבער אַלע זיינען פריילעך און צופרידן. עפּעס פילן זיך אַלע טוריסטן ווי איין גרויסע משפחה, וואָס איז געקומען צו פאָרן צו זיך אהיים. נו, איז וואָס? איז נישט אַזוי באַקוועם...

ווייסן אַלע, אַז דאָ אַרום אין אָפּענעם מדבר איז נישט גאַנץ זיכער, אַז דאָ איז נאָך דערווייל א שטיקל סכנה.

פון דער אַנדערער זייט ים לויערט דער שונא...

אָבער אַלע טוריסטן זיינען מוטיק, ווייזן נישט אַרויס קיין שום מורא. די „הגנה" פּאַטרולן דרייען זיך דאָ אַרום אויף די בערג, ניט ווייט פון אילת...

אַלע פילן, אַז מיר טרעטן אויף אידישער ערד אין אידישן לאַנד, אין מדינת ישראל. קוקן זיך טאַקע אַלע אַרום מיט גרויס נייגערי־קייט און דערוואַרטונג. מיר זיינען דאָך געקומען אין ווייטן פּרי־מיטיוון נגב, אין אידישן פּאָרט, אין אילת!

פאָרן מיר אַזוי א צוואַנציק מינוט און דער אויטאָבוס בלייבט שטיין אויף א ליידיקן פּלאַץ, אַרומגענומען מיט דריי שורות אויס־געשטעלטע קליינע הייזער. אויסגעבויט צוזאַמען פון דריי זייטן ווי א „ח", מיט איין זייט צום אָפּענעם ים, בלויז א הונדערט מעטער פון ים־ברעג.

האָט א דראָבנע פרילינג־רעגנדל אָנגעהויבן מיטאַמאָל צו שפּריצן, אָבער טאַקע באַלד אויפגעהערט. דער אָנגעזאַפּטער וואָלקן מיט וואַ־סער האָט אַביסל אָפּגעפרישט דאָס טרוקענע זאַמד, און האָט אַוועק־געצויגן אַביסל ווייטער צו מזרח, און דער הימל איז ווידער אויס־געלייטערט געוואָרן.

האָבן אונדז די טוריסטן־אויפזעער באַלד רעגיסטרירט ביי די נע־מען און דערקלערט, אַז די טוריסטן וואָס זיינען נעכטן געקומען מיטן אויטאָבוס פון תל אביב, און געמאַכט דעם שפּאַציר א גאַנצן טאָג איבערן נגב מיט א „מדריך", וואָס האָט זיי אַלץ געוויזן און דערקלערט, האָבן דאָ גענעכטיקט און פליען טאַקע באַלד צוריק מיטן עראָפּלאַן קיין לוד.

וועלן די נייע טוריסטן ווערן איינגעאָרדנט אין די אויסגעליי־דיקטע צימערן, און מאָרגן אינדערפרי וועלן די היינט־געקומענע טו־ריסטן, זיך אַרויסלאָזן מיטן ספּעציעלן אויטאָבוס איבערן נגב ביז באר־שבע, און פון דאָרט ביז תל אביב.

גייען מיר אַלע דערווייל אַריין אין רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון די אַרומיקע וואוינונגען.

שטייען אין גרויסן עס־זאַל טישן מיט לאַנגע בענק פון ביידע זייטן, ווי אין אַ היימישער אכסניא. אין דער לינקער זייט איז דאָ אַ גרויסע קיך מיט די וואַש־צימערן.

לאָזן מיר איבער דערווייל די רענצלעך אין רעסטאָראַן, און די גאַנצע גרופּע לאָזט זיך גיין אין אַ געהויבענער שטימונג צום ברעג ים.

שפּרייט זיך אויס אויפן וועג אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט איר וואונדערלעכער שיינקייט.

אויף אַ ברייטן טאָל וואָס ציט זיך ביז די בערג פון עבר הירדן, ליגט אויסגעשפּרייט אַ ריזיקער האַלבער קרייז מיטן אָפענעם גרין־בלויען ים, וואָס ציט זיך אַוועק ווייט צווישן די בערג פון ביידע זייטן, פון נגב און פון עבר הירדן, ווערט וואָס אַמאָל ברייטער און ברייטער, און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין ווייטן אומענדלעכן גרויסן ים.

דער שטילער רואיקער ים שפּיגלט זיך אונטער די זון־שטראַלן, אין די שמאָלע גלאָסענע כוואַליעס רירן קוים אָן דעם זאַמדיקן ברעג מיט אַ שטילן פליסטער.

נעמט דער גאַנצער ים־אויסגוס אַרום דעם קיילעכדיקן, פלאַכן ברעג פון אַכט קילאָמעטער, און ציט זיך ביזן עבר הירדן. געהערט אַ העלפט פון ים־פּאַס צו מדינת ישראל און די אַנדערע העלפט צו דער ירדן־רעגירונג.

האָבן מיר דערווייל ביז מיטאָג געמאַכט אַ שפּאַציר אויפן ים־סוף אין אַ גרויס מאָטאָר־שיפל, און אין אַ צווייט שיפל וואָס איז צוגעבונדן צום מאָטאָר־שיפל.

זיינען די טוריסטן פרייליך, זעצן זיך אויס אויף די בענק וואו עס לאָזט זיך. אַלע פילן זיך עפּעס אַזוי היימיש, צוגעלאָזט איינער צום אַנדערן, פּונקט ווי מ'וואָלט געפאָרן אויף אַן עקסקורסיע אויף אַ גרויסן טייך, נישט אויפן טיפן ים...

דאָס מאָטער־שיפל נעמט פּאַמעלעך־אַוועקשווימען פון ברעג און שלעפּט מיט דאָס צווייטע שיפל, גיבן זיך אַלע אַ וואַקל און לאָזן אַרויס אַ געשריי פון פרייד און באַגייסטערונג:

מיר שווימען! מיר פאָרן אין אַ אידיש שיפל אויפן רויטן ים, מיר פאָרן אויפן ים־סוף!

גיט זיך דאָס שיפל אַ בויג אין אַ זייט, ווערט אַ געשריי און אַ געלעכטער, אַלע לאַכן: די צופרידענע טוריסטן, דער „קאַפּיטאַן" פון שיפל, דער לויטערער בלויער הימל, די גרין־בלויע כוואַליעס וואָס שפּילן זיך איצט מיטן שיפל.

די גאָלדענע זון וואָס שטייט איצט, צוועלף אַזייגער, אין סאַמע צענטער הימל, אין זעניט. וואַרעמט זי, די זון, און באַגיסט מיט איר גאָלדן ליכט די מענטשן, בערג, ים און דעם גאַנצן ליידיקן מדבר.

אַלע פרייען זיך און לאַכן עפּעס אַזוי האַרציק. אַ געלעכטער פון גליק. אַ פרייד פון אידישע נשמות, וואָס האָבן דערזען, ווי אַ ניי אידיש לעבן גייט אויף ביי די ווייטע מדבר־ברעגן פון רויטן ים. אַ געלעכטער און אַ פרייד פון אַ גרויסער מענטשלעכער איבערלעבונג.

מיר פאָרן אויף אַ שפּאַציר אין אַ אידיש שיפל אויפן ים־סוף!

די טוריסטקעס טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער, ווען דאָס שיפל הויכט זיך אָן צו ביינן און הייבן זיך אַרויף און אַראָפּ. שרייען הויך וועריי נייס, וועריי נייס, (זייער שיין). און האָבן נעבעך מורא, מ'זאָל זיך חלילה נישט אַריינגליטשן אין נאַסן ים אַריין און כאַפּן אַ שווים...

כ'זיץ אין שיפל ווי אַ פאַרחלומטער. דאָס פאָרן אויפן ים, די וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע אַרום און אַרום האָט מיך פאַרכישופט.

כ'שטעק אַריין די הענט אין וואַסער, כ'וואַש מיינע הענט אין ים־סוף.

אָ, וואָס פאַר אַ סימבאָל!

ווען האָב איך דאָס געטראַכט צו פאָרן אין אַ שיפל אויפן ים־סוף אין אילת?

איז דאָך די ווירקלעכקייט אַ סך מאָל שענער, ווי די שענסטע פאַנטאַזיע...

מיט פינף יאָר צוריק איז דאָך די פראַגע פון מדינת ישראל נאָך נישט געווען באַשטימט, און גרויס איז געווען די סכנה פון די אַרומיקע שונאים.

און איצט?

איצט שווימען אידן אין שיפלעך אויפן רויטן ים, אין אילת!

פאָרן נאָר די שיפלעך פיר קילאָמעטער אין ים אַריין. אַ העלפט וועג וואָס געהערט מדינת ישראל, און די אַנדערע פיר קילאָמעטער פון ים־אויסגוס געהערט שוין עבר הירדן.

שטייט אויפן האַלבן ים־וועג פאַראַנקערט אַ אידיש שיפל, מיט אַ הויכן מאַסט און הוידעט זיך אויפן ים. דאָס איז דער סימן פון דער וואַסער־גרענעץ... זעט מען פון ווייטנס, ווי אויפן זאַמדיקן ברעג אין צענטער פון רונדיקן ים־אויסגוס, שטייען צוויי ווייסע שטיבלעך. איינס פון דער ירדן־רעגירונג און איינס פון מדינת ישראל.

דאָרט איז שוין די גרענעץ.

פאָרן מיר שוין צוריק צום ברעג אין אילת. צופרידענע, דערפרישטע פון דער ריינער, געזונטער ים־לופט, און גליקלעכע פון דעם אויסערגעוויינלעכן שפּאַציר אויפן ים, און טאַקע הונגעריקע אויך...

האָב איך ביים אַראָפּגיין פון שיפל, אויפגעקליבן ביים ברעג ים פאַרשידענע שיינע ים־מושלען, וואָס ליגן צעוואָרפן אויפן זאַמדיקן ברעג. פאַרשידענע ים־געוויקסן, וואָס זעען אויס ווי ווייסע איינגראַווירטע שטיינדלעך פון פאַרשידענע פיגורן. דינע דורכגעלעכערטע ווייסע שטיינדלעך, וואָס זעען אויס ווי פאַרהאַרטעוועטע בלומען פון איידעלער פילגרין־געוועב.

לאָמיר מיטנעמען מיט זיך קיין מעקסיקע אַן אָנדענק פון אונדזער אידישן ים־ברעג, פון ווייט־וויטן נגב. פון אילת.

האָבן מיר זיך אַביסל שפּעטער אויסגעזעצט ביי די לאַנגע טישן אין רעסטאָראַן, ווי אויף אַ היימישער שמחה.

הונגעריקע פון דער פרישער און שאַרפער ים־לופט און אַביסל אויסגעברוינט פון דער הייסער נגב־זון. האָבן זיך די טוריסטן צוגעכאַפּט צום מיטאָג, ווי צו די בעסטע און טייערסטע פּאַטראַוועס, ווי צו די רייכסטע מאכלים.

איז טאַקע געווען אַ מחיה צו קוקן, ווי דאָס געשמאַקע ארץ ישראל ברויט איז גיך פאַרשוואונדן געוואָרן... און מ'האָט ווידער אַרויפגעשטעלט אויפן טיש טעלערס מיט גרויסע פּענעצער ברויט... אין רייכסטן רעסטאָראַן, די בעסטע פּאַטראַוועס, ווערן נישט געגעסן אַזוי געשמאַק און מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי ס'איז געגעסן געוואָרן דער ישראל־מיטאָג אין ווייטן נגב, אין אילת.

שוין אַביסל אויסגערוטע און זאַטע, האָט מען גענומען צוטיילן די טוריסטן אין די שלאָפצימערן. צו דריי פרויען אין אַ צימער און פיר מענער אין אַ צימער.

איז אויף מיין מזל אויסגעפאַלן אַ גרויס צימער אינאיינעם מיט

נאָך פיר טוריסטן: צוויי אַמעריקאַנער אידן, אַ יונגערמאַן פון שוועדן און אַ טוריסט פון טשילע.

זיינען מיר געווען אין איין צימער פינף אידן פון פיר לענדער...

האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף די בעטלעך, ווי אין אַ קליין־שטעטלדיקער אַכסניא און געכאַפּט אַביסל אַ שמועס.

איז איין טוריסט פון די שטאַטן, שוין געווען אַמאָל אין ארץ ישראל און רעדט אויך העברעאיש. איז ער איצט געקומען מיט זיין פרוי זען מדינת־ישראל מיטן נגב, ער וועט דאָ זיין ביז איבערן יום־העצמאות.

רעדט ער בלויז מיט העברעאישע פּסוקים, פאַר יעדער זאַך האָט ער אַ העברעאישן פּסוק. ער איז פאַרליבט אין מדינת ישראל:

— איר זעט דאָ די קליינע בעטן מיט די קאָלדרעס מיט די ווייסע קישעלעך? רופט אויס מיט גרויס פּאַטאָס, דער אַמעריקאַנער העב־רעער: כ׳וואָלט זיך נישט געוואָלט בייטן מיטן גרעסטן רייכסטן האָטעל!

זעט אויס דער יונגערמאַן פון שוועדן, צו זיין אַ גאַנץ רייכער. ער גייט שטענדיק אָנגעהאָנגען אויפן אַקסעל אַ לעדערנעם רימען מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און זעט אויס ווי אַ יעגער. רעדט ער דער „שוועד" אַ ווייכן פּוילישן אידיש... ער באַקלאָגט זיך, אַז דער אידישער צאָל־אַמט האָט אים נעבעך באַריסן... ער האָט גע־ברענגט זילבער־מתנות פאַר זיינע קרובים אין ישראל, האָט ער גע־דאַרפט באַצאָלן פאַר זיי אַ סך, אַ סך געלט. וויפיל געלט וויל דער „שוועד" נישט אויסזאָגן.

טרייסט אים דער „אַמעריקאַנער", אַז אין די שטאַטן נעמט מען אויך אַ גרויסן אָפּצאָל פאַר אַריינגעפירטע זאַכן פון זילבער.

און דער „טשילענער" איז מיט אַלץ צופרידן, אַבי דאָס אידישע פאָלק האָט שוין מיט מזל אַ מדינה גלייך מיט אַלע לאַטיין־אַמערי־קאַנער פעלקער...

און ער זינגט!

איי, זינגט ער דער „טשילענער"! ער האַלט אין איין זינגען, ער זינגט אידישע לידער, שפּאַנישע און העברעאישע לידער.

האָט ער זיצנדיק אויף זיין בעטל גענומען זינגען אַ חלוצים־ליד, וואָס ער קען שוין אַביסל, האָט מען אונדז מיט אַמאָל גענומען רופן. מ׳גייט פאָרן אויף אַ שפּאַציר אויף עטלעכע קילאָמעטער לענג־

אוים ביים ברעג ים, און צוריק פאָרן דורך א שמאָלן פּאַס צווישן די בערג ביזן שטעטל אילת.

האָט שוין דער זינגענדיקער „טשילענער" געמוזט נעבעך פאַר־ענדיקן דאָס העברעאישע ליד, גייענדיק צום אויטאָבוס.

אויף א גרויסן אָפענעם משא־אויטאָ (א טראָק) שטייען אויס־געשטעלט לאַנגע בענק פאַר די טוריסטן. אויפן נישט אויסגעגלייכטן וועג ביים ים־ברעג, קען מען נישט נוצן דעם שיינעם פאַרמאַכטן אויטאָבוס, וואָס איז אָנגעגרייט צו פאָרן מאָרגן אינדערפרי אויף א לאַנגן שפּאַציר איבערן נגב.

דער וועג לענגאויס ביים ים איז דאָך פול מיט זאַמד, שטיינד־לעך און גריבלעך.

דער שאָפער, וואָס אַלע רופן אים מאַטקע: מאַטקע אהין, מאַט־קע אהער. אומעטום הערט מען נאָר: מאַטקע, מאַטקע!

איז מאַטקע א שוואַרץ־חנעוודיקער־בחור, א ברוין פּנים און מיט א שטענדיק שמייכעלע אויף די ליפּן מיט שוואַרצע קליינע וואָנסע־לעך, האָט מאַטקע געבעטן מ'זאָל זיך אַלע אויסזעצן אויף די בענק.

האָב איך טאַקע געמיינט, אַז מאַטקע איז אַן איראַפּעאישער איד, און נעם מיט אים רעדן אידיש. צעשמייכלט ער זיך און ענטפערט מיר עטלעכע ווערטער אויף אידיש און גייט באַלד איבער אויף העב־רעאיש.

ער איז, זאָגט ער מיר, נישט קיין אשכנזי, נאָר אַן אָריענטאַלי־שער איד. ער אַרבעט אין נגב שוין עטלעכע יאָר. האָט ער זיך אויס־געלערנט פון זיינע חברים רעדן אביסעלע אידיש. הייסט ער טאַקע מרדכי, נאָר מ'רופט אים מאַטקע, זאָל זיין מאַטקע! דער אידישער נאָמען געפעלט אים: מאַטקע, מאַטקע!

דער גרויסע וואָגן נעמט זיך הוידן, העצקעט זיך אַרויף און אַראָפּ. די טוריסטקעס לאָזן יעדעס מאָל אַרויס א פריילעך געשריי, פאַלן איי־נע אויף דער אַנדערער מיט א האַרציק געלעכטער. זעט מען אויפן וועג ליגן אויסגעלייגט אויפן זאַמד טעלעפאָן־דראָטן, וואָס ציען זיך אַרויף אויף די בערג.

פרעגט מען דעם „מדריך", דעם פירער, וואָס שטייט אָנגעלענט ביים ווענטל לעבן שאָפער, וואָס פאַר א דראָטן ליגן דאָ אויפן זאַמד. ענטפערט ער מיט א שמייכל, אַז ער ווייסט נישט... אַלץ ווייסט ער, אַלץ דערקלערט ער אונדז, נאָר וועגן די דראָטן ווייסט ער גאָרנישט...

בלויז איין קילאָמעטער פון אילת, זעט מען שוין ליגן ביים ברעג ים גרויסע קלעצער, ברעטער, שטאָלענע באַלקנס, און אויפן וואַסער שטייען עטלעכע שיפלעך. ווערט דאָס אַלץ אַהערגעפירט מיט אַ גרויסער אידישער שיף, דאָס איז מאַטעריאַל צו בויען דעם פּאָרט אין אילת.

פאַרקערעווען מיר זיך צווישן די בערג, אויף אַ רונדיק־ליידיקן פּלאַץ, מיר זיינען שוין אָפּגעפאָרן אכט קילאָמעטער, לעבן דער מיצרישער גרענעץ.

שטייט אין אַ זייט לעבן אַ באַרג אַ ליידיק הויז, געבויט פון געהאַקטע שטיינער. איז אין דעם הויז געווען די עקספּערימענט־סטאַנציע פון דעם באַרימטן ענגלישן געאָלאָג וויליאַמס.

נאָך דער באַפרייאונג־מלחמה, ווען די אידישע אַרמיי איז אַריין אין אילת, איז דער וויסנשאַפטס־מאַן פאַרשווינדן געוואָרן... און דאָס הויז שטייט איצט ליידיק.

פאָרן מיר צוריק אין אילת.

די רעדער פון שווערן וואָגן שניידן זיך אַריין אין ווייכן זאַמדיקן וועג. פון ביידע זייטן זיגזאַגישן וועג, ציען זיך נאַקעטע בערג וואָס וואַרפן אָן אויף יעדן אַ געדריקטע שטימונג און אַ באַהאַלטענע מורא פאַר עפּעס...

ווער ווייסט, וויפיל הונדערטער יאָרן, האָט דאָ נישט געטרעטן קיין מענטשלעכער פוס צווישן די זאַמדיקע מדבר־וועגן און משופּעדיקע בערג. אָבער איצט הערט זיך, אויף די פאַרוואָרפענע מדבר־וועגן, דאָס רויש פון מאָטאָרס, און צווישן די שטיינערנע בערג קלינגט אָפּ דער עכאָ פון מענטשלעכע שטימען, און דאָס האַרציקע געלעכטער פון אידישע טוריסטן, וואָס זיינען געקומען פון ווייטע לענדער זעען דעם ווידערגעבורט פון ארץ ישראל.

זעען דעם תחית המתים פון טויטן מדבר, דעם וואונדער פון נגב!

זיינען מיר שפּעטער צוריקגעקומען דורך די בערג אין שטעטל אַריין.

מאַכן מיר שוין אַ שפּאַציר אין אילת און טאַקע צופוס. איי, איז אַ מחיה זיך אויסצוגלייכן אַביסל די פיס...

זיינען מיר צוגעקומען צו אַ גרויסער געביידע, פאַרנט מיט אַ טעראַסע. דאָרט איז די פּאָסט, רעגירונג־ביוראָס. אַ קראָם עפּעס צו

קויפן און א קאפע. זעט מען בארג־ארויף דאָס מאָסיוו־געבויטע הויז פון מיליטערישן קאָמענדאַנט פון דעם געגנט אַרום אילת.

אויף א גלייכן פלאַץ, אַביסל ווייטער, שטייען צוויי שורות שיי־נע הילצערנע הייזער, זיינען די הייזער געוואָרן אויסגעבויט דורך די פרויען־פּיאָנערן און דורך דער „וויצאָ" אָרגאַניזאַציע.

שטייען אויך דאָ עטלעכע געמויערטע פּריוואַטע הייזער פון די רעגירונג־אָנגעשטעלטע.

וואַרעמט איצט שטאַרק די נאָכמיטאָג־זון. די לופט איז איצט אָנ־געגליט פון מדבר־זאַמד און פון דער געזאַלצענער לופט וואָס קומט פון אָפענעם ים.

דערקוויקן מיר זיך אַביסל מיט א פרישן קאַלטן טרונק, און מיר גייען אריין אין א שיין הילצערן הויז מיט א סך פענסטער, דער טראַטואַר לעבן הויז איז אויסגעלייגט מיט ברעטער, און צעוואַקסענע קליינע בלימעלעך.

דאָרט איז דער מוזייאום פון נגב, פון אילת.

זיינען אין דערוויילקן מוזייאום אויסגעשטעלט פאַרשידענע מי־נעראַלן פון נגב, מעטאַלן און פאַרבן. פאַרשידענע שטיינדלעך, קריש־טאָלן און פיגורן פון האַרטע פאַרשטיינערטע ים־געוויקסן, וואָס זעען אויס ווי אויסגעשעניצטע קונסט־אַרבעט. גרויסע פּערלמוטערנע ים־כּושלען און פאַרשידענע פיש, וואָס ווערן געכאַפּט ביים ברעג־ים אין אילת.

שטיי איך ביים פאַרפלאַנצטן שטאָט־גאָרטן און באַטראַכט די ביימעלעך וואָס שטייען טיף פאַרזעצט אין דער ערד.

וואַקסן זיי, די ביימעלעך פּאַמעלעך, אָבער זיי רייסן זיך צום לעבן, צו דער ליכטיקער זון, צום הימל.

זיינען זיי דאָרשטיק, די נגב־ביימעלעך, זייער דאָרשטיק. זיי ווילן טרינקען, טרינקען וואַסער, וואָס מער וואַסער.

קרישלט זיך די טרוקענע ערד אַרום די ביימעלעך, קאָרטשעט זיך און שפּאַלט זיך. עפנט דאָס פאַרשמאַכטע מויל און בעט זיך: וואַסער! וואַסער! גיט מיר וואַסער, וואָס מער וואַסער. וועלן אויף מיר וואַקסן בוימער מיט צווייגן, און אויף די צווייגן גרינע בלע־טער, וואָס וועלן שאַפן קילע שאָטנס אויף דער ערד אַרום די בוימער.

און בלומען וועלן אויף מיר וואַקסן, און גראָז, ווייך פעט גרין גראָז, נאָר גיט מיר וואַסער, וואָס מער וואַסער!

זעט מען אויך אויפן וועג עטלעכע הייזער מיט אַן אָפּגעצוימטן

פלאץ, וואו ס׳ליגן בוי־מאטעריאלן. איז דאס פון קאאפעראטיוו סולל־בונה, צו בויען הייזער אין אילת.

גייען מיר שוין פאמעלעך צופוס ביז צום ים. צו די פון דריי זייטן אויסגעשטעלטע שטיבלעך, וואו ס׳וועט היינט ביינאכט זיין אונדזער היים, מיין מקום־מנוחה.

אונדזער אידישע היים אין וויטן נגב...

האב איך זיך א מידער געזעצט אין רעסטאראן אביסל אפרוען. מ׳בייסט צו עפעס און מ׳שמועסט אביסל.

כ׳זיץ און באטראכט די טוריסטקעס פון אמעריקע. די צוויי לערערקעס האלטן זיך צוזאמען ווי צוויי שוועסטער. עטלעכע עלטערע פרויען זיצן אין א רעדל און רעדן מיט די מענער וועגן דעם וואונדער פון „יזראעל" (ישראל), ווי מ׳בויט צוריק אויף דעם פארלאזטן ווילדן נגב, וועגן דער געוואגטקייט און איבערגעבנהייט פון די חלוצים.

זיי, די אמעריקאנער, געפעלט דווקא דאס איינפאכע לעבן, דאס פלייסיקייט פון דער ארבעט, דער דעמאקראטישער צוגאנג צום לעבן און צו דער ארבעט.

נישטא קיין יחסנים אין וויטן נגב, דא קען מען נישט זיין דערווייל קיין שטארקע איבערקלייבערס. מ׳עסט וואס ס׳איז דא, און מ׳שלאפט ווי מ׳קען...

דערפילט מען טאקע דא אויך דעם טעם פון בויען און דאס לעבן פון פיאנערן, פון שאפן עפעס אויף ליידיקער, פארלאזטער, אויסגעטרוקנטער ערד.

יא, ס׳איז דאך א געוואגטער און העראאישער אויפטו דאס בויען דעם נגב.

זע איך דאך דא דעם בראשית, דעם אנהייב, דעם פארמעסט פון דער אויפגעוואכטער אידישער ענערגיע.

זע איך דאך, ווי מ׳שאפט דעם וואונדער פון נגב!

איז דער זינגענדיקער „טשילענער" מיטן „שוועד", וואס הענגט אים אויפן אקסל א רימען מיטן פאטא־אפאראט, אוועק אין שטעטל עפעס קויפן, און איך בין אוועק צום ברעג ים.

שטייט הארט ביים ים־ברעג א הילצערנע געביידע. איז דאס א מיליטערישע „קאנטין", א קלוב, וואו אידישע זעלנער קומען זיך אפרוען און דערפרישן זיך מיט א קאלטן טרונק.

שטייען אין דרויסן טישלעך מיט שטולן, אונטער אן איבערגע־דעקטן הילצערנעם דאך, די זון זאָל נישט ברענען.

עטלעכע טוריסטן זיצן ביי א טישעל און קוקן אויפן שטילן ים.

ס'איז שוין פאַרנאַכט. די פרילינג־זון אין נגב בויגט זיך שוין צו מערב־זייט, און באַגיסט די ליידיקע בערג און זאַמדיקע טאָלן מיט איר לעצט ביסל צעפלאַקערט ליכט, וואָס האָט זיך אַזוי העליש צעצונדן ביים הימל־ראַנד אויף מערב־זייט.

כ'זיץ און קוק אויפן גרין־בלויען ים, וואָס הייבט זיך שוין אָן פאַרהילן אין שאָטנס אונטער דעם שוואַכן גלאַנץ פון דער ווייט־צעפלאַמטער זון. דאָס וואַסער רירט קוים־קוים אָן דעם זאַמדיקן ברעג.

א מדבר־שטילקייט הערשט אַרום און אַרום. א טיפער אומעט ווייעט אַראָפּ פון די בערג און סודותדיקע נגב־שליאַכן.

ס'איז א הערלעכער בין־השמשות ביים ברעג ים־סוף. ס'בייט זיך אויך, מיטן זון־אונטערגאַנג, דער קאָליר פון ים. אָט ווערט דער ים גאָלדיק־גרין און ביסלעכווייז בייט ער זיך אויף טונקל־גרוי.

און פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, באַדעקן די אָוונט־שאָטנס דעם גאַנצן אויסגעשפּרייטן שטילן ים.

צוויי יונגעליט קומען צו פּאַמעלעך צו די טישלעך, עפּעס נישט מיט קיין זיכערע טריט, ווי זיי וואָלטן פאַר עפּעס מורא געהאַט.

זיי פרעגן שטיל די טוריסטן וואָס זיצן ביי א טישל, אפשר ווילן זיי מאַכן א שפּאַציר אין א שיפל אויפן ים. זיי ווילן פאַרדינען עט־לעכע פונט, זיי האָבן נישט קיין אַרבעט...

דער ים איז זייער רואיק און ביים זון־אונטערגאַנג איז א פאַר־געניגן זיך צו שיפן אביסל אויפן ים.

די טוריסטן ענטפערן אין ענגליש, אַז ניין, זיי ווילן נישט.

קומען זיי צו פּאַמעלעך צו מיין טישל און פרעגן מיך צי כ'וויל מיט זיי פאָרן אויף א שיפל. זיי זיינען איצט אַרבעטסלאָז, ווילן זיי עפּעס פאַרדינען. זיי האָבן ביידע געאַרבעט ביים סולל־ובונה, האָט מען דערווייל אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

כ'פרעג זיי, פאַרוואָס זיי דרייען זיך אַרום ליידיק אין אילת, פאַר וואָס פאָרן זיי נישט אין א גרויסער שטאָט זוכן אַרבעט, און פאַר־וואָס טרעטן זיי נישט אריין אין א קיבוץ, דאָרט וואָלט דאָך זיי גאָרנישט געפעלט.

זיי זעצן זיך לעבן מיין טישל און איינער גיט א שאָקל מיטן קאָפּ, און מיט א בייזער מינע אויפן פּנים גיט ער הויך א זאָג:

יאָ, יאָ, איר זענט א רייכער טוריסט, אן אמעריקאַנער, זענט איר צופרידן מיט דער בן גוריון־רעגירונג, אָבער מיר נישט...

דער עלטערער בחור, א ברונעטער מיט אן אָפּגעברענט פּנים, דערציילט מיר, אז ער איז געקומען פון פראַנקרייך. געקעמפט אין אונטערגרונט צוזאַמען מיט די „מאַקיס", ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער באַפרייאונג־מלחמה אין נגב, וויל ער פון דאַנען נישט אוועק.

דער יונגער בחור, א בלאָנדער, מיט א פּאָר לעבעדיקע, כיטרע אייגעלעך און מיט אָנגעדראָלענע באַקן, איז געקומען פון רומעניע מיט דריי יאָר צוריק.

וויל ער צוריקפאָרן קיין רומעניע. די רעגירונג גיט אים נישט קיין אַרבעט. די רעגירונג טויג נישט. ס׳איז דען אן אַרבעטער־רעגירונג? ס׳איז דאָך א קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג...

נעמען זיי ביידע שיטן פעך און שוועבל אויף דער בן גוריון־רעגירונג, וואָס באַזאָרגט זיי נישט מיט קיין אַרבעט...

ס׳איז א קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג. די בורזשואַזנע רעגירונג מיטן הסתדרות זיינען דאָך פאַרקויפט צום אמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם...

זע איך דאָך מיט וועמען כ׳האָב דאָ צו טאָן... צוויי אמתע פייגעלעך!

די עטלעכע טוריסטן וואָס זיצן נישט ווייט פון מיר, הערן וואָס מיר רעדן און שמייכלען, ווייזט אויס, אז זיי פאַרשטייען אידיש.

ס׳קומט־צו א אידישער סאָלדאַט, ער נעמט אַראָפּ די ביקס פון אַקסל און זעצט זיך אויף א שטול אַביסל אָפּרוען.

דער זעלנער שטעלט אוועק די ביקס צווישן די קני, האַלט זי צו פון אויבן מיט ביידע הענט און הערט זיך צו וואָס מיר רעדן.

פרעגט ער מיך אין א פּליסיקן אידיש, צי כ׳בין א טוריסט און קום פון אמעריקע.

ניין, נישט פון אמעריקע, ענטפער איך, כ׳בין פון מעקסיקע.

דער זעלנער גיט זיך גיך א שטעל אויף, קומט צו נענטער צום טישל. גיט מיר מיט איין האַנט א ברייטן שלום עליכם און מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער צו די ביקס.

און א שטאַרק איבעראַשטער פרעגט ער מיך נאָכאַמאָל: איר

קומט טאקע פון מעקסיקע? איך האב א פעטער אין מעקסיקע, אפשר קענט איר דארט מיין פעטער משה האמבורג?

ער איז אין דער קליידער אינדוסטריע, ער האט א קליידער פאַבריק, און איך הייס מאיר האמבורג.

האב איך דעם פריינט האמבורג געענטפערט אז יא, כ'קען זיין פעטער. האבן די אויגן ביים אידישן זעלנער געגלאנצט פון פרייד. ער האט זיך געזעצט לעבן מיר און האבן געשמועסט אביסל.

זעט ער אויס, דער זעלנער גאנץ גוט. א פיינער אוניפארם מיטן ווייכן מילטערישן היטל, א פול קיילעכיק פנים מיטן א פאר קלוגע אויגן.

און ווי א סך אידישע עולים, וואס האבן זיך געראטעוועט מיט ניסים פון די נאצי־מערדער, איז ער באלד נאך דער מלחמה געלאפן פון רוסלאנד, דערנאך פון פוילן. געקומען מיט דער אומלעגאלער עליה און איז טאקע פארהאלטן געווארן פון די ענגלענדער. געוועזן עטלעכע חדשים אויפן אינזל ציפערן, ביז ער איז געקומען קיין ארץ ישראל.

געדינט אין דער באפרייאונג־ארמיי, און ארבעט איצט אלס אינזשיניער ביי דער בוי־אינדוסטריע. איז ער פארהייראט פריינט האמבורג, האט א פרוי מיט צוויי קינדערלעך. און דער פעטער זיינער פון מעקסיקע העלפט טאקע אויך ארויס דער גאנצער משפחה אין ישראל.

גיט ער דערוויל, דער אידישער זעלנער, עטלעכע ברכות זיין מעקסיקאנער פעטער...

איצט איז, פריינט האמבורג, אין רעזערוו. אלע יאר מוז ער גיין אין דער ארמיי אויף א חודש אלס רעזערוויסט, און איז געשיקט געווארן אין נגב אויף פאטרול. ער שרייבט באלד אן עטלעכע ווערטער צו זיין פעטער אין מעקסיקע און בעט מיך כ'זאל דאס אים איבערגעבן.

נו, ווי אזוי נעמט מען נישט מיט עטלעכע ווערטער און א גרוס, פון אזא טייערן אידישן זעלנער, פאר זיין פעטער אין מעקסיקע?

ס'ווערט וואס אמאל טונקעלער אין דרויסן. פון מזרח זייט האבן פון די בערג אנגעהויבן אראפקריכן די נאכטיקע שאטנס און הילן איין די ארומיקע טאלן. דער אויסגעשפרייטער ים האט זיך איינגאנצן געביטן און גיט זיך ביסלעכווייז אונטער דער ממשלה פון דער נאכט.

מיר רעדן נאָך אביסל מיט די צוויי פאַרביטערטע יונגעליטלעך. ס'קומען צו עטלעכע טוריסטן און הערן זיך צו וואָס מיר רעדן דאָ מיט די אומצופרידענע בחורים, און ס'ווערט שוין באַלד אַן אמתע דיסקוסיע...

ס'קומען אָן עטלעכע סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר מיט די ביקסן אויף די אַקסלען. זעצן זיך אוים מידע אויף די ליידיקע שטולן. דער הויכער ברייטפּלייציקער בלאָנדער אָפיציר רוקט זיך צו אביסל נענטער צום טישל, גלייכט אוים דעם פּאַסיק מיטן רעוואָלווער און הערט זיך צו מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן וואָס מיר רעדן.

מיין נייער פריינט האַמבורג באַקענט מיך מיטן אָפיציר און כ'דערציייל אים וואָס מיר רעדן, דאָ מיט די צוויי בחורים. דער אָפיציר פרעגט זיי עטלעכע פראַגעס אויף העברעאיש און גייט טאַקע באַלד איבער אויף מאַמע־לשון.

די יונגעליט דערשרעקן זיך אָבער, ווייזט אוים, וויניק וואָס פאַרן אָפיציר... דער בלאָנדער בחור מיט די כיטרע אייגעלעך דערקלערט מיט אַ ציניש שמייכעלע, אַז אים טוט באַנג, וואָס ער איז געקומען אין ישראל.

גיט אים פּלוצים אַ טוריסט אַ פרעג, צי וואָלט ער טאַקע געוואָלט צוריקפאָרן קיין רומעניע צו די קאָמוניסטן?

יאָ, יאָ, ענטפערט אים גיך דער בחור, זיכער וואָלט איך געוואָלט צוריקפאָרן. די קאָמוניסטישע רעגירונג באַזאָרגט דאָך אַלע מיט אַר־בעט, מיט אַ שטיקל ברויט, און — — —

האָט אים אַ צווייטער טוריסט איבערגעשלאָגן אינמיטן: זאָגט נאָר מיסטער, ווילט איר טאַקע זיין אַ שקלאַף ביי די קאָמוניסטן צוליב אַ שטיקל ברויט? אַ הונט וואָס איז צוגעבונדן צו דער קייט קריגט דאָך אויך אַ שטיקל ברויט...

אַן עלטערער טוריסט פרעגט מיט כעס דעם אָפיציר, פאַרוואָס לאָזט ער זיי רעדן קעגן דער ישראל־רעגירונג. פאַרוואָס פאָרן זיי נישט אַוועק פון אילת?

דער אָפיציר ענטפערט אין אַ פּליסיקן אידיש, אַז מדינת ישראל איז אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, און ס'איז דאָ פרייהייט פון פרעסע און פון וואָרט. זאָלן זיי רעדן, זיי מעגן רעדן.

אָבער אין אילת, אין נגב? רופט זיך אָן איינער גאַנץ הויך, דאָ איז דאָך אַ מיליטערישער פּונקט; דאָ אויף דער אַנדערער זייט וואַכן

דאָך אונדזערע שונאים, דארפן מיר נאָך האָבן אייגענע אידישע שונאים?

דער אָפיציר שטעלט זיך אויף און ענטפערט מיט א שמייכל: ביי אונדז איז א פריי לאַנד קען מען רעדן אפילו קעגן דער רעגירונג. דער יונגערמאַן רעדט דאָ א סך, ווייל דאָרט אין זיין קאָמוניסטישער רומעניע, האָט ער נעבעך געמוזט האַלטן ס'מויל. די אַרבעטער מוזן דאָרט פאָלגן און שווייגן...

דער אָפיציר שאָקלט גומוטיק מיטן קאָפּ און גיט א מאַך מיט דער האַנט: אין דבר, ס'איז גאָרנישט! יהיה טוב, ס'וועט זיין גוט! ער געזעגנט זיך מיט א הויכן שאַלאָם (שלום) און גייט מיט דער גרופּע זעלנער ארויף אין שטעטל אריין.

פריינט האַמבורג געזעגנט זיך מיט מיר און גייט אַוועק מיטן פּאַטרול.

די צוויי יונגעלייט ווערן ערגעץ פארשוואונדן אין דער פינסטער־ניש פון דער נאַכט.

גייען אויך די טוריסטן ביסלעכווייז צוריק אין רעסטאָראַן, וואו ס'לייכטן שוין פון ווייטנס עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך.

כ'בלייב זיצן אַליין ביים טישל און כ'טראַכט: ווי אויסטערליש איז אונדזער אידיש לעבן. אָט בין איך געקומען פון דער ווייטער מעקסיקע, אין ווייטן נגב, דאָרט וואו מ'הייבט ערשט אָן בויען און עפּעס שאַפן. דאָרט וואו דער מענטש הייבט ערשט אָן פון בראשית, דאָרט וואו מ'דאַרף פירן א קאַמף מיט דער האַרטער רויער נאַטור.

און כ'הער דאָ, ביים ברעג ים־סוף ווידער די אַלטע דיסקוסיע...

א דיסקוסיע אין א ליידיקן מדבר, וואו מ'שטרענגט זיך אָן עפּעס צו בויען און שאַפן.

יאָ, א מאָדנער צופאַל: אין ווייטן נגב ביים ברעג רויטן ים, א הייסע אידישע דיסקוסיע...

א וואונדערלעכער בין־השמשות איז דאָס געווען ביים ברעג ים, אין אילת!

איז איצט טאַקע א מחיה צו זיצן רואיק, אָנגעלענט אויף א שטול און דרימלען אביסעלע ביים ים־ברעג. נאָך א הייסן טאָג ארומפאָרן אויף זאַמדיקע וועגן צווישן די בערג, און ארומוואַנדערן אביסל אין אילת.

פון דער אַנדערער זייט ים ווינקען שוין פייערלעך, טוקן זיך אין

ליכטן אויף, דאָרט זיינען די אראבער... דאָרטן האלט וואך דער אראבישער לעגיאָן, אונטער דער ענגלישער קאָמאַנדע...

עפּעס ווייעט איצט פון שטילן, טונקעלן ים־סוף א לאָקנדיקע מיסטעריע. פון די טיפע וואסערן טויכן אויף פארהוילענע טויזנט־יאָריקע סודות פון אונדזער אידישער געשיכטע און דורותדיקע לעגענדעס.

עפּעס פיל איך איצט, זיצנדיק אין דער פינסטער ביים ברעג ים, ווי כ׳וואָלט געהאט עפּעס א גאַנצע קרובהשאפט מיטן ים־סוף, נאָך פון די חדר־יאָרן מיינע.

האָב איך זיך נאָך אין חדר ביים חומש לערנען באקענט מיט דער הערלעכער, דראמאטישער געשפאנטקייט פון יציאת מצרים:

— ווען משה רבינו האָט ארויסגעפירט די אידן פון מצרים, זיינען זיי נעגאנגען ביז צום ים־סוף.

האָט פרעה, דער מלך פון מצרים נאָכגעיאָגט די אידן מיט א גרויס חיל, מיט פערד און רייטוועגן.

האָבן די אידן זיך שטארק דערשראָקן און געשריגן אויף משהן, פארוואָס האָט ער זיי ארויסגענומען פון מצרים צו שטארבן אין דער מדבר.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן: הייב אויף דיין שטעקן און שטרעק אויס דיין האנט איבערן ים און צוטייל אים.

און וואונדער איבער וואונדער!

א נס איז געשען!

א גאַנצע נאכט האָט געבלאָזן א שטארקער מזרח־ווינט און אויס־געטרונקט דעם פּאס ים, דאָס וואסער האָט זיך צעטיילט און די אידן זיינען אויף דער אנדער זייט מדבר אריבער געראַטעוועטע.

האָבן די מצרים גענומען נאָכיאָגן די אידן, האָט זיך דאָס וואסער צוריקגעקערט און דאָס מצרישע חיל מיט די רייטוועגן און פערד זיינען אין ים דערטרונקען געוואָרן.

זיץ איך איצט אין א פינסטערער נאכט, סוף חודש, ביים ברעג ים־סוף און קוק אריבער אויף דער אנדערער זייט, וואו עס לויערט ווידער א שונא אויפן פאָלק ישראל...

זיץ איך אזוי און טראכט פון די ניסים פון אמאָל און — כ׳הער ווי מ׳רופט מיך.

יאָ, די צעשטראַלטע „סאַבּרע" דרורה רופט מיך. מ'דאַרף גיין עסן וועטשערע. אַלע זיצן שוין אין רעסטאָראַן אויסגעזעצט ביי די טישן מיט די אויסגעשטעלטע טעלער ברויט.

האָט זיך די זעכצן־יאָריקע סאַברע באַלד ביים אָנקומען אין אילת, באַקענט מיט אַ יונגע אידיש־בעלגישע מיידל, וואָס איז געקומען אַלס טוריסטיקע אין ישראל מיט איר מומען. רעדט זי די מיידל ענגליש און העברעאיש. האָבן ביידע מיידלעך געשלאָסן חברשאַפט און שפּאַ־צירן צוזאַמען.

זיצן איצט ביים לאַנגן, געדעקטן טיש, די צוויי יונגע צעבליטע מיידלעך. איינע, (די סאַברע) אַ בלאָנדע, העל־בלויע אויגן און מיט קיילעכיקע ראָזע באַקן. און די אַנדערע (פון גלות) אַ ברונעטע מיט אַ פּאָר שוואַרצע פייערדיקע אויגן, און מיט אַ מילך־ווייסער הויט, ווי אַן אמתע שולמית.

באַשיינען זיי טאָקע, די צוויי יונגע אידישע טעכטער, ווי צוויי פרישע שיינע בלומען, די גאַנצע גרופּע טוריסטן ביים טיש, וואָס זיי־נען איצט שטאַרק פאַרנומען מיט דער ערשטער וועטשערע אין אילת. נישט ווייט פון ברעג ים־סוף, זיצן איצט אידן פון פאַרשידענע לענ־דער און עסן וועטשערע.

האָט מען באַלד נאָכן עסן אויסגערופן, די טוריסטן זאָלן גיין פרי שלאָפן. מאָרגן זעקס אַזייגער אינדערפרי, וועלן מיר אַרויספאָרן אויף אַ גאַנצן טאָג, אויפן שפּאַציר (טיול) איבערן נגב ביז באר־שבע, און פון דאָרט צוריק אין תל־אביב.

האָבן זיך טאָקע די עלטערע טוריסטן ביסלעכוויז צוריקגעצויגן אין זייערע צימערן, אויסרוען זיך אויף די ווייכע אכסניא־בעטלעך און זיך צוגרייטן, צו דער גרויסער אינטערעסאַנטער עקסקורסיע איבערן נגב.

זיינען אָבער די יונגערע אַוועק נאָך אַביסל שפּאַצירן און פאַר־ברענגען פאַרן שלאָפן גיין.

זעט מען פון ווייטנס, ווי ס'לייכטן זיך די עלעקטרישע לעמפּלעך, העכער אַרויף אין שטעטל, און די אַרומיקע פינסטערניש ווערט נאָך געדיכטער און שוואַרצער.

ביים ים־ברעג רייסן אויך איבער די טיפע נאַכט־פינסטערניש, עטלעכע לעמפּלעך וואָס באַלייכטן אונטערן הילצערן דעכל, די יונגע מענטשן וואָס זיצן ביי די טישלעך און פאַרברענגען אַביסל. זינגען

זיי העברעאישע לידער פון קאמף, בענקשאפט און האפענונג. און דערכאפן זיך דאס הארץ מיט א זיסן געטראנק.

עטלעכע יונגטלעכע גרייטן זיך אנצינדן א „מדורה" (שייטער, פעלד־פייער) ביים ברעג־ים, און זיך אוועקלאזן אין א טענצל אין דער ווייטער נאכט אריין. לאדן זיי אויך איין עטלעכע טוריסטן, אבער די טוריסטן ווילן זיך נעבעך גלייכער גיין אפרוען. זיי דארפן דאך פארטאג אויפשטיין.

בין איך טאקע אויך אביסל מיד. אבער שלאפן גיין אזוי פרי קען איך נישט. זעץ איך זיך אוועק אין רעסטאראן, כ'קען אבער אויף קיין ארט נישט איינזיצן... ווייס איך נישט וואס מיט מיר איז געווארן.

עפעס אן אומרו האט זיך אין מיר באזעצט. כ'וואלט נאר געוואלט גיין און גיין. עפעס וויל איך איינזאפן אין זיך וואס מער און מער, פון דער וואונדערלעכער איבערלעבונג ביינאכט אין ווייטן נגב.

ווער ווייסט, צי וועל איך נאכאמאל שפאצירן אין אזא שטאק־פינסטערער מדבר־נאכט אין אילת.

ווער ווייסט, צי וועל איך נאכאמאל ארומבלאנדישן אויף די געל־זאמדיקע וועגן, וואס ווערן באלויכטן בלויז פון די פינקלדיקע שטערן אין א טיף בלויען הימל.

ווער ווייסט, צי כ'וועל אמאל נאך שפאצירן, אין אזא ווארעמער פרילינג־נאכט אין ווייטן נגב, ביים ברעג ים־סוף, וואס איז אזוי איינגעהילט אין מדבר־סודות פון פארגאנגענע אלטע צייטן.

כ'פיל זיך עפעס ווי אין א פארכישופטן קרייז...

כ'בין עפעס אין אן אויסערגעוויינלעכער, מאדנער שטימונג.

די מדבר־נאכט האט מיך אריינגענומען אין קלעם, און לאזט מיך נישט אפ.

עפעס אן אומפארשטענדלעכע נאכטיקע מיסטעריע הערשט ארום און ארום. פון שווארץ־פארשלייערטן ים־סוף, ביז די ווייטע פארהויל־ענע מדבר־שליאכן.

גיי איך אן א ציל. כ'ווייס נישט וואו כ'וויל גיין. אבער כ'פיל עפעס א דערלייכטערונג שפאצירנדיק הין און צוריק. ארויף צום האלב־פינסטערן שטעטל און צוריק צום רעסטאראן.

אין רעסטאראן ברענען נאך עטלעכע לעמפלעך. ביי א טישל זיצן עטלעכע מידע האלב־פארשלאפענע מענטשן און שמועסן עפעס אינ־

דערשטיל. אין די ארומיקע צימערן פארמאכן זיך די טירן און אויס־געלאָשן ווערט דאָס ליכט. און די מידע מענטשן אין די פארמאכטע צימערן, האָבן זיך איבערגעגעבן דעם מלאך פון שלאָף, אין דער פינסטערער נאַכט.

נעמט מיך ארום אַן איינזאַמקייט און אַ פארלוירנקייט.

פון ארומיקן ליידיקן מדבר לויערן נאַכטיקע געפאַרן, און איך דריי זיך דאָ ארום איינער אַליין אין דער ארומיקער פינסטערניש. בין איך פּאַמעלעך אריינגעגאַנגען אין גרויסן צימער, וואו ס'דאַרף זיין מיין מקום־מנוחה אויף איבער נאַכט.

איז אין צימער נאָך ליכטיק. אַלע ליגן אויסגעצויגן אויף די בעטלעך, פילן זיך אין אַ גוטער שטימונג, און דערציילן זיך וויצן. יעדער איינער פּאַקט אויס די בעסטע וויצן וואָס ער קען, און לופ־טערט זיי אויס אויפן געלעגער. נאָך יעדן וויץ ווערט אַ גרויס געלעכ־טער און מ'דערציילט ווייטער.

דער „שוועד" זיצט לעבן עלעקטרישן לעמפּל און פּאַרעט זיך עפּעס מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט. ער גרייט זיך אויפצונעמען בילדער מאָרגן איבערן נגב.

דער „טשילענער" הייבט פּלוצים אָן צו זינגען, אָבער דער אַמערי־קאַנער לאָזט אים נישט ענדיקן: שטיל, שטיל, ס'איז נישט שיין צו שטערן מענטשן אין שלאָף, ס'איז שוין צוועלף ביינאַכט.

לייג איך זיך אויף מיין בעטל, און ס'איז שווער, זייער שווער איינצושלאָפן דאָס ערשטע מאָל אויף אַ פרעמד בעט...

אַ מידער פון די איבערלעבונגען: פון לוד ביז אילת, און פון דעם זעלטענעם טאָג אין נגב. פון ארומפאָרן אויפן ים, אין די בערג ארום אילת, און טאַקע פון ארומוואַנדערן אביסל צופוס אויך, בין איך אָבער באַלד איינגעשלאָפן.

אַ טיפער, געזונטער שלאָף איז דאָס געווען פאַר מיר.

בין איך געשלאָפן בלויז עטלעכע שעה. כ'האָב זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, ווי ס'וואָלט מיך ווער געוועקט: שטיי אויף, שטיי אויף! ס'איז שוין שפּעט, אייל זיך צו, אייל זיך צו אביסל, מ'דאַרף שוין באַלד פאָרן.

אין צימער איז אָבער נאָך גוט פינסטער געווען. שטילערהייט האָב איך אָנגעצונדן מיין קליין עלעקטריש לעמפּעלע, געקוקט אויפן זייגער. אָ, ס'איז דאָך ערשט פינף אזייגער, אין דרויסן איז נאָך

שטאָק־פינסטער. אָבער שלאָפן מער קען איך נישט, ניין, כ׳טאָר מער נישט שלאָפן, כ׳קען נאָך חלילה פאַרשלאָפן. מ׳דאַרף זיך וואַשן, ראַזירן. איז טאַקע גלייכער אביסל פריער, איידער אַלע וועלן זיך געבן אַ כאַפּ אויף.

כ׳האָב זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, גענומען אַ האַנטוך מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, און שטילערהייט אַרויס פון צימער, נישט חלי־לה איבערוועקן מײַנע פיר שכנים.

בין איך אין דרויסן שטיינגעבליבן פאַרגאַפט, פאַרוואונדערט און איבעראַשט: אַרום און אַרום נאַכט, אַ פינסטערע נאַכט. אַלץ איז פאַרגליווערט אין אַ מדבר־שטילקייט, אָבער דער הימל, דער טיף־בלויער הימל?

דער גאַנצער בלויער הימל איז דאָך אָנגעפּיקעוועט מיט אַזוי פיל שטערן. מיליאָנען, מיליאָנען שטערן.

די גאָלדענע שטערן גליען און פינקלען אַזוי שטאַרק איבערן גאַנצן הימל. עפּעס ציטערן די בריליאַנטענע שטערן גיך־גיך. לייכטן און שימערירן די גאָלדענע שטערן אַזוי שטאַרק, אַזוי וואונדערלעך שיין איז דער טיפער בלויקייט. אַ גאָלדיקע בלויקייט איז אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן הימל, אין דער נאַכטיקער, קילער, לויטערער לופט.

אָ, גאָט! ווי נאָענט זײַנען איצט די בריליאַנטענע שטערן צו דער ערד!

דאַכט זיך מיר, אַז אָט־אָט גיי איך אַרויף אויפן באַרג און ריר אָן די גאָלדענע, ציטערדיקע שטערן.

כ׳שטיי אין דרויסן און קען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם וואונ־דערלעכן צויבער, פון דער שימערירנדער שטערן־סימפאָניע.

דאַכט זיך מיר טאַקע, אַז דאָס ציטערן און פינקלען פון די גאָל־דענע שטערן, וואָס זײַנען אַזוי געדיכט פאַרזייעט אין דער טיפער בלויקייט, איז אַ שטערן־געזאַנג.

יאָ, כ׳הער דאָך איצט אין דער מדבר־שטילקייט אַ כאָר־געזאַנג! אַ געזאַנג פון פינקלדיקע שטערן.

און ס׳בליצט מיר מיטאַמאָל אויף אין מוח דער מיסטיש־רעלי־גיעזער שיר, דער פרימאָרגן־געזאַנג צום אַלמעכטיקן באַשעפער פון דער וועלט, וואָס פרומע אידן זאָגן אינדערפרי פאַרן דאַוונען:

אודה לאל לבב חוקר
ברן יחד כוכבי בוקר.

א ב ר ה ם   ו ו י י ס ב ו י ם

כ׳וועל דאנקען גאָט, וואָס טוט פאָרשן דאָס האַרץ.
צוזאַמען מיטן געזאַנג פון די מאָרגנשטערן.
ניין, כ׳וועל קיינמאָל נישט פארגעסן דעם פארכישופטן־פארטאָג
אין אילת...

פרייטיק, דעם 10־טן אַפּריל

אַ קילער פרימאָרגן איז דאָס געווען.

ס׳איז נאָך טונקל אין דרויסן. אין מזרח זייט האָט זיך באַוויזן אַ גרויער פּאַס. איבער די בערג פון דער אַנדערער זייט ים, פון עבר הירדן, האָט זיך אַרויסגעשיילט וואָס אַמאָל העכער און העכער דער ליכטיקער גרויער פּאַס, אַן אָנזאָג, אַז ס׳גייט אויף אַ נייער טאָג.

ווערט ביסלעכווייז אַביסל לעבעדיקער. ס׳עפענען זיך די טירן פון די צימערן, מ׳גייט אַרויס און אַריין. די טוריסטן נעמען זיך שוין פּאַקן, צוגרייטן אין וועג אַריין, צום היינטיקן „טיול" איבערן נגב.

פילט מען שוין פון רעסטאָראַן אַרויס, דעם אַראָמאַט פון פרישער קאַפע. עטלעכע טוריסטן שטייען ביים בופעט און כאַפּן אָפּ אויף גיך אַ הייס טעפּל קאַפע, מיט אַ סענדוויטש פון ברויט מיט מאַרמעלאַד.

אין דרויסן שטייט שוין גרייט דער שיינער גרויסער אויטאָבוס און וואַרט, אַז די טוריסטן זאָלן זיך אויסזעצן יעדער אויף זיין פּלאַץ.

זעקס אַ זייגער זיצן שוין אַלע אין אויטאָבוס. דער שאָפער, אַ פעסטגעבויטער אָפּגעברענטער יונגערמאַן, טראָגט אַריין אין אויטאָבוס עטלעכע ביקסן און פרעגט ווער עס קען האַלטן אַ ביקס אין האַנט... דער נגב ווערט נאָך געהאַלטן אונטער אַ מיליטערישער וואַך. מוז מען נאָך דערוויל פאָרן באַוואָפנט...

האָבן עטלעכע טוריסטן גענומען ביקסן און זיי געהאַלטן לעבן זיך. האָט דער „שוועד" וואָס איז געזעסן לעבן מיר אַוועקגעלייגט דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט, און זיך גיך געגעבן אַ שטעל אויף און הויך אויסגערופן: גיט מיר אַ ביקס!

פרעג איך אים: איר קענט שיסן? ענטפערט ער מיר מיט אַ שטאָלצער מינע: אַ שיינע פראַגע. זיכער קען איך שיסן! כ׳בין אַ

שוועדישער בירגער, און צו ווערן א בירגער אין שוועדן, מוז מען דינען פינף חדשים אין דער שוועדישער ארמיי.

איז מיר טאקע געוואָרן אביסל גרינגער אויפן הארץ. זיצט דאָך לעבן מיר א „שומר" מיט א ביקס...

זיצן אַלע און וואַרטן ביז ס'קומט אריין דער „מדריך" מרדכי בן ארי. דער געלערנטער און וועגווייזער, וואָס קען שוין אַלע ווינקעלעך פון גרויסן אויסגעשפּרייטן נגב, און דערקלערט די טוריסטן, אז דער אויטאָבוס וועט זיך אָפּשטעלן ביי יעדן וויכטיקן און היסטאָרישן אָרט. און ער אַליין וועט רעדן און דערקלערן וועגן יעדן אָרט באַזונדער. רעדט ער דערווייל אין העברעאיש, גייט באַלד איבער אין אידיש און פאַרענדיקט אין ענגליש... און אז אויפן אויטאָבוס ווערט אויך מיטגעפירט קאַלט וואַסער פאַר די טוריסטן.

דער אויטאָבוס רירט זיך פון אָרט.

קוק איך אַרויס פון פענסטער. וואַרף דעם לעצטן בליק אויף די אַרומיקע צימערן, אויפן רעסטאָראַן און אויף די מענטשן וואָס שטייען אין דרויסן, און ווינטשן אונדז א גליקלעכע רייזע און — שלום! שלום! (שאַלאָם).

כאַפּט מיך עפּעס אַרום א בענקשאַפט צו דעם אָרט, וואו כ'האָב פאַרברענגט א טאָג מיט א נאַכט. און איצט אויפן צווייטן טאָג דאַרף איך דאָס אַלץ פאַרלאָזן. דאָ האָב איך דאָך איבערגעלעבט אַזעלכע וואונדערלעכע מאָמענטן, וואָס זיינען אַזוי זעלטן אין א מענטשלעך לעבן, אין א לעבן פון א אידישן מענטש.

דאָ לאָז איך דאָך איבער צוויי טעג פון מיין לעבן, אין נגב לעבן שטילן ים־סוף. ווער ווייסט, צי וועל איך נאָך די זכיה האָבן צו זיין דאָ נאָכאַמאָל.

גיב איך אויך פון ווייטנס דעם לעצטן קוק אויפן ים, וואָס שפּיגלט זיך שוין ווידער אונטער דער מילדער פרימאָרגן־זון.

זייט געזונט! זייט געזונט! רוף איך אויס צו די מענטשן, וואָס שטייען אין דרויסן און קוקן נאָך, ווי דער אויטאָבוס דערווייטערט זיך פון זיי.

שלום ים־סוף! שלום אילת!
להתראות!

פאָרן מיר אַרויס אויפן ברייטן מדבר־שליאַך, וואו עס ציט זיך אַן אויסגעגלייכטער שמאָלער פּאַס ערד.

איז דער וועג דאָ דערווייל נאָכנישט קיין געפלאַסטערטער, נאָר אויסגעלייגט מיט קליינע איינגעפּרעסטע שטיינדלעך. פון רעכטס שפּרייט זיך אויס אַ גרויסער טאָל ביז צו די בערג פון עבר הירדן. איז דער טאָל באַוואַקסן מיט ווילד גראָז, מדבר־געוויקסן און מיט קורצע, דאַרע ביימעלעך. די זון הייבט שוין אָן וואַרעמען. אין דער טרוקענער לופט פילט זיך אַ געזאַלצענער מדבר־ריח, וואָס טריקנט די ליפּן און מאַכט רויט די באַקן.

דער פירער אונדזערער, דער „מדריך", פרעגט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זאָל ער אונדז מאַכן די דערקלערונגען. ווערט טאַקע אַ־ין אויטאָבוס אַ שטיקל שפּראַכן־קאַמף...

שרייען עטלעכע טוריסטן: ענגליש, ענגליש! עטלעכע בעטן איווריט, איווריט! (העברעאיש). דער „טשילענער" בעט זיך רחמים: פאַר פאַוואָר! כ'פאַרשטיי נישט קיין ענגליש און נישט קיין העברע־איש, איך פאַרשטיי נאָר אידיש אָדער שפּאַניש, זאָל מען רעדן אידיש!

דער גוטמוטיקער „מדריך" מרדכי בן ארי ענטפערט מיט אַ שמייכל: ווייסט איר וואָס ליבע פריינט, כ'וועל רעדן אידיש און דער וואָס וועט נישט פאַרשטיין, וועל איך אויך דערקלערן אין ענגליש.

איז די שפּראַכן־פראַגע זייער גיך און גרינג דערליידיקט געוואָרן אויפן זאַמדיקן מדבר־וועג אין נגב...

ער האָט גערעדט אידיש!

האָט דער „טשילענער" פאַר גרויס פרייד, וואָס דער „מדריך" רעדט אידיש, אָנגעהויבן זינגען אַ העברעאיש ליד...

האָט אונדז דער „מדריך" דערקלערט, פאַר וואָס לענגאויס אויף דער פלאַכער ערד לעבן די בערג, וואַקסן פאַרשידענע ווילדע פלאַנצן. פון די ליידיקע שטיינערנע בערג גיסן זיך אַראָפּ די שטראָמען רעגן־וואַסער, ווערט דער באָדן פייכט און ווייך. וואַקסן טאַקע דאָרט פאַר־שידענע געוויקסן דאָס גאַנצע יאָר.

זעען מיר ווייטער אויפן וועג, ווי די טרוקענע ערד ליגט שוין אַ געשפּאָלטענע, אַ געקאַרבטע מיט געהויבענע פעלדן. אָבער די ערד איז אַ פלאַכע און אַ גוטע, מ'דאַרף זי נאָר באַנעצן, אָנטרינקען מיט וואַסער. וועלן די צענטליקער קילאָמעטער פלאַכע ערד, וואָס ציען זיך ביים אויסגעלייגטן וועג, ווערן באַפרוכפּערט און ס'וועט וואַקסן אין נגב! ס'וועט וואַקסן!

אויף די לאַנגע, לײדיקע שטרעקעס מדבר־ערד, דערקלערט אונדז דער „מדריך״, איז אויף דער ערד פון אויבן דאָ זאַלץ. ווען מ׳וואַשט אָפּ דאָס זאַלץ, איז פון אונטן דאָ גוטע ערד צום אַקערן און זייען.

פאָרן מיר אַזוי אָפּ אַ שעה, הייבט דער „שוועדישער שיסער״ אָן צו דרימלען, און די ביקס וואָס ער האַלט צווישן די קניען, הייבט זיך אָן וואַקלען הין און צוריק און פאַלט גלייך אויף מיר. גיב איך אים אַ שטופּ, כאַפּט ער זיך אויף, שטעלט גלייך די שווערע ביקס און שלאָפט ווייטער.

פאָרט דער אויטאָבוס גיך און שאָקלט זיך צו אַביסל, שאָקלט זיך אויך דער „שוער״ מיט דער ביקס און שלאָפט גאַנץ געשמאַק. ער לאָזט אַראָפּ דעם מידן קאָפּ, גיט מיטאַמאָל, אַ ציטער, גלייכט זיך אויס און שלאָפט ווייטער. פאַלט ווידער די ביקס אויף מיר אַרויף. וועק איך אים שוין איבער און פרעג אים שוין גאַנץ הויך: פאַרוואָס האָט איר גענומען אַ ביקס, ווען איר זענט שלעפעריק און ווילט שלאָפן, האָט איר שוין געזען אַ שלאָפנדיקן סאָלדאַט מיט אַ ביקס?

בעט ער מיך, איך זאָל האַלטן אַביסל די ביקס. האָב איך שוין געמוזט האַלטן די ביקס און היטן דעם שלאָפנדיקן שיסער, ער זאָל חלילה נישט אַרויף פאַלן אויף דער ביקס און זיך צעקלאַפּן דעם קאָפּ.

האָט פלוצים דער „טשילענער״ אָנגעהויבן זינגען עס ישראל חי׳ כאַפּן עטלעכע אונטער און העלפן זינגען, ווערט דער אויטאָבוס פול מיט געזאַנג. פאָרן אידישע טוריסטן אין נגב, אין מדבר, און זינגען עם ישראל חי׳, דאָס אידישע פאָלק לעבט...

זעען מיר טאַקע אויך ווי דער נגב לעבט. יאָ, דער ליידיקער נגב לעבט אויף, שטייט אויף תחית המתים.

זע איך דורכן פענסטער, נישט ווייט פון וועג וואו דער אויטאָבוס פאָרט, שטייען אידישע אַרבעטער און לייגן אויס דיקע וואַסער־רערן, איבער דער לענג פון טרוקענעם נגב. באַגריסן די טוריסטן די אַר־בעטער דורך די פענסטער מיט אַ הויכן שאַלאָם! שאַלאָם! פאָכן צו זיי מיט די הענט, און די אַרבעטער ענטפערן מיט אַ פאָכן מיט די הענט דעם לויפנדיקן אויטאָבוס.

דער שלאָפנדיקער „שוועד״ וועקט זיך נעבעך איבער פון געזאַנג און פון די שאַלאָם געשרייען. גלייכט זיך אויס אַביסל און מורמלט שטילערהייט: אוי, שלעכט! ס׳טויג נישט! מ׳לאָזט נישט כאַפּן קיין

דרימל. ווײל איך אים צוריקגעבן די ביקס, ווײל ער נישט, בלײבט שוין די ביקס בײם פענסטער לעבן מיר. מוז איך צוהאַלטן די ביקס, זי זאָל חלילה נישט אומפאַלן, ווען דער אויטאָבוס שאָקלט זיך און דרײט זיך אויפן וועג.

נישט קײן שלעכט שטיקל אַרבעט פאַר מיר...

פּאַרט פּלוצים דער אויטאָבוס אַראָפּ פון גלײכן אויסגעלײגטן וועג, וואָס ציט זיך אויפן ברײטן לײדיקן טאָל, און פּאַרט צו נענטער צו די בערג.

שטעלן מיר זיך אָפּ בײ א שמאָלן פּאַס ערד לעבן די נגב־בערג, אויף דער ישראל טעריטאָריע, פון דער ברײטער זײט טאָל, איז שוין די ירדן־טעריטאָריע. איז דאָ טאַקע אויף דעם אָרט, מיט צוויי יאָר צוריק געווען א „סיכסוך" וועגן דעם ברײטן לײדיקן טאָל, וואָס ציט זיך ביז די ירדן־בערג. די ירדן־רעגירונג האָט געטענהט, אז דער ברײטער ערד־פּאַס געהערט צו עבר הירדן.

האָט שוין טאַקע געהאַלטן בײ א באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן דעם אַראַבישן לעגיאָן מיט דער „הגנה". ווען דער אַראַבישער לעגיאָן האָט בײם אַטאַקירן געליטן א מפּלה און פאַרלוירן א טאַנק, האָט זיך באַלד אַרײנגעמישט דער „אָנו" פאַרטרעטער אין ישראל. האָט די ישראל־רעגירונג געמוזט אָפּטרעטן א ברײט שטיק ערד דער ירדן־רעגירונג.

האָט מען איבערגעלאָזט דעם אַלטן אויסגעלײגטן וועג און געמאַכט א נײעם וועגן צופאָרן איבערן נגב. איז דער וועג פון דער ירדן־זײט אָפּגעצוימט, אז מ'שטעלט אַרויס א פוס פון אויטאָבוס, איז מען שוין אויף יענער זײט גרענעץ...

פּאַרט מען אָבער שפּעטער אביסל צוריק אַריבער אויפן ברײטן „וואַדי" (טאָל). פון דער לינקער זײט שײלן זיך אַרויס די קאָנטורן פון טונקעלע בערגלעך. האָט מען דאָרט געזוכט וואַסער — און מ'האָט געפונען דאָרט דעם בעסטן אײזן...

לויפט דער אויטאָבוס נישט אַזוי גיך, ווי אויף א געפּלאַסטערטן וועג. אָבער ער שלינגט דאָך קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער.

איז טאַקע גוט, וואָס כ'בין איצט, עטלעכע טעג נאָך פּסח געפאָרן אין אילת, אין נגב. ס'איז דאָך איצט פרילינג אין ישראל, איז דאָך פרילינג אויך אין נגב. איז דער הימל איבערן נגב א לויטערער, א טיף־בלויער, און די פרילינג־זון גיסט אויס איר צעגליט גאָלד איבער־

די נגב־שליאכן, איבער טאָל און בערג און איבער פלאַנץ און מענטש. איז טאַקע היים אביסל, אָבער אַ היץ וואָס וואַרעמט דורך די גלידער, אָבער ברענט נישט ווי אין מיטן זומער...

האָט זיך מיט אַ צוויי שעה שפּעטער, דער אויטאָבוס אָפּגעשטעלט לעבן אַן אָאַזיס.

גייען מיר אַלע אַרויס, גלייכן זיך אויס אביסל די פיס. זעט דער אָאַזיס אויס, ווי אַ גאָרטן מיט הויך ווילד צעוואַקסן גראָז מיט גרינע פּאַלמען, און מיט אַ גרויסער סוכה צווישן די פּאַלמען. לעבן די פּאַל־מען איז די ערד בלאָטיק פון די זומפּן, וואָס האַלטן זיך אויף דאָ נאָך די רעגנס. און פון אַ באַהאַלטן קוועלכל, וואָס ריזלט זיך דאָ צווישן ווילדן גראָז. שטעלן מיר זיך אויס אונטער די שאָטנדיקע פּאַלמען, וואו ס'שטייען נידעריקע טישלעך מיט בענק, געמאַכטע פון צווייגן און צוזאַמענגעבונדן מיט געפלאָכטענע פּאַלמען־בלעטער.

האָט אונדז דער „מדריך" דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אָפּרו־אָרט פאַר די וואַנדערנדיקע בעדואינער. אין נגב זיינען געווען אַ סך אַזעלכע אָאַזיסן. ס'זיינען אויך געווען אַלטע היסטאָרישע מאָנומענטן, אָבער אין דער צייט פון דער טערקישער הערשאַפט, איז כמעט אַלץ צע־שטערט געוואָרן.

איז דאָס פאַר מיר טאַקע אויך געווען אַ וואונדער, איינער פון די וואונדער פון נגב:

אין מיטן ליידיקן מדבר, אונטער דער הייסער זון און האַרטער אויסגעטרוקנטער ערד, געפינט זיך גאָר אַן אָאַזיס מיט ווייכער נאַסער ערד, פייכט גראָז, און אַ מחיהדיקער שאָטן אונטער צעוואַקסענע גרי־נע פּאַלמען.

האָבן מיר זיך טאַקע אביסל אָפּגעקילט און אָפּגערוט — און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

פאָרן מיר אַריין ווייטער אין טיפן נגב. זעט מען אויפן וועג קליי־נע, קורץ געוואַקסענע ביימער, וואָס דערגרייכן נישט מער ווי אַ צוויי מעטער די הויך. די צווייגן וואַקסן אין דער ברייט, נישט אין דער הייך.

זעען די ביימער אויס ווי געעפנטע שירעמס, ווי אויסגעלייגטע פּעכערס, ווי די קליינע יאַפּאַנישע ביימעלעך. נעמט זיך דאָס פון דעם, וואָס די ביימער ציען זייער זאַפט, זייער יניקה פון דער טיפער פייכטער ערד, און נישט פון רעגן, פון אויבן. גראָבן און וואַקסן זיי־

ערע וואָרצלען אין דער טיף, וואו ס׳געפינען זיך אונטער דער ערד וואַסער־קוואַלן. זיינען דאָס ראַקיטישעביימער וואָס קענען הויך נישט וואַקסן צוליב ווייניק רעגן, וואָס פאַלט זומער אין נגב.

וואַקסט אויך דער „אײשל"־בוים זייער פאַמעלעך מיט אַ סך ברייטע צווייגן, וואָס גיט אַ קילן שאָטן. אָבער ער וואַקסט אויך נישט הויך, נאָר אין דער ברייט, צוליב דעם רעגן.

קומען מיר שפּעטער אַביסל צו באר־אורה. שטייען דאָ הילצערנע הייזער, און זעט אויס ווי אַ דאָרף־ווירטשאַפט. פון לינקס איז דאָ אַן עקספּערימענט־פאַרם, וואו מ׳האָדעוועט עופות. ס׳איז פאַרזייט קאָרן, האָבער און גרינצייג. קומען דאָ אַרויס יעדע דריי חדשים אַנדערע יוגנטלעכע, באַקענען זיך מיט דעם בליענדן עקספּערימענט־פאַרם אין ווייטן נגב. אויף דער רעכטער זייט וועג, שטייען אויך עטלעכע הילצערנע הייזער מיט אַן אָפּגעצוימט שטיקל פעלד, וואו ס׳וואַקסן שוין הויכע זאַנגען.

ס׳איז שוין צוועלף אַזייגער. ס׳ווערט אַביסל הייסער אין אויטאָבוס, אָבער אינדרויסן באַקט איצט די זון. דערמאָנט אונדז די צעשטראַלטע זון וואו מיר זיינען, מיר פאָרן דאָך איבערן נגב.

באַקט זי די זון און פאַרסמאַליעט די טרוקענע נגב־ערד. איז טאַקע גאָטס רחמנות צו קוקן, ווי די מאַמע־ערד ברעכט זיך אונטער דער גליענדיקער זון, און לעכצט נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

האָט זי געוואַרט די נגב־ערד, געוואַרט הונדערטער און הונדערטער לאַנגע יאָרן, און — האָט זיך דערוואַרט.. קומען איצט אידן אויפלעבן און אָפּפרישן די עגונה־ערד, וואָס איז געווען אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פאַרלאָזט, דעזערטירט. קומען איצט חלוצים און נעמען צוריק אָנטרינקען די פאַרלאָזטע מדבר־ערד. דערכאַפּט זי זיך צוביסלעך די פאַרחלשטע ערד, קומט צוריק צום לעבן.

ליגן שוין אויסגעלייגט איבערן וועג וואָס מיר פאָרן, אויף צענטליקער קילאָמעטער, די שטאָלענע וואַסער־רערן און ברענגען די בשורה פאַרן פאַרשמאַכטן, טרוקענעם נגב:

וואַסער! וואַסער!

און אַ דערפרישונג, און אַ ברכה איז געקומען אויף דער טרוקענער ערד׳.

פאַרזוכט נאָר די פאַרחלשטע ערד אַביסעלע וואַסער, פאַרזוכט

נאָר די דאָרשטיקע ערד אָ קאַלטן טרונק־וואַסער, גליכט זיך באַלד אויס איר צעקנייטשט און גערונצלט פּנים — און ס׳וואַקסט!

יאָ, ס׳בליט און ס׳וואַקסט אין נגב!

מ׳אַקערט און מ׳זייעט אין די עקספּערימענט־סטאַנציעס. מ׳אַקערט און מ׳זייעט אין די קיבוצים, אין די נייע קאָלאָניעס — און ס׳וואַקסט!

דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ שפּעטער אויפן וועג לעבן עטלעכע הייזער. דאָרט וואוינען די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין די קופּער־מינעס פון שלמה המלך. שטייען נישט ווייט פון די הייזער עטלעכע באַראַקן מיט אַ גרויסן גאַראַזש. דאָרט שטייען מאַשינען, מאָטאָרס און אייזערנע פעסער.

פון דער אַנדערער זייט וועג ציט זיך אַ ברייטער טאָל, אַביסל אַראָפּ פון גלייכן וועג. זעט מען פון ווייטנס טונקעלע בערגלעך, וואָס זעען אויס ווי פאַרזשאַווערט אייזן. פון עטלעכע בערגלעך זיינען אָפּגעהאַקט גרויסע שטיקער, און אויסגעבויערט גרויסע לעכער.

בלייבט אונטער אויטאָבוס שטיין אויבן אויפן וועג, און מיר גייען אַלע אַראָפּ אונטן אין טאָל.

שטייען אונטער הילצערנע דעכלעך די גראָב־און בויער־מאַשינען. אויף דער ערד ליגן שטיקלעך רויע מעטאַלן, קליינע שטיקלעך מינעראַלן. די ערד אַרום זעט אויס טונקל, ווי מ׳וואָלט דאָ געברענט סמאָלע אָדער קוילן.

שטייען אַלע אַרום דעם געלערנטן מדריך מרדכי בן ארי, און הערן אויס אַן אויסגעצייכנטע לעקציע וועגן געאָלאָגיע און געשיכטע:

אויף אַן אָפּגעהאַקט בערגל, איז דורכגעהאַקט אַ גרויס לאָך פון ביידע זייטן. איז דאָרט געווען איינער פון די אויוונס צו גיסן דעם קופּער, אין די צייטן פון שלמה המלך. איז די ערד אַרום דעם געלעכערטן בערגל שוואַרץ און פאַרויכערט, וואו דער ווינט האָט געבלאָזן פון ביידע זייטן לעכער. מ׳האָט דאָרט אין אויוונס אויך געגאָסן בראָנז צו מאַכן געווער. און די מעטאַלן האָט מען געפירט אַמאָל, מיט טויזנטער יאָר צוריק, דורך אילת, דורכן ים־סוף אין פעניציע צום מלך חירום.

פון אויבן, פון בלויען לויטערן הימל גליט אַראָפּ די זון. די לופט איז אונטן טרוקן, אָנגעזאַפּט מיט מינעראַל־שטויב.

פיל איך, ווי כ׳וואָלט איצט דורכגעלעבט אַ פאַרצייטיקע, פאַרגאַנגענע עפּאָכע. כ׳שטיי דאָך דאָ איצט אויף דער ערד, וואו מיט

דריי טויזנט יאָר צוריק, זיינען געשטאַנען די אַמאָליקע אידן און געאַרבעט אין די קופּער־מינעס, אין די צייטן פון שלמה המלך.

קלויב איך אויף עטלעכע שטיקלעך מעטאַל און מינעראַל־שטיינד־לעך. לאָמיך זיי האַלטן פאַר אַן אָנדענק...

גייען מיר דערנאָך צוריק אַריין אין אויטאָבוס און דערפרישן זיך מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער, און מיר פאָרן שוין ווייטער און ווייטער, טיפער אַריין אין האַרץ פון נגב.

זיינען מיר אַרום איינס אַזייגער, מיטאָג־צייט, צוגעקומען צו אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס זעט אויס ווי אַ גאָרטן מיט פּאַלמען, גראָז און ביימער. איז דער גאַנצער פּלאַץ אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. דאָ איז אַ מיליטערישער פּונקט אין נגב, דאָ איז האַלב וועג פון אילת ביז באר שבע.

שטייען דאָ עטלעכע הייזער, אַ רעסטאָראַן מיט אַ גרויסער אָפע־נער וועראַנדע, און ס׳איז אויך דאָ אַ קליין קרעמל וואו מ׳קען קויפן אַ פלעשל קאַלט ביר, ציגאַרעטן, קיכעלעך און שאָקאָלאַד. אויף דער וועראַנדע זיצן איצט זעלנער און עסן מיטאָג, ביי די אויסגעשטעל־טע טישלעך, און אויך עטלעכע ציווילע מענטשן זיצן ביי אַ טישל און עסן גאַנץ געשמאַק.

פּאָרט דער אויטאָבוס אַריין אין אַ גרויסן הויף, און מיר גייען אַלע אַריין אין רעסטאָראַן. מאַכן מיר זיך באַלד באַקוועם אַביסל. וואַשן זיך אַרום, און מ׳רוט זיך אַביסל אָפּ אויף דער וועראַנדע. זעצן מיר זיך דערנאָך אויס ביי אַ לאַנגן טיש און דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט געשמאַקע סענדוויטשן, אייער, קעז און גרינצייג־סאַ־לאַד.

איז טאַקע אַ גרויס פאַרגעניגן אין נגב, זיך אָפּצורוען אין אַ קילן שאָטן, און דערקוויקן זיך מיט עטלעכע גלעזער קאַלטן „מיץ" (פּאָמעראַנצן־זאַפט).

האָבן מיר זיך דאָ אָפּגערוט אַ גאַנצע שעה, און — מיר פאָרן שוין ווייטער.

זיינען מיר אָפּגעפאָרן נאָך אַ שעה, האָט זיך דער אויטאָבוס גענומען הייבן העכער און העכער באַרג אַרויף. שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ דער אויטאָבוס און מיר גייען אַלע אַרויס.

האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע. אַן

אויסערגעוויינלעכע פּאַנאָראַמע, וואָס פאַרכאַפּט דאָס מענטשלעכע אויג און פילט אָן דאָס האַרץ מיט אַ ציטער...

אונטן שפּרייט זיך אויס אַ ריזיקער, קיילעכיקער טאָל, וואָס ליגט פאַרהוילן אין סודותדיקע שאָטנס, און אַרומגענומען אַרום און אַרום מיט אַ וואַנט פון געקייטלטע בערג. זעט אויס דער קיילעכיקער טאָל, ווי אַ ריזיקע, טיפע שיסל, דאָס איז דער באַרימטער גרויסער „מכ־תש" (מערזשער). געפינען זיך דאָרט אין דעם שאָטנדיקן טאָל און אין די אַרומיקע בערג אוצרות גאַנצע, מיט פאַרשידענע מינעראַלן.

פאָרן מיר ווייטער אָביסל, קומען מיר ווידער צו דעם קלענערן „מכתש" (מערזשער).

זעט מען פון דער הייך, ווי אינמיטן טאָל שטייט בלויז איין קיילעכיקער באַרג, און אויפן באַרג ליגט אַ קלענער קיילעכיק בערגל, וואָס זעט אויס, ווי דער גרויסער באַרג וואָלט געטראָגן אויף די אַקסל אַ גרויסן קאָפּ...

רופן די אַראַבער דעם באַרג מיטן קלענערן בערגל פון אויבן, אהרן הכהנס קבר. ווי ס'שטייט געשריבן אין חומש. ווען אהרן הכהן איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַגראָבן אויפן הר־ההר, אויפן שפּיץ באַרג הר.

שטיי איך און באַטראַכט די וואונדערליכע פּאַנאָראַמע. עפּעס נעמט מיך אַרום אַן אומבאַוואוסטע שרעק, פאַר דער ווילדער נאַטור־שיינ־קייט.

אָבער ס'איז שווער זיך אָפּצורייסן פון דער טויזנט־יאָריקער מיסטעריע, וואָס הערשט אַרום די דאָזיקע סודותדיקע, טיף־אויסגע־הוילטע טאָלן.

פאָרט דער אויטאָבוס ווייטער אָביסל, און איידער ס'האָט זיך נאָך גוט אַריינגעוועבט אין מיין מוח, דאָס וואונדערלעכע בילד פון די צוויי מיסטעריעזע טאָלן, בלייבט ווידער שטיין דער אויטאָבוס לעבן אַ הויכן באַרג מיט ווייסע קאַלך־שטיינער.

גייען אַלע טוריסטן אַרויס, און דער „מדריך" דערקלערט אונדז, אַז דאָס איז דער העכסטער באַרג אין נגב פון פיר הונדערט מעטער. דאָס איז דער באַרימטער באַרג „מעלה עקרבים" דער אַרויפגאַנג פון עקדישן. דאָס אַרויפגיין אויפן באַרג איז זייער שווער און געפער־לעך, מ'דאַרף קריכן ווי די עקדישן...

ווען די חשמונאים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די אדומים, איז

דער הויכער בארג (הר הנגב), געווען א וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט. אונטן שפּרייט זיך אוים פון איין זייט דער האַלב־אינזל סיני, און פון דער אַנדערער זייט, די ברייטע טרוקענע ערבה.

זעט אוים דער אַרויפגאַנג אויפן באַרג, ווי אַ ריזיקער געדרייטער עקבער, ווי אַן אויסגעצויגענע שרויף.

דער זיגזאַגישער ברייטער וועג איז פול מיט טרוקענעם זאַמד און קליינע העלע שטיינדלעך, וואָס בלאַנקען אונטער דער הייסער זון. ביי די זייטן פון דעם משופּעדיקן, הויכן באַרג, איז דער וועג אויסגעלייגט מיט גרויסע קאַלך־שטיינער, ווי אַ וואַנט, דער אויטאָבוס זאָל זיך חלילה נישט אַראָפּגליטשן...

הייבט זיך דער אויטאָבוס פּאַמעלעך באַרג־אַרויף, קוים־קוים וואָס ער קריכט אַביסל העכער און העכער. קרעכצט ער נעבעך, דער אויטאָבוס, און סאָפּעט, שטרענגט אָן די כוחות, ביז ער איז נעבעך געבליבן שטיין...

גייען מיר אַלע אַרויס און דער שאָפער פּאָרעט זיך עפּעס ביים מאָטאָר, גיסט אַריין מער בענזין (גאַזאָלין) פון שמאָלע בלעכענע קעסטלעך. גייען מיר אַביסל אַרויף צופוס, ביז דער אויטאָבוס צעוואַרעמט זיך אַביסל, און מיר פאָרן פּאַמעלעך אַרויף העכער און העכער.

אַנטפּלעקט זיך פון אויבן, אויפן שפּיץ באַרג, אַן אויסערגעוויינלעך פּרעכטיקער פּייסאַזש:

אונטן איז אויסגעשפּרייט דער ברייטער מדבר, וואָס ציט זיך אַוועק אויף צענטליקער קילאָמעטער. פון דער רעכטער זייט, זעט מען פון אויבן, ווי ס'שלענגלט זיך אונטן דער נייער אַספאַלטירטער וועג ביז סדום. דער שאָסיי גלאַנצט אונטער דער זון, און ציט זיך ווי אַן אויסגעלייגטע טונקעלע לענטע, און וויקלט זיך אַזוי ביזן ים־המלח. אויף דעם נייעם שאָסיי פירט מען טאַקע די מינעראַלן פון ים־המלח, עקספּאָרמירן זיי קיין אויסלאַנד.

זעט מען פון ווייטנס, דורך דער ריינער לויטערער לופט, דעם ים־המלח, וואָס איז פאַרהוילן און איינגעהילט ווי אין אַ דינעם נעפּל. גייט אויף אַ שטילע פרייד אין האַרץ:

אידן זיצן נישט ליידיק. אידן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט: מ'בויט, מ'שאַפט, מ'לייגט אוים נייע שאָסייען, מ'פירט מינעראַלן.

האָט אויף די איינזאַמע, פאַרגעסענע בערג, און שאָטנדיקע טאָלן, געהויערט אַ צוויי טויזנט יאָריקע מיסטעריע. האָבן זיי איצט מיט־אַמאָל דערהערט דאָס געוויש פון מאָטאָרס און דערפילט אויף זיך די בליקן פון פאַרבענקטע אידישע אויגן, און דערהערט דאָס געזאַנג פון אַרבעט, פון אידישער אַרבעט... וועט אוודאי אַ ברכה אַריינקומען אין אידישער פּראָצע, אַ ברכה פאַרן גאַנצן לאַנד.

די זון פון אויבן בלענדט, שיט אויס איר גליענדיק, קאָכעדיק גאָלד אַרום און אַרום. די לופט איז שאַרף און אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ, וואָס דאָס ווינטל ברענגט אַהער פון ים־המלח.

באַרג אַראָפּ גייט שוין דער אויטאָבוס לייכטער און גיכער. מיר קומען איצט אַרויף אויף אַ גלאַטיק־אַספאַלטירן שאָסיי, וואָס ציט זיך שוין ביז באר שבע.

אויפן געפלאַסטערטן שאָסיי ביז באר־שבע, שפּרייטן זיך אויס פון ביידע זייטן וועג, פלאַכע פעלדער מיט גרין באַוואַקסן גראָז. זעט מען דאָ נישט מער די ווילדע פלאַנצן מיט די מדבר־דערנער. זעטיקט זיך דאָס אויג מיט גרינער פּאַשע, פעלד־בלימעלעך און פעט גראָז.

שטייען אויף די פעלדער פאַרטראַכט עטלעכע שטאָרכן (בושלעס, באָטשאַנעס), אויף די לאַנגע דינע פיס און שפּיציקע שנאָבלען. עטלעכע שטאָרבן שטייען אויף איין פוס, מיט איינגעקאַרטשעטע קעפּלעך, פאַרגאַפט און פאַרטראַכט. קוקן פאַרחידושט נאָך דעם לויפנדיקן אויטאָבוס. אָט הייבן זיך אויף עטלעכע שטאָרכן אין דער לופט, פליען אַרום מיט די גרויסע פליגל איבערן פעלד, מאַכן עטלעכע קרייזן אין דער לופט און שטעלן זיך ווידער אויס מיט די לאַנגע דינע פיס אויפן פעלד, אונטערשפּרינגענדיק אַביסל מיט די אָפענע פליגל.

האָב איך שוין לאַנג נישט געזען אַזוי פיל שטאָרכן, ווי דאָ אויף די פעלדער אין נגב, אויפן וועג קיין באר שבע.

זיינען אונדז אַקעגן געקומען אויפן וועג עטלעכע בעדואינער, רייטנדיק אויף מאָגערע קעמלען. זיצן די פאַרהילטע בעדואינער אויף די הויקערדיקע קעמלען מיט די לאַנגע העלזער און שמאָלע, פאַרריסענע קעפּלעך. די בעדואינער גייען אָנגעטאָן אין לאַנגע טונקעלע קאַפּאָטעס. די קעפּ פאַרוויקלט אין ווייסע קעפיאַס.

די רייטנדיקע בעדואינער שאָקלען זיך הין און צוריק, אַזוי ווי זיי וואָלטן איצט מתפלל געווען די פאַרנאַכטיקע תפלה צו „אַלאַ"

אויף די דאַרע הויקערדיקע קעמלען, וואָס ציילן פּאַמעלעך זייערע טריט מיט די לאַנגע קנאָכיקע פיס. זיי נעמען פויל אַרום די הענט פון די פאַרבינדענע קאַפּאָטעס, און באַגריסן פּאַמעלעך די טוריסטן אין לויפנדיקן אויטאָבוס.

נישט ווייט פון באר שבע, זעט מען אין אַ טאָל לעבן שאָסיי, עטלעכע געצעלטן איבערגעצויגן פון אויבן מיט אַ שוואַרצן, טוכענעם דאַך. וואוינען אין די ביידלעך די וואַנדערנדיקע בעדואינער. לעבן די ביידלעך איז דאָ אַ קליינער וואַסער־באַסיין, וואו ס'פּאַשן זיך דערלעבן עטלעכע שעפּסן.

פאַרנאַכט זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין באר שבע.

האָט זיך דער אויטאָבוס אָפּגעשטעלט אין צענטער שטאָט לעבן אַ גרויסן רעסטאָראַן. איז איצט באַר־שבע, דאָס טויער צום נגב, אַ לעבעדיקע שטאָט. ס'קאָכט און ברויזט מיט ענערגיע. ס'קומען אָן און גייען אָפּ אויטאָבוסן. און טאַקסעס. ס'פאָרן לאַסט־אויטאָס מיט בוי־מאַטעריאַל.

באר שבע בויט זיך!

זעט מען ניי־אויסגעבויטע ווייסע הייזער, לעבן די אַלטע אָפּגעבלאַקעוועטע, אַלטע הייזער פון געלע שטיינער און ליים. איז דער קאָנטראַסט זייער גרויס. די מאָדערנע ציוויליזאַציע מיט אירע באַקוועמלעכקייטן, צוזאַמען מיט אַלטע פאַרשימלטע וואוינונגען, וואָס שמעקן מיט פאַרדומפּיקע ריחות און פוילקייט.

האָט מען די טוריסטן מכבד געווען אין רעסטאָראַן מיט קאַפּע, טיי און צוביים. זיינען לעבן רעסטאָראַן אויך דאָ עטלעכע קרעמלעך מיט ציגאַרעטן, סאָדע־וואַסער, העברעאישע און אידישע צייטונגען.

זיצן אין דרויסן אויפן טראָטואַר. אידישע שוך־פּוצער. לאָז איך מיר טאַקע אָפּפּוצן די שיך מיינע, לאָמיר נישט מיטנעמען דעם שטויב און זאַמד פון דער מדבר, אין דער ריינער, ציכטיקער תל־אביב.

כ'גיי איבער די גאַסן און טראַכט: אָט בין איך אין דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט באַר־שבע, וואו אונדזער פאָטער אברהם, האָט זיך דאָרט באַזעצט מיט זיינע סטאַדעס שאָף און רינדער, נאָך מיט פיר טויזנט יאָר צוריק.

האָב איך דאָך געלערנט אין חדר מיטן בייזן רבין, אין חומש בראשית, אין דער סדרה וירא: — האָבן אבימלכס קנעכט צוגעגזלט

אברהמס ברונעם וואסער. האָט אברהם אוועקגעשטעלט זיבן לעמער פון די שאָף באַזונדער, און געזאָגט צו אבימלכן:

— די זיבן לעמער מוזטו נעמען, דאָס זאָל זיין אַן עדות, אַז איך האָב דעם ברונעם געגראָבן. דעריבער האָט מען יענעם אָרט גערופן באר שבע, ווייל דאָרט האָבן זיי ביידע געשוואוירן, (זיך גע־געבן אַ שבועה).

איז די היסטאָרישע שטאָט, דער דורכגאַנג צום נגב, ליידיק גע־שטאַנען, אָן אידן, קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר...

זיינען איצט צוריקגעקומען אברהם אָבינוס אייניקלעך, און בויען ווידער אויף די שטאָט. ברענגען אריין אַ ניי, פריש לעבן און אויפ־געלעבט ווערט אַרום און אַרום דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט, באר שבע.

האָב איך זיך אָפּגערוט אַ שעה צייט, און פאָר שוין ווייטער. דער אויטאָבוס גליטשט זיך שוין אויפן געפלאַסטערטן וועג קיין תל־אביב.

זעט מען ביים אַרויספאָרן פון שטאָט, אַן אַראַבישן „מעטשעט" מיט דער האַלבער לבנה און שטערן אויפן קיילעכדיקן קופּאָל. שטייט דער „מעטשעט" אין אַ סקווער און ווערט אָפּגעהיטן, פאַר די אַראַ־בישע ישראל־בירגער.

פאָרן מיר אַדורך אויפן וועג פון די אַלטע קאָלאָניעס, דערפער און שטעטלעך. אויף דער רעכטער זייט זעט מען רחובות. אַביסל ווייטער איז שוין ראשון לציון. דאָרט וואו ס'געפינען זיך די באַ־רימטע וויין־קעלערס, פון וואַנען ס'קומט אַרויס דאָס אמתע, גע־שמאַקע פלעשל וויין, וואָס דערקוויקט דאָס מענטשלעכע האַרץ.

אויפן וועג נענטער צו תל אביב. ציען זיך פון ביידע זייטן שאָ־סיי, פאַרזייעטע פעלדער און צעוואַקסענע ביימער.

דער אָוונט איז אָנגעקומען אומבאַמערקט. אין אויטאָבוס זיצן אַלע שטיל און פאַרטראַכט. דער „טשילענער" האָט שוין מער נישט געזונגען. פון אַלע פּנימער האָט אַראָפּגעשיינט אַ מידקייט און אַן ערנסטקייט. אַלע טראַכטן איצט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזעען, ווי אידן באַזיגן ביסלעכווייז די ווילדערניש פון סודותדיקן נגב, וואָס לאָקט אַזוי שטאַרק דעם נייגעריקן טוריסט און וויל זען, ווי מו־טיקע אידן אין ישראל, דעקן אויף די טויזנט יאָריקע אוצרות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין אינגעווייד פון די נגב־בערג און טונקעלע טאָלן.

אויפן שאָסיי ווערט היימלעכער. ס׳קומען אַקעגן אויטאָס מיט בלישטשענדיקע לאָמפּן, וואָס באַלייכטן דעם גלאַטיקן שאָסיי, און פאָרן איצט אַהיים פון תל אביב אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

אַכט אַזייגער ביינאַכט, איז דער אויטאָבוס גיך אַריינגעפאָרן אין דער ליכטיקער תל אביב.

אָ, ווי גוט דאָס איז זיך אויסצורוען אַביסל, אויסגלייכן זיך די ביינער אויף אַ ווייך געלעגער, נאָך אַ גאַנצן טאָג פאָרן איבערן נגב. דאָס איז דאָך זייער אַ טייער מיטל פאַר אַ געשמאַקן געזונטן שלאָף אַ גאַנצע נאַכט...

יאָ, כ׳בין טאַקע מיד, אָבער ס׳איז אַן אָנגענעמע מידקייט. כ׳בין צופרידן און באַגייסטערט, וואָס כ׳האָב אין די לעצטע צוויי טעג געזען.

כ׳האָב דאָך געזען דעם וואונדער פון נגב!

שבת, דעם 11־טן אַפּריל

היינט איז פאַר מיר געווען אַ געהויבענער, פרייליכער טאָג.

היינט האָב איך טאַקע איבערגעלעבט נאָכאַמאָל, די חברשאַפט און פריינטלעכקייט, וואָס כ׳האָב מיט אַ סך יאָרן צוריק אין מעקסיקע, איבערגעלעבט צוזאַמען מיט די האַרציקע חברים מנחם און דבורה בידערמאַן.

באַלד אין דער פרי איז חבר בידערמאַן געגאַנגען מיט מיר באַזוכן דעם באַרימטן שרייבער ש. שפּיגל.

האָב איך געהאַט פאַרן טאַלאַנטירטן נאָוועליסט אַ גרוס פון זיין יוגנט־חבר, דעם באַוואוסטן דיכטער יצחק בערלינער פון מעקסיקע. האָבן מיר געטראָפן דעם פריינט שפּיגל אין זיין וואוינונג, זיצן ביי זיין שרייבטיש. האָט ער זיך טאַקע זייער דערפרייט צו הערן אַ פערזענלעכן גרוס פון זיין יוגנט־חבר יצחק בערלינער. איז חבר שפּיגל געווען איבעראַשט און זיך אויך געפרייט מיט דער קליינער מתנה, וואָס כ׳האָב אים געבראַכט פון זיין ליבן חבר בערלינער פון מעקסיקע: אַ שיינעם, עלעגאַנטן קראַוואַט.

דער טאַלאַנטירטער שרייבער נעמט דעם קראַוואַט מיט צערטלעכקייט אין זיין האַנט, באַטראַכט אים מיט זיינע אומעטיקע אויגן און זאָגט שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— אַזוי, אַזוי, אַ קראַוואַט, אַ מתנה פון מיין ליבן חבר יצחק. יוגנט־חברים,ביידע האָבן מיר געחלומט פון אַ נייער, בעסערער וועלט... און איצט? איצט? נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? גורל! גורל! ער אין מעקסיקע און איך האָב זיך געראַטעוועט פון בלוטיקן־מבול אין ישראל. אַזוי איז עס, גורל!

פריינט שפּיגל זיצט אין זיין שלאָפראָק אַ פאַרטראַכטער. רעדט

פאמעלעך, געצייילטע ווערטער. זעט ער אויס מיט זיין קיילעכיק, ליבלעך פנים, און מיט זיינע פארחלומטע אויגן, ווי א דענקער און רעדט ווי א סקעפטיקער...

ס'קומט אריין זיין סימפאטישע, אינטעליגענטע פרוי, א לערע־רין אין א העברעאישער שולע.ביידע ארבעטן און פירן א באשיידן לעבן. זיצן מיר און שמועסן מיטן בארימטן נאוועליסט, וועגן זיין איצטיקן שאפן אין ישראל.

ניין, דער קינסטלער, וואס האט אליין דורכגעלעבט דעם נאצי־גיהנום אין לאדזשער געטא, דער וואס האט אויסגעחלומט דורך פיין אוןליידן זיינע פרעכטיקע דערציילונגען פון „מלכות געטא", איז אינגאנצן נישט צופרידן מיט זיין איצטיקער לאגע אין ישראל.

א גאנצן טאג איז ער דאך פארנומען מיט זיין ארבעט. האט ער געשאפן נייע זאכן אין ישראל, ליגן אבער די מאנוסקריפטן אין קאסטן. נישטא ווער עס זאל זיי העלפן ארויסגעבן, נישטא ווער עס זאל זיי דרוקן... און ער שאקלט טרויעריק מיטן קאפ: כ'בין אנ־טוישט! יא, יא, כ'בין אפילו אנטוישט אין עטלעכע חברים מיינע אין ישראל... ניין! נישטא דא קיין חברשאפט, נישטא!

פראבירט אים חבר בידערמאן טרייסטן און צוגעבן מוט: ניין, חבר שפיגל. מ'דארף נישט פארלירן דעם מוט, איר מוזט דאך זיך אריינלעבן אין דער נייער סביבה. איר לעבט דאך אין ישראל, מיט דער צייט וועט זיך אלץ פארבעסערן. איר וועט נאך, חבר שפיגל, מיט אייער טאלאנט באווייכערן די ארץ ישראל פראזע, מ'טאר נישט פארלירן דעם האפענונג.

געזעגענען מיר זיך מיטן חבר שפיגל און מיט זיין פרוי. בעט ער מיך איבערגעבן א הארציקן גרוס זיין חבר יצחק בערלינער און זיין פרוי נחמהלע. און גריסן די חברים דיכטער און שרייבער אין מעקסיקע. און כאטש ער רעדט אין א טאן פון רעזיגנאציע. דאך האפט ער צו קומען אמאל זיך באקענען מיטן קולטורעלן אידישן ישוב אין מעקסיקע.

זיינען מיר שפעטער געפארן אין הדר יוסף „ב" נישט ווייט פון תל אביב.

וואוינט איצט דארט אונדזער ליבע חברה קרעפעל פון מעקסי־קע. איז די חברה שרה קרעפעל געווען אן איבערגעבענע ענערגישע חברה אין דער פרויען־פיאנערן ארגאניזאציע אין מעקסיקע. האט

זי דאָ אין ישראל, אויפגעבויט אַ פיין הויז מיט אַ גאָרטן פון גרינצייג, פון וואַנען זי ציט אַ שטיקל פּרנסה.

קומען מיר אַריין אין אַ שיין ליכטיק צימער, לעבן אַ געראַומער אָפענער וועראַנדע. האָט מיך די חברה קרעפּל דערזען, איז זי געבליבן שטיין אַן איבעראַשטע. כאַפּט מיך אַרום מיט טרערן אין די אויגן פאַר פרייד: חבר ווייסבוים, איר זענט דאָ אין ישראל? וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכן די חברים אין מעקסיקע?

קען זיך די חברה קרעפּעל, קוים באַרואיקן פון איבעראַשונג, וואָס זי זעט מיך ביי איר אין שטוב, אין ישראל.

גייען מיר דערנאָך באַקוקן דעם פּאַרזייעטן גאָרטן, וואָס שפּרייט זיך אויס לעבן הויז. איז דער גאַנצער גאָרטן פאַרזעצט מיט גרינצייג און פרוכטן. דאָס אויג זעטיקט זיך פון פרייד און גענוס, זעענדיק וואָס אויף דער ערד איז אַלץ פאַרזעצט, בליט און וואַקסט.

די רויטע טרושקאַווקעס (יאַגדעס, פּרעסאַס), מיט די קליינע גרינע בלעטלעך, רוען זיך אויס האַרט אויף דער ערד, מיט זייערע יונגע רויטע קעפּעלעך. די בייכיקע, ברוינע קעפּלעך־קרויט, רייסן זיך פון דער ערד, ווי אָנגעבלאָזענע קליינע באַלאָנען.

די טאָמאַטן פילן זיך אָן מיט זאַפטיקייט און מאַכן חנדעלעך, רויטלען זיך אונטער דער וואַרעמער זון. די יונגע ציבעלעך שטייפן זיך מיט זייערע דינע עקעלעך, און רייסן זיך מיט גוואַלד פון דער ערד אַרויס, וואו ס'ליגן נעבעך פאַרשטעקט זייערע קעפּעלעך מיט די דינע הערעלעך.

וואַקסן אויך ביי די זייטן אין גאָרטן פאַרשידענע בלומען, וואָס אויף זיי איז שטענדיק דאָ גוטע קונים. די אידן אין ישראל זיינען דאָך ממש פאַרליבט אין בלומען. פרייטיק פאַרנאַכט טראָגט דאָך כמעט יעדער איד אַהיים עטלעכע בלומען אין האַנט, לכבוד שבת, צו באַשיינען דעם הייליקן רו־טאָג.

יאָ, די ערד אין ארץ ישראל איז דאָך גוט, ווי אומעטום. ווען מ'האָט זי ליב, ווען מ'פלעגט זי, ווען מ'גיט איר צו טרינקען, ווען מ'היט זי אָפּ. דעמאָלט באַצאָלט זי דעם מענטש פאַר זיין מי און אַרבעט. זי זעטיקט אים מיט איר ברויט, זי דערקוויקט זיין האַרץ מיט אירע פּעטע וויינטרויבן, מיט אירע זאַפטיקע פּאָמעראַנצן און באַטעמט זיין עסן מיט איר גרינצייג.

כ'באַטראַכט און באַוואונדער אַלץ וואָס וואַקסט און בליט אין

גאָרטן און אַן אויסדרוק פון שטילע וואונטשן פילט אָן מיין האַרץ: אַז עס זאָל וואַקסן און געדייען, און אַ ברכה זאָל אַריינקומען אין אַלץ, וואָס די טייערע חברה שרה האָט פאַרזייעט אין גאָרטן. און געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס היטן אָפּ די מאַמע־ערד, און ברענגען אַרייַן פּרוכטן און גרינצייג אויף אידישע טישן אין ארץ ישראל.

זיינען מיר אַלע שפּעטער אַוועק צו חבר בידערמאַן און דאָרט שוין געגעסן דעם שבתדיקן מיטאָג, צוזאַמען מיט די ליבע חברים דבורה און מנחם.

זיץ איך ביים שיין־געגרייטן שבתדיקן טיש, און כ׳פאַרגעס אויף אַ ווײַלע וואו איך בין. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ׳בין איצט צווישן מיינע טייערע חברים אין מעקסיקע, ווי אַמאָל מיט יאָרן צוריק. אָט זיצט דאָך קעגנאיבער מיר דער טייערער חבר מנחם, שיינט אַראָפּ פון זיין פּנים די שבתדיקע מנוחה, און אַ גרויס צו־פרידנקייט מיט זיינע געסט. די טייערע, צאַרטע דבורה שיינט דאָך פון נחת, זעענדיק ווי די געסט זיינען זיך פּשוט מהיה מיט אירע שבתדיקע ישראל־מאכלים.

בין איך שפּעטער געגאַנגען מיט חבר בידערמאַן באַזוכן עטלעכע פריינט און אָפּגעבן גרוסן פון מעקסיקע.

שפּאַצירן מיר פּאַמעלעך אויף די גאַל־זאַמדיקע וועגן, לעבן די נייע גרויסע הסתדרות־הייזער אין דעם קרית־שלום.

איצט איז דאָ אַ סך לעבעדיקער ווי אין מיטן וואָך. די איינוואוי־נער שפּאַצירן זיך געמיטלעך אַרום לעבן די הייזער, באַטראַכטן די פרישע ביימעלעך און פלאַנצן לעבן די הייזער. באַזוכן חברים, פריינט און שכנים.

יאָ, דאָ זעט מען, און מ׳פילט די שבתדיקע מנוחה פון אי־דישע אַרבעטער אין ארץ ישראל...

אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס ציט זיך אַביסל באַרג־אַרויף, נישט ווייט פון די הסתדרות־הייזער, אין אבו־כביר. וואוינען איצט צענט־ליקער פאַמיליעס פון די נייע עולים, און די הייזער וואָס די אַראַ־בער האָבן פאַרלאָזט, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון ישראל. האָבן די נייע עולים פאַראַכטן ביסלעכווייז די פאַרלאָזטע אַלטע הייזער, און לעבן דאָרט גאַנץ באַקוועם.

האָב איך צוזאַמען מיט חבר בידערמאַן, באַזוכט דאָרט צוויי

פאמיליעס, וואָס איך האָב געהאַט פאַר זיי אַ גרוס פון מעקסיקע. זיינען דאָס די פלימעניקעס פון דעם דיכטער יצחק בערלינער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון לאָדזשער געטאָ.

האָבן זיי פריער געוואוינט אין די הילצערנע שטיבעלעך, אין די „מעברות". און איצט פילן זיי זיך ווי אין אן אייגענער היים. זיי פאַריכטן ביסלעכווייז די געמויערטע ווענט, מאַכן נייע טירן, פענסטער און מאָלן אויס די צימערן לויט זייער געשמאַק.

איז דאָס ערשטע געווען — ווי אומעטום אין ישראל — כיבוד: אַ פלאַש ווייַן אויפן טיש מיט קיכעלעך. זיינען דאָס וואוילע פאָלקס־מענטשן, האָרעפּאַשניקעס. זיינען זיי צופרידן וואָס זיי האָבן שוין אייגענע דירות, קלערן זיי טאַקע גאַרנישט וועגן ווייטער וואַנדערן... שוין גענוג געליטן, גענוג געווען פאַרוואָגלט אין דער פרעמד. איצט זיינען זיי דאָך אין זייער אייגן לאַנד... האָבן שוין קליינע סאַברעלעך. ווילן זיי נאָר איין זאַך: האָבן פּרנסה פאַר זייערע פאַמיליעס.

שטייען זיי, די קליינע סאַברעלעך (מיידעלעך) און קוקן אויף מיר פאַרחידושט מיט די ברייט צעעפנטע, בלויע אויגעלעך, ווי מיר רעדן פון זייער פעטער און מומע פון דער ווייטער מעקסיקע. פאַר־שטייען זיי אידיש, די קליינע סאַברעלעך, כאָטש זיי גייען שוין אין דער העברעאישער שולע.

ביים אוועקגיין, האָט מיך אַ בלאָנד סאַברעלע ארומגעכאַפּט מיט די קליינע איידעלע הענטעלעך ביי אַ פוס, און מיך נישט געלאָזט גיין. זי וויל כ'זאָל נאָך זיצן און דערציילן פון איר פעטער און מו־מע פון מעקסיקע.

זיינען טאַקע ביידע אינטעליגענטע ארבעטער פאַמיליעס גליקלעך און צופרידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין מדינת ישראל.

האָבן איך שוין שפּעטער, דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג, פאַרברענגט ביי מיינע ליבע חברים בידערמאַן, אין זייער פיינער ציכטיקער היים.

ניין, כ'וועל דאָס קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. ווי גוט איז דאָס צו זען, אַז אַזעלכע עטישע, הייליקע מענטשן, שטייען ביי דער הסתדרות אין ארץ ישראל.

שפּעט ביינאַכט זיינען מיר צוגעגאַנגען אויפן ברייט־זאַמדיקן וועג צום אספאַלטירטן שאָסיי. וואַרטן אויפן לעצטן אויטאָבוס קיין תל אביב.

איז דאָס נישט מער ווי אַ האַלבע שעה פאָרן פון תל אביב. אָבער

דאָ פילט זיך דאָך אַזאַ רואיקייט, אַזאַ דאָרפישע שטילקייט. עפּעס אַזאַ זיכערקייט פילט אָן דאָס האַרץ, אָן מורא, אָן פּחד שטיי איך דאָ, שוין באַלד צוועלף ביינאַכט, אויפן אַפּענעם, טונקעלן שאָסיי...

די נאַכטיקע קילע לופט איז מחיהדיק פריש. פון די אַרומיקע פעלדער ווייעט איצט אַ לינד פרילינג־ווינטעלע. פון אויבן אַ טיף־בלויער הימל מיט פינקלדיק־גאָלדענע שטערן. און אונטן, אויף ברייטע געל־זאַמדיקע גאַסן, שטייען אויסגעשטעלט שורות ווייסע הייזער.

זעען אוים די הויכע ווייסע הייזער, ווי זיי וואָלטן געקומען צו־פליען פון ערגעץ אַ ווייט חלום־לאַנד, און זיך דאָ אויסגעשטעלט אויף די זאַמדיקע אויסגעלייגטע וועגן, די אַרבעטס־מענטשן זאָלן האָבן וואו אויסצורוען זייערע מידע גופים, פון אַ שווערן טאָג־אַרבעט אין דער גרויסער שטאָט.

אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ נאַכטיקער צויבער, איז אויסגעגאָסן אויף די ווייסער שורות הייזער, וואָס בלאַנקען אַזוי פאַנטאַסטיש אין דער פינסטערער נאַכט.

און וואָס פאַר אַ צויבער זיינען איצט פאַרוועבט די אַרומיקע אָפענע פעלדער, געל־זאַמדיקע וועגן און דער טיף־בלויער הימל.

אַ נאַכטיקע קאָלירן־סימפאָניע!

געל זאַמד, טיף־בלויער הימל, גאָלדענע שטערן און ווייסע פאַר־חלומטע הייזער.

ארץ־ישראל, אַרום האַלבער נאַכט, הינטער דער שלאָפנדיקער, שיינער תל אביב...

זונטיק, דעם 12־טן אַפּריל

היינט בין איך ווידער געפֿאָרן אין דער פּרעכטיקער נתניה.

פֿאַר איך שוין אַליין אַרום איבער אַלע וועגן און שטעגן אין ישׂראל. כ׳פֿאָר אַרום אין די שטעט און שטעטלעך, גלייך כ׳וואָלט שוין דאָ געוווינט עטלעכע יאָר... עפּעס פֿיל איך מיך דאָ אַזוי היימיש, עפּעס נעמט מיך אַרום אַ צוטרוי צו אַלץ און צו אַלעמען. כ׳וועל דאָ נישט פֿאַרלוירן ווערן.

אָ, ניין! מיר וועט דאָ חלילה קיין שלעכטס נישט געשען. כ׳בין דאָך צווישן אייגענע, צווישן אידן...

בין איך דאָך שוין געווען אַזוי פֿיל מאָל אין נתניה ביי מיין משפּחה, אָבער ווען איך פֿאָר פֿון חיפה אָדער תּל אביב אין נתניה. דאַכט זיך מיר אַז כ׳פֿאָר אַהיים.

בין איך מיט אַ סך יאָרן צוריק, אַמאָל געפֿאָרן זומער צייט פֿון וואַרשע אין מיין געבורט־שטעטל קאָנסקאָוואָליע, וואו כ׳האָב אינגלווייז אַזוי ליב געהאַט צו לערנען ביינאַכט אין גרויסן בית מדרש, ביים בליצלאָמפּ אָדער ביי אַ חלבן ליכטל.

איצט איז דאָך אַלץ חרוב געוואָרן, צעשטערט און פֿאַרברענט דורך די נאַצי־מערדער.

אידיש לעבן גייט אָבער נישט אונטער. פֿון דעם אַש פֿון אונדזערע קדושים, גייט אויף אַ ניי פֿייער — אַ נר־תּמיד, וואָס צעפֿלאַמט זיך ווידער און באַלייכט דעם וועג צו אַ ניי אידיש לעבן אין ארץ ישׂראל.

ווייזט זיך מיר טאַקע אויס, אַז כ׳פֿאָר איצט אַהיים, ווי אַמאָל פֿון וואַרשע, אין מיין געבורט־שטעטל אין פּוילן.

אָבער ניין, כ׳פֿאָר דאָך איצט פֿון אונדזער אייגענער וואַרשע — תל אביב, אין אונדזער אייגן שטעטל — נתניה...

יאָ, כ׳פֿאָר טאַקע אַהיים, אַהיים צו מיין משפּחה. אָבער נישט אין פּוילן אין דער חרובער אידישער פּוילן, נאָר אין אַ נייער אויפֿגעבויטער אידישער היים — אין ארץ ישראל.

בין איך באַלד נאָכמיטאָג געגאַנגען באַזוכן דעם בירגערמייסטער פֿון נתניה עובד בן עמי.

איז דער פּאָפּולערער שטאָט־טאַטע געווען מיט אַ יאָר צוריק אין מעקסיקע. זיך באַקענט אַ ביסל מיטן אידישן ישוב, האָט דער אידישער ספּאָרט־צענטער געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק.

בין איך געגאַנגען אין מוניציפּאַליטעט (עיריה) מיט מיין קוזינעס איידעם יוסף, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין נתניה. איז ער זייער אַ גוטער שווימער יוסף, און אַ „לעבנסרעטער". זומער ווען דער עולם באָדט זיך ביים פּרעכטיקן ים־ברעג אין נתניה, פּאַרט ער אַרום אויף זיין קליין פּלאַטשיק שיפעלע, און גיט אַכטונג, טאָמער חלילה טרינקט זיך ווער אין אַפּענעם טיפֿן ים.

איז דער דעמאָקראַטישער בירגערמייסטער זייער באַליבט ביי די שטאָט איינוואוינער. יעדער איינער קען קומען און רעדן מיטן שטאָט־טאַטן, אָדער בעטן עפּעס אַ טובה. גיט טאַקע דער בירגערמייסטער, אדון עובד בן עמי אַכטונג, אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג אין שטאָט. ער וויל די שטאָט זאָל זיין ריין און טאַקע וואַקסן און ווערן גרעסער און שענער.

איז אָבער אדון עובד בן עמי פּונקט נישט געווען אין דער „עיריה", זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אים אַהיים.

וואוינט ער, דער דעמאָקראַטישער שטאָט־טאַטע אין אַ שיין „פּאַלאַצל", וואָס שטייט אין אַ גאָרטן מיט צעוואַקסענע פּאַלמען און ביימער, אויף אַ ברייטער געפּלאַסטעטער שטילער גאַס, נישט ווייט פֿון ים. פֿירט מען אונדז אַריין אין אַ שיין אויסגעשטאַט ביבליאָטעק־צימער, מיט וייך־געבעטע שטולן און מ׳בעט אונדז וואַרטן אַ ביסל, דער אדון בן עמי וועט באַלד אַראָפּקומען.

קומט ער אין עטלעכע מינוט אַרום אַריין, און מיין קוזין יוסף שטעלט מיך פֿאָר פֿאַר אים. פֿריינט עובד בן עמי דערפֿרייט זיך און רופֿט אויס מיט אַ ברייטן „שאַלאָם", אָ, פֿון מעקסיקע? פֿון מעקסיקע? יאָ, אַ פֿיינער אידישער ישוב. אַ שיין לאַנד מעקסיקע, זייער

א שיין לאנד! וואס מאכן עפעס די פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע? און וואס הערט זיך עפעס אין אידישן ספארט־צענטער? א, יא! דאס איז דאך גאר א פיינער ספארט־צענטער ביי אייך אין מעקסיקע. כ׳האף, אז מיר וועלן דא אין נתניה אין קורצן אויך האבן אזא ספארט־צענטער...

זיצן מיר און שמועסן אביסל מיטן בירגערמייסטער, וואס שפרודלט מיט ענערגיע און פלענער וועגן בויען און פארגרעסערן „זיין" שטאט, זיין נתניה...

איז די פרעכטיקע נתניה נאך געגרינדעט געווארן אין יאר 1929, אויפן נאמען פון אידיש־אמעריקאנער פילאנטראפ נתן שטראוס.

ליגט זי אויסגעשפרייט די שטאט מיט אירע ברייטע גערוימע גאסן, איינגאנצן 25 קילאמעטער פון תל אביב. ציט זי זיך, די שטאט, אויף צען קילאמעטער לענגאויס ביים ים־ברעג. און ווערט טאקע ביסלעכווייז די „ריוויערא" פון מדינת ישראל, אין בליענדען פלאך־לאנד פון שרון. קומען דא אהער אלע טוריסטן און באוואונדערן דעם פרעכטיקן פארק מיטן אמפיטעאטער, וואס ציט זיך בארג־אראפ ביים ברעג ים. פארנעמט די שטאט ביי א 30 טויזנט דונאם ערד און כ׳וואוינען בלויז א 40 טויזנט איינוואוינער. האט אבער די שטאט־פארוואלטונג פלענער צו פארגרעסערן די שטאט ביז 100 טויזנט איינ־וואוינער. איז א חוץ די שיינע ערשט־קלאסיקע האטעלן און רעס־טאראנען, אויך דא אין נתניה א גרויסע בריליאנטן אינדוסטריע. און אין קורצן וועט די באן פון חיפה דורכגיין נתניה ביז תל אביב.

לאדט אונדז דערנאך איין דער בירגערמייסטער אין זיין אויטא־מאביל און מיר פארן אין דער „עיריה".

האט מיך ביים געזעגענען, פריינט עובד בן עמי געבעטן, איי־בערגעבן א גרוס די פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דעם אידישן ישוב אין מעקסיקע — און זאלן זיי טאקע קומען, די מעקסיקאנער אידן, אין ארץ ישראל, וועלן זיי זעען ווי שיין עס איז „זיין" וואונדערלעכע שטאט נתניה...

מאַנטיק, דעם 13־טן אַפּריל

היינט אינדערפרי בין איך געפאָרן אין חדרה.

פאַרנאַכט דאַרף איך שוין זיין צוריק אין תל אביב. כ׳דאַרף נאָך היינט באַשטעלן א בילעט אויף א „טיול" אין גליל אויף דריי טעג, און צוריק אין חיפה אויפן יום העצמאות.

און דערנאָך?

ניין, כ׳וויל איצט נישט טראַכטן פון דערנאָך... כ׳וויל נישט און קען טאַקע נישט טראַכטן וועגן שפּעטער. כ׳דאַרף דאָך שוין אין עלף טעג אַרום, ווידער זיצן אין עראָפּלאַן, ווידער פליען צוריק — צוריק אין פּאַריז, און פון פּאַריז?

ניין, בעסער איצט נישט טראַכטן וועגן דעם. ס׳טויג נישט, ניין. עס ברענגט מיך אַריין אין א שלעכטער שטימונג...

כ׳האָב דאָך נאָך עלף גאַנצע טעג צו זיין אין ארץ ישראל, כ׳דאַרף נאָך פאָרן און פאָרן... כ׳דאַרף דאָך נאָך א סך זען. כ׳דאַרף נאָך איינזאַפּן אין זיך די וואונדערלעכע לאַנדשאַפט פון עמק, פון גליל און פון נאָך א סך קיבוצים, דערפער און שטעט.

האָב איך זיך באַלד אינדערפרי געזעגנט מיט מיין קוזינע, מיט אירע קינדער און אייניקלעך. זיך געזעגנט מיט פריינט און באַקאַנטע. ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך אַזוי גיך ווידער זעען. ווער ווייסט צי וועלן מיר זיך נאָך זעען אַמאָל...

ווייס איך נישט וואָס ס׳איז מיט מיר. עפּעס טוט מיר אַזוי באַנג צו פאַרלאָזן די קרובים, פריינט און טאַקע די פּרעכטיקע נתניה.

אָבער מ׳דאַרף ווייטער פאָרן.

האָב איך געקויפט א בילעט און מ׳דאַרף וואַרטן א האַלבע שעה אויפן אויטאָבוס קיין חדרה. בין איך דערווייל געגאַנגען זיך גע־

זעגנען מיטן שיינעם פּארק און ראָמאַנטישן אַמפיטעאַטער ביים ברעג ים. ווער ווייסט צי וועל איך נאָך אין מיין לעבן די זכיה האָבן, צו זען נאָכאַמאָל די שאָטנדיקעביימער, די אויסגעלייגטע בייטן בלומען און דאָס ארומגעשניטענע גרינע גראָז, לעבן די שמאָלע זאַמדיקע סטעזשקעס.

שטיי איך אין גאָרטן מיטן רענצל אין האַנט און קוק אַראָפּ אויפן אָפענעם ים. די שוימענדיקע כוואַליעס וואַשן כסדר, מיט זייער ריטמישן גערויש, דעם ליידיקן זאַמדיקן ברעג, וואָס ציט זיך באַרג אַרויף ביזן צעבליטן גאָרטן, מיט די איינזאַמע ליידיקע בענק.

בלאָזט איצט אַ פרישן פרילינג־ווינטל פון ווייט אויסגעשפּרייטן ים. צי איך אַריין אין מיינע לונגען די פרישע, מחיהדיקע ים־לופט.

אָ, ווי ס'גלוסט מיך נישט צו פאַרלאָזן איצט דעם גאָרטן מיט דעם וואונדערלעכן צויבער פון די גיסנדיקע ים־כוואַליעס, גרינע שאָטנדיקע ביימער און די צעשטראַלטע זון אויפן לויטערן בלויען הימל.

שטיי איך איינער אַליין אין דער אַרומיקער שטילקייט, און באַטראַכט אַלץ, קוק זיך אַרום און אַרום.

זאָלן די לעצטע בליקן פון מיינע אויגן, אויף דעם פּרעכטיקן נאַטור־בילד, זיך איינקריצן און פאַרבלייבן אויף אייביק אין מיין זכרון...

און פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, אין אַ געדריקטער שטימונג, שפּאַן איך צוריק צום אויטאָבוס.

עפּעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט און נאָגט, נאָגט דאָס האַרץ און לאָזט נישט אָפּ. עפּעס איז מיר אַזאַ שאָד אַוועקצופאָרן פון דער שיינער, שטילער נתניה.

יאָ, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, האָב איך פאַרלאָזט די צעבליטע, היימישע נתניה.

איז בלויז 15 קילאָמעטער פון נתניה ביז חדרה.

גליטשט זיך עפּעס אַזוי לייכט און גרינג דער געפּאַקטער אויטאָבוס, אין דעם זוניקן פרימאָרגן אויפן גלאַטיקן שאָסיי, וואָס וויקלט זיך פון תל אביב ביז חיפה.

עלף אַזייגער אינדערפרי איז דער אויטאָבוס אַריינגעפאָרן מיט אימפּעט אין צענטער־שטאָט.

איז חדרה געווען אַמאָל אַ געגנט פון זומפּן און מאַלאַריע, וואָס

איז געגרינדעט געוואָרן פון די אַמאַליקע חובבי־ציון מיט 63 יאָר צוריק.

היינט איז חדרה אַ שפּרודלדיקע שטאָט אין צעבליטן שומרון מיט 15 טויזנט איינוואוינער. און ניט ווייט פון חדרה שלענגלט זיך אויך אַ טייך פון זיבן קילאָמעטער, וואָס איז אַ ברכה פאַר אַלע פעלדער און דערפער אַרום דעם אויסגעשפּרייטן טאָל.

איז איצט די לופט אין חדרה אָנגעפילט מיט פרילינג־ריחות, פון צעבליטע ביימער און בלומען, וואָס נעמען אַרום די שטאָט פון אַלע זייטן.

האָב איך געהאַט אַ גרוס פון מיין שוועגערין פון לאָס אַנדזשע־לעס, פאַר איר מומע און קוזין וואָס אַרבעט אין קופּת־חולים קלי־ניק אין חדרה. קום איך אַריין אין אַ גרויסן הויף מיט עטלעכע קליניק־אָפּטיילונגען, און פרעג זיך אויף דאָקטאָר פּאָול ווייסענבערג. זאָגט מען מיר, אַז דאָ אַרבעט אַ געהילף־דאָקטאָר חיים ווייסענבערג, אָבער נישט קיין פּאָול... בין איך אַריין אין דער פּעדיטעראַפּיע־אָפּטיילונג, וואו ס'ווערט געמאַכט עלעקטריזאַציע און מאַסאַזש פאַר קראַנקע פיס, און טאַקע דאָרט געטראָפן דעם דאָקטאָר פּאָול־חיים.

איז צו מיר אַרויסגעקומען פון אַ פאַרמאַכט אָפּעראַציע־צימער אַ פעסטגעבויטער מאַן, און מיר געגעבן אַ ברייטן „שאַלאָם". ער טאַקע איז חיים ווייסענבערג און מיך געבעטן וואַרטן אַביסל. זיי האָבן איצט אַ דעליקאַטע אָפּעראַציע.

האָב איך דערווייל געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ קראַנקן־שוועס־טער, אַ גראָדנער פרוי וואָס רעדט אַ געשמאַקן אידיש. האָב איך זיך טאַקע דערוואוסט אַביסל וועגן דער הומאַניטאַרער, וואונדער־לעכער אַרבעט פון קופּת־חולים.

פאַרמאָגט די קופּת־חולים פון דער הסתדרות, אַ נעץ פון הונ־דערט מעדיצין־צענטערס איבערן גאַנצן לאַנד. מער ווי 50 טויזנט מענטשן קומען יעדן טאָג נאָך מעדיצינישער הילף.

האָט אויך די קופּת־חולים 15 שפּיטאָלן, אַ חוץ דאָס גרויסע אימפּאָזאַנטע ביילינזאָן שפּיטאָל מיט 500 בעטן, לעבן פּתח־תקוה. באַשעפטיקט אויך אַריבער טויזנט דאָקטוירים און צוויי טויזנט קראַנקן־שוועסטער.

באַוואונדער איך טאַקע די ישראל־אַרבעטער, וואָס האָבן גע־שאַפן אַזעלכע אויסגעצייכנטע הייל־אַנשטאַלטן פאַר זיך, פאַר זייערע פאַמיליעס און טאַקע אויך פאַר די קראַנקע אין די עולים־לאַגערן.

זיץ איך און קוק זיך צו מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט, מיט וואָס פאַר אַ געטרייקייט, די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער אַרבעטן און באַדינען די קראַנקע אין קליניק.

קומען אַריין פאַרשידענע טיפּן אידישע קראַנקע: טונקעלע תימנער, ברוינע אַראַבישע אידן, אידן פון די נאָענטע „מעברות". קומען זיי די ליידנדע מענטשן נאָך טעגלעכע באַהאַנדלונגען און נאָך מעדיצין. דערלאַנגען דער קראַנקן־שוועסטער אַ קוויטל און ווערן באַלד אַריינגעפירט אין פאַרהאַנגענע שטיבעלעך, וואו ס'ווערן געמאַכט עלעקטריזאַציע־היילונג אָדער מאַסאַזשן. פילט מען דאָ די בייסנדיקע ריחות פון די שאַרפע מעדיצינען און זאַלבן. קומט אַרויס דער קרוב מיינער חיים ווייסענבערג, וואַשט זיך אָפּ די הענט און מיר גייען אַריין אין אַ צימער וואו מ'טרינקט טיי און מ'בייסט צו זעמל מיט ווייסן קעז.

פאָרן מיר דערנאָך אין שיכון בראַנדעס צו דער פאַמיליע ווייסענבערג. אַ מוטער מיט צוויי זין, וואָס וואוינען שוין אין אַן אייגן הויז. האָט זיך די פאַמיליע קוים געראַטעוועט פון ווין, ווען היטלערס האָרדעס האָבן די שטאָט פאַרכאַפּט. זיינען אַנטלאָפן קיין שאַנכיי (כינע), און פון דאָרטן זיך געראַטעוועט קיין ארץ ישראל. און דער זון חיים, וואָס האָט שוין נישט געקענט ענדיקן אין ווין דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, אַרבעט איצט אין קופּת־חולים קליניק אין חדרה.

האָט די מוטער, אַן עלטערע, אינטעליגענטע פרוי, צוגעגרייט אַ יום טובדיק ארץ־ישראל מיטאָג צוליב דעם גאַסט פון מעקסיקע.

אַ ווינער געמיזע־זופּ, אַ ישראל־סאַלאַד, אַ חדרה־הינדעלע, און אַ פלאַש געשמאַקן ראשון־לציון וויין...

האָב איך שוין דעם גאַנצן טאָג פאַרברענגט אין דער שמעקנדיקער, צעגרינטער חדרה. פאַרנאַכט האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט וואָס שטייט איצט אין זוניקע פרילינג־טעג, אַרומגענומען מיט פאַרזייעטע פעלדער, מיט שמעקנדיקע פּרדסים, וואָס ציִיטיקן זיך שוין מיט זייער גערעטעניש, אויף דער פּרוכטבאַרער, מעוברתדיקער ערד אין צעבליטן שומרון.

דינסטיק, דעם 14-טן אַפּריל

כ׳בין שוין צוריק אין דער ליכטיקער, ברויזנדער תל־אביב.

היינט האָב איך באַשטעלט אַ פּלאַץ, ביים פריינט משה כהן אין רייזע־ביוראָ „מונדוס״, צו פאָרן מאָרגן באַלד אינדערפרי אויף אַ „טיול״ אין גליל, אויף דריי טעג.

זיינען פאַראַן עקסקורסיעס צו 25 טוריסטן אין אַ גרויסן אויטאָבוס. און עס זיינען אויך דאָ קלענערע גרופּעס טוריסטן, וואָס פאָרן אין אַן אויטאָ צו זעקס מענטשן, און דער זיבעטער איז דער „נהג״ (נאַהאַג), דער שאָפער. האָב איך טאַקע אויסגעקליבן די קלענערע גרופּע. וועט אוודאי זיין ווייניקער טומל און מ׳וועט זיך בעסער איינאָרדענען אויפן וועג.

קלענער דער עולם — גרעסער די שמחה...

זעט היינט אויס די שטאָט אַ סך לעבעדיקער. אויף דער רוישנדיקער אַלענבי גאַס איז אַ געדרענג לעבן די געשעפטן אויף ביידע זייטן גאַס. די קראָמען זיינען פול מיט טוריסטן, הערט מען דאָ רעדן ענגליש, ווי אויף אַ ניו יאָרקער גאַס...

די טויזנטער טוריסטן, וואָס זיינען געקומען קיין ישראל אויף פּסח, האָבן זיך מיטאַמאָל צוגעכאַפּט צום קויפן...

וואָס איז די גדולה?

די רעגירונג האָט דאָך שוין באַשטימט דעם קורס פון דאָלאַר: אַ פונט מיט אַכציק פּיאַסטער פאַר אַ דאָלאַר.

בענטשן טאַקע איצט די טוריסטן דעם פינאַנץ־מיניסטער לוי אשכול. שיקן אים טויזנטער ברכות, און זיינען שטאַרק צופרידן וואָס ישראל האָט אַזאַ קלוגן מיניסטער, וואָס האָט דאָך געראַטעוועט די לאַגע און די קעשענעס פון די טוריסטן... און באַשטימט כמעט צוויי פונט פאַר איין דאָלאַר.

ער איז דאָך אַ פּערפעקטער דזשענטלמאַן, דער ישראל־מינים־טער...

אַ פרייד, אַ שמחה, אַ גרויס צופרידנקייט פון טויזנטער טוריסטן. מ׳דאַרף דאָך שוין מער נישט צאָלן מיט קיין דאָלאַרס, ניין! בלויז מיט פונטן, מיט ישראל־פונטן. מיט ישראל־פונטן וועט מען צאָלן איז די האָטעלן, מיט פונטן וועט מען אַלץ קענען קויפן.

זיינען טאַקע די געשעפטן געפּאַקט. די טוריסטן לאָזן זיך וואויל־גיין. קויפן איצט מציאות, בלויז מציאות... זיינען טאַקע איצט, לויט דעם קורס פון דאָלאַר, אַ סך זאַכן פון דער ישראל־אינדוסטריע, ביליקער ווי אין די שטאַטן.

שפּאַציר איך אַזוי געמיטלעך אויף דער אַלענבי גאַס און קום צו ביז דער גרויסער אימפּאָזאַנטער שטאָט־שול.

ווייס איך נישט פאַרוואָס. ווען כ׳גיי אַדורך אַ שול אָדער אַ בית מדרש, ציט עס מיך אַריינצוגיין זען ווי אידן דאַוונען אָדער לערנען.

איז דאָס שוין טאַקע פאַר מיר אַ וואונדער, ווען כ׳זע אין תל־אביב, ווי אידן שטייען אין אַ וואָכנדיקן טאָג און דאַוונען עפּעס אַזוי האַרציק, ווי אַמאָל־אַמאָל אין פּוילן. עפּעס נעמט מיך אַרום אַ היי־מישקייט און אַ בענקשאַפט צו די פרומע, גאָטפאַרכטיקע אידן, וואָס האָבן אַן אינהאַלט אין זייער אידישקייט...

שטייט דאָך די גרויסע שיינע שול אַ גאַנצע וואָך ליידיק. און מ׳דאַוונט דאָרט בלויז שבת און יום טוב. גיי איך ווידער אַראָפּ אונטן אין קליינעם שולכל, וואָס געפינט זיך אונטער דער גרויסער שול, און באַטראַכט די אידן וואָס קומען דאָרט צען אַזייגער אינדערפרי דאַווּ־נען שחרית.

עפּעס אַ מאָדנע נייגעריקייט ציט מיך צו זען, ווער זיינען דאָס די דאַוונער אין קליינעם שולעכל.

שטייען תמיד ביי דער מיר עטלעכע ברוין־הויטיקע תימנער אָרע־מע אידן און בעטן נדבות. גיב איך איינעם צען פּרוטות (הונדערט פּרוטות איז אַ פּיאַסטערס איז אַ פונט).

גיט מיך דער צווייטער איד, מיט אַן איינגעפאַלן טונקל פּנים, אַ ציי ביים אַרבל: בקשה אדוני. גיב איך אים אויך צען פּרוטות. אָבער אַ דריטער אָרעמאַן מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע בעטנדיקע אויגן, דינגט זיך שוין מיט מיר. ער האַלט אויסגעצויגן די האַנט מיט דער נדבה און דרייט מיטן קאָפּ: זה לא די אדוני (דאָס איז נישט גענוג מיין האר). און בעט שוין אויף דריי שפּראַכן: געלט, מאַני, מאַני, כסף כסף... זה מעט! (דאָס איז ווייניק).

גיב איך שוין אלע דריי נאך צו צען פּרוטות. אז דאוונען דאוון איך נישט, זאלן כאָטש עפּעס פאַרדינען די אָרעמע "שטאָט-געסט, וואָס היטן תמיד אָפּ די שוועל פון שול, און וואַרטן אויף א פאַרבלאָנד־זשעטן טוריסט, וואָס גיט זיי אמאל א גאַנצן פיאַסטער אויך...

האָב איך טאַקע באַלד אינדערפרי געכאַפּט א כשרע מציאה אין א שול, אין דער גרויסער תל־אביב...

גיי איך שוין צו שפּעטער אַביסל, אין דער רעדאַקציע פון דער „לעצטער נייעס". איז אָבער קאָלעגע צאַנין איצט פאַרנומען אין דרוק־קעריי אויף דער אַנדערער זייט לעווינסקי גאַס.

באַטראַכט איך פאַמעלעך די אַרומיקע גאַסן, פון יידישן וואָרט, פון יידישן לשון. געפינט זיך נישט ווייט פון דער רעדאַקציע „לעצ־טע נייעס", אויך די רעדאַקציע פון „די גאָלדענע קייט".

און ווי סימבאָליש!

מיט צוויי גאַסן ווייטער ציט זיך א שטילע לאַנגע גאַס: רחוב י. ל. פּרץ. די י. ל. פּרץ גאַס.

זעט דאָס טאַקע אויס, ווי די מעטאַלענע שילדלעך אויף דער גאַס, מיט די העברעאישע אותיות י. ל. פּרץ. לייכטן מיטן גייסט פון דעם אומשטערבלעכן שאַפער, קעמפער און פאָטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. די אותיות לייכטן מיטן גייסט פון זיין פלאַ־מענדיקער יידישער נשמה, און דערמאָנען אַלע תלמידים זיינע, אויפ־צוהאַלטן דעם ברענענדיקן פאַקל פון דער יידישער קולטור.

האָב איך געטראָפן קאָלעגע צאַנין אין דרוקעריי זיצנדיק ביי א טישל, און דורכקוקן עטלעכע קאָרעקטורן פון פרייטיקדיקן נומער, „לעצטע נייעס".

איז פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג, ווען מיר האָבן זיך שפּע־טער אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָ, צו פאָרן אין א קאַפע שמועסן אַביסל ביי א טעפּעלע הייסע קאַווע. האָב איך זיך טאַקע געוואונ־דערט: א רעדאַקטאָר פון א אידישער צייטונג אין ארץ ישראל — און מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל?

ווייזט אויס, אז פון לעבעדיקן אידישן וואָרט, קען מען נאָך לעבן... און טאַקע נאָך פאָרן אין אַן אייגענער קאַטשע, אין ארץ ישראל...

שטייט די ליטעראַרישע קאַפע „כסית" אין א שטילער גאַס נישט ווייט פון ים, וואו ס'טרעפן זיך שרייבער, אַקטיאָרן און קינסטלער. זיצן אין א קליינעם גאָרטן לעבן אַריינגאַנג פון קאַפע,

עטלעכע אַקטיאָרן ביי קליינע טישלעך, און זופּן פּאַמעלעך שוואַר־צע טעפּעלעך קאַפע, און גרויסע גלעזער טיי, וואָס זיינען אריינ־געשטעלט אין עפּעס מאָדנע מעטאַלענע גלאָז־האַלטערס... דאַכט זיך מיר, אז טיי האָט אַ בעסערן טעם און איז טאַקע געשמאַקער, ווען כ'דערפילט די וואַרעמקייט פון גלאָז דורך די פינגער... און נישט האַלטן אַ הייסע גלאָז טיי ביים אויערל פון קאַלטן, מעטאַלענעם גלאָז־האַלטער...

זיינען באַלד צו אונדזער טיש צוגעקומען די פירער פון גאָלד־פאַדן־טעאַטער און אָנגעהויבן רעדן מיט פריינט צאַנין, וועגן די נאָמיצן פון זייער פאָרשטעלונג שולמית, דעם קומענדיקן שבת.

מיטאַמאָל גיבן מיך פּלוצים אַ כאַפּ אַרום צוויי שטאַרקע הענט, און כ'הער הינטער מיר אַן אויסרוף: חבר ווייסבוים, וואָס טוט איר דאָ? גאָט מיינער! איר זענט דאָ אין ישראל?

כ'דריי זיך גיך אוים און דערזע דעם באַקאַנטן אַקטיאָר בן יעקב פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק געווען מיט זיין פרוי ביי אונדז אין מעקסיקע. זיצן מיר שוין צוזאַמען און לאָזן זיך וואוילגיין ביי הייסער טיי, קאַפע מיטן קוכן. איז שוין פריינט בן־יעקב דאָ עטלעכע וואָכן אין ישראל, און שפּילט צוזאַמען מיט זיין פרוי קליין־קונסט פאָרשטעלונגען.

האָט קאָלעגע צאַנין געמוזט צוריק פאָרן אין רעדאַקציע, און איך האָב שוין פאַרברענגט אַביסל אין קאַפע מיט די אַקטיאָרן.

זיצט לעבן מיר דער פירער פון גאָלדפאַדן־טעאַטער הערש האַרט, און ווייזט מיר, ווי אַזוי ער האָט אַביסל מאָדערניזירט דעם טעקסט פון שולמית. באַקלאָגט זיך אויך פריינט האַרט אויף דעם באַרימטן שרייבער און דראַמאַטורג דוד פינסקי.

האָט דער זקן הסופרים דוד פּינסקי וואָס וואוינט אין חיפה, צו־געזאָגט צו שטיצן די אַקטיאָרן ביים גרינדן דעם גאָלדפאַדן־טעאַ־טער. אָבער איצט האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. ער וויל זיי זאָלן שפּילן ליטעראַרישע פּיעסן, אָבער די אַקטיאָרן פון דער טרופּע זיינען בעסער צוגעפּאַסט צו שפּילן אָפּערעטן. גיט מיר דער פירער פון גאָלדפאַדן־טעאַטער אַ ברייוועלע פאַר זיינע חברים אַקטיאָרן אין לאַנדסלייט פון לעמבערג, מאָרים און גניע געלבער אין מעקסיקע. האָב איך זיך געזעגנט מיט די אַקטיאָרן, און אַוועק מיט פריינט בן יעקב צו זיין האָטעל שלמה המלך, אויף דער שלום עליכם גאַס,

נישט ווייט פון ים. זיינען מיר שפּעטער געגאַנגען מיט זיין פרוי אין אַ היימישן רעסטאָראַן עסן מיטאָג, און דאָרט ווידער געטראָפן עט־לעכע אַקטיאָרן און שרייבער.

יאָ, אידישע אַקטיאָרן שפּילן אידיש־טעאַטער אין ארץ ישראל — און עסן אויך מיטאָג...

האָט דאָס אַלץ אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, אַז דאָרט וואו ס'איז דאָ אַן אמת יידיש לעבן, המשך, זיינען אויך דאָ העברעאישע און אידישע צייטונגען. העברעאישע און אידישע שרייבער, העב־רעאיש און אויך אידיש־טעאַטער.

כ'האָב געזען ווי אידיש לעבן גייט ווידער אויף אין ארץ ישראל. יאָ, אידישן המשך, האָב איך געזען אין ארץ ישראל!

האָב איך נאָכמיטאָג געמאַכט אַ שפּאַציר אין די ברייטע ראָט־שילד־אַלייען (שדרות־רוטשילד), וואָס שניידן אדורך די צענטראַלע אַלענבי גאַס, און ציען זיך אוועק ווייט דורך אַנדערע גאַסן. שטייען שוין דאָ די ביימער מיט געדיכט־באַבלעטערטע גרינע צווייגן. דאָס אַרומגעשניטענע גרינע גראָז שמעקט און דערמאָנט די אידן, וואָס זיצן זיך אַזוי במנוחהדיק אויף די אויסגעשטעלטע בענק, אַז אויף גאָטס וועלט איז איצט פרילינג.

בלייב איך שטיין לעבן מאָנומענט פון די ערשטע גרינדער פון תל אביב.

אויף אַ גרויסן מירמלשטיינערנעם טאָוול, זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון די ערשטע שאַפער און בויער פון דער לעבעדיקער שטאָט תל אביב.

איז דער מאָנומענט אַוועקגעשטעלט אין סאַמע האַרץ פון דער שיינער, צעבליטער ראָטשילד־אַליע.

שטיי איך און טראַכט: אידן האָבן דאָך אין אַלע לענדער גע־האָלפן בויען דערפער און שטעט. האָט מען דען די אידישע שאַפער און בויער, ווען עס איז, געשטעלט אַ מאָנומענט? האָט מען דען כאָטש פאַרשריבן לדורות צו געדענקען, אַז אידן האָבן אוועקגעגעבן זייער פלייס און ענערגיע, צו העלפן בויען שטעט און שטעטלעך און רייך מאַכן די לענדער וואו זיי וואוינען?

איז מען טאַקע אין אָנהייב צופרידן מיטן אידישן שאַפן און בויען, מיט דער אידישער שפּרודלדיקער ענערגיע. אָבער שפּעטער? אַביסל שפּעטער? שפּעטער פאַרגעסט מען און מען מאַכט זיך פאַר־געסן, דעם אידישן אויפטו פאַרן לאַנד...

אָבער דאָ, אין דער ערשטער אידישער שטאָט, וואָס אידן האָבן אַליין געבויט, אַ שטאָט אויף אַ ליידיקן שטח זאַמדיקן־באָדן, מיט 44 יאָר צוריק, און אַ נאָמען געגעבן תל אביב (דער פּרילינג־באַרג). דאָ אין דער אידישער שטאָט — אין אידישן לאַנד, זיינען די אידישע גרינדער פון דער שטאָט, פאַראייביקט און פאַרשריבן לדור־דורות, אויף אַ מאָנומענט וואָס שטייט אונטער שאָטנדיקעביימער, אין דער שיינער אַלייע, אין הארץ פון תל־אביב.

גייט מען אַדורך די אַלייען, שטעלט מען זיך אָפּ ביים מאָנו־מענט, און מ׳דערמאָנט די ערשטע גרינדער און שאַפער פון תל אביב, מיט כבוד און רום, זייער אייביקן אָנדענק.

שטייט נישט ווייט פון מאָנומענט, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, די אימפּאָזאַנטע געביידע פון תל אביבער מוזייאום, וואו מען האָט מיט פינף יאָר צוריק, דערקלערט פאַר דער גאַנצער וועלט, די היס־טאָרישע דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט פון דער אידישער מדינה, די זעלבסטשטענדיקייט פון ארץ ישראל, פאַרן פאָלק ישראל.

בין איך שוין מיד פון ארומגיין אַ גאַנצן טאָג. גיי איך פאַר־נאַכט אריין אין אַ גרויסער קאַפע אין עק אַלענבי גאַס. זעץ זיך ביי אַ טישל און דער קעלנער דערלאַנגט מיר אַ היים טעפּעלע שוואַר־צע קאַווע.

איז די קאַפע שטענדיק פול מיט אידן, קיין עין הרע; דאָ קען מען רעדן גאַנץ הויך, קיינער וועט אייך חלילה נישט הערן, ווייל אַלע רעדן דאָ הויך, ווי אויף אַ היימישער שמחה... מ׳הערט דאָ רעדן עטלעכע שפּראַכן: העברעאיש, אידיש, ענגליש און טאַקע אביסל דייטש אויך.

די מענטשן ביי די טישלעך גייען גאַנץ פיין, עלעגאַנט אָנגע־טאָן. רויכערן, טרינקען קאַפע אָדער טיי און זעען טאַקע, קיין עין הרע, אוים גאַנץ גוט. און מ׳דערקענט נישט אויף זיי חלילה, אז אין לאַנד איז דאָ אַ „צנע"...

ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ׳זיץ איצט אין אַ קאַפע ערגעץ אין מעקסיקע, אין די שטאַטן, אָדער אין פאַריז... דאָ איז תמיד לעבע־דיק ווי אויף אַ בערזע. מ׳רעדט וועגן וואַליוטע. פונטן, דאָלאַרן, שטיינער און פאָלן. מ׳רעדט פון בריליאַנטן און מגרשים (פּלעצער), פון הייזער און פאַבריקן — און אביסעלע פּאָליטיק אויך...

זיצט לעבן מיר אַ איד ביי אַ ליידיק טישל. דרייט מיטן קאָפּ הין

און צוריק, ווי ער זוכט עמיצן. קוקט ער אויף מיר, איז נישט גע־נוג דרייסט, ווייסט נישט ווי אָנצוהייבן. מיטאמאָל גיט ער מיך אַ פ־רעג: סליחה אדוני (אנטשולדיקט מיין הער), איר זענט אַ טוריסט?

יאָ, זאָג איך, אַ טוריסט.

מ׳קען זיך זעצן ביי אייער טישל? פרעגט ער מיך, נישט גאַנץ זיכער.

יאָ, יאָ זאָג איך אים. קומט אַהער, זיצט, זיצט ר׳ איד, זיצט.

דער איד אַ געפּאַקטער. מיט אַ קיילעכדיק פּנים און בליציקע גרויסע אויגן, זעצט זיך ביי מיין טישל און ער הייבט באַלד אָן צו רעדן: כ׳האָב באַלד געוואוסט, אַז איר זענט אַ טוריסט. וואָס דען? מ׳דערקענט אַ טוריסט, מ׳דערקענט אַן אמעריקאַנער, אוודאי אַן אַמעריקאַנער! זאָגט ער מיר מיט אַ חניפהלע. איך בין אַמאָל געווען אַ קבלן (קאָנטראַקטאָר), היינט בין איך אַ קאָמיסיאָנער. נישקשה, אַ דאַנק גאָט, ס׳איז דאָ פּרנסה. אפשר, מיסטער, ווילט איר קויפן עפּעס. כ׳ווייס? אפשר אַ מגרש (אַ פּלאַץ צו בויען). אפשר אַ הויז, אַ גע־שעפט? איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. מ׳קען מיך דאָ אין קאַ־פע, כ׳האָב שוין דורכגעפירט גרויסע געשעפטן, און טאַקע גאַר גרוי־סע געשעפטן!

הייס איך דעם איד געבן אַ קאַפע און זאָג אים, אַז כ׳זיך נישט קיין געשעפטן און וויל גאָרנישט קויפן. כ׳בין אַ אידישער שרייבער פון מעקסיקע.

דער איד דערפרייט זיך און הייבט אָן רעדן גיך־גיך אויף אַ ווייכן פּוילישן אידיש: אַזוי אַזוי? אַזש פון מעקסיקע? יפה, יפה (יאַפע, גוט), קען מען דאָך מיט אייך רעדן אָפן? אפשר ווילט איר ביַיטן דאָלאַרן? ס׳איז בסדר (אין אָרדענונג), כ׳גיב אַ גוטן פּרייז, זייער אַ גוטן פּרייז. אין באַנק גיט מען דאָך אייך אַ פונט מיט אַבציק פאַר אַ דאָלאַר, יאָ, האַ? אמת? איך גיב אייך צוויי פּערציק פאַר אַ דאָלאַר... ס׳איז בסדר, איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן.

דערקלער איך דעם איד, אַז כ׳דאַרף נישט בייטן קיין געלט. גיט ער מיך גיך אַ פרעג, נו, ווי געפעלט אייך עפּעס אונדזער מדינה?

מיר, זאָג איך אים רואיק, און זופּ פּאַמעלעך די געשמאַקע קאַ־פע, מיר געפעלט דאָ אַלץ. די קיבוצים, די שטעט און שטעטלעך. אַלץ איז דאָך דאָ אַזוי שיין, אַזוי אינטערעסאַנט, ישראל בויט זיך!

דער איד ווערט אַביסעלע בייז, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, און

הייבט אָן האָגלען מיט ווערטער גיך־גיך: וואָס זאָגט איר מיסטער? אייך געפעלט דאָ אַלץ? אַזוי, אַלץ געפעלט אייך? ס׳איז נישט אַזוי ווי איר מיינט מוסטער, אָ, ניין! אַ טוריסט זעט נישט אַלץ, איר פאַרשטייט אדוני, פאַר אייך איז אַלץ דאָ. אַ טוריסט קריגט געניג עסן אין די האָטעלן, אין די רעסטאָראַנען. איר קענט קויפן וואָס איר ווילט, אָבער מיר נישט. ניין! מיסטער. דער ישראל בירגער קען נישט אַלץ קויפן און נישט אַלץ עסן אפילו פאַר געלט.

איר פאַרשטייט אדוני, מיטן עסן טויג נישט, ניין, ס׳טויג נישט מיסטער. נישטאָ קיין פּיצל פלייש, מ׳גיט נישט! און אויפן שווארצן מאַרק איז דאָך פלייש בראַנד־טייער... און ביי מיר, זעט איר, איז אַ מיטאָג אָן פלייש גאָר קיין עסן נישט. אָן דעם שטיקל פלייש גיי איך ארום הונגעריק, כ׳בין דאָך קיינמאָל נישט זאַט.

אמת, אויף פסח האָט מען געגעבן אַ גרעסערע פּאָרציע פלייש. אָבער כ׳האָב געמוזט צוקויפן אָן עוף אויף יום טוב, און אָן עוף איז דאָ ביי אונדז מיט גאָלד צוגליך. און ווייסט איר מיסטער, ווער ס׳איז שולדיק אין דעם? די רעגירונג, די מפא״י, די הסתדרות, און שולדיק איז אויך די — — —

שטעל איך אים גיך אָפּ און פרעג אים שוין אַביסל העכער: זאָגט מיר נאָר ר׳ איד, און ביי אייך אין קליינעם שטעטל, האָט איר אַלע טאָג געגעסן פלייש? כ׳מיין, אַז נישט אַלע אידן האָבן געגעסן פלייש אַלע טאָג. די מערסטע אידן האָבן דאָך געגעסן פלייש בלויז לכבוד שבת אָדער יום טוב. און איר ר׳ איד זעט, קיין עין הרע, אוים אָן דעם „סיר הבשר״, אָן דעם פלייש־טאָפּ, הלוואי אויף אַלע הונגעריקע געזאָגט...

איר האָט נאָר אין זינען די אכילה, דעם מאָגן אייערן. נו, פאַר־וואָס זאָלט איר בעסער נישט העלפן, עס זאָל זיין געניג מילך, אייער און גרינצייג. אפשר וואָלט איר גלייכער געגעבן אָן עצה אָט די שיי־נע, געזונטע, יונגע אידן, קיין עין הרע, זיי זאָלן נישט זיצן אין דער טומלדיקער פאַררויכערטער קאַפע, און גיין גלייכער אין אַ דאָרף אריין, און העלפן דעם לאַנד פּראָדוצירן די נייטיקע לעבנס־פּראָדוקטן. אין דאָרף, אין די קבוצות, פעלט דאָך חלילה נישט קיין עסן.

דער איד גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל אויף, קוקט אויף מיר מיט באַדויערן. שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַלט גיך ווי אַ מיל: אַזוי אדוני. איר האַלט מיט דער רעגירונג, מיט מפא״י? אַ שאָד, אַ שאָד. אוודאי,

אוודאי, אייך איז גוט. וואָס דען? איר פאָרט זיך צוריק אין אייער אַמעריקע, אין אייער מעקסיקע. איר וועט דאָרט לעבן אַ גוטן טאָג, מיטן גרויסן ביפשטיק.

נו, אדרבה, קומט אַהער און לעבט אַ גאַנצע וואָך אויף אַזאַ קרישקעלע פליש, אַט־אַט אַזוי די גרויס... וועט איר אויך נישט זיין צופרידן און סטענקען אַזוי ווי איך. נו, כ'זע, אַז קיין פרנסה וועט דאָ נישט זיין. שאַלאָם, שאַלאָם, אַ דאַנק פאַר דער קאַפע, שאַלאָם!

דער איד גייט גיך אַוועק אַ ברוגזער און זעצט זיך ביי אַן אַנדער טישל. לעבן זיינע פריינט. כ'באַצאָל פאַר דער קאַפע. לאָז איבער דעם פליישיקן איד מיט דער טומלדיקער קאַפע, מיט די פונטן, דאָ־לאַרן, בריליאַנטן און מגרשים.

כ'לאָז איבער די ארץ ישראלדיקע מנחם־מענדלס, וואָס חלומען און וואַרטן אויף גרויסע געשעפטן און פעטע פאַרדינסטן. כ'גיי גלייך צו אַהיים זיך אויסרוען אַביסל. מאָרגן אינדערפרי דאַרף איך דאָך פאָרן אויפן „טיול" אין גליל.

מיטוואָך דעם 15־טן אַפּריל

היינט בין איך אַרויסגעפאָרן אויפן טיול אין גליל.

נײַן אַזייגער אינדערפרי, האָב איך שוין געוואַרט אין דער רייזע־ביוראָ „מונדוס". איז טאַקע באַלד אָנגעקומען אַן אויטאָ מיט טו־ריסטן, וואָס זיצן שוין דאָרט פון פריער. כ'נעם מיין רענצל און גיי אַריין אין אויטאָ.

פון פאָרנט ביים רעדל זיצט אַ הויכער, פעסט־געבויטער דייטש־שער איד, דער „נהג", דער שאָפער, וואָס רעדט אַ גאַליציאַנער אי־דיש, העברעאיש און אויך ענגליש. אינמיטן אויטאָ זיצן שוין אויך דריי טוריסטן, איז פאַר מיר געבליבן אַן אָרט אין אויטאָ פון הינטן, צווישן צוויי טוריסטן: אַ דיקער אַמעריקאַנער איד, אַ מזרחי, פון איין זייט אַ בעלגישער איד (נישט אַזאַ דיקער), און איך נעבעך אינמיטן...

איז דאָס זיצן אין אויטאָ נישט געווען אַזוי באַקוועם.

אַמעריקע פון איין זייט. בעלגיע פון דער צווייטער זייט — און מעקסיקע אינמיטן...

נאָר גאָרנישט, מ'וועט נישט צעקוועטשט חלילה צווישן אידן... יעדער גיט זיך אַביסעלע אַ רוק־אַוועק אין אַ זייט און פאַרטיק, מ'זיצט שוין!

פון פאָרנט, אינמיטן אויטאָ, זיצט אַן אַמעריקאַנער איד אויך אַ מזרחי, און אַן ארץ ישראל דאָקטאָר, אַ געבוירענער אין איראַק, מיט זיין יונגער אידישער פרוי פון רומעניע.

איז דאָך דאָס אַן אויסערגעוויינלעכער קוריאָז, וואָס קען זיך טרעפן נאָר אין ארץ ישראל...

אין אויטאָ זיצן זיבן אידן פון זעקס לענדער: פון אַמעריקע,

מעקסיקע, בעלגיע, רומעניע, דייטשלאַנד און פון איראַק.

אָבער איין געדאַנק פאַרייניקט דאָך די טוריסט אין אויטאָ. איין געפיל האָבן דאָך די אידישע הערצער און נשמות — ארץ ישראל!

אַט זיצן אין אויטאָ אידן פון זעקס לענדער, און דאָך קלאַפּן זייערע הערצער מיט איין פאַרלאַנג — ארץ ישראל. מיט איין ווילן — זעען דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות, און אַלע מיט איין וואונטש — מדינת ישראל זאָל ווערן אויפגעריכט און אויפגעבויט.

יאָ, דאָס איז טאַקע דער גוואַלדיקער כוח פון אַ דורות־לאַנגן חלום, וואָס ברענגט צוזאַמען טויזנטער אידן פון אַלע תפוצות־ישראל, פון ארבע פינות העולם, צו זעען מיט זייערע אייגענע אויגן דעם וואונדער פון עם ישראל חי — אין ארץ ישראל... גיט דאָך דאָס הארץ אַ ציטער ביי יעדן איד, ווען ער פילט, אַז ער טרעט איצט אויף אייגענער ערד, אויף דער הייליקער ערד, וואו ס'איז געשאַפן געוואָרן דער ספר־הספרים — דער תנ״ך, די משנה און דער תלמוד־ירושלמי.

זיצן אָבער איצט אין אויטאָ אידן מיט פאַרשידענע מיינונגען, פון פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, ווי אַזוי די אידישע מדינה זאָל געבויט ווערן...

אינטערעסירט טאַקע יעדן טוריסט צו זעען אויפן וועג, דאָס וואָס איז אים נענטער צום הארץ, נענטער צו זיינע געפילן און אידייען.

זיינען מיר נאָר ארויסגעפאָרן הינטער תל אביב. אריבער געפאָרן דעם תמיד רואיק־פליסנדיקן ירקון־טייך, וואָס פאַלט אריין אין ים, פאַרקירעוועט זיך אויפן גלאַטיקן שאָסיי, וואָס גלאַנצט איצט אונטער דער צעשטראַלטער זון. האָט באַלד דער גוטמוטיקער „נהג״ (נאַהאַג, שאָפער), וואָס קען שוין אויסגעבונדן אַלע ווינקעלעך פון ארץ ישראל, און האָט שוין געפירט הונדערטער טוריסטן אין אַלע עקן פון לאַנד. אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, זיך אויסגעדרייט צו זיינע פּאַסאַזשירן, און קודם כל אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל:

אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זאָל איך רעדן און אַלץ דערקלערן אייך אויף די וועגן וואו מיר פאָרן?

איז טאַקע ווידער ארויפגעקומען די אַלטע קשיא פון אידישן וועלט־פאָלק — שפּראַכן! ווידער די אַלטע פאַרפלאָנטערטע שפּראַכן־פראַגע...

נו, טאַקע, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זאָל נעבעך דער ישראל־שאָפער רעדן?

האָבןביידע אַמעריקאַנער געענטפערט, ענגליש! זיכער ענגליש, וועַר פאַרשטייט דען נישט קיין ענגליש?

האָט דער בעלגישער איד געשאָקלט מיטן קאָפּ — ניין, ניין! ער פאַרשטייט נישט קיין ענגליש. ער קען נאָר צוויי ענגלישע ווערטער: אָלרייט און גודביי... ער רעדט בלויז אידיש און אויך פראַנצויזיש. האָט דער ישראל דאָקטאָר דערקלערט אַ שמייכלדיקער, אַז ער פאַר־שטייט בעסער „איווריט" (העברעאיש), נאָר זיין פרוי פאַרשטייט אַ חוץ רומעניש, אידיש און פראַנצויזיש, אויך ענגליש. זאָל מען רעדן גלייכער ענגליש וועלן אַלע פאַרשטיין.

האָב איך געמאַכט אַ פשרה צווישן דעם שפּראַכן־געמיש: זאָל דער „נהג" רעדן אידיש און אויך אַביסל ענגליש — און אַזוי איז טאַקע געבליבן.

זיינען מיר נאָך אַ האַלבע שעה פאָרן אין עמק השרון געבליבן שטיין לעבן דעם מזרחי־דאָרף כפר־בתיה. גייען מיר אַרויס פון אויטאָ, גלייכן זיך אויס אַביסל די פיס און גרייטן זיך אַריינצוגיין אין גרויסן דאָרף.

ס'איז אַ וואונדערלעכער, ליכטיקער פרילינג־טאָג. די זון באַגיסט מיט אירע מילדע שטראַלן, די אַרומיקע אָפענע פעלדער און פרדסים מיט די שאָטנדיקע, שטאָלצע ציפּרעסן, וואָס ציען זיך פון ביידע זייטן שאָסיי.

די לופט איז עפּעס אַזוי פריש, אַזוי מחיהדיק. פון די פאַרזייע־טע פעלדער ווייעט איצט עפּעס אַזאַ שמעקנדיקע זיסקייט. עפּעס אַ:אַ קילע, סאַמעטענע ווייכקייט, נעמט אַרום דאָס פּנים און גלעט די באַקן. די לויטערע ריינע לופט דרינגט אַריין אין די לונגען און דערפרישט דעם גאַנצן מענטשלעכן גוף. זאָגט דאָך די גמרא: אווירא דארץ ישראל מחכים. די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג...

אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי?

אָבער אין אַ ליכטיק־זוניקן פרימאָרגן, אין צעבליטן פרילינג. צווישן אויסגעשפּרייטע פעלדער מיט פאַרזייעטער זריעה, וואָס שפּראָצט שוין, גייט אויף און באַדעקט שוין די לאַנגע בייטן, וואָס ציען זיך ערגעץ אַוועק אין סימעטרישע שורות. און פרדסים מיט שורות בייי־ביקע ביימער, וואו עס צייטיקן זיך שוין די פּאַמעראַנצן, ווי גאָל־דענע אויגן צווישן גרינע בלעטלעך.

איז טאַקע איצט די ארץ ישראל לופט פול מיט גן־עדן ריחות.

איז טאקע די ארץ ישראל לופט א דערקוויקונג, א היילונג פארן מענטשלעכן גוף און א באלזאם פאר דער נשמה.

יא, כ'האב דאס איצט דערפילט אויף די זוניקע וועגן פון עמק השרון.

אווירא דארץ ישראל. די ארץ ישראל לופט אין א געבענטשטן פרילינג־טאג.

האבן די אמעריקאנער מזרחיסטן געבעטן מ'זאל אריינגיין באזוכן דעם מזרחי־דארף כפר־בתיה.

איז כפר־בתיה א קינדער־דארף, וואו ס'ווערן דערצויגן און געלערנט 450 קינדער אין פארשידענעם עלטער. און דאס דארף ווערט געשטיצט פון די קאנאדער און אמעריקאנער מזרחי־פרויען ארגאניזאציע.

איז אונדז אקעגנגעקומען דער „מדריך", א סימפאטישער יונגערמאן מיט א יארמולקע אויפן קאפ, און באגריסט די אורחים אויף העברעאיש און ענגליש. שטייען מיר אין א רעדל אויף דארפישער ערד און דער מדריך אינמיטן. ער רעדט בלויז העברעאיש אדער ענגליש, איז געבליבן — ענגליש...

פירט אונדז אריין דער „מדריך" אין א גרויסן, שיין־מעבלירטן זאל. די טישן, שטענדערס און שטולן זיינען געמאכט פון בעסטן האלץ און גלאנצן פון ריינקייט און פרישקייט. דא לערנען די בחורים נאך דער ארבעט, און דא דאוונט מען אויך אלע טאג בציבור.

אין ביורא פון דארף שטייט מאדערנע מעבל מיט שרייב־מאשינען, און אויף דער וואנט הענגט דאס בילד פון הרב מאיר בר־אילן.

ווערן אויך די תלמידים געלערנט מלאכות.

גייען מיר פון איין אפטיילונג אין צווייטן. שטייען אין א לופטיקן זאל דערוואקסענע בחורים אין יארמולקעס, ביי וועב־מאשינען און וועבן לייוונט. ס'איז אויך דא א שוסטעריי. שטייען אין שוך־ווארשטאט מאשינען, וואו די פרומע בחורים מאכן שיך פארן גאנצן דארף.

אין דער סטאלעריי, אין דער שלאסעריי שטייען איצט די פרומע אינגלעך מיט די יארמולקעס אויף די קעפ און ארבעטן געשמאק. מ'זעגט, מ'פיילט און מ'קלאפט.

אין א ליכטיקן זאל זיצן מיידלעך ביי ניי־מאשינען פארנומען מיטן גענייי. ביי לאנגע טישן שטייען מיידלעך אין ווייסע פארטוכער און פרעסן.

אין דער גרויסער גערוימער וועשעריי, שטייען די מיידלעך מיט פארקאשערטע ארבל, ארבעטן און זינגען זיך צו עפעס א שטיל העברעאיש לידל.

הערט זיך אין דרויסן איבערן דארף דאס געדויש פון מאשינען, דאס קלאפן פון האמערס, און דאס געזאנג פון ארבעט צעטראגט זיך אין דער פרישער דארפישער לופט.

האב איך אויך געזען אינדרויסן א פרעכטיק בילד, א דארפישע אידיליע:

אויף דער פרייער פרישער לופט, זיצן אויסגעזעצט אין א האלבן קרייז א גרופע יונגע מיידלעך. די "מדריכה", די לערערקע, זיצט אין צענטער און לערנט מיט אירע תלמידות. באגרים איך די לערערקע מיט די יונגע תלמידות. גיבן זיי זיך מיטאמאל א שטעל אויף און ענטפערן מיט קלינגענדיקע מיידלשע שטימעלעך: שאלאם! שאלאם!

מישן זיך צוזאמען אין דער פרישער פרימארגן־לופט, איבערן גרויסן קינדער־דארף כפר־בתיה, די קולות פון לערנען מיטן קלאפן פון האמערס און מאשין־געדויש.

דער געקלאנג פון ארבעט מיטן קלאנג פון לערנען.

ווערט דא טאקע מקוים דער מזרחי־געדאנק: תורה ועבודה. לערנען תורה און ארבעטן...

זאגט מיר די לערערקע, אז זי קומט פון די שטאטן. צווישן די קינדער פון דארף זיינען דא א סך יתומות און יתומים פון בעלגיע און פון אנדערע לענדער. אבער די קינדער פילן זיך דא ווי אייגענע שוועסטער און ברידער, און מ'לערנט די מיידלעך א חוץ מלאכות, אויך ערד־ארבעט.

כפר־בתיה פארמאגט א גרויסן שטח ערד, צו לערנען די בחורים און מיידלעך אגריקולטור. ס'איז אויך דא א שטאל מיט קי און א „לול", א גרויסער שטייג מיט צוויי טויזנט הינער.

א געבענטשט קינדער־דארף מיט כל־טוב!

פירט מען אונדז דערנאך אריין אין די שפייז־מאגאזינען, וואס זיינען אנגעשטעלט מיט אמעריקאנער כשרע, בלעכענע שפייז־פושקעס.

אין דער ציכטיקער גרויסער קיך, שטייען מיידלעך אין ווייסע פארטוכער און גרייטן צו מיטאק פארן גאנצן דארף. קאכן זיך די מאכלים אין די גרויסע אלומיניום־טעפ, און פארשפרייטן זייערע

געשמאקע ריחות און שארפן דעם אפעטיט אין דער פרישער לופט, אויף דארפישער ערד.

איז מען אונדז מכבד מיט גלעזער „מיץ", מיר שמועסן נאך אביסל מיטן „מדריך" און מיר געזעגנען זיך מיט א סך וואונטשן און ברכות פארן פרעכטיקן קינדער־דארף כפר־בתיה.

זיינען מיר ווייטער געפארן. דער פולער אויטא גליטשט זיך רו־איק און שטיל אויפן ברייטן, גלאטיקן שאסיי, וואס ציט זיך פון תל אביב ביז חיפה.

האבן מיר זיך אפגעשטעלט בלויז אויף א קורצן באזוך אין עטלעכע קיבוצים, אין שטעטלעך און מיר זיינען אריינגעפארן אין זכרון־יעקב.

איז זכרון־יעקב געגרינדעט געווארן, נאך אין יאר 1882, דורך די עולים פון דער ערשטער עליה פון רומעניע. אבער הייסט מיט א נאמען פון דער ראטשילד פאמיליע. זיינען אויך דא אין דעם שטעטל פון פיר טויזנט איינוואוינער, גרויסע וויין־קעלערס. וואו ס׳ווערן געמאכט די בארימטע וויינען, ווי אין ראשון לציון.

וואקסן דא ארום און ארום אויף די בערגלעך און טאלן, די קליינע ביימעלעך מיט דינע וויינטרויבן צווייגעלעך. ווארעמען זיך די זאפטיקע טרויבן אונטער דער צעשטראלטער זון און פארשפרייטן זייערע פעטע ווײַן־ריחות אין דער שמעקנדיקער פרילינג־לופט. פאר־קירעוועט זיך דערנאך דער אויטא אויף רעכטס, און מיר פארן ארויף אויף א שמאלן שאסיי בארג ארויף, לעבן די הרי־אפרים.

פארן מיר שפעטער אביסל אריין אין דעם גארטן־שטעטל „טבעון", פון דריי טויזנט איינוואוינער.

איז דא דער קלימאט זייער א גוטער, א געזונטער. איז טבעון געווארן א געזונט־צענטער, קומען דא זומער הונדערטער געסט אויף וואקאציע. זעט דא אויס, ווי אלץ ארום און ארום, וואלט זיך בא־האלטן צווישן שאטנדיקע ביימער, ברייטע העל־זאמדיקע סטעזשקעס, מיט גרין גראז און שמעקנדיקע בלומען. זעט דאס גארטן־שטעטל מאקע אויס ווי ס׳וואלט דא געווען א פארק מיט פארבארגענע הייזער, וואס שטייען אונטער די שאטנס פון צעוואקסענע ביימער, וואו די זון־שטראלן רייסן זיך קוים דורך צווישן די געדיכט־באבלע־טערטע צווייגן.

זיינען מיר אריין אין לופטיקן רעסטאראן, וואו אונדזער גע־

טרייער פירער האט שוין באשטעלט זיבן געשמאקע מיטאגן. זיצן מיר הונגעריקע ארום טיש און עסן מיט גרויס אפעטיט דאס געשמאקע, פריש־אויסגעבאקן ישראל־ברויט, מיט די ספעציעל צוגעגרייטע מאכלים פאר די אנגעפארענע טוריסטן.

דערקלערט אונדז דער פירער, אז מיר דארפן גארנישט צאלן. די רייזע־ביורא באצאלט שוין פארן פארן, עסן און שלאפן די גאנצע דריי טעג אויפן טיול אין גליל, ביז צוריק אין תל אביב.

דורך די אפענע פענסטער, יאגט אריין אין רעסטאראן א פריש קיל ווינטעלע, און פארשפרייט די שמעקנדיקע פרילינג־ריחות פון דער צעבליטער גארטן־שטאט. עפעס אטעמט זיך איצט אזוי לייכט, אזוי גרינג נאכן געשמאקן, זאטן מיטאג, און ס׳גלוסט זיך נישט אויפצוהייבן פון דער באקוועמער שטול און ווידער זיך ארייננזעצן אין דעם ענגן אויטא...

כ׳זיץ און טראכט:

ווי הארציק און גאסטפריינטלעך ווערן דא, אין ארץ ישראל, אויפגענומען געסט. יא, דא, אין דעם לאנד האט דאך געלעבט דער ערשטער איד און דער גרעסטער מכניס־אורח — אברהם אבינו.

דערציילט דאך דער מדרש, אז אברהם אבינו האט געהאט אין זיין הויז פון אלע פיר זייטן טירן, כדי די אורחים זאלן נישט דארפן זוכן די טיר, און עס זאל זיי לייכטער זיין ארייננצוקומען אין זיין הויז.

שטייען אויך איצט אפן טיר און טויער ביי אברהם אבינוס אייניקלעך...

אומעטום, אין אלע קיבוצים: רעליגיעזע, פועלי־מזרחי, שומר־הצעיר, דערפער און שטעטלעך, ווערן דאך אורחים אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד און גאסטפריינטלעכקייט.

געדענק איך נאך גוט, ווי כ׳בין אמאל אין פוילן, געגאנגען זומער מיט מיין חבר אין זייער סאד אריין, אין א דארף הינטערן שטעטל.

איז טאקע געווען א מחיה ארייננצוקומען אין שמעקנדיקן סאד. מ׳האט זיך דערקוויקט מיט א וויניקער בארנע, מיט אן עפל און עטלעכע פרישע פלוימען. אבער דורכצוגיין דאס דארף ביזן סאד אריין, איז דאך געווען מיט סכנות נפשות, ווי מ׳גייט דורך א בראנד. די שקצים האבן אויף אונדז אנגערייצט די הינט און נאכגעווארפן שטיי־

נער. זיינען מיר קוים מיטן לעבן, בלאָסע און דערשראָקענע אַריין און סאַד.

איצט גייען אידן אַריין אין קיבוצים, אין דערפער אין ארץ ישׂ־ראל, ווי צו אייגענע ברידער, ווי צו זיך אהיים.

עפּעס פילט מען זיך אין אידישע דערפער אַזוי היימיש אַזוי פריי. עפּעס ווערט דאָס האַרץ איבערפולט פון גליק און צופרידנקייט, ווען מ'טרעט אויף דאָרפישער ערד, אין אייגענעם לאַנד...

האָבן מיר זיך אָפּגערוט אַביסל און ווייטער געפאָרן.

פאָרן מיר דורך דעם באַלפור־וואַלד, און דעם גרויסן הערצל־וואַלד מיט צעוואַקסענע בוימער, וואָס שפּרייטן אויס זייערע שאָטנס אויף די וועגן פון שמאָלן שאָסיי. פון לינקס שיילט זיך אַרויס אַ הויכער לאַנגער באַרג. גליטשט זיך דער אויטאָ אויף די באַרג־ראַנדן און מיר פאָרן־אַראָפּ אַביסל נידעריקער, ביז מיר קומען אַריין אין דער היסטאָרישער שטאָט נצרת, וואָס איז אַזוי פאַרהייליקט ביי דער קריסטלעכע רעליגיע.

בלייבט שטיין דער אויטאָ אין אַ זייט גאַס נישט ווייט פון דער אידישער פּאָליציי־סטאַנציע. ווייטער קען שוין קיין אויטאָ די שמאָ־לע גאַסן נישט דורכפאָרן. ציען זיך אין דער אַלטער שטאָט נצרת שמאָלע געסלעך, וואָס זיינען אַריינגעפלאָכטן איינס אין אַנדערן, פון וואַנען ס'איז פאַר אַ פרעמדן שווער אַרויסצוקריכן צוריק אויף דער צענטראַלער גאַס.

האָבן מיר געדונגען אַ „פירער", אַ יונגן קריסטלעכן אַראַבער, וואָס רעדט עטלעכע שפּראַכן און מישט זיי אַלע אויס צוזאַמען... און מיט אונדז האָט ער גערעדט ענגליש. זעט ער אויס, דער שלאַנ־קער יונגער אַראַבער, ווי אַ „שוויצער" מיט אַ דין שטעקעלע אין האַנט, און פייפט זיך צו אַביסל פון גרויס שמחה, וואָס ער וועט באַלד כאַפּן אַ פאַרדינסטל ביי די טוריסטן. גייט ער פאָראויס אַ פרייעלעכער און פירט אונדז ווייזן די היסטאָריש־הייליקע פלעצער אין נצרת.

גייען מיר דורך אַ שמאָלער לאַנגער גאַס, וואָס איז ברוקירט מיט שמוציקע אַלטע שטיינער. קען דאָ בלויז דורכגיין אַן אייזל אָדער אַ קעמל, און די מענטשן מוזן גיין האַרט לעבן די ווענט פון די אַלטע אָפּגעקראָכענע הייזער, מיט פענסטער פאַרמאַכטע מיט איי־זערנע גראַטעס. פון ביידע זייטן גאַס ציען זיך פינסטערע אַראַבישע

קרעמלעך פון שלאָסער, בלעכערס. אראבער שטייען לעבן די קרעמלעך אין לאנגע פארמאכטע קאפאָטעס. פילט זיך דאָ אין די געסלעך דער אמתער ריח־ניחוח...

קומען מיר צו דעם גרויסן קלויסטער, וואו דער מלאך גבריאל האָט אָנגעזאָגט מרימען, אַז זי וועט האָבן אַ קינד מיט גאָטס הילף... גייען מיר אריין אין קלויסטער, לעבן אלטאר מיט הייליקע בילדער ברענען גרויסע געלע ליכט. עטלעכע מאָנאכן אין בלויזע קעפּ מיט לאנגע געוואנטענע קאפּאָטעס, מיט קאפּוטשאָנעס אויף די פּלייצעס, דרייען זיך שטיל ארום מיט פארלייגטע הענט.

פילט זיך דאָ אַ ריח פון ברענענדיקע ליכט, פון ווייראַך, און עפּעס אַ באהאַלטענע מורא אויסגעמישט מיט אַ הייליקייט פון הונדערטער יאָרן, הערשט דאָ אין יעדן ווינקעלע, אין יעדן האַלב־פינסטערן קאָרידאָר.

גייען מיר דערנאָך אריין אין אַ קליין פירקאַנטיק שטיבל. די ווענט זיינען פון גרויסע שטיינער, וואָס זיינען שוין אַלט צוויי טויזנט יאָר... ביים אריינגאַנג איז אויבן אויסגעקריצט אַן אויפשריפט „סינאַגאָג". ביי דער וואנט קעגנאיבער דער טיר, שטייט אַ גרויסער שטיינערנער אלטאר מיט צוויי מעשענע לייכטער. אין אַ ווינקל ליגט אַ פירקאנטיקער גלאַטיקער שטיין.

דערקלערט אונדז דער פירער, אַז דאָ, אין דער סינאַגאָג, האָט דער האר יעזוס געהאַלטן זיינע דרשות צו די אידישע פּויערים פון גליל, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די רוימער. און אויף דעם שטיין איז טאַקע געזעסן דער האר יעזוס, און זיך אָפּגערוט פון זיינע רוימישע פארפאָלגער.

די גאַנצע סביבה: די אלטע קלויסטערס מיט די גלעקער, די טונקעלע שמאָלע קאָרידאָרן, און מיט דעם ברונעם וואַסער פון דער הייליקער בתולה מאריא, מיט די מאָנאַכן און גלחים — ברענגען מיך אריין אין נישט קיין געהויבענער שטימונג...

האָבן מיר דאָך הונדערטער יאָרן, גוט געפילט די „קריסטלעכע ליבע"... און דאָ איז דאָך דער הייליקער צענטער פון דער „קריסטלעכער ליבע". דאָ האָט דאָך דער האר יעזוס געפּריידיקט דערלייזונג, שלום און ליבע פאר דער גאַנצער וועלט.

יאָ, דאָ אין דער אלטער היסטאָרישער נצרת, האָט מען אמאָל־אמאָל, גערעדט פון ליבע פאר דער גאַנצער מענטשהייט...

באַצייט זיך די ישראל־רעגירונג זייער טאָלעראַנט און היט אָפּ

די קריסטלעכע הייליקע ערטער, און ס'איז אויפגעשריבן אויף העב־ברעאיש: מקום קודש. (אַ הייליק אָרט).

האָב איך טאַקע דערפילט אַ דערלייכטערונג, ווען מיר זיינען שוין צוריק געזעסן אין אויטאָ און געפאָרן אויף די בערג לעבן עמק יזרעאל, אויפן וועג צום באַרימטן קיבוץ דגניה „א". ווייעט אַריין אין אויטאָ דורכן אָפענעם פענסטער, אַ קיל ווינטעלע פון דער פרי־שער באַרג־לופט און דערקוויקט דאָס האַרץ און די נשמה, נאָכן אַרומגיין אין די ענגע געסלעך אין נצרת.

זעט מען אויפן וועג דעם באַרג גילבוע, וואו שאול המלך איז געפאַלן טויט מיט זיינע דריי זין, אין דער מלחמה מיט די פלישתים. זעט מען פון די בערג־ראַנדן, וואו אונטן שפרייט זיך דער צעבלי־טער עמק, און די סילועטן פון דערפער און שטעטלעך.

פאָרן מיר אויך דורך לעבן באַרג תבור. איז דאָס טאַקע דער באַרג וואו ס'איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ גרויסע מלחמה, אין אָנהייב פון דער אידישער געשיכטע מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, אין דער צייט פון די שופטים.

האָבן די פרייע אידישע שבטים געלעבט דעמאָלט אָן אַ הערשער און אָן אַ מלך. האָבן די אידן שטאַרק געליטן פון דעם מלך יבין, דער מלך־כנען און זיין קריגפירער סיסרא, וואָס האָט געהאַט נײַן הונדערט רייטוועגן.

האָט דבורה, אַ פרוי אַ נביאה, וואָס איז געזעסן אונטער אַ טייטלבוים אויפן באַרג אפרים, דעמאָלט געמשפט דאָס פאָלק. האָט זי געוואוסט פון די ליידן פון די שבטים אין צפון. האָט זי גערופן דעם אידישן העלד ברק בן אבינועם און אים געהייסן נעמען צען טויזנט מאַן פון שבט נפתלי און זבולון, און גיין מלחמה האַלטן מיט סיסרא.

האָט ברק צוזאַמענגענומען זיין חיל אויפן באַרג תבור און דבורה הנביאה איז אויך מיטגעגאַנגען מיט אים.

און ווען ברק האָט געוואונען די מלחמה, האָט דבורה די נביאה מיט ברק בן אבינועם געזונגען אַ לויב־ליד צו גאָט:

— ותשר דבורה וברק בן אבינועם, האָט געזונגען דבורה און ברק דער זון פון אבינועם, דאָס פרעכטיקע ליד פון נצחון:

— בהתנדב עם ברכו ה'. ווען דאָס פאָלק גייט פרייוויליק זיך פאַרטיידיקן, לויבט גאָט!

הערט מען אונטן, ארום בארג תבור, ווידער זינגען לידער. אין די אידישע קיבוצים און דערפער זינגט מען דאָס געזאַנג פון ארבעט.

איצט פאָרן אידן אין נייע אויטאָמאָבילן, אויף די אַלטע וועגן פון דער אידישער געשיכטע... אויף די ראַנדן פון בארג תבור.

ביסלעכווייז גליטשט זיך אַראָפּ דער אויטאָ אַלץ נידעריקער און נידעריקער פון די בערג־קייטן. קומט צוריק אַרויף אויף פלאַך־לאַנד, און מיר קומען צו צום הייליקסטן טייך ביי אידן — צום ירדן! אָט דאָ, לעבן דער וואונדערלעכער פּאַנאָראַמע, וואו דער ירדן פליסט ארויס פון יאָ כנרת. געפינט זיך דער באַרימטער קיבוץ דגניה „א".

בין איך געבוירן אין פּוילן, וואו די ווייסל פליסט דורך דער פּוילישער ערד. האָב איך שוין אויך געזען אין מיין לעבן אַ סך, אַ סך טייכן אין פאַרשידענע לענדער.

היינט אָבער, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דעם ירדן!

אָן אייגענעם טייך! דעם אייביקן אידישן טייך — דעם ירדן!

פליסט זיך דער ירדן רואיק, באַזאַכט פון גליל העליון. פון צפון, רינט ער, דער שטילער טייך, אריין אין ים כנרת. און פון דער ריזי־קער כנרת־אַזיערע, שניידט זיך דורך דער ירדן זיין וועג, ווי אַ זיג־זאַגישע לענטע איבער דער לענג פון ארץ ישראל, און פאַלט אריין אין ים המלח, אין טויטן ים, אין דרום.

איז דאָך דער ירדן פאַרוועבט און פאַרקניפּט נאָך פון אָנהייב פון דער אידישער געשיכטע, ווען יהושע בן נון האָט אַריבערגעפירט די בני ישראל איבערן ירדן, זיי אַריינגעפירט אין צוגעזאָגטן לאַנד כנען. איז דער ירדן געוואָרן אַריינגעוועבט אין אידישן מיטאָס, פאַר־אייביקט געוואָרן אין אידישן פאָלקלאָר, לעגענדעס און לידער.

דער עמק הירדן איז דאָך זייער פרוכטבאַר. כאָטש דער גאַנצער ירדן־טאָל אַרום דער כנרת, געפינט זיך כמעט אַ 200 מעטער נידע־ריקער פון ים־פלאַך. אָבער דער עמק הירדן איז געבענטשט מיט גענוג וואַסער. בליט דאָ און ס'שפּראָצט אויף דער פאַרזייעטער פּייכ־טער ערד. וואַקסן דאָ אין דעם האַלב־טראָפּישן קלימאַט, פלאַנצן און ביימער, פרוכטן און גרינסן. רייסט זיך דאָ די שפע פון פעלדער און גערטנער, דער גאַנצער קיבוץ איז איינגעטונקען אין גרינס.

איז דער קיבוץ „א" געגרינדעט געוואָרן אין 1909. דאָס איז טאַקע געווען דער ערשטער קיבוץ פון חלוצים אין ארץ ישראל.

איז טאַקע דגניה „א" די מאַמע פון אַלע קיבוצים אין ישראל. געפינען זיך שוין איצט אין דגניה ביי אַ זעקס הונדערט איינ־

וואוינער, און לעבן זיך א סך בעסער און באקוועמער, ווי אין דער גרויסער שטאט.

גיי איך ארום אין קיבוץ און כ׳ווייס נישט אויף וואס פריער צו קוקן: שיינע געמויערטע וואוינונגען, א שולע פאר די קינדער, מאָדערנע קי־שטאלן און שפיל־פלעצער.

פירט מען אונדז אריין אין א שיין געמויערטן צוויי־שטאקיקן בנין. דא איז דער בארימטער „בית גארדאן", דער גארדאן־מוזייאום. אויפן נאמען פון לערער און ארבעטער־פירער אהרן דוד גארדאן. דער וועג־ווייזער פון קאלעקטיוון לעבן און ליבשאפט צו דער מאַמע־ערד, צו דער נאטור. האט טאקע דער גרויסער נאטור־ליבהאבער געהאלפן גרינדן דעם קיבוץ און דא אויך געארבעט.

אונטן איז די ביורא און די גרויסע ביבליאטעק מיט די קאטאַלאגן פון מוזייאום. ליגט אויף א טיש א בוך, וואו יעדער באזוכער פארשרייבט זיין נאמען און אדרעס. פארשרייב איך, מיט גרויס פרייד. מיין נאמען אין בוך פון גארדאן־מוזייאום. כ׳בין באהערשט פון גרויס צופרידנקייט און איבערראשונג, וואס ארבעטער, חלוצים האבן געַשאפן אזא גרויסן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין דעם ערשטן קי־בוץ דגניה, אין עמק הירדן.

גייען מיר ארויף אויבן. האב איך דערזען א פרעכטיק אויסגעַשטאטן נאטור־וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט. די גרויסע ביאלאגיע און נאטור־קאלעקציעס, זיינען אויסגעשטעלט אין צענטליקער גלעזערנע שאפעס און קעסטלעך. כ׳שטיי און טראכט: ווען האבן די חלוצים פון קיבוץ געהאט צייט און געדולד צונויפזאמלען אזא וויסנשאפט־לעכע נאטור־קאלעקציע?

יא, ס׳האט זיך ביי אידן אין ארץ ישראל, צוריק אויפגעוועקט די ליבע צו דער נאטור. די ליבע צו דער מאמע־ערד, צו פלאנצן און חיות. צו זוכן און פארשן די סודות פון דער נאטור, צו אלץ וואס לעבט און גערייעט אויף גאנץ וועלט.

לאנג אבער, האב איך נישט געקענט פארברענגען אין דער סביבה פון די גלעזערנע שאפעס, אין דער וואונדערלעכער סביבה פון דער־גרויסער נאטור־קאלעקציע, אין גארדאן־מוזייאום. אונדזער געטרייער „נהג" האט מיך דערמאנט, אז מיר מוזן באלד פארן אין טבריה. ס׳קומען איצט אן דארט א סך טוריסטן, מוזן מיר זיין אין טבריה אביסל פריער, צו באזארגן זיך מיט צימערן אין א האטעל.

האט מיך עפעס נישט געגלוסט צו פארלאזן, אט דעם ארבעטער

גן־עדן התחתון אין עמק הירדן. ווען בלויז צוויי וואָכן נאָך פּסח, רייפן זיך שוין די פּרוכטן אויף די בוימער, און אין אַ חודש אַרום וועט מען שוין אַראָפּנעמען דאָס ערשטע גערעטעניש פון די פעל־דער, אויפן חג הביכורים, אויף שבועות.

זעט מען ביים אַרויספאָרן פון קיבוץ, ליגט לעבן די ביימער אַ כּירישער טאַנק. דאָס האָבן אים די די סירישע סאָלדאַטן איבערגע־לאָזט אַ צעבראָכענעם, ווען זיי האָבן אַטאַקירט דגניה. די סירישער זיינען קוים אַנטלאָפן מיט זעקס האַלב־צעשטערטע טאַנקען, ווען די הגנה מיט די חלוצים האָבן זיי געענטפערט מיט פייער, אין דער באַפרייאונג־מלחמה מיט פינף יאָר צוריק.

דער אויטאָ דראַפּעט זיך פאַמעלעך אַרויף אויף די בערג־ראַנדן, מיר דערנענטערן זיך שוין צו טבריה. פון ווייטנס זעט מען שוין די סילועטן פון באַרג חרמון און לבנון.

אויפן הויכן טבריה־באַרג איז דער אויטאָ שטיין געבליבן. ווען כ׳בין אַרויס פון אויטאָ, בין איך געבליבן שטיין אַן עקזאַלטירטער, אַ פאַרכישופטער.

כ׳האָב נאָך אַזאַ הערליך־וואונדערלעכן פּייסאַזש, קיינמאָל נישט געזען.

אין די אויגן מיינע האָבן זיך באַוויזן־טרערן, טרערן פון עס־טעטישן גענוס, פון נשמה־פרייד.

כ׳האָב בלויז פון גוואַלדיקער אַנטציקונג הויך אויסגערופן:

אָ, גאָט! ווי שיין דאָ איז!

אַרום און אַרום אַ קייט פון גרינע בערג, און אינמיטן אַ ריזי־קער שפּיגל, וואָס שעמירירט אונטער דער גאָלדענער נאָכמיטאָג־זון.

דער ריזיקער בלויער שפּיגל איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון גרינע בערג — דאָס איז די כּנרת!

פון דער אַנדערער זייט כּנרת, הייבט זיך אַרויס דער הויכער חרמון־באַרג באַדעקט מיט ווייסן שניי, וואָס זעט אויס פון ווייטנס, ווי אַ זילבערנער ווייסער קאָפּ.

אָפּגערוקט אַביסל אין אַ זייט, שטעקט אויך אַרויס דער קלע־נערער באַרג לבנון זיין ווייס־באַזילבערטן שניי־קאָפּ.

אָ! וואָס פאַר אַ וואונדערלעך נאַטור־בילד! וואָס פאַר אַ פּרעכ־טיקע פּאַנאָראַמע! דער געניאַלסטער קינסטלער וואָלט דאָך אַזאַ געמ־לעך נאַטור־בילד, אַזאַ פאַרכישופטע פּאַנאָראַמע, אַזוי נישט געקענט מאָלן:

אונטן — אַ גלאַנציקער בלויער שפּיגל, אויבן — אַ בלויער הימל מיט אַ גין־גאָלדענע זון. פון דער אַנדערע זייט כנרת, בלאַנקט אונ־טער דער שטראַלנדיקער זון, דער ווייסער שניי־קאָפּ אויפן באַרג חרמון.

פון באַרג אין דער הייך, זעט אויס די שטילע אָזערע, וואָס ליגט זיך אַזוי געמיטלעך אויף איר ווייך געלעגער, באַשיצט פון די אַרומיקע בערג, ווי אַ פאַנטאַסטיש־גיגאַנטישע פידל (כנרת, כנור, פידל). וואָס הייבט זיך אָן, וואו דער שמאָלער ירדן־פּאַס פליסט אַריין אין דער בייכיקער, אָנגעשוואָלענער פידל־אָזיערע, און פאַר ענדיקט זיך מיטן שמאָלן ירדן־פּאַס, וואָס פליסט אַרויס פון דער „פידל" (כנרת) אויף זיין ווייטן וועג איבערן לאַנד.

שטיל, מיט טיפער באַוואונדערונג, גיי איך צוריק אַריין אין אווי־טאָ און מיר פאָרן אַראָפּ אונטן, און בלייבן שטיין נישט ווייט פון ברעג כנרת.

כ'באַטראַכט די כנרת פון דער נאָענט.

עפּעס איז איצט דער ריזיקער וואַסער־שפּיגל אַזוי רואיק. עפּעס אַ טויטע רואיקייט איז אויסגעשפּרייט איבערן ים כנרת.

איז דאָס די ריזיקע אָזיערע פון צוואַנציק קילאָמעטער די לענג און ניין קילאָמעטער די ברייט?

זעט די כנרת אויס פון דער נאָענט, ווי פּאַרגליווערט, גלאַנציק זילבער. דאָס וואַסער גיט זיך נישט קיין ריר, קיין באַוועג. נאָר אָט שווימט צו צום ברעג אַ פּאַטראָל־שיפל מיט אידישער פּאָליציי, באַ־וועגן זיך פּאַמעלעך די שטילע כוואַליעס און רירן קוים אָן דעם ברעג.

האָט מיר אַ טבריהער איד, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג דער־קלערט, אַז ווען ס'קומט אָן אַ רעגן מיט אַ שטורם, צעקאָכט זיך די רואיקע כנרת און גרויסע כוואַליעס שפּריצן גאַנץ שטאַרק אַרויף אויפן ברעג.

האָבן מיר באַזוכט די הייליקע קברים פון ר' מאיר בעל הנס. די קברים פון די תנאים און דאָס קבר פון רמב"ם. זעט מען אַ גרויסן הויף מיט עטלעכע קברים פון באַרימטע תנאים. איין קבר אָפּגערוקט פון אַנדערן.

שטייען אויפן בית־עולם־הויף צוויי אידן אין אָריענטאַלישע קליידער, און בעטן די טוריסטן צו קויפן ליכטלעך אָנצוצינדן ביי

די הייליקע קברים. זיי ווייזן אויף די קברים וועלכער תנא ס׳ליגט דאָרט... ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ אליעזר בן עזריה און אנדערע תנאָים. זיינען די קברים איבערגעדעקט מיט הויכע קיילעכיקע מול־טערס, ווי בייכיקע האַלבע פעסער. די געמויערטע קיילעכיקע קברים, זיינען אָפּגעקאַלעכט און בלאַנקען מיט זייער ווייסקייט אונטער דער זון.

אויף יעדן קבר, אין איין זייט פון פאָרנט, איז דאָ אַן אָרט אריינצושטעלן די אָנגעצונדענע ליכטלעך.

טיפער אביסל אויפן בית־עולם־הויף, הינטער אַן אָפּגעצוימטער־וואַנט, זעט מען דאָס ווייס־געקאַלעכטע, האַלב־קיילעכיק קבר פון באַרימטן גרויסן רעליגיעזן דענקער, רבנו משה בן מימון (רמב״ם).

איז אין דער הויכער וואַנט דאָ אַן אייזערן טויער מיט שטאַ־כעטן. אויבן אויף דער וואַנט ביים אריינגאַנג איז אויפגעשריבן:

— ממשה עד משה לא קם כמשה. (פון משה רבנו ביז משה בן מימון איז נאָך נישט געווען אַזאַ משה).

זיינען לעבן ווייסן קבר אָנגעצונדן עטלעכע ליכטלעך, און עט־לעכע טוריסטן הייסן זיך מאַכן אַן אל מלא רחמים לעבן רמב״מס קבר.

כ׳שטיי אין באַטראַכט די ווייס־בלאַנקנדיקע קברים. דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס אַ ליכטיקייט גייט אַרויס פון די ווייסע קברים און פאַרשפּרייט זיך איבערן קליינעם בית עולם.

דער געדאַנק טראָגט מיך אַוועק ווייט־ווייט. ליגן טאַקע דאָ די גרויסע תנאָים, די שאַפער פון דער משנה, אָט פון די אַלע גרויסע תנאָים, האָב איך דאָך אַמאָל זייער אַ סך געלערנט.

ליגט טאַקע דאָ אין זיין אייביקער רו, דער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און זיך אַרויסגעגנבעט פון דער באַלאַגערטער ירושלים, אין יאָר 70 ביים צווייטן חורבן ירושלים. און געבעטן ביים רוימישן קריגפירער ועספּאַסיאַנוס, ער זאָל אים דערלויבן אויפצוהאַלטן ווייטער די ישיבה אין „יבנה״.

האָט דאָך דער אַלטער תנא כאָטש געראַטעוועט דאָס תורה־לער־נען און די אידישע קולטור אויף שפּעטער...

ליגט דאָך דאָ אויך דער גרויסער מאַרטירער־תנא און רעוואָלו־ציאָנער רבי עקיבא, וואָס האָט געהאָלפן אין דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא קעגן די רוימער. און איז געווען איינער פון די עשרה הרוגי־מלכות, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און ווייטער גע־

לערנט מיט זיינע תלמידים. ווען דער רוימישער רשע האדריאן, האט פארבאטן צו לערנען תורה און אפהיטן די אידישע רעליגיע און קולטור. נאכדעם ווען בר כוכבא מיט זיינע העלדישע קעמפער האבן פארשפילט די מלחמה מיט די רוימישע חיילות.

איז דאך טאקע די ערד אויף וועלכער כ'טרעט איצט, א פאר־הייליקטע אויף אייביק און אייביק פאר אלע אידן.

איז די אלטע היסטארישע שטאט טבריה, נאך געגרינדעט גע־ווארן מיט צוויי טויזנט יאר צוריק דורך הורדוס־אנטיפאס, דער זון פון מערדער־קעניג הורדוס, און א נאמען געגעבן דער שטאט, טבריה, לכבוד דעם רוימישן קיסר טיבעריוס.

איז איצט די שטאט טבריה געווארן א פלאץ פאר ווינטער־וואַ־קאציעס, צוליב דעם מילדן, געזונטן קלימאט אין ווינטער. זיינען דא איינגעבויט געווארן מאדערנע האטעלן. עס זיינען אבער אויך דא האטעלן אויפן בארג, וואס שטייען שוין דא צענדליקער יארן. זיינען שוין דא אין טבריה א צען טויזנט איינוואוינער, און די שטאט בויט זיך, וואקסט און ווערט גרעסער און גרעסער.

שפאציר איך ארום אביסל ביים ברעג כנרת...

כ'גיי אראפ עטלעכע שטיינערנע טרעפ, וואו ס'קומען צו די שיפלעך. בויג מיך איין אביסל און שטעק אריין מיינע הענט אין דעם כנרת־וואסער. כ'וויל דערפילן די פרישע נאסקייט פון אונדזער טויזנט־יאריקער כנרת־אזיערע, וואס גלאנצט איצט מיט איר נאטור־שיינקייט, ווי אמאל.

ווי אמאל, ווען אונדזערע תנאים האבן דא, ביים ברעג כנרת, שפאצירט הין און צוריק, פארטיפט אין זייערע מחשבות וועגן דער צוקונפט פון פאלק ישראל. געטראכט וועגן דינים, געזעצן וועגן אויסטייטשן די תורה און זי צופאסן צום לעבן פון פאלק, אויף ווייטע־ווייטע דורות.

איז טאקע דא, אין דער שיינער שטאט טבריה, ביים פרעכטיקן ים כנרת, געזעסן דער סנהדרין און אויך א גרויסע ישיבה איז דא געווען, וואו ס'האבן געלערנט די תנאים. ס'איז געווען אין דער צייט, ווען יהודה דער צווייטער איז געווען נשיא, אין יאר 250 נ. ק.

יא, מיינע געדאנקען טראגן מיך איצט אוועק צו יענער הערלע־כער עפאכע פון אידישע חכמים, תנאים, וואס האבן געשטאלטעט דאס נייע אידישע לעבן נאכן צווייטן חורבן.

גיי איך דאָך איצט אין שטיב פון אונדזערע אַמאָליקע גרויסע חכמים!

עפּעס איז מיר אַזוי שווער אוועקצוגיין פון דער שטילער, פאַר־חלומטער אַזיערע, וואָס וואַרעמט איצט איר גלאַטיק, שפּיגלדיק פּנים אונטער דער מילדער נאָכמיטאָג־זון. כ׳וואָלט דאָך נישט מיד גע־וואָרן דאָ צו שטיין שעהן גאַנצע און אײַנזאַפּן אין זיך דעם עסטע־מישן פאַרגעניגן, פון דעם פּרעכטיקן פּייסאַזש אַרום דעם ים־כנרת.

שטייען אויך נישט ווייט פון ברעג לעבן באַרג, די באַרימטע חמי־טבריה. די וואַרעם־בעדער, וואָס זײַנען נאָך געווען באַרימט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אין דער צייט פון די תנאים. זײַנען די הייסע מינעראַל־בעדער איצט אויפגעבויט מיט אַלע מאָדערנע באַק־וועמלעכקייטן, און טויזנטער אידן קומען דאָ זוכן אַ רפואה־שלמה, זײַנען טאַקע די טבריה וואַרעם־בעדער תמיד פול מיט באַזוכער אין דער גאַנצער צייט פון יאָר.

האָב איך שפּעטער געוואָלט דינגען אַ שיפל צו פאָרן אַביסל אויף דער בלויער, זילבערנער כנרת. האָט אונדז דער געטרייער שאָפער צו־געאײַלט אַרויפצופאָרן גיכער אין שטאָט אַריין. מיר וועלן חלילה נישט קריגן קיין צימערן אין האָטעל.

האָט מען טאַקע געזען אָנקומען אַ גרויסן אויטאָבוס מיט טו־ריסטן. זײַנען מיר גיך אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג און זיך באַזאָרגט מיט צימערן אין אַ האָטעל.

ציט זיך די שטאָט באַרג אַרויף, העכער און העכער הייבן זיך די גאַסן און געסלעך. זעען אויס די הײַזער, ווי זיי וואָלטן זיך געדראַפּעט אינדערהייך איינס אויפן אַנדערן. איין שורה הײַזער הייבט זיך אינדערהייך איבער דער אַנדערער שורה הײַזער, מיט גערטנדלעך פון פאָרנט. די הויפּט גאַס, אַ ברייטע, אַן אויסברוקיר־טע מיט גלאַטע פלאַטשיקע שטיינער, הייבט זיך אָן פון אונטן, נישט ווייט פון כנרת־ברעג, ציט זיך באַרג אַרויף און ווערט ערגעץ פאַר־פאַלן צווישן ביימער און פאַרהוילענע סטעזשקעס.

האָבן מיר זיך, אין האָטעל אונטערגעלענט דאָס האַרץ אַביסל, מיט טיי און היימישע קיכעלעך, און געגאַנגען, פאַר דער וועטשערע דערווײַל באַקוקן אונדזערע צימערן, אונדזער מקום־מנוחה איבער נאַכט.

איז אויסגעקומען צו צוויי פּערזאָן אין אַ צימער מיט צוויי באַק־וועמע בעטן.

האָב איך גענומען פאַר אַ שותּף אין צימער — בעלגיע... מיט דעם פיינעם בעלגישן יונגערמאַן, האָב איך זיך נעענטער באַקענט פאַרנ־דיק אויפן וועג. איז ער, דער בעלגישער פריינט מיינער, וואָס וואוינט אין בריסעל, מאַקס קיסלעוויטש, אַ געטרייער איד, אַ הייסער ציו־ניסט און שעפּט נחת פון יעדער זאַך, וואָס ער זעט אין מדינת יש־ראל.

ווען ער האָט געהערט, אַז כ׳קום פון מעקסיקע. האָט ער מיך געפרעגט צי איך קען אַ לערער, וואָס לערנט דאָרט אין מעקסיקע אין אַ אידישער שולע. דאָס איז זיינער זייער אַ גוטער פריינט, יעקב גאָלדבערג, הייסט ער דער לערער. ער ווייסט אָבער נישט אין וועל־כער שולע ער לערנט, וואָלט ער געווען זייער צופרידן, ווען כ׳קען זיין פריינט אָפּגעבן אַ גרוס.

האָט זיך מיין בעלגישער ישראל־פּאַטריאָט שטאַרק דערפרייט, ווען כ׳האָב אים געזאָגט, אַז זיין פריינט גאָלדבערג לערנט איצט אין דער „יבנה" שולע אין דער שיינער שטאָט מעקסיקע, און אודאי וועל איך אים אָפּגעבן אַ גרוס — טאַקע דעם אמתן גרוס.

איז דער האָטעל זייער אַ באַקוועמער, צוויי גרויסע עס־צימערן, פון פאָרנט אַ שיינער גאָרטן, און ביים אַריינגאַנג הענגט אויף דער וואַנט דער פּאָרטרעט פון ערשטן גרינדער, וואָס זעט אויס אַן אַלט־מאָדיש־בכבודיקער איד. איצט האַלטן דעם האָטעל זיינע צוויי זין, וואָס באַדינען אַליין די געסט. די פרויען העלפן אין קיך און די אַלטע מאַמע, וואָס זעט אויס ווי אַ קליינשטעטלדיקע רביצין, שטייט פון וויטנס און גיט אַכטונג, אַז די געסט זאָל חלילה גאָרנישט פעלן.

זיינען ביי דער וועטשערע געווען פאַרנומען אַלע טישלעך מיט אַמעריקאַנער טוריסטן. אונדזער גרופּע פון זיבן זיינען געזעסן ביי אַ באַזונדערן טיש. פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס די אַמעריקאַנער אידן רעדן ביים עסן אַזוי הויך... זיי טוען זיך אויס די רעקלעך, פאַר־קאַשערן די אַרבל, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען האַקן האָלץ... און פאַר־וואָס דאַרפן מען אַזוי פּילדערן, שרייען און הויך זיך דורכרעדן פון איין טישל מיטן צווייטן, ווי זיי וואָלטן געווען אין דרויסן אויף אַ פּיקניק...

דאַכט זיך מיר, אַז מ׳קען הנאה האָבן פון דער גוטער ישראל־וועטשערע אין האָטעל. מ׳קען הנאה האָבן פון דער וואונדערלעכער טבריה־לאַנדשאַפט — אָבער צו וואָס דאַרף מען אַזוי הויך רעדן און שרייען אין אַן עס־צימער, אין אַ האָטעל.

אברהם ווייסבוים

בין איך נאכן עסן ארויפגעגאנגען אביסל העכער אויפן בארג.

א פרעכטיקע פרילינג־נאכט איז געלעגן אויסגעשפרייט אויף בארג און טאל, מיט א קילער, שמעקנדיקער בארג־לופט.

דער טיף בלויער הימל, איז געדיכט פארזייעט מיט פינקלדיקע שטערן. די גאלדענע, ציטערדיקע שטערן, בלישטשען אראפ און באַ־לייכטן אביסל די ארומיקע פינסטערניש. די נארוואס געבוירענע לבנה, אין אנהייב חודש, וואס זעט אויס, ווי א שמאל אפגעהאקטער סערפ, וואנדערט נעבעך ארום אזוי עלנט, אליין אין דער טיפער, בלויער הויכקייט.

די כנרת זעט איצט אויס פונדערהייך, ווי זי ליגט פארהילט אין א סודותדיקער פינסטעריש. פון ווייטנס, ווייסט זיך ארויס פון דער פינסטערניש, דער שניי אויפן חרמון־בארג. פון דער אנדערער זייט, שיילן זיך ארויס די טונקעלע סילועטן פון בערג און פארהוי־לענע שליאכן, אין די פינסטערע טאלן.

כ׳בין אינגאנצן פארוועבט געווארן אין דער פארכישופטער פרי־לינג־נאכט אויפן בארג אין טבריה, אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל, וואס ציט זיך אראפ־אראפ ביז צום ווייטן האריזאנט.

האב איך זיך איצט אויפן בארג דערמאנט דעם שיינעם פאע־טישן פסוק פון תהילים.

מזמור לדוד:

— השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע.

די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאט, און די ווערק פון זיי־נע הענט זאגט דער הימלועלב אן.

פאמעלעך, אין א געהויבענער שטימונג, בין איך צוריקגעגאנגען צום האטעל, און געפרעגט ווער ס׳וויל איצט אראפשפאצירן צום ברעג כנרת.

איז מיטגעגאנגען מיט מיר מיין בעלגישער פריינט און איין אמע־ריקאנער פון אונדזער גרופע. איז אבער דער בעלגישער טוריסט קים־לעוויטש א „קאוואליער״, האט ער אויך איינגעלאדן א דאמע, א טוריסטקע. האט נעבעך זיין דאמע אינמיטן וועג חרטה געהאט: ס׳איז פאר איר צו ווייט צו גיין, און ס׳וועט שווער זיין שפעטער צוריק ארויפצוגיין אין האטעל. בין איך שוין אראפגעגאנגען מיטן אמערי־קאנער טוריסט ביזן ברעג כנרת.

די ריזיקע אזיערע איז זיך רואיק געלעגן אין נאכטיקער פינס־

טערניש. איבערגעצויגן מיט איר שוואַרץ־וואַסערדיקן צודעק, פֿאַרהילט אין טיפֿן טרויער. אינמיטן כנרת איז געשטאַנען אַ פֿישערשיפֿל באַלויכטן ביי די זייטן מיט לעמפּלעך. דאָס האָבן אידישע פֿישער פֿאַרשפּרייט די נעצן פֿיש צו כאַפּן. די פֿיש קומען צו נענטער דאָרט וואו ס׳איז ליכטיק.

האָבן מיר אַרומשפּאַצירט אונטן אין עטלעכע גאַסן, וואו ס׳איז נאָך אָפֿן געווען עטלעכע אידישע קאַפֿעען און קרעמלעך פֿון סאָדעוואַסער, צייטונגען און ציגאַרעטן.

אַ פֿאַרטראַכטער, אַ פֿאַרחלומטער האָב איך נאָך אַביסל שפּאַצירט לעבן ברעג פֿון דער פֿאַרשלאָפֿענער כנרת. אין דער האַלבפֿינסטערער, סודותדיקער פֿרילינג־נאַכט אין אונדזער אַלטער היסטאָרישער שטאָט טבריה, אין גליל.

איז טאַקע דער וועג צוריק אַרויף אויפֿן באַרג, געווען אַביסל שווער, און אַ מידער בין איך צוריק אַריין אין האָטעל. אָבער אַ שטאַרק צופֿרידענער פֿון אַזוי פֿיל נשמה־איבערלעבונגען, און אָנגעזאַפּטער פֿון אַזוי פֿיל וואונדערלעכע איינדרוקן, האָב איך זיך איבערגעגעבן דעם נאַכטיקן, זיסן־שלאָף.

דאָנערשטיק דעם 16־טן אַפּריל

היינט האָבן מיר זיך געגרייט צו פאָרן ווייטער אין צפון, אין גליל העליון, ביז צום דריי־עק ישראל — סיריע — לבנון.

אָפּגעגעסן אָנבייסן אַרום צען אינדערפרי און — מיר פאָרן שוין ווייטער.

איז זיך דער אויטאָ רואיק, פּאַמעלעך, געפאָרן איבער דער לענג ביים ברעג כנרת, ביז די כנרת איז געוואָרן שמעלער און שמעלער, דאָרט וואו דער ירדן פליסט אַריין אין דער ריזיקער כנרת־אָזערע. דער אויטאָ קירעוועט זיך אויס אָביסל רעכטס. און מיר פאָרן אַרי־בער אַ הילצערנע בריק איבערן ירמוק־פּלוס, און דער אויטאָ הייבט זיך צוריק אַרויף אויף די בערג אַרום טבריה.

ס׳איז אַ זעלטענער שיינער טאָג.

וואָס טיפער מיר פאָרן אַריין אין די בערג, ווערט אַלץ מחיה־דיקער און פרישער די לופט. און ווען דער אויטאָ, האָט זיך אַרויפ־געדראַפּעט הויך אויפן באַרג, האָב איך ווידער דערזען דעם וואונ־דערלעכן פּייסאַזש אַרום דער כנרת, אַ פּרעכטיק בילד מיט פאַנטאַס־מישע קאָלירן פון רעגנבויגן:

אויבן; אַ לויטערער בלויער הימל מיט אַ צעשטראַלטער גאָלדע־נער זון, גרין באַוואַקסענע בערג, דער שניי־ווייסער קאָפּ פון באַרג חרמון און אונטן צווישן די בערגקייטן די גלאַטיקע כנרת, ווי אַ ריזיקער בלויער סאַפיר, וואָס שפּיגלט זיך, מאַכט חנדלעך און גלאַנצט אונטער דער וואַרעמער פרימאָרגן־זון.

האָב איך זיך פון ווייטנס, מיט שטומע בליקן, געזעגנט מיטן בלויען כנרת־שפּיגל.

כ׳האָב מיט זיך מיטגענומען אין מיין האַרץ און אין מיין נשמה

אויף אייביק, דאָס וואונדערלעכע בילד פון דער פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע, און פון דער פאַרכישופטער כנרת וואָס ליגט זיך אַזוי רואיק פאַרחלומט, צווישן די בערג־קייטן.

פאָרן מיר ווייטער אין דעם הערלעכן, פרישן פרילינג־פרימאָרגן, אויף די גלאַטיקע בערג־וועגן אַלץ ווייטער און העכער, מיר פאָרן אַדורך עטלעכע קיבוצים, שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע און פאָרן ווייטער.

דער ישראל־דאָקטאָר האַלט אָפן אין האַנט אַ קליין ביכעלע מיט די נעמען און מאַפּעס פון אַלע קיבוצים, דערפער און היסטאָרישע פּלעצער. וואָס מ׳זעט אויפן וועג. ער דערקלערט שטיל אין ענגליש זיין יונג ווייבל, אַלץ וואָס זי זעט אויפן וועג. זי זיצט לעבן אים אַביסל אָנגעשפּאַרט און שלינגט יעדעס וואָרט. גיט אים, דעם מאַן אירן, אַ קוק ליבלעך אין די אויגן און גיט באַלד אַ קוק אַרויס פון אויטאָ־פענסטער, אויף דער גרינער לאַנדשאַפט אין גליל. זי האַלט נעבעך אין איין באַוועגן איר יונג קעפּל מיט די אַביסל צעשויבערטע, שיינע קאַשטאַנען־האָר.

ויינען מיר דורכגעפאָרן דעם גרויסן קיבוץ אילת־השחר. אָבער ס׳איז נאָך געווען צו פרי אַריינצופאָרן אין קיבוץ עסן דאָרט מיטאָג. גיב איך אַ פרעג אונדזער געטרייען „נהג" (שאָפער) בלויז עטלעכע ווערטער: מיר דאַכט זיך חבר „נהג", אַז ווייטער אַביסל איז שוין תל־חי, כפר גלעדי און מטולה.

האָט דער גוטמוטיקער „נהג" חיים פּרווידענטאַל פאַרשטאַנען, וואָס איך וויל מיט מיין פראַגע. יאָ, מיר האָבן געהאַט אַ געטרייען קלוגן פירער, אַ געזונט אים אין די ביינער...

ענטפערט ער מיר בלויז עטלעכע ווערטער: זיכער ווייס איך! אַביסל ווייטער איז תל־חי!

מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען...

פאָרן מיר ווייטער און העכער צו צפון. די לופט ווערט אַביסעלע קילער. אין אויטאָ בלאָזט אַריין אַ פריש פרילינג־ווינטעלע, וואָס גלעט און דערפרישט די באַקן, דאָס פּנים. נעמט אַרום דעם מענטש אין דעם ענגן אויטאָ און זאָגט אים אַ סוד אינדערשטיל:

מענטש, וואָס זיצטו דאָ אין ענגן, פאַרמאַכטן „קאַסטן"... גיי אַרויס! זע ווי גאָטס שיינע וועלט האָט זיך צעבליט. דער גליל האָט זיך צעגרינט און צעוואַקסן, זעטיק דיין נשמה מיט דער פּרעכטיקער נאַטור!

זעט מען אויפן וועג שאָטנדיקע ביימער, גרין גראָז און פאַר־זייטע פעלדער, וואָס וואַרעמען זיך אונטער דער פרילינג־זון.

דער אויטאָ נעמט פאָרן פּאַמעלעכער און כ'קען גוט באַטראַכטן דעם גאַנצן ברייטן טאָל אַרום און אַרום. זע איך פון ווייטנס די חולה־אָזיערע מיט די קיבוצים אַרום דעם פרוכטבאַרן טאָל. האָט די ישראל־רעגירונג געטאָן אַ הומאַניטאַרן גרויסן אויפטו, מיט דער דרינאַזש־אַרבעט, און אויסגעטרוקנט די זומפּן אַרום די חולה־אָזיערע.

שטייען איצט אידישע אַרבעטער מיט גראַב־מאַשינען, מיט הייב־מאַשינען און רייניקן אויס די וואַסער־שטראָמען, וואָס ריזלען אַרום אין טאָל און פאַרשפּרייטן מאַלאַריע. זיי לענקן די שמאָלע וואַסער־לעך צו דער חולה־אָזיערע, און פון דאָרט פליסן זיי אַריין אין ירדן. ווייל די ישראל רעגירונג איצט אויך באַרייכערן און פרוכטבאַר מאַכן דעם גאַנצן ווייטן געגנט אַרום דעם גרויסן טאָל, מיט אַן עלעק־טרישער סטאַנציע, מיט דער גרויסער וואַסער־קראַפט פון דער חולה־אָזיערע.

וואָלט דאָס טאַקע געווען אַן אויפלעבונג פאַרן גאַנצן געגנט אַרום און אַרום. אַ ברכה פאַר אַלע איינוואוינער. וועלן אויפן אויסגעריי־ניקטן ברייטן טאָל זיך באַזעצן הונדערטער אידישע משפחות און באַאַרבעטן דעם פרוכטבאַרן באָדן. און אַ ברכה וועט דאָס טאַקע אויך זיין פאַר די נישט אידישע שכנים, אויף די אַנדערע זייטן גרענעץ פון סיריע און לבנון.

פאָרן מיר ווייטער און מיר דערנענטערן זיך צו תל־חי.

פילט מען ווי ס'בייט זיך ביסלעכווייז דער קלימאַט. די לופט ווערט אַ ביסל קילער און שאַרפער. דאַכט זיך מיר, אַז דאָ איז דער זעלבער קלימאַט ווי פרילינג אין אייראָפּע...

דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ באַרג אויף אַ ברייט געפּ־לאַסטערטן וועג, נישט ווייט פון גרויסן קיבוץ כפר־גלעדי.

מיר שטייען אין תל־חי!

פון איין זייט וועג ציען זיך שורות צעוואַקסענע שאָטנדיקע ביי־מער, און פון דער צווייטער זייט וועג — תל־חי.

איז דער וועג באַרג אַרויף נישט קיין גלייכער, נישט קיין גלאַ־טיקער. ס'ליגן אויפן וועג ווייסע קאַלעך־שטיינער, און אַנדערע סאָרטן שטיינער ליגן אַנגעוואָרפן אויפן וועג באַרג אַרויף. גייען מיר אַלע פּאַמעלעך אַרויף אויפן באַרג. בלויז דער שאָפער מיט איין אַמערי־קאַנער איד, אַביסל אַ דיקער נעבעך... בלייבן אונטןביים אויטאָ.

קום איך ארויף אויפן בארג און א הייליקע שטילקייט נעמט מיך ארום. א קליינער בית עולם, א הייליק אָרט, איז אויסגעשפּרייט אויפן בארג, מיט מצבות צווישן שאָטנדיקעביימער מיט הויך־געוואַקסן גראָז.

יאָ, דאָ איז טאַקע א הייליק אָרט!

דאָ ליגן אונדזערע מאַרטירער און העלדן וואָס האָבן מקדש השם געווען, וואָס האָבן אוועקגעגעבן זייער לעבן פאַרן כבוד פון פאָלק, פאַרן כבוד פון אידישן לאַנד, פאַר ארץ ישראל. האָבן דאָך די העלדן פון תל־חי געראַטעוועט דעם פאַס־לאַנד ביי דער גרענעץ פון גליל העליון, פאַרן אידישן פאָלק, פאַר ארץ ישראל.

שטיי איך מיט יראת־הכבוד ביי די מצבות פון די געפאַלענע העלדישע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק. אָט די חלוצים האָבן דאָך געוויזן א ביישפּיל פון ארבעט און קאַמף.

שטייט אין צענטער פון קליינעם בארג־בית־עולם, דער מאָנומענט אויפן קבר פון אונדזער גרויסן העלד יוסף טרומפּעלדאָר, זכרונו לברכה. איינער פון די גרינדער און שאַפער, פון דער חלוץ־באַוועגונג. דאָ ליגט אין זיין אייביקער רו, דער העלד פון תל־חי.

איז דאָס געווען אין יאָר 1920, ווען באַוואָפנטע אראַבער האָבן זיך אריינגעריסן אין הויף פון קיבוץ, און אָנגעהויבן אטאַקירן און צונעמען דאָס געווער ביי די חלוצים. טרומפּעלדאָר האָט געהייסן שיסן צוריק, און איז אויפן וועג צום טויער פאַרוואונדעט געוואָרן אין בויך. האָט ער שוין א פאַרוואונדעטער געגעבן א באַפעל זיינע חברים:

— שטיין ביז דער לעצטער מינוט, אָפּהיטן דעם כבוד פון פאָלק!

האָט מען טרומפּעלדאָרן, א שווער־פאַרוואונדעטן געבראַכט אין כפר־גלעדי. אפשר וועט מען אים קענען ראַטעווען דאָס לעבן. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

טרומפּעלדאָר האָט געגעבן דעם לעצטן זיפץ און געזאָגט צו זיינע חברים:

— אין דבר, טוב למות בעד ארצנו!

ס'מאַכט נישט אויס, ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד!

אזוי האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה, דער העלד פון תל־חי.

כ'שטיי און באַטראַכט דעם מאָנומענט. וואָס פאַר א פּרעכטיקער סימבאָל פון העלדישקייט!

אויף א גרויסן פירקאנטיקן פעדעסטאל שטייט א גרויסער לייב אויסגעהאקט פון איין שטיק גראניט. דער לייב האלט דעם שטאלצן קאפ ארויף אינדערהייך, געווענדט מיטן פנים צו יענע זייט גרעניץ... און דריקט אויס מוט, געוואגטקייט און מיט א ווארענונג:

— בעסער טשעפעט מיך נישט! כ'בין גרייט זיך צו פארטיידיקן!

שטיי איך לעבן דער מצבה. ריר זי אן מיט מיינע הענט פון אלע זייטן. דערפיל איך מיט מיינע פינגער די הארטקייט און שטארקייט פון גראניט, וואס איז אויך געווען דער סימבאל פון פארטיידיקער פון תל־חי — יוסף טרומפעלדאר!

און זאג שטיל צו זיך אליין:

דא ליגט דער גרויסער העלד אונדזערער, וואס האט געגעבן א לאזונג, אן אנזאג צו דער אידישער יוגנט:

ארבעט, בויט דאס לאנד!

און זייט גרייט צו שטארבן פארן כבוד פון פאלק, פארן כבוד פון לאנד!

יהי זכרו ברוך!

זאל זיין אנדענק זיין געבענטשט!

כ'האב זיך געזעצט אויף א שטיין אונטער א בוים און רו זיך אפ אביסל. עפעס פיל איך דא אויפן קליינעם בית עולם קיין שום מורא נישט. עפעס שרעקט מיך דא נישט דער טויט. עפעס דערמאן איך זיך נישט אין טויט, ווי אויף א בית עולם...

הייסט דאך דער בארג תל־חי, דער בארג פון לעבן... יא, די העלדישע קעמפער און פארטיידיקער פון תל־חי, וועלן אייביק לעבן אין זכרון פון פאלק ישראל.

ביים אראפגיין פון בארג גיב איך א טראכט: איז אויף די וועגן צווישן ביידע זייטן גרענעץ, נישט קיין געפאר צו פארן? האבן מיר דאך פון ביידע זייטן גרענעץ „גוטע פריינט"... וואס לויערן תמיד אויף די פארזייטע אידישע פעלדער און קיבוצים...

אבער ניין! דא ארום און ארום זיינען דאך דא אויסגעפרואווטע חברים אין די קיבוצים, אין די דערפער. און די העלדישע „הגנה" האלט דאך דא אויך אפן אן אויג...

האט זיך אפגעשטעלט לעבן בארג א גרויסער אויטאבוס. די טוריסטן זיינען ארויס און געקוקט ארויף אויפן בארג, דער שאפער האט זיי דערקלערט וואס אויפן בארג געפינט זיך. האבן די טוריסטן

געקלערט און געקלערט, און האָבן, ווייזט אויס, זיך געפוילט אַרויף צו גיין אויפן באַרג...

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ און צוגעפאָרן צום קי־בוץ כפר־גלעדי.

איז כפר־גלעדי איצט אַ בליענדער קיבוץ, מיט אַריבער טויזנט איינוואוינער און פאַרמאָגט אַ צען טויזנט דונאַם ערד. דער קיבוץ איז נאָך געגרינדעט געוואָרן מיט 37 יאָר צוריק, און ווערט אָנגע־רופן אויפן נאָמען פון ישראל גלעדי, איינער פון די ערשטע פּיאָ־נערן און שומר פון קיבוץ.

פאַרמאָגט טאַקע אויך דער קיבוץ, דעם שענסטן און גרעסטן „חדר האוכל" (עס־צימער) פון אַלע קיבוצים, וואָס איך האָב ביז איצט באַזוכט. אַ גרויסער, געראַמער ליכטיקער זאַל מיט אַ סך פענס־טער. אין זאַל שטייען אויסגעשטעלט אַכציק שיין־פּאָלירטע טישלעך, מיט זעקס שטולן אַרום יעדן טיש.

דורך די אָפענע פענסטער פליען אַריין פייגעלעך מיט אַ סווישט־שעריי און שטעלן זיך אויף די טישלעך, שפּרינגען אַרום אַביסל, זיי זוכן אוודאי עפּעס עסן, קרישקעלעך ברויט.

אָבער די גלאַנצנדיקע ריינע טישלעך שטייען נאָך ליידיק, נישט געדעקטע צום מיטאָג. פליען די הונגעריקע פייגעלעך צוריק אַרויס מיט אַ סווישטשעריי און שטעלן זיך אויף די בוימער לעבן די פענס־טער, צו וואַרטן אַביסל ביז מען וועט גרייטן די טישן צום מיטאָג.

זיי האָבן געדולד, די פייגעלעך...

קומען דאָ, אין דעם גרויסן לופטיקן זאַל, אויך פאָר רעפעראַטן, לעקציעס, קינאָ און פאַרזאַמלונגען.

כ'גיי אַריין אין לייען־צימער, וואו ס'הערשט איצט אַ שטילקייט און אַ רואיקייט. די חברים זיינען איצט פאַרנומען יעדער ביי זיין אַרבעט. אויף דער וואַנט הענגט דאָס בילד פון יוסף טרומפּעלדאָר. ס'הענגט אויך דאָס בילד פון ישראל גלעדי, דער ערד־אַרבעטער און שומר. זעט ער אויס, דער חבר גלעדי, אין אַ רוסישער „רובאַשקע" (בלוזע) מיט אַן עפענונג ביי דער זייט, מיט צוויי קנעפּלעך ביים האַלז, און מיט צוויי ליכטיקע פאַרחלומטע אויגן. ווי די אַמאָליקע רוסיש־אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ נייער בעסערער וועלט, און מיט אַ גרויסער ליבע צו דער מאַמע־ערד.

זיינען דאָ די וועגן אַרום און אַרום אויסגעגלייכטע און געפּלאַס־

מערטע, און אויך אַ קליין שאַטנדיק וועלדל שטייט לעבן קיבוץ. עפּעס פּילט זיך דאָ אַ רחבות און אַ זאַטקייט. ניין, דאָ פעלט דאָך טאַקע גאָרנישט: ברויט, גרינצייג, פיש און פּרוכטן און פון אַלדאָס גוטס.

אַ געבענטשטער קיבוץ מיט אַ געבענטשטן קלימאַט!

עפּעס הערשט דאָ אומעטום גאַסט־פריינטלעכקייט און פרייהייט. גייט, זעט, שפּאַצירט וואו איר ווילט, באַקוקט וואָס איר ווילט! אין קיינער פרעגט אייך נישט ווער איר זענט, וואָס איר ווילט. אדרבא: אין דער באַנעמונג פון די חברים פילט זיך פרייהייט. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט פרייהייט. דאָ אָטעמט מען מיט פרייהייט. דאָ דערפילט זיך דער מענטש פריי — אויף דער פרייער נאַטור!

אויף דער ארץ ישראל ערד, דערפילט דער אידישער מענטש אַ גייסטיקן־ווידערגעבורט.

אונטער דעם ארץ ישראל הימל, וועקט זיך צוריק אויף ביים איד זיין נשמה־פרייהייט...

גייען מיר אַרויף אויבן אויפן דאַך. פון דאָרט זעט מען, דורך דער ריינער דורכזיכטיקער־לופט, דעם לעצטן פּונקט ביי דעם שמאָלן גרענעץ־פּאַס אין צפון — מטולה.

דאָ ענדיקט זיך שוין דער דרייעק: סיריע. לבנון און ישראל.

פון די אַרומיקע בערג ביי דער גרענעץ, קומען די ערשטע וואַסער־שטראָמען, קוואַלן און קאַנאַלן, וואָס פליסן אַריין אין דער חולה־אָזיערע, און פון דער אָזיערע פליסט שוין דאָס וואַסער אין ירדן אַריין.

פאָרן מיר צוריק אויפן וועג אין אילת־השחר.

זעט מען אַרום דעם עמק־חולה, אַרום דעם אויסגעטרוקנטן, פרוכטבאַרן חולה־טאָל, בליענדע קיבוצים און דערפער. שטייען דאָ די קיבוצים און דערפער, ווי געטרייע שומרים, און היטן די אידישע ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיטן שוויים פון אידישע האָרעפּאַשניקעס...

זיינען מיר שוין אָנגעקומען אין אילת־השחר איינס אַזייגער, מיטאָגצייט. איינגעאָטעמט אין די לונגען די פרישע געזונטע לופט פון די בערג, פעלדער אוןביימער אין גליל העליון, האָט זיך אויך דער אַפּעטיט געשטאַרקט. כ׳וואָלט זיך אַוודאי איצט נישט אָפּגעזאָגט פון אַ גוטן מיטאָג. כ׳וואָלט אפילו דערווייל געגעסן נאָר בלויז אַ שטיקל געשמאַק ארץ ישראל־ברויט...

איז דער קיבוץ אילת־השחר געגרינדעט געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק. געפינען זיך איצט אין קיבוץ אַריבער אַכט הונדערט איינוואוינער, און אויך אַ סך אַרבעטער פון דעם איריגאַציע־פּראָיעקט אַרום דער חולה־אָזיערע.

איז אויך דאָ אין קיבוץ אַ „מסעדה" (מיסאַדאַ), אַ רעסטאָראַן פאַר געסט. האָבן מיר אָבער שוין געטראָפן אַלע טישלעך פאַרנומען פון אידישע טוריסטן.

אין רעסטאָראַן איז איצט לעבעדיק. מ׳גייט הין און צוריק, מ׳טראָגט די פולע טעלער געקעכץ צו די טישלעך. דער געשמאַקער ריח פון די געקאָכטע מאַכלים מאַכט נאָך שטאַרקער און שאַרפער דעם אַפּעטיט.

די אַמעריקאַנער אויסגעהונגערטע טוריסטן זיצן ביי די טישלעך און עסן מיט גרויס אַפּעטיט. און דאָס קלאַפּן פון מעסער־גאָפּל, מישט זיך אויס מיטן הויכן רעדן פון די עסנדיקע טוריסטן. עפּעס פילן זיך דאָ די אַמעריקאַנער אידן אַזוי היימיש, און רעדן זיך דורך אויף ענגליש גאַנץ הויך, גלייך קיין אַנדערע מענטשן וואָלטן דאָ נישט געווען... אין דער צווייטער זייט רעסטאָראַן, זיצן אַרבעטער פון קיבוץ און עסן מיטאָג. הערט מען אַ שטילן איינגעהאַלטענעם שמועס אויף העברעאיש.

דריי איך זיך אַרום אַביסל, גלייך זיך אויס אַביסל די פיס. באַטראַכט אין דרויסן די פיינע איינשטאָקיקע געמויערטע הייזער, וואָס שטייען לעבן די שאָטנדיקעביימער.

ווען כ׳קום צוריק אַריין אין רעסטאָראַן, שטייט שוין אַ טיש ביים אָפענעם פענסטער פאַר אונדזער גרופּע, און כ׳נעם אויך מקיים זיין די מצוה — עסן מיטאָג.

עסט זיך עפּעס אַזוי געשמאַק, נאָך אַזאַ נסיעהלע אויף דער פרייער לופט, אין ווייטן גליל... ניין, מ׳קען זיך נישט באַקלאָגן, אַז מיר האָבן נישט חלילה קיין אַפּעטיט צום מיטאָג...

כ׳זיץ ביים אָפענעם פענסטער און רו זיך אָפּ אַביסל נאָכן מיטאָג. זעט מען פון ווייטנס, דורכן אָפענעם פענסטער, דעם גאַנצן וואונדערלעכן פּייסאַזש פון דעם פאַרחלומטן שטילן כנרת מיטן פאַרשנייטן חרמון־באַרג, ווי אויף אַן אויסגעמאָלט קונסט־בילד, אין אַ פאַרקלענערטן פאָרם. און פון צפון זייט, זעט מען פון ווייטנס די חולה־אָזיערע, וואָס זעט אויס, ווי אַ ריזיקער בלויער פלעק אויף רויער ערד, אין אַ פאָרם פון אַ גרויסער באַרנע...

זיץ איך און קלער: ס׳וואָלט אוודאי גוט געווען, ווען עס זאָל זיך איצט עפּעס טרעפן אַ שטיקעלע „צרה״ מיט אונדזער אויטאָ... עפּעס זאָל מיטאמאָל קאַליע ווערן דער מאָטאָר, און מיר זאָלן ווייטער נישט קענען פאָרן כאָטש ביז מאָרגן אינדערפרי. איי, וואָלט איך דאָ געוואָלט בלייבן איבער נאַכט און זיך גוט אויסרוען.

אָבער ס׳איז אומזיסט מיין טראַכטן. מיר האָבן זיך נאָרוואָס אָפּגערוט אַביסל, בעט אונדז שוין דער געטרייער „נהג״ אַריין אין זיין אויטאָ און מיר פאָרן שוין ווייטער.

מיר פאָרן איצט קיין צפת!

פאָרן מיר נאָר אַרויף אויף די בערג. זעט אויס דער וועג, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַ פאַרכישופטן קרייז... וואו נאָר מ׳פאָרט, באַגלייט אונדז פון וויטנס, דאָס פאַנטאַסטישע כנרת־בילד. און עפּעס ווי אַ כישוף ציט דאָס אויג צו קוקן אויף לינקס, אפשר וועט מען כאַפּן נאָך אַ בליק, דעם לעצטן, אויף דער פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע אַרום דער כנרת.

פאָרט דער אויטאָ אויף געשלענגלטע באַרג־וועגן אַלץ העכער און העכער, מיר זיינען שוין נישט ווייט פון דער אַלטער שטאָט צפת.

האָב איך דאָ דערזען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינע לאַנדשאַפט. פון איין זייט הייבט זיך אַרויס דער הויכער באַרג כנען, און פון דער צווייטער זייט זעט מען פון וויטנס דעם באַרג עצמון.

אויף דער רעכטער זייט פון באַרג כנען, אויף איינעם פון די העכסטע ערטער אין ישראל, איז אויפגעבויט דער גרויסער מאָדער־נער האָטעל „פּיסגה״, וואָס שיינט אַרויס מיט זיין הויכער אימפּאָ־זאַנטער געביידע, און ווערט געזען פון אַלע וועגן אַרום די בערג. לעבן האָטעל זיינען אויסגעלייגט ברייטע טעראַסן, מיט ביימער און בלומען ביי די זייטן.

זעט מען שוין פון וויטנס, ווי אויפן רוקן פון באַרג ציען זיך אַרויף העכער און העכער הונדערטער ווייסע הייזער, צוזאַמענגערוקט ווי אַ דערשראָקענע סטאַדע שעפּסן.

דאָרט איז די הייליקע שטאָט צפת.

וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע!

אָ, ווי מאָלעריש־שיין זעט אויס פון וויטנס די שטאָט מיט די ווייסע און געלע הייזער, אונטער דער בריליאַנטענער נאָכמיטאָג־זון אויפן ברייטן רוקן פון באַרג.

זעט דאָס פּאָר מיר אויס, ווי אַ שטיק טאָפּאָגראַפיע פון דער שיינער מעקסיקע. די זעלבע משופּעדיקע בערג און אויפן באַרג־רוקן ליגט אָנגעלעגט אַ שטאָט, און אויפן אַקסל פון שטאָט — דער באַרג כּנען.

פאָרן מיר אַראָפּ אַביסל צופוסנס פון באַרג כּנען און מיר קומען אַריין אין שטאָט. שטעלט זיך אָפּ אונדזער אויטאָ אויף אַ ליידיק אָרט, אויף דער גאַס נישט ווייט פון האָטעל „הערצל". קוקט מען אַראָפּ פון דער גאַס, זעט מען די דעכער פון די הייזער, וואָס ציען זיך באַרג אַראָפּ.

גייט מיט אונדז דער שאָפער זוכן אַ „פירער", וואָס זאָל אונדז ווייזן די אַלטע שטאָט צפת מיט די אויסגעקרומטע שמאָלע געסלעך, און די אַלטע שולן וואו ס'האָבן אַמאָל געלערנט און געדאַוונט באַרימטע רבנים און מקובלים.

גייען מיר אַראָפּ אויף עטלעכע שטיינערנע טרעפּ אין אַ שמאָל געסל, פוןביידע זייטן געסל זיינען ווידער דאָ ברייטע טרעפּ, וואָס דרייען זיך אַריין אין אַנדערע געסלעך. דער „נהג" קלאַפּט אָן אין אַ הילצערנער אַלטער טיר פון אַ געמויערט נידעריק שטיבל, וואָס איז צוזאַמענגעקוועטשט מיט נאָך עטלעכע אַלטע שטיבלעך ווי אַ צווילינג.

ציען זיך די שמאָלע געדרייטע געסלעך נידעריקער, באַרג אַראָפּ. זעען אויס די אַלטע געמויערטע, ברוינע און געלע הייזער מיט די קליינע פיר־קאַנטיקע הויפלעך, ווי זיי וואָלטן זיך אַרומגענומען ביי די אָרעמס און האַלטן זיך צוזאַמען שטאַרק־שטאַרק, זיי זאָלן זיך חלילה נישט אַראָפּגליטשן פון משופּעדיקן באַרג... קומט אַרויס פון דער אַלטער סקריפּנדיקער טיר אַ יונגערמאַן, אַ שטילער, אַ טרויעריקער און נעמט אונדז פירן, ווייזן די אַלטע הייליקע שולן אין צפת.

גייען מיר אויף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ פון איין געסל אַראָפּ אין צווייטן. ביי די זייטן זעט מען בלויז שטומע ליידיקע ווענט מיט הילצערנע טירן און זייער ווייניק פענסטער... ווען מיר דרייען זיך אַריין אין אַ ניי געסל, דאַכט זיך מיר, אַז מיר גייען אַריין ערגעץ אין אַ פאַרמאַכטן הויף.

שלענגלען זיך די שמאָלע געדרייטע געסלעך, ווי אין אַ לעגענדאַריש מעשהלע, פון אַ שטאָט מיט גאַסן פון בלויז ווענט: גרויע

ווענט, געלע ווענט און אַלטע אָפּגעקראָכענע ווענט. דרייען זיך די געסלעך, פּלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן. דאכט זיך מיר, אז כ'האָב פארבלאָנדזשעט אויף אייביק. כ'וועל שוין קיינמאָל פון דאַנען נישט אַרויסקומען אויף אַ ברייטער ליכטיקער גאַס...

און עזעלכע ענגע, געדרייטע געסלעך, וואו מ'זעט פון אויבן אַ אַ בלויען הימל און פון אונטן — אויסברוקירטע שטיינער מיט טויטע ווענט. נישט קיין פּיצל ערד, נישט קיין גרעזל און נישט קיין בוים.

דאָ איז אַן אָפּגעזונדערטע פארמאכטע וועלט. דאָ קען מען נאָר גיין אַראָפּ אָדער אַרויף, פאָרן קען מען דאָ נישט...

אין אַזאַ שטאָט וואו מ'קען אַראָפּשפּרונגען פון איין דאַך אויפן צווייטן, אַנטרונען ווערן אין אַ לאַבירינט פון ענגע זיגזאַגישע געסלעך, קען זיך אַ שונא האַלטן וואָכן, חדשים גאַנצע, און מיט ווייניק געווער. דאכט זיך מיר, אַז ס'איז טאַקע געווען אַ נס, וואָס די אַראַבער זיינען אַזוי גיך אַנטלאָפן פון דער שטאָט, מיט פינף יאָר צוריק, אין דער באַפרייאונג־מלחמה.

איז די שטאָט צפת זייער אַן אַלטע, נאָך אין די צייטן פון די מלחמות מיט די רוימער, זיינען דאָ צווישן די בערג געווען פעסטונגען און הייכן, וואו די אידישע קעמפער האָבן זיך געקעגט פאַרטיידיקן קעגן שונא.

וועבן זיך דאָ אַרום דער שטאָט צפת לעגענדעס און וואונדער־מעשיות.

האָט דאָ אויך, לעבן צפת, געלעבט דער באַרימטער תנא און מקובל, דער מחבר פון מיסטישן ספר „זוהר", וואָס איז פאַרהייליקט ביי אַלע מקובלים — רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זון אליעזר, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ הייל פאַר די רוימער.

איז צפת טאַקע באַרימט געוואָרן, ווי די שטאָט פון מקובלים און מיסטיקער. דאָ האָט געלעבט דער באַרימטער מיסטיקער, דער אר"י הקדוש (אשכנזי רבי יצחק) מיט דער גרויסער גרופּע מקובלים און געוואָלט דורך תשובה טאָן, לערנען און פאַסטן, דערנענטערן דאָס קומען פון משיחן, דערנענטערן די גאולה.

היינט איז צפת אַ ברוזנדע אידישע שטאָט מיט עטלעכע ברייטע גאַסן, האָטעלן, רעסטאָראַנען, קראָמען, און מיט קנאַפּע אַכט טויזנט אידן. אָבער די אַלטע שטאָט, מיטן לאַבירינט פון די קרומע ענגע

געפֿלעך, איז אַזוי ווי זי איז געווען מיט פֿינף הונדערט יאָר צוריק. איבער דער אַלטער צפֿת הויערט נאָך דער מיסטישער גייסט, דער גייסט פֿון די הייליקע מקובלים.

קומען מיר צו לעבן דער אַלטער שול פֿון אר״י הקדוש, זיינען די צוויי הויכע טירן פֿאַרמאַכט. איז דער „פירער״ אונדזערער געגאַנגען ברענגען דעם היטער, דעם שמש פֿון דער שול. וואָס עפֿנט די שול מיט די גרויסע שליסלען פֿאַר די טוריסטן.

קומען מיר אַריין אין אַ פֿינסטערן קליינעם פּאָליש, און מיר טרעטן אַריבער די שוועל פֿון דער אַלטער שול, וואו ס׳האָט געלערנט און געדאַוונט דער אר״י הקדוש אין יאָר 1570, ווען ער איז געקומען פֿון ירושלים אין צפֿת, און דער בעל־מקובל ר׳ חיים וויטאַל.

דערפֿילט מען דאָ אין דער האַלב־טונקעלער שול אַ טוכלעכקייט, די אַלטקייט פֿון הונדערטער יאָרן. איז אין דער שול נישטאָ קיין בענק און נישט קיין שטענדערס. בלויז אַרום די ווענט זיינען דאָ בענק מיט אַ רויטן אָפּגעקראָכענעם פּליוש איבערגעצויגן.

בלויז אינמיטן שול שטייט אַ שמאָלער באַלעמער מיט פֿיר שטאַנגען, וואָס ציען זיך ביזן סופֿיט און מיט זעקס טרעפּלעך אַרויף צו גיין אויפֿן הויכן באַלעמער. אין דער דיקער וואַנט זיינען דאָ בלויז צוויי קליינע פֿענסטער, דורך וועלכער עס שיינט אַריין אַ מאַטע ליכטיקייט, בלויז איבער אַ האַלבע שול. לעבן איין וואַנט שטייט אַ לאַנגער טיש, וואָס מ׳זעט קוים אַרויס אין דער טונקלקייט פֿון דער אַנדער־ער זייט שול.

דער שמש, אַ איד וואָס רעדט אַראַביש, אידיש און העברעאיש, עפֿנט אויף דעם אָרון קודש און ווייזט אונדז די האַלב־קיילעכיקע זילבערנע קעסטלעך, וואו ס׳שטייען די ספֿר־תורות. זיינען די שיינע זילבערנע קעסטלעך, וואָס זיינען שוין אַלט הונדערטער יאָרן, מיט די אויסגראַווירטע אָרנאַמענטן און אותיות, גרויסע קונסט ווערק, פֿון די אַמאָליקע גרויסע מייסטערס.

כ׳גיי אַרויף אויפֿן הויכן באַלעמער. כ׳קוק זיך אַרום אין די טונקעלע ווינקלען, וואו דאָס נאָכמיטאָג ליכט פֿון דרויסן דרינגט דאָרט נישט אַריין דורך די פֿאַרמאַכטע פֿענסטער. און מיר דאַכט זיך: אָט דאָרט ביים טיש איז געזעסן דער אר״י הקדוש מיט זיינע חברים די מקובלים אין ווייסע קאַפּאָטעס. ריינע, געוואַשענע און

הייליקע זיצן זיי שפעט ביינאכט ביים שוואכן שיין פון אָנגעצונ־דענע ליכט, און זיינען עוסק אין דער הייליקער קבלה. אַט די אַלע גרויסע חכמים און מקובלים, אויסגעאיידלטע פון תעניתים און התבודדות. האָבן דאָך מיט זייער קבלה, מיט זייער מיסטישער לע־רע, געוואָלט העלפן זייער פאָלק.

כ'זע די לעגענדארע געשטאַלטן וואָס ווילן דערגיין די פאַר־באָרגענע סודות, ווי אַזוי אַראָפּצוברענגען משיחן, דערנענטערן די גאולה. כ'שטיי אויפן באַלעמער אין דער האַלב־טונקעלער שול און טראַכט:

און איצט?

איצט קומען אידן פון אַלע עקן וועלט אין דער באַפרייטער ארץ ישראל, און די אידן קוקן אַריין אין ארון קודש, וואו דער אר"י הקדוש האָט אַריינגעוויינט זיינע הארציקע תפילות, אַריינגעזיפצט זיינע רירנדע תחנונים צום רבונו של עולם, אַז דער „קץ", דער סוף פון גלות זאָל שוין קומען. דאָ האָט ער אַרויס געזאָגט זיינע סודות־דיקע קבלה־פּסוקים: זאָל שוין געשען דער גרויסער נס! משיח זאָל שוין קומען!

האָבן טאַקע זיינע חברים, די מקובלים שטילערהייט געהאַלטן, אַז טאַקע ער, דער אר"י הקדוש, איז אַליין געווען משיח בן יוסף, און אָט־אָט וועט זיך אויך באַווייזן משיח בן דוד, דער גואל־צדק, דער אמתער אויסלייזער.

שטיי איך איצט אין דער האַלב־טונקעלער שול און אָטעם איין די לופט, וואו דער הייליקער מיסטיקער, דער אר"י הקדוש, האָט געשפּינען זיינע משיח־חלומות, צו ברענגען די גאולה פאַרן פאָלק ישראל.

כ'גיי אַרויס פון שול אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרחלומטער און מיר גייען דערנאָך אַראָפּ עטלעכע טרעפּ נידעריקער און דרייען זיך אַריין אין אַביסל אַ ברייטער געסל. דאָרט שטייט די אַלטע שול און בית מדרש, וואו ס'האָט געדאַוונט און געלערנט, מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, דער צפתער רב ר' יעקב בירב און ר' יוסף קארו, דער באַ־רימטער מחבר פון שולחן־ערוך, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער קאַבאַליסט.

איז די שול אַ סך גרעסער. פיר גרויסע זיילן האַלטן אונטער דעם געוועלבטן סופיט, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ קליינעם קופּאָל

אינדערהייך. און אויפן סופיט זיינען אויסגעמאָלט די צוועלף שב־טים מיט זייערע נעמען און סימבאָלן, וואָס זיינען שוין אביסל אָפּ־געקראָכן און אָפּגעמעקט פון אַלטקייט. שטייען אויך אין דער שול דריי ארון־קודשן מיט זעלטענע ספר־תורות אין זילבערנע קעסטלעך, פון גרויס קינסטלערישער מייסטערשאַפט. נאָר דער באַלעמער איז שוין נישט אַזוי הויך ווי אין דער שול פון אר״י הקדוש.

מיר גייען אריין אין נאָך אַ שול. דאָ הערשט דער בין־השמשות, פון די ווינקלען ווייעט אַרויס אַ טונקלקייט, און אַ שטימונג פון יראת־הכבוד נעמט מיך אַרום. די שול איז דאָך אַרומגעוועבט מיט סודות און לעגענדעס פון די פאַרגאַנגענע יאָר־הונדערטער. דאָ האָט אויך געדאַוונט און געלערנט דער גרויסער מקובל און מחבר פון ספר מנורת־המאור, ר׳ יצחק אבוהב.

דער צפתער יונגערמאַן פירט אונדז אַרום אין די געדרייטע שטיינערנע געסלעך. ער ווייזט אונדז היסטאָרישע ערטער וואָס זיי־נען שוין אַלט הונדערטער יאָרן, פון דער גאָר אַלטער פאַרגאַנגענהייט.

דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט אין עפּעס אַן אַנדערער וועלט. אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט, זייער ווייט, גאַנצע הונדערטער יאָרן ווייט, פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט. אָבער די דאָזיקע פאַנטאַסטישע וועלט לעבט דאָך, כ׳זע זי מיט מיינע אויגן אין דער אַלטער שטאָט צפת, וואָס איז איינגעהילט אין מיסטישע סודות און אין שיינע פאָלקס־לעגענדעס.

גייענדיק דאָ אין לאַבירינט פון די געדרייטע געסלעך אַרויף און אַראָפּ, אין דעם קילן בין־השמשות, ווערן דאָ לויז אַלע אילוזיעס. די פאַנטאַזיע ווערט פריי, נישט געצוימט. דאָ קען מען פאַנטאַזירן און חלומען וויפל מ׳וויל. דאָ קען מען זען, פילן און אָנרירן אַ שמיק פאַרגאַנגענהייט... לעגענדעס גאַנצע ווערן דאָ, אין די ענגע שטיינערנע געסלעך, ווידער אויפגעלעבט. כ׳גיי דאָך דאָ אַרום ווי אויפן עולם־הדמיון... אין די שמאָלע געסלעך מיט די שטיינערנע טרעפּ, הייבט שוין אָן ווערן טונקל. די זון בייגט זיך שוין אַראָפּ צום האָריזאָנט. דער טאָג האַלט שוין ביים סוף.

אידן מיט באָרד און פאות מיט גאַרטלען אויף די לענדן, שאַרן זיך שטיל ביי די ווענט. מ׳גייט אין די שולן מנחה דאַוונען.

דאָ זעט מען נישט די מיליטאַנטיש־רעליגיעזע אידן ווי אין ירושלים... ניין! דאָ זעט מען רואיקע, פאַרטראַכטע פרומע אידן,

וואָס רעדן עפּעס אַזוי שטיל, אַזוי בנעימותדיק. דאָ הערשט נאָך דער גייסט פון די מקובלים. דער מיסטישער גייסט פאַרוועבט און נעמט אַרום דאָ אַלע געסלעך מיט די הייליקע שולן, מיט די פרומע אידן, וואָס האַלטן אָן די טראַדיציע פון שטילער מיסטישער פאַר־טראַכטונג.

נישט ווייט, איידער מיר גייען אַרויף אויף דער ברייטער אָפענער גאַס, באַצאָלן מיר דעם פירער אונדזערן פאַר זיין טירחה. ער בלייבט ווייטער אונטן און מיר גייען צוריק אַרויף צו דער ווירקלעכקייט...

נישט ווייט פון דער אָפענער גאַס איז דאָ אַ שמאָלער דורכגאַנג אויף עטלעכע ברייטע טרעפּ. שטייט דאָרט אַ שול מיט אָפענע גרויסע טירן. ס'איז איצט ליכטיק אין שול. ביים עמוד ברענען ליכט און דער חזן שטייט און דאַוונט. אויבן אויפן באַלקאָן, אין עזרת־נשים, שטייען עטלעכע פרויען, די קעפּ פאַרהילט אין דינע שאַלן און קוקן אַריין אין סידורים.

איז היינט עפּעס אַ יום טוב? ניין! דאָ שטייען אידן און דאַוור־נען מנחה צווישן טאָג און נאַכט, איידער די זון גייט אונטער.

איז דאָס די שול, וואו דער אר"י הקדוש פלעגט אַלע פרייטיק מקבל שבת זיין. מיט 180 יאָר צוריק איז אין צפת געווען אַן ערד־ציטערניש, איז די שול אַביסל צעשטערט געוואָרן. האָט מען זי שפּעטער רעסטאַווירט איבערגעבויט און שענער געמאַכט. איז די שול שטענדיק פול מיט מתפללים, און צו קבלת־שבת איז די שול תמיד איבערפולט.

גייען מיר אַדורך נאָך אַ געסל און מיר זיינען שוין אויבן, אויף אַ ברייטער לאַנגער גאַס. ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ'קום איצט פון אַן אַנדערער וועלט... כ'האָב דאָך נאָרוואָס שפּאַצירט אין 15־טן יאָרהונדערט — און אָט שטיי איך שוין ווידער אויף אַ גאַס מיט מאָדערנע הייזער, וואו ס'פאָרן שוין אַרום אויטאָמאָבילן.
יאָ, כ'האָב שוין ווידער דערזען די טייערע ציוויליזאַציע...

זעט מען איצט גיין אויף דער גאַס פאַרשידענע טיפּן אידן: אייראָפּעאיש־געקליידעטע אידן. אידן מיט אַליוון־פּנימער, וואָס זעען אויס ווי אַראַבער. טונקעלע תימנער אידן מיט בערדלעך און פאות, יעדער טראָגט עפּעס אין האַנט אַ פּעקל מיט שפּייז אָדער אַ קיישל. אַלע גייען איצט אַהיים. אַ סך לאָזן זיך גיין אַראָפּ אין די שמאָלע געדרייטע געסלעך, און ווערן דאָרט ערגעץ פאַרפאַלן.

איז נאָך צייט געווען צו זען אַ וואונדערלעכן זון־אונטערגאַנג אין צפת.

די זון האָט זיך צעפּלאָמט ביים עק הימל, און שפּרייט אויס אירע לעצטע פלאַם־פייערדיקע פּאַסן איבער שטאָט און באַרג, איבער פעלד און טאָל.

זעט מען איצט אַ פּרעכטיקע קאָלירן־סימפּאָניע: ווי פון אַ גי־גאַנטישן רעפלעקטאָר, שטראָמען אַרויס לאַנגע רויטע זון־פּאַסן אויף ווייסע, געלע און ברוינע הייזער. לאַנגע רויטע זון־פּאַסן לייגן זיך אויף די אַרומיקע בערג און גרינע טאָלן. זעצט זיך ביסלעכווייז אַראָפּ די זון, בייטן זיך די קאָלירן אויף דעכער און באַרג, אויף פעלד און טאָל. די גאַנצע פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע, האַלט זיך אין איין רעטושירן.

א וואונדערלעכער שפּיל פון ליכט און שאָטן!
פאַנטאַסטישע זון־רעפלעקסן אויף דער מאַלערישער צפת!
כישופדיקע אימאַזשן פאַר קונסט־מאָלער...
ס׳ווערט טונקעלער, ס׳ווערט נאַכט.

שטיל, פּאַמעלעך, ווי נאָך אַן אויסערגעוויינלעכער נשמה־איבער־לעבונג, גיי איך אַריין אין הערצל־האָטעל, זעץ זיך אויף אַ שטול אין קליינעם גאָרטן. כ׳רו זיך אָפּ אַביסל אין דעם פאַרכישופטן בין־השמשות.

ביים אַריינגאַנג פון האָטעל איז איצט לעבעדיק, די טוריסטן גייען אַריין און אַרויס. אויף דער טעראַסע שטייען גרופּעס און רעדן זיך דורך אַביסל. אויף ווינגשטולן זיצן עטלעכע אַמעריקאַנער טוריסטקעס. שאָקלען זיך הין און צוריק, לאָזן זיך וואוילגיין ביז דער וועטשערע. זיינען דאָך אין די שטאָטן דאָ שיינע אידישע פרויען. נאָר ווייזט אויס, אַז די שיינע זיינען נאָך דערווייל זייער ווייניק געקומען קיין ארץ ישראל... אין דער שיינער מאַלערישער צפת, האָב איך נאָך דערווייל נישט געזען קיין יונגע, שיינע אידישע טוריסטקעס...

ביי דער וועטשערע זיצן די טוריסטן ביי די טישלעך שטאַרק פאַרנומען מיטן קוקן אין טעלער אַריין, און אויף די שטיקלעך געשמאַקע ברויט, וואָס ווערן גיך צעבאַפּט ווי מצה־וואַסער... מ׳עסט, קיין עין הרע, מיט גרויס אַפּעטיט.

אונדזער גרופּע זיצט ביי אַ באַזונדערן טיש ביי דער וועטשערע, און מיר זיינען אויך פאַרטיפט אין דער הייליקער מלאכה... מיט־

אַמאָל קומט צו מיר צו אַ האָטעל־אָנגעשטעלטער און זאָגט מיר אינדערשטיל, אַז אַ דאַמע װיל זען דעם טוריסט פֿון מעקסיקע.

לאָז איך איבער דאָס עסן און גיי זען די דאַמע. מ׳דאַרף זיין אַ דזשענטעלמאַן, נאָך דערצו אין ארץ ישראל — אין דער שיינער צפת...

זע איך אין פֿאָדער־צימער שטייט און װאַרט אַן איידעלע, שלאַנקע פֿרוי. דערקלער איך איר, אַז איך בין דאָס דער טוריסט פֿון מעקסיקע.

שטעלט זי זיך פֿאָר און זאָגט מיר איר נאָמען. זי הייסט אַנאַ מעדאַליע, אַ קונסט־מאָלערין, זי מאָלט בלומען און לאַנדשאַפֿטן. איז זי געװען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין מעקסיקע. זי רעדט אַביסל שפּאַניש, אָבער ס׳איז איר גרינגער צורעדן ענגליש. זי איז באַגייס־טערט פֿון דער שיינער מעקסיקע. אָבער ישראל איז אויך שיין, און צפת? אָ, צפת! איז דאָך אַן אמתער גן־עדן פֿאַר מאָלער, פֿאַר קינסטלער.

האָט זי אין מעקסיקע אַ סך פֿריינט און אירע בעסטע פֿריינט זיינען פֿון דער פֿאַמיליע װישניאַק. זי פֿרעגט מיך צו איך קען דעם סעניאָר סעם װישניאַק און זיין פֿרוי, זיי זיינען טייערע האַרציקע מענטשן און קונסט־ליבהאָבער. װען זי איז געװען אין מעקסיקע, האָבן זיי איר זייער פֿריינטלעך אויפֿגענומען און איר געהאָלפֿן ביים פֿאַרקויפֿן אירע בילדער. בעט זי מיך כ׳זאָל זיי אָפּגעבן פֿון איר אַ האַרציקן גרוס.

דערקלער איך דער מאָלערין, אַז יאָ, כ׳קען זייער גוט די פֿאַמי־ליע װישניאַק. דער באַקאַנטער געזעלשאַפֿטלעכער און שול־טוער סעם װישניאַק און זיין פֿרוי זיינען מיינע לאַנג־יאָריקע פֿריינט. און כ׳בין זייער צופֿרידן מיטצונעמען פֿאַר זיי אַ גרוס פֿון ארץ ישראל, פֿון אַ אידישע מאָלערין אין צפת.

לאַדט איך איך די קינסטלערין צו דער װעטשערע, און די מאָ־לערין אַנאַ מעדאַליע, לאַדט מיך איין צו קומען מאָרגן באַזוכן די קינסטלער־קאָלאָניע אין צפת.

אָבער צום באַדויערן זיינען פֿון ביידע איינלאַדונגען גאָרנישט געװאָרן: אויף דער קינסטלערין האָבן אין דרויסן געװאַרט אירע פֿריינט. און איך האָב שוין געהאַט אַן איינלאַדונג אויף מאָרגן, פֿון אונדזער געטרייען שאָפֿער אין זיין אויטאָ...

בין איך באַלד נאָכן עסן געגאַנגען שפּאַצירן אַביסל איבער די האַלב־טונקעלע גאַסן פון צפת.

איז אין דרויסן שוין געווען פינסטער, בלויז דאָס שוואַכע לאַמ־טערן־ליכט האָט געוואָרפן אַ מאַטן שיין אויף די טראָטואַרן. גיי איך פּאַמעלעך און זע אַ שמאָל געסל, וואָס פירט באַרג־אַראָפּ. שטיי איך אויף די ברייטע שטיינערנע־טרעפּ און קוק אַראָפּ אויף די אָנגעוואַ־ליעטע, צוזאַמענגעדריקטע הייזער מיט די פּלאַטשיקע דעכער.

עפּעס אַ סודותדיקע שטילקייט הויערט אויף די שמאָלע באַרגי־קע געסלעך, דאָרט געוועלטיקן איצט די נאַכטיקע שאָטנס. די נאַכט האָט אַראָפּגענידערט און אַרומגעוועבט די אַלטע שטאָט צפת, און איך פאַרוויגט מיט אירע אַלטע מיסטישע חלומות. און די נייע צפת איז איצט אַרוים אויפן שפּאַציר אין די גאַסן, אין דער שיינער קי־לער פרילינג־נאַכט.

דער זילבערהגער לבנה־סערפּ האָט זיך באַוויזן אין איין זייט הימל, און קוים־קוים אַביסל באַלויכטן דעם לאַנגן באַרג כנען פונדערהייך, און שפּעטער אַביסל זיך אינגאַנצן באַהאַלטן פון דער אַנדערער זייט באַרג. האָט בלויז דער הימל, ווי אַ טיף־בלויע יאַרמולקע מיט בלישט־שנדיקע שטערן, איבערגעדעקט די באַרגיקע, מיסטישע שטאָט צפת.

פרייטיק דעם 17־טן אַפּריל

היינט זיינען מיר געפאָרן אין מירון.

ס'איז אַ קילער, אַ מחיהדיקער פרימאָרגן. איז דאָ טאַקע, די באַרגיקע לופט פון צפת, אַ געזונט פאַרן מענטשלעכן גוף און אַ גע־נוס, אַ גייסטיקער־תענוג פאַר דער נשמה.

אין דער לויטערער פרימאָרגן־לופט, אַנטפּלעקט זיך מיט איר גאַנצן פּראַכט, די וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע אַרום דער אַלטער מקבו־לים־שטאָט — צפת.

דער סילועט פון דעם העכסטן באַרג אין ארץ ישראל, דער עצ־מון־באַרג פון 1200 מעטער איבערן ים־פלאַך, זעט אויס פון ווייטנס, ווי אַ ריזיקע פעסטונג־וואַנט, וואָס שטייט גרייט צו באַשיצן די אַל־טע מאַלערישע שטאָט, די שטאָט פון אַזוי פיל פאָלקס־לעגענדעס. דער באַרג כנען ציט זיך אין דער לענג פון צפון, ווי ער וואָלט באַשיצט די שטאָט מיט זיינע ברייטע פּעלזיקע פּלייצעס.

און די שטאָט אַליין?

די אַלטע שטאָט מיט די צוזאַמענגעפּרעסטע הייזער און גאַסן אויפן קלענערן משופּעדיקן באַרג, וואַרעמט זיך און חנדלט זיך אונ־טערן בלויען הימל מיט דער וואַרעמער פרימאָרגן־זון, וואָס באַגיסט מיט אירע גין־גאָלדענע שטראַלן, די קאַלירטע דעכער און ווענט, גאַסן און מענטשן, וואָס גייען אין פרישן ליכטיקן פרימאָרגן דאַווענען אין די שולן, און צו דער טעגלעכער אַרבעט.

ניין! ס'גלוסט מיך עפּעס נישט צו פאַרלאָזן די פאַרכישופטע שטאָט וואָס טראָגט אין זיך אַזוי פיל מיסטישע סודות, אין די אַלטע שולן און באַרגיקע פאַרמאַכטע הייזער. כ'וואָלט נאָך געוואָלט בלייבן דאָ

עטלעכע טעג, און ארומוואנדערן אין די אלטע ענגע פארגעסענע געס־לעך.

כ׳וואלט נאך געוואלט דערהערן דאס וויברירן פון ביינאכטיקע תפילות און מיסטישע פסוקים, צווישן די אלטע שול־ווענט פון די הייליקע מקובלים, וואס האבן געלעבט ווי נזירים, און געוואלט אראפ־ברענגען משיחן און דעם מלכות־שמים אויף דער ערד. הערן דעם אפקלאנג אויף די שטיינערנע געסלעך, פון די אמאליקע אידישע קעמפער, פון די אמאליקע אידישע העלדן, תנאים און מקובלים.

האף איך טאקע, נאכאמאל צו קומען אין דער אלטער שטאט, וואס רייצט און פארכאפט דאס אויג מיט איר מאלערישן פייסאזש. אבער דערווייל מוז מען פארן ווייטער.

זיינען מיר, צען אינדערפרי, נאכן אנבייסן, שוין ווידער געזעסן אין דעם ענגן אויטא.

פארט דער אויטא אראפ אביסל אויפן ראנד פון בארג און הייבט זיך צוריק ארויף אינדערהייך. עפעס גליטשט זיך דער אויטא אזוי געמיטלעך אויפן גלייכן געפלאסטערן שאסיי, די עטלעכע קילאמע־טער ביז מירון.

איז דאס דערפל מירון זייער אלט, פון דער גאר ווייטער פארגאנ־גענהייט. געפינט זיך דארט דער איבערבלייב פון אן אלטער אידי־שער שול נאך פון צווייטן יארהונדערט. געפינען זיך אויך דארט די קברים פון דעם גרויסן תנא און מיסטיקער רבי שמעון בן יוחאי, דער מחבר פון מיסטישן ספר „זוהר״, וואס איז שטארק פארהיי־ליקט ביי אלע מקובלים, און אויך דער קבר פון זיין זון רבי אליעזר.

איז טאקע מירון זייער פארהייליקט ביי אידן. קומען דא אהער אלע יאר אויף רבי שמעון בן יוחאיס יארצייט, וואס פאלט אויס ל״ג בעומר, טויזנטער אידן פון אלע עקן לאנד. ווערן ארום מירון אויפגעשטעלט הונדערטער ביידלעך פאר די געסט, געשטעלן מיט עסנווארג פאר די מענטשן, וואס שטראמען אהער אויפן יארצייט.

איצט איז דא ארום און ארום שטיל, מ׳זעט בלויז דורכגיין עט־לעכע אידן אויפן פעלד. איז אויך דא אין מירון א מושב־עובדים פון רעליגיעזע אידן מיט 200 נפשות. שטייט אויך א שורה ווייסע הייזער און א בית־מדרש, נישט ווייט פון „אוהל״ מיט די קברים.

דער אויטא שטעלט זיך אפ אויף א גלייכן פלאץ און מיר גייען פאמעלעך צו א ווייס־געקאלעכט הויז, וואס זעט אויס ווי א שול.

גיי איך אריין דורך די אָפענע טירן און בלייב שטיין אביסל דער־שטוינט. אין דער קליינער „שול" קעגנאיבער דער טיר, זעט מען א ווייס, געמויערט קבר, ווי א גרויסער ווייסער קופערט, און ביי די זייטן ברענען ליכט.

דאָס איז דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי. אָפּגערוקט אביסל לעבן דער וואַנט איז דער קבר פון זיין זון רבי אליעזר.

פון סופיט הענגט אראָפּ א נר־תמיד, און פונדערהייך שיינט אריין דאָס טאָג־ליכט דורך עטלעכע שמאָלע פענסטערלעך. אויף די ווענט הענגען לאַנגע טאַוולען מיט געדרוקטע פּסוקים און שטיקלעך „זוהר".

אויפשריפטן מיט מיסטישע שירים פון דער „הילולא דרבי שמעון בר יוחאי", וואָס מ'זינגט אויף דער ל"ג בעומער פייערונג, אויפן יאָרצייט אַלע יאָר.

לעבן די קברים שטייען צוויי אידן. זעט איינער אויס ווי אַן אַראַבער אין אָריענטאַלישע קליידער, און דער צווייטער גייט אין א לאַנגער קאַלירטער קאַפּאָטע מיט א קיילעכדיק היטעלע אויפן קאָפּ. זיי בעטן די טוריסטן קויפן ליכטלעך אָנצוצינדן לעבן די הייליקע קברים. די טוריסטן צינדן אָן די ליכטלעך און הייסן זיך מאַכן אַן אל מלא רחמים, און א הייליקע פּאַרכטיקייט נעמט אַרום די טוריסטן.

ביידע אידן, די היטער פון די קברים, מורמלען גיך־גיך עטלעכע תפילות לעבן די הייליקע קברים מיט די אָנגעצונדענע ליכט, און שטרעקן באַלד אויס די הענט... די טוריסטן גיבן זיי יעדן א פונט. איז וויפיל מ'גיט זיי איז אַלץ ווייניק. זיי האַלטן זיך אין איין דינ־גען. ציען ביי די אַרבל: — כסף, כסף! מאני! געלט, געלט!

ווערט עפּעס מיטאַמאָל די גאַנצע קדושה, די עטישע הייליקייט פאַרשוועכט און ביליק... א דינגעניש, א רייסעניש אַרום די אַלטע הייליקע קברים פון די גרויסע תנאָים.

דורך א שמאָלן הויף גיי איך אַרויף אויף געמויערטע טרעפּ אויפן דאַך פון דער שול איבער די קברים. פון ביידע קברים ציען זיך פון אונטן, אויפן דאַך אַרויף צוויי זיילן, און אויפן דאַך זיינען אויף די צוויי זיילן אַרויפגעזעצט שטיינערנע בעקנס.

אין די טיפע שטיינערנע שיסלען ווערן, ל"ג בעומער אויפן יאָר־צייט, אַריינגעגאָסן בוימעל מיט קנויטן פון טיכלעך און שאַלן, און ביינאַכט ווערן די בעקנס בוימל אָנגעצונדן, און מ'זעט די גרויסע ליכטיקע פייערן פון דער „הדלקה" אויף קילאָמעטער ווייט. דער גאַנ־

צער עולם אונטן, זינגט הויך קאבאליסטישע פסוקים, שטיקלעך „זוהר" און מ'טאנצט מיט התלהבות און עקסטאז.

אין די בעקנס ליגן נאך איצט אין אש פארברענטע שטיקלעך צויטן פון געוואנט און טיכלעך. פון דער פאראיאריקער „הדלקה" (האדלאקא) ל"ג בעומר. נעם איך עטלעכע פארברענטע קליינע שטיקלעך ליים פון בעקן, פאר אן אנדענק.

פון דאך זעט מען די גאנצע לאנדשאפט ארום מירון. די קליינע ווייסע הייזער, וואס בלאנקען איצט אונטער דער זון. די פארזייעטע פעלדער מיט שורות קליינע ביימעלעך, און דעם שמאלן שאסיי וואס ציט זיך ווי א בלויע לענטע און ווערט ערגעץ פארפאלן צווישן די בערג...

כ'שטיי אויפן דאך און טראכט: ווי נצחדיק, ווי אייביק איז דער גאנג פון דער אידישע געשיכטע.

דערציילט דאך א פאלקס־לעגענדע, אז א קיסר האט פארמשפט צום טויט דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי. האט ער זיך מיט זיין זון רבי אליעזר באהאלטן אין א הייל לעבן דארף מירון.

איז ער דארט געזעסן באהאלטן דריי און דרייסיק יאר און ווייטער תורה געלערנט. נאר איינמאל אין יאר, ל"ג בעומר, זיינען געקומען זיינע תלמידים הערן תורה־לערנען פון זייער גרויסן רבין אין זיין באהעלטעניש — אין הייל. אט דא טאקע, אין דעם געגנט ארום, אויף בערג, אין היילן האבן זיך די רוימישע הערשער געיאגט נאך דעם גרויסן תנא און מיסטיקער רבי שמעון בן יוחאי און אים געוואלט אומברענגען, פאר זיין געטריישאפט צו זיין פאלק און ליבשאפט צו דער תורה.

איז פון די אמאליקע צירקן און קאליסיאומס פון די מעכטיקע צעזארס, וואו מ'האט פארפייניקט די אידישע געפאנגענע־קעמפער, מיטן צווינגען זיי צו ראנגלען זיך מיט ווילדע לייבן. דארט, וואו כ'האט דערמארדעט דעם אידישן העלד, דעם פארטיידיקער פון ירושלים, שמעון בן־גיורא.

איז פון דעם קאליסיאום אין רוים געווארן א חורבה, וואו טוריסטן קומען קוקן אויפן בייז־וואונדער, פון די געבליבענע פאסאדן און שטיקער שטיינערנע זיילן. פון טיטוס טריאומף־טויער, לכבוד זיין זיג איבער ירושלים, איז געבליבן בלויז אפגעבלאקעוועטע פיגורן און אפגעקראכענע אויפשריפטן.

און אויפן קבר פון גרויסן תנא אין מירון, אַן איינפאַך ווייס קבר פון שטיין, קומען איצט אידן פון אַלע עקן וועלט, מיט אַכצן הונדערט יאָר שפּעטער, און צינדן אָן ליכט אַרום ווייסן קבר פון גרויסן פּאַטריאָט און מיסטיקער רבי שמעון בן יוחאי — אין אַ באַפרייטער ארץ ישראל!

דער אידישער גייסט איז שטאַרקער און מעכטיקער, ווי די אַמאָליקע רוימישע קאָליסיאומס, צירקן און מאָנומענטן.

און מיר דאַכט זיך:

אַז פון די ליכט, וואָס אידן צינדן איצט אָן אין מדינת ישראל, אויף די הייליקע קברים, פאַר די נשמות פון אונדזערע מאַרטירער און העלדן פון גייסט. שיינט אויך צוריק אויף, דאָס אייביקע אידישע ליכט — דער אידישער גייסט, אויף דער באַפרייטער אידישער ערד.

און די גאַנצע עקזאָטישע סביבה: דער „אוהל" וואָס זעט אויס ווי אַ שול, די הייליקע קברים, וואָס זיינען אַרומגעמויערט מיט ווייסע קיילעכדיקע, הויכע שטיינער, מיט די ברענענדיקע ליכט. און אויבן אויפן דאַך, וואו כ'זע איצט די בלויע סילועטן פון די אַרומיקע בערג מיט די אָפענע פעלדער און פאַרהוילענע טאָלן.

האָט דאָס אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק, ווי כ'וואָלט איצט געלעבט אין דער עפּאָכע פון אונדזער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. ווען אידן זיינען געווען פאַרוואָרצלט אויף זייער ערד, אויף די פעלדער, אויף די בערג און טאָלן, וואָס איך זע דאָ איצט אַרום מיר.

פאַרטיפט אין מחשבות, גיי איך פּאַמעלעך אַראָפּ פון דאַך.

אונטן וואַרטן שוין די טוריסטן, מיר זאָלן נעמען ווייטער פאָרן, און אונדזער געטרייער שאָפער איז שוין גרייט צו גיין מיט אונדז צום אויטאָ. נאָר ביים פאַרלאָזן דעם גרויסן „אוהל" מיט די הייליקע קברים. קומט גיך צולויפן אַ קליין אידל מיט אַ שוואַרץ בערדל און ציטערדיקע פּאות. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשפּעטיקט אַביסל צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל לעבן די הייליקע קברים... בעט ער איצט ביי די טוריסטן, מ'זאָל אים אויך עפּעס געבן. ער גייט אונדז נאָך, שלעפּט ביי די אַרבל און רעדט אויפגערעגט גיך־גיך: כסף, כסף אדוני, געלט, געלט! ער וויל נעבעך אויך עפּעס פאַרדינען. ער איז אַביסל פאַרצווייפלט, ער האָט נעבעך פאַרשפּעטיקט. מ'גיט אים אויך עטלעכע מטבעות, און מיר זעצן זיך ווידער אַריין אין אויטאָ.

פאָרן מיר אביסל באַרג־אַרויף צו צפון, נישט ווייט פון דער גרענעץ מיט לבנון. ציט זיך דער שאָסיי צווישן לײדיק־באַרגיקער ערד, באַדעקט מיט ווילד הויך גראָז. זאָג איך דעם שאָפער, אַז דאָ אין דעם געגנט, דאַכט זיך מיר, דאַרף זיין דער קיבוץ סאַסאַ. האָט טאַקע, דער גוטער „נהג״ אונדזערער, פאַרשטאַנען וואָס איך מיין... האָט ער שפּעטער אביסל פאַרקירעוועט זיין אויטאָ צו מערב זייט. זיינען מיר מיטאַמאָל אַרויפגעפאָרן אויף אַ שמאָל געפלאַסטערטן שאָ־סיי, צווישן בליענדע פעלדער אוןביימער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום, זיינען מיר שוין געשטאַנען ביים אַריינפאָר לעבן קיבוץ סאַסאַ.

געפינט זיך דער קיבוץ סאַסאַ האַרט לעבן דער גרענעץ, דריי קילאָמעטער פון דער לבנון־גרענעץ. איז דער קיבוץ געגרינדעט גע־וואָרן מיט פינף יאָר צוריק פון אַמעריקאַנער חלוצים. אָבער אין קיבוץ זיינען אויך דאָ עטלעכע מעקסיקאַנער חלוצים און חלוצות. האָב איך געוואוסט, איז אין קיבוץ סאַסאַ איז אויך דאָ מיין גוטער פריינט ווילי טכאַרניצקי און אַנדערע פריינט מיינע פון מעקסיקע. איז דער איידעלער ווילי געווען אין מעקסיקע עטלעכע יאָר. געווען דאָ אַ לערער און גאַנץ גוט פאַרדינט. אָבער דער חבר ווילי (אַ חשומר הצעירניק) איז נישט געווען צופרידן מיט זיין סביבה. אים האָט געצויגן קיין ארץ ישראל, צו קענען פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל אין אַ קיבוץ, לעבן אין אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. האָט ער טאַקע עולה געווען אין ישראל און זיך איַנגעשלאָסן אין קיבוץ סאַסאַ.

שטייט באַלד ביים אַריינגיין אין סאַסאַ־קיבוץ אַ גאַראַזש מיט מעכאַניקער, וואו מ׳פאַריכט אויטאָס און טראַקטאָרס פאַר אַ סך קי־בוצים אין יענעם געגנט. הערט מען אין דרויסן דאָס קלאַפּן פון האַמערס און דאָס גערויש פון מאָטאָרס.

בין איך צוגעגאַנגען צום גאַראַזש און דאָרט געטראָפן דעם פריינט אברהם סיגאַל פון מעקסיקע. אַ זון פון דעם פּרעזידענט פון דער היגער חברה קדישא, ביי „נדחי ישראל״, ר׳ מאיר זאב סיגאַל. איז ער, חבר סיגאַל, אַ מעכאַניק, שטייט ער איצט אין אַן אַרבע־טער־בלוזע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, און מיט אַ שרויף־שליסל אין האַנט ביים פאַריכטן אַן אויטאָ. האָט ער זיך זייער דערפרייט, ווען כ׳האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון זיין פאָטער און משפחה אין מעקסיקע. איז חבר סיגאַל געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, אָבער

ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז כ'וויל זען ווילי טכאַרניצקי, איז ער באַלד מיט מיר געגאַנגען ווייזן וואו ווילי וואוינט, און איז באַלד צוריקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט.

שטייען די וואוינונגען אין קיבוץ אביסל ווייטער פון אַריינגאַנג און אַביסל באַרג־אַרויף. האָב איך לעבן דער וואוינונג געטראָפן זיין פרוי. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ווילי שלאָפט נאָך, אָבער ער וועט זיך פרייען צו זען אַ פריינט פון מעקסיקע.

ווען כ'בין אַריין אין צימער האָט זיך נעבעך דער מידער ווילי גיך אויפגעכאַפּט פון זיין געשמאַקן דרימל, זיך אויפגעזעצט און זיך אויסגעריבן אַביסל די אויגן, מיך גוט באַטראַכט, און איבעראַשט אויסגערופן: איר זענט דאָ אין ישראל חבר ווייסבוים? ער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע האַנט מיט אַ האַרציקן שאַלאָם (שלום) און מיך געבעטן זיצן.

האָט ער זיך זייער געפרייט, דער חבר ווילי, וואָס כ'בין אים געקומען זען, און מיר דערקלערט, אַז ער און נאָך עטלעכע חברים זיינען אויפגעווען אַ גאַנצע נאַכט ביים פאַרענדיקן די שטאַל פאַר די קי. און היינט גייען איבער די קי אין די נייע שטאַלן, וועט טאַקע זיין היינט אין אָוונט אַ שטיקל שמחהלע לכבוד די נייע שטאַלן... לאַדט ער מיך טאַקע איצט איין אויפן קיבוץ־יום־טוב אַלס גאַסט פון מעקסיקע.

האָבן מיר געטרונקען גלעזער, „מיץ”, קאַפע און עפּעס צוגע־ביסן. חבר ווילי האַלט מיך אין איין פרעגן וועגן זיינע חברים און פריינט אין מעקסיקע, און וועגן אידישן ישוב. די פרוי זיינע, אַ שיינע בלאָנדינקע, אַ חלוצה פון אַמעריקע, ברענגט פון קינדער־צי־מער מיר ווייזן, זייער צוויי־יאָריק סאַברעלע נינאַ, אַ שיין חנעוודיק כאַסאַ־מיידעלע.

האָב איך ווילין שפּעטער דערקלערט, אַז כ'קען דאָ אין קיבוץ לאַנג נישט בלייבן, כ'בין דאָ נישט אַליין. כ'בין געקומען מיט נאָך עטלעכע טוריסטן און מיר מוזן באַלד ווייטער פאָרן. איז דער גוט־מוטיקער ווילי באַלד מיט מיר געגאַנגען, כאָטש ער איז מיד געווען פון נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, און מיך אַביסל אַרומגעפירט אי־בערן קיבוץ, מיר געוויזן דעם קינדער־גאָרטן, דעם „חדר־האוכל” (עס־צימער).

האָב איך אין דער גרויסער, ציכטיקער קיך געטראָפן מיין גע־

וועזענע תלמידה, רבקהלע קריינער פון מעקסיקע. איז זי געשטאַנען, די שטילע פאַרטראַכטע רבקהלע, און געהאָלפן היינט צוגרייטן דעם מיטאָג. שטיי איך און קוק זיך צו אביסל, ווי פלייסיק די טייערע חלוצות גרייטן צו מיטאָג פאַרן גאַנצן קיבוץ.

געטרייע, האַרציקע יונגע באַלעבאָסטעס!

זיי קאָכן דאָך דעם קאָלעקטיוון מיטאָג פאַרן קיבוץ, פונקט ווי אונדזערע באָבעס און מאַמעס האָבן געקאָכט פאַר זייער אייגן הויזגעזינד. רבקהלע צעשניידט די געלע, זאַפטיקע מייערן, וואָס זיינען פאַרזייעט געוואָרן פון די חלוצים, געוואַקסן און אָפּגעהיטן געוואָרן אויף דער אידישער ערד אין קיבוץ. און איצט גרייט מען צו אוודאי אַ געשמאַקן מייערן־צימעס צום מיטאָג.

ווילי וויזט מיר די בונקערס וואָס זיינען אויסגעבויט פון צע־מענט אונטער דער ערד. ווען עס זאָל חלילה פאַרקומען אַן אַטאַקע אויפן קיבוץ, זאָלן זיך דאָרט קענען באַשיצן די פרויען און קינדער. אין קיבוץ זיינען איצט שוין דאָ, קיין עין הרע, אַריבער הונדערט נפשות.

גייען מיר דערנאָך אַריין אין אַ הויז וואו ס'פילט זיך אַ זיס־פּעטער ריח פון פייגן. ליגן אויף טישן געפּרעסטע פייגן, שוין איינ־געפּאַקטע אין שיינע פּעקלעך. דערקלערט מיר ווילי, אַז אין קיבוץ וואַקסן אַ סך פייגן־ביימער מיט גוטע געשמאַקע פייגן. נעמט מען אַראָפּ די פייגן און מ'פּרעסט זיי מיט אַ מאַשין, מ'פּאַקט זיי דער־נאָך אין קליינע פּעקלעך און זיי ווערן גוט פאַרקויפט איבערן גאַנצן לאַנד. פון די פייגן מאַכט מען אומעטום נאַרהאַפטע, געשמאַקע קאָמפּאָטן. האָט טאַקע אויך דער קיבוץ סאַסאַ אַ גוטן איינקונפט פון די פייגן.

גיט מיר חבר טכאָרניצקי פיר פּעקלעך פייגן מיט אויפשריפטן פאַר זיינע פריינט און חברים אין מעקסיקע. זאָלן זיי פאַרזוכן, די מעקסיקאַנער אידן, די געשמאַקע פייגן פון קיבוץ סאַסאַ. רוף איך שוין אויך אַריין מיינע מיטפאָרער, איז זיי ווילי אויך מכבד מיט פּעקלעך פייגן. זיינען זיי שטאַרק צופרידן, די טוריסטן, נישט אומזיסט געפאָרן אין סאַסאַ...

וועלן זיי אַהיימפירן פייגן פון ארץ ישראל אין זייערע לענדער. און זאָלן טאַקע אידן זעען, ווי אין ארץ ישראל ווערט מקוים דער פסוק: איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו. יעדער אונטער זיין וויינ־

שטאָק און יעדער אונטער זיין פייגנבוים. יאָ, אידן אין ארץ ישראל עסן פייגן פון אייגענע פייגן־ביימער.

גייען מיר פאַמעלעך אַרויף אַביסל העכער אויפן באַרג, דער־פילט מען די ערד־ריחות מיט דער צעבליטער זריעה אויף די אַרו־מיקע פעלדער. ווייטער אַביסל זעט מען שוין לײדיקע גרודעס רויע ערד מיט פעטע פאַשע, וואו די קי פון קיבוץ פיטערן זיך אַלע טאָג אויפן פעטן גראָז.

דערציילט מיר חבר ווילי, אַז אויף דער פעטער ערד מיט דער גוטער פאַשע פאַר די קי, נישט ווייט פון דער לבנון־גרענעץ, איז נישט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אַ שטיקל סיכסוך מיט די אַראַבישע „פעַ־לאַכן" (פויערים) פון נאָענטן דאָרף לעבן דער גרענעץ מיט סאַסאַ. די פאַסטוכער פון דער אַנדערער זייט גרענעץ, האָבן אָנגעהויבן גנבענען פון די פעלדער לעבן סאַסאַ אַ קו אָדער אַ קעלבל פון קיבוץ.

און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס ווילי, דער „מוכטאַר" (פירער) פו קיבוץ האָט געבעטן דעם „מוכטאַר" פון אַראַבישן דאָרף, מ'זאָל אויפהערן גנבענען די קי פון די פעלדער פון סאַסאַ.

האָט מען געמאַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי אָנצולערנען די פאַסטוכער פון אַראַבישן דאָרף, זיי זאָלן אויפהערן גנבענען די אידישע קי. אין אַ שיינעם טאָג, האָבן עטלעכע חברים זיך געגעבן אַ לאָז אַרוים אויף די פעלדער, און אַריינגעטריבן די גאַנצע סטאַדע (107 קי) פון אַראַבישן דאָרף אין קיבוץ אַריין...

זיינען באַלד געקומען צו לויפן עטלעכע פעלאַכן מיטן מוכטאַר פון דאָרף און געבעטן צוריקגעבן די קי. האָט ווילי, דער אידישער מוכטאַר דערקלערט דעם מוכטאַר פון אַראַבישן דאָרף: אַזוי ווי די אַראַבישע פאַסטוכער גנבענען צו אַלעמאָל אַ קו פון סאַסאַ, האָט מען איצט אַלס שטראָף צוגענומען ביי זיי מיט איינמאָל די גאַנצע סטאַדע...

דער אַראַבישער מוכטאַר האָט אָנגעהויבן רעדן שיינע געפּליגל־טע אַראַבישע פסוקים, געמאַכט קאָמפּלימענטן די אידישע חלוצים, געגעבן זיין ערן־וואָרט און געשוואוירן ביי „אַלאַ", אַז מער וועט מען נישט גנבענען ביי די טייערע אידישע שכנים, קיין איין קו... האָט מען געשלאָסן שלום און געמאַכט אַ שטיקל שמחהלע. מ'האָט גע־שאָכטן איין קו פון דער אַראַבישער סטאַדע און זיך געוואונטשן אַל־דאָס גוטס. און „אַלאַ" זאָל העלפן עס זאָל שוין מער נישט זיין קיי

קי־גנבות... און מ׳האָט די אַראָבער צוריקגעגעבן די גאַנצע סטאַדע.

און חבר ווילי גיט צו מיט אַ שמייכל: יאָ, חבר ווייסבוים. פון דעמאָלט אָן גנבעט מען מער נישט קיין קי פון קיבוץ סאַסאַ...

כ׳שטיי אַביסל און באַטראַכט דעם קיבוץ. אַ פרייד גייט אויף אין האַרץ, ווען מ׳זעט, ווי אידישע מענטשן אַרבעטן אַזוי האַרמאָניש צוזאַמען. שאַפן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער אַ געזונט נאָרמאַל לעבן, אויף אייגענער אידישער ערד.

יאָ, סאַסאַ ברויזט מיט לעבן. אַלץ באַוועגט זיך, אַלע אַרבעטן, אַלע זיינען מיט עפּעס באַשעפטיקט, ווי די בינען אַרום בינשטאָק: אויפן פעלד, אין שטאַל, אין קיך, אין קינדער־גאָרטן און אין גאַראַזש. קיינער שטייט נישט ליידיק. אומעטום פילט מען דעם אימפּעט פון אַרבעט: מ׳גייט, מ׳פירט די קי, מ׳טראָגט קעסטלעך, ברעטער, מ׳צאַפּט וואַסער.

מ׳הערט דאָס געזאַנג פון קינדערלעך, מ׳הערט דאָס רוישן פון מאָטאָרס און דאָס קלאַפּן פון האַמערס אין גאַראַזש. אין דער לופט קלינגט אָפּ איין געזאַנג — דאָס געזאַנג פון מי און אַרבעט!

עפּעס אַ גרויס צופרידנקייט נעמט מיך אַרום און אַ נחת־רוח, שטייענדיק אין דעם יונגן קיבוץ סאַסאַ. עפּעס פיל איך, ווי מיר אַלע, אומעטום וואו אידן געפינען זיך, דאַרפן מיטהעלפן אין דער הייליקער אַרבעט, וואָס די יונגע חלוצים נעמען אויף זיך: שאַפן און בויען קיבוצים און דערפער אויף אידישער ערד, אין אַרץ־ישראל.

כ׳געזעגן זיך מיט די חברים און מיטן ליבן ווילי טכאָרניצקי. מיט אַ הויכן — להתראות!

מיר פאָרן אַוועק פון סאַסאַ אויפן וועג קיין נהריה.

פאָרן מיר שוין איצט אויפן שאָסיי, וואָס שלענגלט זיך צווישן בליענדע פעלדער און שאָטנדיקעביימער אויף דער צפון־זייט פון ישראל, און מיר קומען באַלד אַרויף אויף אַ גלאַטיקן שאָסיי, וואָס ציט זיך גלייך צו מערב־זייט ביים ים. זיינען מיר אָנגעקומען אַרום איינס אַזייגער מיטאָג־צייט אין דעם פּרעכטיקן שטעטל נהריה, וואָס שטייט לעבן ים און איז איצט, אין פרילינג, אינגאַנצן איינגעהילט אין גרינס.

איז נהריה געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1935 פון דייטשע און עסטרייכישע פּליטים, וואַקסט די שטאָט און ווערט גרעסער פון יאָר

צו יאָר. זיינען איצט שוין דאָ אין נהריה ביי א צוועלף טויזנט איינוואוינער און אויך אַ סך אינדוסטריעס.

ציט זיך איבער דער לענג פון שטאָט אַ שמאָל טייכל ביזן ים און פוןביידע זייטן טייכל שטייען שורות צעוואַקסענעביימער. אין די ברייטע אַלייען איבער דער שטאָט, שטייען אויסגעשטעלט בענק אונטער די ביימער, די איינוואוינער זאָלן זיך קענען אָפּרוען אביסל, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. זעט די גאַנצע שטאָט אויס, ווי אַ גרויסער פּאַרק מיט פּאַלמען, שאָטנדיקע ביימער, גרין גראָז און שמעקנדיקע בלומען.

כאַפּן איצט אַרום דעם מענטש, וואָס קומט אין דער צעבליטער נהריה, די שמעקנדיקע פרילינג-ריחות פון גרין גראָז, פון ביימער מיט פרישע גרינע בלעטער און אויסגעשפּרייטע פּאַלמען-צווייגן, ווי שאָטנדיקע פעכערס. דערפיל איך דאָ דעם אַראָמאַט פון צעבליטע אַקאַציעס, דעם דופט פון צעעפנטע בלומען אונטער אַ צעשטראַלטע זון, וואָס פאַרשיכורן און זאָגן אָן, אַז ס׳איז איצט פרילינג — פרילינג אין ארץ ישראל!

קומט מען טאַקע אין נהריה פון גאַנצן לאַנד אויף זומער-וואַקאַציעס. זיינען דאָ אויפגעבויט צענטליקער האָטעלן און רעסטאָראַנען, וואו מ׳קען זיך אָפּרוען און הנאה האָבן פון גאָטס שיינער, צעבליטער וועלט; אָפּפרישן זיך און אָנזאַפּן מיט כוחות אויפן גאַנצן ווינטער.

האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ רעסטאָראַן, וואָס איז איינגעטונקען אין גרינס. דער באַלעבאָס, אַ דייטשער איד, פירט אונדז זייער העפלעך אַריין אין אַ גרויס צימער, הייסט אונדז אָפּרוען אביסל, זיך אַרומוואַשן ביז מ׳וועט גרייטן דעם טיש צום מיטאָג. לאַדט מען אונדז איין דערנאָך אין אַ זומער-שטיבל, ווי אַ גרויסע וועראַנדע אויפן הויף. די ווענט און דער דאַך זיינען צונויפגעשטעלט פון שמאָלע, דינע לייסטן און שטעקעלעך, אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט צווייגן און בלומען. זעט מען אַרויס דורך די דינע שטעקעלעך און צווייגן דעם בלויען הימל, ווי אין אַ היימישער גרויסער סוכה...

עפּעס זעט מען דאָ אַזאַ ריינקייט, אַזאַ ציכטיקייט, ס׳שמעקט דאָ פון אַלע זייטן. אויפן טיש, אַ געפּרעסט טישטוך מיט קעסטעלעך. די בלאַנדע קעלנערקע מיט אַ ווייס-געפּרעסט פאַרטוכל, דערלאַנגט

דאָס עסן אויפֿן טיש און רעדט עפּעס אַזאַ מין דייטש, וואָס איך מיין, אַז ס'איז אידיש... ביים אוועקשטעלן אַ טעלער, האַלט זי אין איין זאָגן: בעבאַקאַשאַ (בבקשה) ביטע שיין. און ביים צונעמען דעם טעלער: טאָדאַ ראַבאַ (תודה רבה), און באַלד: דאַנקע שיין.

די געמישטע העברעאישע און דייטשע ווערטער פֿון דער שמיי־כלדיקער קעלנערקע, וואָס ווערן אַזוי חנעוודיק אַרויסגעזאָגט מיטן דייטשן אַקצענט. און טאַקע דער געשמאַקער מיטאָג, מיט די שמע־קנדיקע פֿרישע לופֿט פֿון דער צעבליטער נהריה, ברענגען מיך אַריין אין עפּעס אַ יום טובדיקער שטימונג.

כ'וואָלט זיך איצט זיכער נישט אָפּגעזאָגט, ווען עמיצער לאָדט מיך איין צו פֿאַרבלייבן אין נהריה, כאָטש אויף אַ צוויי וואָכן... עפּעס גלוסט זיך מיר נישט אַזוי גיך אויפֿצוהייבן און אוועקגיין פֿון טיש... נאָר כ'בין דאָך אין „גלות" (אין ארץ־ישראל...) — ביים שאָפֿער. רוען מיר זיך אָפּ אַ ביסל און געזעגענען זיך מיטן רעסטאָ־ראַטער און מיט דער דייטש־העברעאישער בלאָנדער קעלנערקע, מיט אַ שאַלאָם און מיט אַן אויפֿווידערזען...

און מיר פֿאָרן שוין ווייטער.

איז פֿון נהריה ביז חיפה בלויז אַ צוואַנציק קילאָמעטער, נאָר מיר איילן זיך נישט. פֿאָרן מיר פּאַמעלעך דורך דער שטאָט וואָס שטייט איצט אין פֿולער בליאונג. זעט מען הינטער דער שטאָט, ווי ס'בויען זיך נייע שכונות, נייע הייזער, מ'לייגט אויס גאַסן און מ'פֿירט מאַ־טעריאַלן אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס.

פֿאָרן מיר איצט שוין אויפֿן גלאַטיקן שאָסיי נישט ווייט פֿון ים. קען מען שוין זען פֿון ווייטנס דעם אָפֿענעם ים מיט די גרין־בלויע כוואַליעס, וואָס יאָגן זיך איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס גיכער קו־מען צום ברעג, און דאָרט זיך אויפֿלייזן מיט אַ ווייסן שוים און געפּילדער.

זיינען מיר שוין אָנגעקומען אין דער אַלטער שטאָט עכו.

פֿאָרן מיר דורך אַ ברייטער שטילער גאַס, אויסברוקירט מיט קליינע גלייכע שטיינער, נישט ווייט פֿון ברעג ים. פֿון דער אַנדע־רער זייט גאַס הייבן זיך אינדערהייך טונקעלע מאַסיווע ווענט. דאָרט שטייט די טרויעריק־באַרימטע עכו־תפיסה, וואָס זעט אויס ווי אַ פֿעסטונג, אַרומגענומען פֿון אַלע זייטן מיט אַ הויכער, פֿעסטער וואַנט, וואָס פֿאַרענדיקט זיך אינדערהייך מיט עטלעכע טורעמס, און אויבן

אויף דער וואַנט זעט מען קליינע עפענונגען און אויסגעהוילטע לעבער פון וואַנען מ'קען אַרויסשיסן אינדרויסן.

איז עכו זייער אַן אַלטע שטאָט.

נאָך אין דער צייט ווען די חשמונאים האָבן געפירט די באַפריי־אונג־מלחמות מיט די גריכן אין סיריע, האָט די שטאָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די קאַמפן צווישן די אידן און גריכן. דאָרט טאַקע, אין עכו, איז דורך אַ פאַרראַט פון די גריכן, דערמאָרדעט גע־וואָרן מיט אַ 2100 יאָר צוריק, דער פירער און כהן־גדול יונתן, דער פערטער ברודער פון די פינף חשמונאים־ברידער, די מאַקאַבייער.

ווען די קרייץ־טרעגער פון דריטן קרייץ־צוג אין יאָר 1187, האָ־בען איינגענומען עכו, האָט דער ענגלישער קעניג ריטשאַרד דער לייב־האַרציקער, וואָס איז דעמאָלט מיטגעגאַנגען מיטן קרייץ־צוג. געהייסן אויפבויען אַ פעסטונג לעבן ים, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביז היינט.

זיינען מיט פינף יאָר צוריק, אין דער צייט פון דער באַפרייאונג־מלחמה, גישט אַנטלאָפן אַלע אַראַבער פון עכו. וואוינען טאַקע היינט אין דער שטאָט אַ גרויסע צאָל אַראַבישע פאַמיליעס און זיינען אַלע ישראל־בירגער. געפינען זיך איצט אין שטאָט אַריבער צוועלף טוי־זענט איינוואוינער אידן און אַראַבער. זעט אויס די אַלטע שטאָט אַביסל אָפּגעלעבט און אַפּאַטיש. אָבער אידן בויען נייע גאַסן און הייזער, שאַפן אין שטאָט אינדוסטריעס און האַנדל.

שטייט ביים ברעג ים אַ גרויסער קיילעכדיקער פאָרט פון דער פעסטונג. גייען מיר אַרויף אויבן אויפן פאָרט, פון וואַנען מ'קען זען דעם אָפענעם ים, וואָס ציט זיך ערגעץ אַוועק ביזן האָריזאָנט. די ווענט אַרום דער פעסטונג, זיינען פון גרויסע שטיינער מער ווי אַ מעטער דיק. אויבן אויף די ברייטע ווענט זיינען נאָך געבליבן די גרויסע עפענונגען און קרומע לעכער, וואו עס זיינען געשטאַנען די האַרמאַטן, און אויסגקרומטע שמאָלע טורעמס, וואו מ'האָט זיך גע־קענט פאַרטיידיקן קעגן שונא פון ים.

שפּאַצירן מיר אַרום אינדערהייך אויף די דיקע מויערן, וואָס שניידן זיך אַריין אַ שטיק אין ים אַריין. פון ים בלאָזט איצט אַ קיל געזאַלצן ווינטל. די כוואַליעס קומען צולויפן איינע נאָך דער אַנ־דערער און קלאַפן זיך אָן אין דער פעסטונג־וואַנט, מיט אַ געבייזער און געריש, און ווערן צעפאַלן אין ווייסן שוים און צעשפּריצט אין

וואַסער־שטויב ביז אינדערהייך אויף דער מויער. אין איין זייט שטאָט זעט מען פונדערהייך, דאָס בערגל, וואָס מ'האָט ספּעציעל אָנגעשאָטן, כדי נאַפּאָלעאָן זאָל קענען בעסער פירן די שלאַכטן מיט דער טערקישער ארמיי, ווען ער האָט געוואָלט דעמאָלט איינגעמען פּאַלעסטינע (ארץ ישראל).

גייען מיר אַראָפּ פון הויכן באַסטיאָן און בלייבן שטיין קעגן־איבער די הויכע, באַפּעסטיקטע ווענט, וואו אינעווייניק שטייט די טרויעריק־באַרימטע תפיסה. אָט די פאַרשאָלטענע טורמע, וואו יונגע אידישע קעמפער פאַר דער פרייהייט פון זייער לאַנד, האָבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות אויף דער תליה.

היינט איז דאָרט אַ אידישע פּאָליציי־סטאַנציע, אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע און אַ סטאַנציע פון רויטן מגן־דוד פאַר גיכער הילף.

וואַרפט דאָ אָן אויף מיר די גאַנצע סביבה אַ מרה־שחורה, עפּעס פיל איך זיך דאָ אין אַ געדריקטער שטימונג, און כ'בין צופרידן, ווען מיר זיצן שוין צוריק אין אויטאָ אויפן וועג קיין חיפה. זעט מען אויפן וועג, נישט ווייט פון ברעג ים, שטייען אַ סך מיליטערישע־באַראַקן און קאַזאַרמעס, נאָך פון דער צייט ווען די ענגלענדער זיינען דאָ געווען...

זעט מען אויך די הויכע קוימענס פון דער גרויסער צעמענט פאַבריק „נשר", און די גלאַנציקע באַן־שינעס וואָס ציען זיך ביז דער פאַבריק. זעט מען אויך, נישט ווייט פון חיפה, אַ סך אַנדערע פאַבריקן, וואו ס'גלאַנצן די פענסטער פון ווייטנס און ס'הערט זיך אין דרויסן דער מאַשין־גערויש, וואָס וועט זיך אוודאי באַלד אָפּשטעלן לכבוד שבת... שטייען אויך לעבן די פאַבריקן גרויסע שפּייכלער מיט סחורה, און שווערע משא־אויטאָס שטעלן זיך אָפּ לעבן די שפּייכלער.

נישט ווייט פון חיפה, לעבן דעם לאַנגן כרמל־באַרג, פאָרט שוין דער אויטאָ אַרויף אַביסל העכער.

און ווידער זע איך פון ווייטנס דאָס בילד, וואָס פאַרשאַפט יעדן איד, יעדן מענטש גרויס עגמת־נפש. דאָס טרויעריקע בילד פון די מעברות... די שאָטן־זייט אין ליכטיקן אויפשטייג פון מדינת־ישראל.

בין איך שוין עטלעכע מאָל געשטאַנען לעבן די מעברות און געזען, ווי מענטשן לעבן דערוויל אין הילצערנע שטיבעלעך, וואָס שטייען אויף דער רויער ערד אין פרייען פעלד, הינטער דער שטאָט.

יאָ, דאָס האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק. כ'האָב זיך פאַרשעמט, פאַר מיר אַליין פאַרשעמט... איך וועל דאָך באַלד צוריקגיין אין אַ שיין באַקוועם צימער, זיך זעצן אויף אַ ווייכער סאָפע, און ביינאַכט זיך אויסרוען אויפן ווייכן ריינעם בעט. און די מענטשן לעבן דאָ אין אַזאַ ענגשאַפט און דאַרפן נאָך ווינטער ליידן פון די רעגנס און קאַלטע ווינטן, וואָס בלאָזן דאָ אויפן אָפענעם פעלד.

אָ, ווי מענטשן לעבן דאָ אין אַזאַ אָרעמקייט, און אַזוי פּרימיטיוו... און פון ווייטנס זעט מען אַ שטאָט מיט שיינע הייזער, מיט ריינע אַספאַלטירטע גאַסן, און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פון דער „טייערער” ציוויליזאַציע און איצט ערב שבת פאַרנאַכט, זע איך ווידער דאָס נישט אָנגענעמע, טרויעריק בילד פון אַ מעברה.

צווישן די שורות אויסגעשטעלטע הילצערנע שטיבלעך, איז איצט אַ גרויסע באַוועגונג. די איינוואוינער וואָס אַרבעטן אין שטאָט קומען איצט, פרייטיק פאַרנאַכט, פריער אַהיים. זעט מען איצט גיין לעבן די שטיבלעך די אַרבעטער פון שטאָט, וואָס טראָגן קליינע קיישלעך און פּעקעלעך שפּייז. אין דרויסן לעבן די שטיבלעך, שטייען פרויען און וואַשן און רוימען עפּעס צו לכבוד שבת. זיי גייען אַרויף אויף די צוויי הילצערנע טרעפּלעך אין שטיבל אַריין און קומען ווידעראַרויס אין דרויסן. אויף אַ טיר זעט מען הענגען אַ בלעכענעם עמער מיט אַן אויפשריפט, דאָרט וואוינט אוודאי אַ בלעכער. לעבן אַ סך שטיבלעך שטייען די טישלעך אין דרויסן.

יאָ, אין די קליינע אָרעמע שטיבעלעך אויפן פרייען פעלד, גרייטן זיך אידן אויפצונעמען דעם הייליקן שבת. אין די אָרעמע הילצערנע שטיבלעך גייען איצט אידן אויפנעמען די מלכה־שבת. אין אָרעמע שטיבלעך אויפן אָפענעם פעלד, וואַרטן איצט אידן אויף דער פּרינצעסין־שבת...

ווערן טאַקע די מעברות־שטיבלעך, וואָס אַמאָל ווייניקער און ווייניקער. די עולים ציען זיך ביסלעכוויז איבער אין באַקוועמע דירות פון געמויערטע הייזער.

אָבער די מעברות זיינען נאָך אַלץ די שאָטן־זייטן פון מדינת־ישראל...

זיינען אָבער די מעברות מיט די הילצערנע שטיבעלעך אויפן אָפענעם פעלד, נישט בלויז די שאָטן־זייטן פון מדינת ישראל. דאָס

איז טאַקע אויך אַ פּלעק אויף דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אַ שאַנד־פּלעק אויף די ציוויליזירטע פעלקער, וואָס ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין די אָרעמע שטיבעלעך וואוינען די שארית־הפליטה פון די אויסגעמאָרדעטע מיליאָנען אומשולדיקע אידן.

אין די הילצערנע שטיבעלעך אויפן פעלד, וואוינען דאָך די לעבן־געבליבענע אידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע באַקוועמע היימען, און באַרויבט געוואָרן פון זייערע דורותדיקע פאַרמעגנס. דאָ וואוינען דאָך די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דייטשן היטלער־גיהנום, און האָבן געהאַט בלויז איין לאַנד וואו זיך צו ראַטעווען, וואוהין צו פאָרן — ארץ ישראל!

דאָ וואוינען אויך אידן פון די אַראַבישע לענדער, וואָס זיינען געיאָגט און געפּלאָגט געוואָרן פון די אַראַבישע הערשער, און באַרויבט געוואָרן פון זייער האָב־און־גוטס.

קוק איך איצט אויף די אויסגעשטעלטע שטיבלעך אין פעלד, און ס'קומט מיר אַרויף אויפן געדאַנק, די שיינע דערציילונג פון חומש במדבר אין דער סדרה בלק:

ווען משה רבנו האָט אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים, זיי געפירט פערציק יאָר אין דער מדבר ביזן לאַנד מואב, און געוואָלט מיט די אידן דורכגיין מואב צום לאַנד כנען, האָט בלק בן צפור, דער מלך פון מואב זיך דערשראָקן פאַר די שטאַרקע אידן, און זיי געוואָלט פון דאָרט פאַרטרייבן. האָט ער געשיקט רופן בלעם בן בעור, דער כישופמאַכער און נביא פון די געצנדינער, ער זאָל שעלטן די אידן, אפשר וועט ער זיי קענען פאַרטרייבן מיט זיינע קללות פון מואב.

האָט פון הויכן שפּיץ פעור, בלעם דערזען, ווי די אידן רוען אין דער מדבר לויט זייערע שבטים. האָט ער גאָר אָנגעהויבן בענטשן די אידן און הויך אויסגערופן:

— מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל!

ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן יעקב, דיינע וואוינונגען ישראל!

האָט דאָך בלעם פונדערהייך געזען דעם אידישן ריינעם לאַגער, וואו די אידישע שבטים וואוינען אין די שיינע סוכות, אין די געראַמע ביידלעך, אויסגעשטעלט אין סימעטרישער אָרדענונג; צו דריי שבטים אין אַ זייט און אינמיטן שטייט דער משכן. האָט ער טאַקע

באוואונדערט די אידן, ווי גוט און שיין זיינען זייערע וואוינונגען, און זיי געבענטשט...

דאכט זיך מיר איצט:

ווען בלעם זאל אראפקוקן פונדערהייך און זען די מעברות, וואו די עולים מוזן דערווייל וואוינען. וואלט ער אפשר נישט געקענט אויסרופן: מה טובו אהליך יעקב. ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן יעקב...

ער וואלט אויפגעהויבן זיינע הענט און הויך אויסגערופן:

— זעט אידן אין די תפוצות ישראל, וואו אייערע ברידער מוזן וואוינען אין די הילצערנע סוכות, אין די ענגע ביידלעך אויפן אפע־נעם פעלד.

שטרעקט אויס אייערע הענט, העלפט אויפבויען גוטע געראמע הייזער! אייערע ברידער גייען דאך איצט נישט אין דער מדבר, זיי זיינען דאך שוין געקומען אין זייער לאנד...

זעט איצט אויס די „מעברה" פונדערהייך, ערב שבת פארנאכט, ווען די צעפלאמטע זון זעצט זיך שוין אראפ אין מערב־זייט, און שפרייט אויס אירע לעצטע רויטע שטראלן אויף די הילצערנע און בלעכענע דעכלעך פון די ארעמע שטיבעלעך, — ווי די מענטשן וואס וואוינען דא, וואלטן זיך נאר־וואס געראטעוועט פון א גרויסער שריפה אין שטאט.

האבן זיך די איינוואוינער פון די מעברות, טאקע געראטעוועט פון דער שרעקלעכער וועלט־שריפה, פון העלישן־פייער, און וואוינען דערווייל אין הילצערנע שטיבעלעך אויפן פרייען פעלד...

מיר זיינען אריינגעפארן אין חיפה.

פאמעלעך־פאמעלעך איז דער אויטא דורכגעפארן צווישן גרויסן געדרענג אויף די גאסן, פון אויטאבוסן, אויטאס און ביציקלעטן, און זיך אפגעשטעלט אויף א שטילער גאס. האב איך געקענט ווייטער פארן מיטן אויטא ביז תל־אביב, פון וואנען מיר זיינען ארויסגעפארן מיט דריי טעג צוריק אויפן טיול אין גליל. אבער כ'בין שוין געבליבן אין חיפה אויפן יום־העצמאות, וואס וועט זיין אין דריי טעג ארום — מאנטיק.

יעדעס יאר קומט פאר די פייערונג פון יום־העצמאות מיט דער גרויסער מיליטערישער דעפילאדע, אין אן אנדערער שטאט. דאס יאר וועט דער גרויסער יום טוב פארקומען אין חיפה.

האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע מיטפאָרער, וואָס מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען די לעצטע דריי טעג, און מיטן גוטן געטרייען שאָפער, חבר חיים פּרווידענטאַל, געזאָגט דעם לעצטן שאַלאָם ביז מאָנטיק. זיי קומען דאָך צוריק אין חיפה זונטיק ביינאַכט אויפן יום־העצמאות.

איז דער אויטאָ אַוועק אויפן וועג קיין תל־אָביב, און איך האָב גענומען מיין רענצל און פּאַמעלעך אַוועקשפּאַצירט אויף רחוב צידון צו מיין קוזינס וואוינונג. זיינען די גאַסן איצט געפּאַקט מיט דורכגייער, די געשעפטן זיינען פול מיט קונים. מ׳קויפט איין גיך אַלץ וואָס מ׳דאַרף אויף שבת. מענטשן גייען גיך הין־און־צוריק אויף די טראָטואַרן. מ׳טראָגט קליינע קיישלעך, פּעקעלעך שפּייז. אַלע איילן זיך צו קומען וואָס פריער אַהיים. אַ סך אידן טראָגן אויך אין איין האַנט די פּעקלעך שפּייז, און אין דער אַנדערער האַנט — עטלעכע בלומען לכבוד שבת. יאָ, אידן אין ארץ־ישראל האָבן ליב אויפצונעמען די מלכה־שבת מיט בלומען אויפן טיש... האָט דער גאַנצער געאייל אויף די גאַסן, פּרייטיק פאַרנאַכט אין חיפה, געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי כ׳וואָלט איצט געגאַנגען ערב שבת פאַר־נאַכט, אין די געפּאַקטע אידישע גאַסן אין דער אַמאָליקער וואַרשע...

ווער קען דאָס פאַרגעסן, דעם געדרענג און דאָס איילעניש, פּריי־טיק פאַרנאַכט אין דער אידישער וואַרשע?

נישטאָ מער די הארציקע, שבתדיקע אידן אין וואַרשע!

פאַרשניטן און פאַרטיליקט געוואָרן, דורך די נאַצי־רוצחים, זיי־נען די שבתדיקע, הדרת־פּנימדיקע אידן פון וואַרשע, וואָס פלעגן, ריינע אָפּגעוואַשענע, אין די אַטלעסענע קאַפּאָטעס און סאַמעטענע היטלען, גיין איבער די אידישע גאַסן פּרייטיק פאַרנאַכט, אין די שולן און חסידים־שטיבלעך מקבל שבת זיין...

בין איך שוין, מער ווי צוויי וואָכן, נישט געווען אין חיפה.

האָב איך דאָך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן איבערן לאַנד. האָב איך ביים אַריינקומען צו מיין קוזין אין שטוב, שוין געטראָפן אַ ניי־געבוירן סאַברעלע, וואָס איז קוים אַלט צוויי וואָכן. ווען כ׳בין ערב פּסח געפאָרן פון חיפה קיין נתניה, האָט זיך איז שטוב אַרומגעדרייט אַ קליין זינגנדיק מיידעלע, אַ בלאָנד מלאכל. קום איך איצט צוריק קיין חיפה, צוויי וואָכן נאָך פּסח, טרעף איך שוין, קיין עין הרע, אויך אַ קליין אינגעלע יעקבל, אַ גוט „שרייערל״.

זיינען טאַקע די ישראל־ווייבלעך גרויסע בריות. זיי פאַרמערן די מדינה מיט נייע בירגער... זיי היטן בעסער אָפּ די סאַברעלעך, ווי די אייגענע טאַליעס... אמתע עקרת־הבית, אַלץ צוזאַמען: די גברת, באַלעבאָסטע, ווייב, פריינט, חבר און — די מאַמע, די געטרייע מאַמע פון די סאַברעלעך.

האָט מיך באַלד, די קליינע בלאָנדע גאַלינקאַ, גענומען ביי דער האַנט און מיך שטיל אַריינגעפירט אין צימער, וואו איר קליין ברודערל, אַ פּוצקע אינגעלע מיט פאַרמאַכטע אייגעלעך, איז רואיק געשלאָפן אויפן ווייסן קישן.

האָט דאָס קליינע מיידעלע שוין געפילט, אַז זי האָט אין איר ברודערל אַ גרויסן קאָנקורענט צו אירע עלטערנס ליבע... זי האָט מיר אָבער באַלד באַוויזן, אַז זי איז נאָך אויך עפּעס ווערט... האָט זי זיך אין צווייטן צימער לעבן מיר אַוועקגעשטעלט, געקוקט אויף מיר מיט אירע שטיפערישע בלויע אייגעלעך און אָנגעהויבן זינגען מיט איר זיס שטימעלע, ווי אַ זילבערן גלעקעלע, איר פּסחדיק לידעלע; כאָטש ס'איז שוין געווען צוויי וואָכן נאָך פּסח:

— מה נשתנה הלילה הזה, הלילה הזה, מכל הלילות, מכל הלילות, שבכל הלילות — — —

האָט מיך עפּעס באַלד אַרומגענומען אַ וואַרעמע היימישקייט. כ'האָב געפילט, ווי כ'וואָלט צוריק געקומען אַהיים פון אַ ווייטער, ווייטער רייזע...

זונטיק דעם 19־טן אַפּריל

היינט איז ערב יום־טוב אין ארץ־ישראל.

היינט ביינאַכט הייבט זיך אָן דער יום־טוב, אַ גאָר גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב. דער יום־טוב פון זעלבסטשטענדיקייט, דער יום־טוב פון פרייהייט פאַרן אידישן פאָלק אין זיין אייגן לאַנד, אין ארץ־ישראל:

יום־העצמאות!

די באַוועגונג אויף די גאַסן אין חיפה, איז היינט אויסערגעוויינלעך גרויס. די טראָטואַרן זיינען געפּאַקט מיט טויזנטער מענטשען, ס'איז אויף די צענטראַלע גאַסן אַ גרויסער געדרענג. מ'קען קוים דורכגיין, די געשעפטן זיינען פול מיט טוריסטן.

אין שטאָט זיינען שוין אָנגעקומען טויזנטער טוריסטן אויפן יום־העצמאות. אָן ארגענטינען שיף מיט אידישע טוריסטן און פון לאַטיין־אַמעריקע, שטייט שוין עטלעכע טעג אין פּאָרט. די טוריסטן וואוינען טאַקע אין דער שיף, ווייל די האָטעלן זיינען איצט איבערפולט מיט טוריסטן און פון די מענטשן וואָס זיינען געקומען פון גאַנצן לאַנד אויפן יום־העצמאות. פלאַטערט איצט אויף דער שיף די ארגענטינער פאָן און די אידישע בלוי־ווייסע פאָן אין פּאָרט פון חיפה. וואַרט די שיף אויף די טוריסטן, זיי צוריק אַהיים צו פירן נאָך יום־טוב.

זעט טאַקע איצט אויס די שטאָט, ווי דאָ וואָלט פאָרגעקומען אַ גרויסע וועלט־אויסשטעלונג, אָדער אַן אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר... הערט מען רעדן אויף די גאַסן עטלעכע שפּראַכן: העברעאיש, אידיש, דייטש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און — ענגליש... מער פון אַלץ הערט מען רעדן ענגליש.

בין איך היינט אינדערפרי באַלד נאָכן אָנבייסן אַרויסגעפאָרן מיט מיין קוזין ישראל אויפן כרמל. כ'האָב זיך געוואָלט טרעפן מיטן באַרימטן שרייבער און דראַמאַטורג דוד פּינסקי, און אַ שמועס טאָן וועגן אידישן טעאַטער און אידישע פּרעסע אין מדינת ישראל. האָט דעם שמועס איינגעאָרדנט, דער קולטור־טוער פון הסתדרות און פאַר־טרעטער פון „דבר" אין חיפה, חבר מענדל זינגער.

אויפן כרמל איז די באַוועגונג אויף די גאַסן נישט קיין גרויסע. פון אָפענעם ים בלאָזט איצט אַ פרישע מחיהדיק ווינטל. אין דער לופט פילט מען דאָ די פרילינג־דיחות, וואָס גייען אויף פון די אַרו־מיקעביימער, און פון גרויסן פּאַרק „גן־האם". וואָס געפינט זיך אויפן כרמל. זעט מען פון אויבן, אויפן שטילן כרמל, ווי די גאַנצע שטאָט אונטן, ברויזט מיט לעבן און גוואַלדיקער ענערגיע פון טויזנ־טער מענטשן, וואָס באַוועגן זיך איצט אויף די געדרייטע גאַסן פון שטאָט.

שפּאַצירן מיר אַביסל אַרום אויפן כרמל, ביז מיר קומען צו דער שטיל, געפלאַסטערטער מוריה גאַס. איז טאַקע אויך דאָ אַ דוד פּינס־קי גאַס, אָבער דער באַרימטער שרייבער וואוינט אויף דער מוריה גאַס. גייען מיר אַריין אין אַ שיין־געמויערט הויז, און דורך אַ קליין גערטנדל פון פאָרנט קומען מיר אַריין אין דער וואוינונג פון זקן־הסופרים, דוד פּינסקי.

האָט אונדז די „עוזרת" (אַרויסהעלפערין אין שטוב) אַריינגע־פירט אין אַ שיין־באַקוועמער ביבליאָטעק, מיט אַ גרויסן שרייבטיש ביים פענסטער; ווייך־געבעטע שטולן, און אַרום די ווענט שטייען גרויסע פּאָלירטע שאַפעס מיט ביכער. פילט מען, אַז דאָ אין דעם ביבליאָטעק־צימער, זיצט אַ מענטש פון גייסט, אַ שרייבער, אַ שאַ־פער, וואָס איז אַליין אַרומגערינגלט מיט הונדערטער ביכער, וואו עס זיינען פאַראייביקט געוואָרן די גייסטיקע שאַפונגען פון דענקער, דיכ־טער און שרייבער.

באַלד איז מיט גיכע טריט אַריינגעקומען חבר פּינסקי און אונדז באַגריסט מיט אַ האַרציקן שלום עליכם. איז דער באַרימטער דראַ־מאַטורג און שרייבער, שוין אַריבער, קיין עין הרע, די אַכציקער, ביז הונדערט און צוואַנציק. אָבער איז פול מיט לעבן, מונטער און שפּרודלט מיט ענערגיע.

אַ פעסט־געבויטער, פון מיטעלען־וואוקס, שאַרפע שטריכן אויפן גלאַטיקן פּנים, מיט דורכדרינגלעכע באַברילטע אויגן און מיט אַ

ווייסן קאָפּ־האָר; מאַכט ער דעם איינדרוק, ווי ער איז גרייט מיט אייך באַלד צו פּאָלעמיזירן און אייך איבערצייגן, אַז ער און נאָר ער איז גערעכט...

איז ער אָבער שוין אַביסעלע טויב, מוז מען צו אים רעדן לעבן אויער אַביסל העכער.

פרעג איך אים, קודם־כל, ווי ער פילט זיך אין געזונט אין ארץ ישראל. ער האָט דאָך עטלעכע צענטליק יאָר געלעבט אין די שטאַטן. גוט גוט, ענטפערט ער מיר מיט אַ צעפרידענעם שמייכל, זייער גוט! אַ וואונדערלעכע לופט אין ארץ־ישראל, און דאָ אויפן כרמל א׳ז דאָך ממש אַ גן־עדן!

זיצן מיר אויף דער ווייכער סאָפע, און ער רוקט זיך צו אַ שטול און זעצט זיך קעגנאיבער אונדז.

דער באַרימטער וועטעראַן פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט נאָך מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, געשריבן דערציילונגען פון אידישן אַרבעטער־לעבן, פרעגט זיך נאָך וועגן אידישן ישוב אין מעקסיקע. ער האָט זייער אַ סך געהערט וועגן קולטורעלן אידישן ישוב און וועגן אידישן שול־וועזן אין מעקסיקע.

אים אינטערעסירט צו וויסן, וועגן אידישן גייסטיקן־שאַפן אין די אידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע. וועגן אידישע שרייבער און קולטור־טוער אין מעקסיקע. אידן דאַרפן זיך באַזעצן אין ישראל, רעדט ער אַרויס הויך און קאַטעגאָריש, און אידישע דיכטער און שרייבער דאַרפן זיך אוודאי באַזעצן אין ארץ־ישראל, און ווייטער שאַפן זייערע ווערק אין אַ אידישער סביבה, אונטער דעם ארץ־ישראל הימל.

אָבער חבר פינסקי, זאָג איך אים גאַנץ הויך, ער זאָל בעסער הערן: מ׳זאָגט דאָך, אַז מ׳דיסקרימינירט קעגן אידישן לשון און קעגן דער אידישער פּרעסע אין ישראל...

דער „יונגער" חבר פינסקי, האָט זיך גיך געגעבן אַ הייבאויף פון זיין שטול, און מיט אַ דראַמאַטישן זשעסט הויך אויסגערופן:

וואָס האָט איר געזאָגט? דיסקרימינאַציע קעגן אידיש? נישט אמת! נישט אמת!

די מפא״י גיט דאָך אַליין אַרויס אַ צייטונג אויף אידיש. ס׳גייען דאָך אַרויס אין מדינת־ישראל נאָך פינף אידישע צייטונגען. מ׳שפּילט אידיש טעאַטער.

מיטאמאָל רוקט זיך אוועק די פאָרהאַנג און די „עוזרת" פירט באַמעלעך אַריין אין ביבליאָטעק פינסקיס פרוי. אַן אינטעליגענטע דאַמע מיט ברילן אויף אַ פּאָר קלוגע אויגן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן אין האַנט, און זעצט איר אַוועק אויף אַ שטול לעבן פענס־טער.

כ'האָב זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דער פרוי פינסקי, איר באַגריסט און געפרעגט צי זי רעדט אידיש... האָט זי אויף מיר געגעבן אַ קוק מיט אירע באַברילטע קלוגע אויגן און מיט אַ שמייכל מיר געענטפערט:

אַ שיינע פראַגע, צי איך רעד אידיש? אוודאי קען איך אידיש! כ'קען ענגליש, אָבער אידיש? נו, נו, אַזאַ פראַגע. אין אידיש לעב איך זיך דאָך אויס, פינסקיס אַלע ווערק האָב איך דאָך די ערשטע זיי געלייענט. כ'קען די גאַנצע אידישע ליטעראַטור.

כ'בין געקומען קיין אַמעריקע אַ קליין קינד, אָבער כ'בענק ניט נאָך אַמעריקע. דאָ איז מיין לאַנד! כ'בענק נאָר נאָך מיינע צוויי קינדער, וואָס וואוינען אין די שטאַטן.

האָט מיר די פרוי פינסקי געפרעגט, צי די אידישע יוגנט אין מעקסיקע רעדט אידיש...

האָט זי זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז יאָ. די אידישע יוגנט אין מעקסיקע רעדט שפּאַניש און אידיש. זיי קענען גוט ביידע שפּראַכן. ס'גייען אַרויס אידישע ציטונגען און מ'דרוקט אידישע ביכער פון מעקסיקאַנער אידישע שרייבער. האָט די חברה פינסקי געשאָקלט פאַמעלעך מיטן קאָפּ און שטיל צוגעגעבן: יאָ, דער כוח פון אידישן שאַפן איז גרויס, זייער גרויס. די אידישע ליטעראַטור וועט נישט אונטערגיין.

האָב איך זיך צוריקגעזעצט לעבן פינסקין און אים געפרעגט וועגן זיין שטענדיקער פּאָלעמיק מיטן רעדאַקטאָר פון דער אידישער צייטונג „לעצטע נייעס", וואָס גייט אַרויס אין תל אביב, פריינט מ. צאַנין.

אָ, צאַנין, צאַנין! האָט פינסקי כמעט ווי אויסגעשריגן: ער איז אַ גוטער זשורנאַליסט, אַ גוטער שרייבער, אָבער אַ שוואַרץ־זעער. ער געפינט אויס אַלע שאָטן־זייטן, אַלע חסרונות פון דער יונגער אידישער מדינה, און פאַרשוואַרצט דאָס פנים פון ארץ־ישראל אי־בער דער וועלט מיט זיין שרייבן.

אָבער חבר פּינסקי, פּראָביר איך מלמד־זכות זיין אויף צאַנינען; קריטיק איז דאָך געזונט. דאָס איז דאָך דער חוב פון דער פּרעסע צו קריטיקירן און העלפן געזונט מאַכן דאָס לעבן אין לאַנד, אין דער געזעלשאַפט.

וואָס, וואָס? געזונט מאַכן? האָט שוין פּינסקי גערעדט אַביסל אויפגערעגט. ער, צאַנין האָט נישט קיין געזונטע קריטיק, פאַר אים טויג גאָרנישט: נישט די רעגירונג, נישט די יוגנט, נישט די דער־ציאונג, גאָרנישט! גאָרנישט!

ער האַלט דאָך אונדז אין איין פאַרשוואַרצן און פאַרמיאוסן אין אויסלאַנד מיט זיינע אַרטיקלען. אוודאי זיינען אין ישראל אויך דאָ חסרונות, ווי אין יעדן לאַנד. אָבער אויף אַ קינד, נאָך דערצו אויף אַן אייגן קינד, זוכט מען אויס די מעלות און נישט די חסרונות...

דאָ האָט זיך פּינסקי ראַפּטום אויפגעהויבן, גיך געבערענגט עט־לעכע צייטונגען, און גענומען הויך איבערלייענען די אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן אין ניו־יאָרקער „טאָג" פון זיין פּאָלעמיק מיט חבר צאַנין.

זיץ איך און הער און באַוואונדער טאַקע אונדזער „יונגן" חבר פּינסקי:

מיט וואָס פאַר אַ קלאָרער שטימע, מיט וואָס פאַר אַ שיינער דיקציע ער לייענט זיינע אַרטקילען, מיט וואָס פאַר אַ קראַפט פון איבערצייגונג ער טייטשט אויס יעדן זאַץ פון זיין אַרטיקל, פּונקט ווי ער וואָלט פאַרגעלייענט זיינס אַ דראַמע פאַר אַקטיאָרן. די פרוי פּינסקי זיצט אויפן שטול אַביסעלע איינגעבויגן, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און שעפּט נחת פון איר „יונגנמאַנטשיק", ווי קרעפטיק און שיין ער לייענט.

מיטאַמאָל גיט זיך אַ שאַר אַוועק די פאָרהאַנג פון ביבליאָטעק־צימער, און ס'לויפט אַריין מיט אַ שטורעם, דער ענערגישער, לע־בעדיקער חבר א. ש. יורים. דער באַקאַנטער אידיש־אַרגענטינער זשורנאַליסט, וואָס וואוינט איצט אין ישראל און אַרבעט אין דער קולטור־אָפּטיילונג פון דער הסתדרות. ער האָט געוואוסט, אַז אַ אידיש־מעקסיקאַנער שרייבער איז איצט דאָ ביי פּינסקין, נו, איז ער געקומען „צו פליען" און זיך דערוויסן, וואָס ס'הערט זיך עפּעס אין מעקסיקע.

חבר יורים שפּריצט מיט פייער, שיט מיט גלייכווערטלעך, ער

ברענט, פלאַקערט, רייסט מיך ביים אַרבל און וויל מיך איבערצייגן, אַז נאָר ער, דער טייערער חבר פּינסקי איז גערעכט.

ווי אַן איבערגעגעבענער חסיד, האַלט ער, אַז נאָר זיין רבי — פּינסקי איז גערעכט.

ער העלפט־צו פּינסקין, וואַרפט אַלעמאָל אַריין אַ שטעכווערטל קעגן די בונדיסטן, קעגן די גלות־נאַציאָנאַליסטן, וואָס קריטיקירן די יונגע אידישע מדינה. אוודאי איז די אידישע און העברעאישע ליטעראַטור, געשאַפן געוואָרן אין די גלות־לענדער. דעריבער דאַרפן אידן בלייבן אין גלות?

חבר יורים צעוואַרעמט זיך און רופט הויך אויס: און אַז מיצ־קעוויטש האָט געשאַפן אין פּאַריז, דאַרפן די פּאָלאַקן וואוינען אין גלות?

דער אידישער כוח פון שאַפן דאַרף זיך צוריק אומקערן אין לאַנד פון אונדזערע נביאים, אויף דער ערד פון ארץ ישראל!

האָב איך מער ווי צוויי שעה פאַרברענגט ביים שפּרודלדיקן זקן־הסופרים, חבר דוד פּינסקי און געטראַכט: הלוואי וואָלטן די יונגע אידישע שרייבער אונדזערע אין די תפוצות, געהאַט כאָטש אַ העלפט ענערגיע און אָפּטימיזם, ווי ס׳האָט דער „יונגער" חבר פּינסקי אין ארץ ישראל...

ביים אַוועקגיין האָב איך זיך געזעגנט מיט דער פרוי פּינסקי, מיטן ברוגזנדן חבר יורים, און שוין לעבן דער טיר, האָב איך אין אַ שפּאַסיקן טאָן, איינגערוימט חבר פּינסקין אין אויער אַריין:

מ׳זאָגט, חבר פּינסקי, אַז איר חברט זיך צופיל מיט דער „גברת"־העברעאיש, און פאַרלאָזט נעבעך ביסלעכווייז די שפחה־אידיש...

האָט חבר פּינסקי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שפּאַס. אָבער ער האָט מיר ענערגיש און ערנסט געענטפערט: חס וחלילה! אָ, ניין! ניין! קיינמאָל נישט!

אידיש לשון, אידישע ליטעראַטור איז מיין לעבן, מיין נשמה. אָבער צוזאַמען, יאָ, צוזאַמען מיט דער העברעאישער ליטעראַטור.

האָב איך זיך געזעגנט מיטן טייערן „יונגן" חבר פּינסקי, און אים געוואונטשן אַ גוט יום טוב, ס׳איז דאָך היינט ערב יום טוב. אָט באַלד, באַלד ווי ס׳וועט נאָר נאַכט ווערן, הייבט זיך דאָך אָן דער גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב — יום־העצמאות!

זיינען די אויטאָבוסן אויפן כרמל געווען איבערפולט, האָבן מיר

געמוזט ווארטן אביסל, ביז מיר זיינען אראפגעפארן אונטן אין שטאט אריין.

פארנאכט, ווען די רויט־צעגליטע זון, ווי א פלאטשיק קופערנער טעלער, האט זיך אראפגעלאזט ביים האריזאנט, זיך אפלעשן אין טיפן ים, און נאכטיקע שאטנס האבן פארהילט די שטאט. האבן זיך די געשעפטן ביסלעכווייז גענומען פארמאכן. מ'האט זיך שוין געגרייט אויפצונעמען דעם ליבן טייערן גאסט — דעם יום העצמאות!

אלץ איז שוין געווען פארטיק צו דער פייערונג פון גרויסן יום־טוב.

אין יעדער שטוב, אין יעדער היים איז שוין אלץ געווען אנגעגרייט אויפן מארגנדיקן יום טוב. אויף דער גרעסטער שמחה אין ארץ־ישראל: יום־העצמאות!

די גאסן זיינען געווארן אביסל ליידיק און געראמער. עפעס האט זיך געפילט אין דער לופט, אז אט־אט דארף באלד עפעס פארקומען, אלע זיינען געווען פול מיט דערווארטונג, ווי אויף עפעס א גרויס געשעעניש...

אלע ווארטן מיט אומגעדולד ביי ראדיאס, צו הערן אז די שעה האט געשלאגן, אז אט באלד, באלד וועט מען הערן דעם רוף פון ירושלים, אז די פייערונג פון יום־העצמאות הייבט זיך אן.

און — ס'האט זיך דערהערט איבערן גאנצן לאנד א קול פון ירושלים. א רוף פון דער ראדיא־סטאנציע „קול־ישראל". ווי אן אנזאג פון א טראמפייט, א שאלן פון א שופר, אז דער יום־טוב הייבט זיך אן.

און באלד דאס קול פון פרעזידענט פון מדינת־ישראל, מיטן פראקלאמירן דעם יום־טוב פון זעלבסטשטענדיקייט, דעם יום־טוב פון פרייהייט:

דעם פינפטן יום־העצמאות פון מדינת ישראל!

דערהערט מען באלד אויך אויף דער ראדיא די טראדיציאנעלע הארמאטן־שאסן לכבוד דעם נאציאנאלן יום־טוב. דער אנזאג, אז דער יום־טוב האט זיך אנגעהויבן.

און פרייליך זיינען אידן געווארן. א יום־טובדיקייט האט ארומגענומען די גאנצע שטאט. דער אנזאג האט דערפרייט אלע אידישע הערצער, יונג און אלט האבן אויפגענומען דעם יום־טוב פון פריי־

הייט, דעם פינפטן יום־טוב פון זעלבסטשטענדיקייט, מיט גרויסער נשמה־פרייד.

אידן האָבן זיך אומגעאָרעמט, זיך צעקושט. געטרונקען לחיים און זיך געוואונטשן חג־שמח! חג־שמח! גוט יום־טוב! גוט יום־טוב אידן!

האָט זיך באַלד די גאַנצע יוגנט מיט גרויס אימפּעט, געגעבן אַ לאָז אַרויס אויף די גאַסן. ווי כוואַליעס האָבן מענטשן־שטראָמען פאַרפלייצט די גאַסן פון צענטער שטאָט. אַ יום־טובדיקע שטימונג, אַ גייסטיקע דערהויבנקייט נעמט אַלע אַרום. פון ווייטע גאַסן, פון פאַרשטעטלעך אַרום חיפה, האָבן מענטשן געשטראָמט אין צענטער שטאָט. דער גאַנצער טראַפיק איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

גרויסע עלעקטרישע רעפלעקטאָרס אויף די גאַסן אין צענטער, האָבן באַלויכטן די מאַסן יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט און מיטן גאַס, און די וואָס זיינען געשטאַנען אויף די געפּאַקטע טראָטואַרן.

אויף הייזער אין די עקן גאַסן, האָבן הילכנדיקע מיקראָפאָנען אַרויסגעשאַלט מוזיק־טענער פון דער קול־ישראל־ראַדיאָ. האָט זיך באַלד דערהערט פון די הילכערס דער רוף צום טאַנצן, און וואָס פאַר אַ טאַנץ דער אָרקעסטער גייט שפּילן.

האָט זיך מיטאַמאָל די גאַנצע יוגנט אינמיטן גאַס געגעבן ספּאָנ־טאַן אַ לאָז אַוועק טאַנצן.

יאָ באַקאַנט, נישט באַקאַנט. ווייסיך וואָס! אַלע זיינען מיט־אַמאָל געוואָרן פריינט, אַלע האָבן איין פאַרלאַנג, איין באַגער — טאַנצן, טאַנצן!

אַלע פאַראייניקט איצט אין געפיל, איין געדאַנק — ס'איז יום־טוב אין ישראל, אַ גרויסער יום־טוב פון פרייהייט, חג־החרות. דער יום־טוב פון זעלבסטשטענדיקייט, חג־העצמאות!

לאָמיר טאַנצן אידן, אַלע צום טאַנץ!

און אַלע האָבן זיך מיט גרויס באַגייסטערונג אַוועקגעלאָזט צום טאַנץ.

מ'טאַנצט אויף די גאַסן אין חיפה. אויף די גאַסן פון אַלע שטעט, שטעטלעך, דערפער און קיבוצים — איבערן גאַנצן לאַנד.

זעט איצט אויס דער בלויער הימל מיט גאָלדענע שטערן, ווי אַן אויסגעשפּרייטע חופּה און אונטער דער בלויער חופּה טאַנצט דאָס פאָלק ישראל.

דאָס פאָלק ישראל טאַנצט איצט אין אַ פרייער, זעלבשטענדי־קער ארץ־ישראל...

דאָס פאָלק פילט דעם טעם פון חרות, פרייהייט! דאָס פאָלק ווייסט פאַר וואָס עס האָט געקעמפט: געקעמפט, געליטן און — געוואונען פרייהייט, עצמאות, זעלבסטשטענדיקייט.

די מיקראָפאָנען הילכן אַרויס די טאַנץ־מוזיק. איין טאַנץ ענ־דיקט זיך, ווערט באַלד אָנגעזאָגט און געשפּילט אַן אַנדערער טאַנץ.

די בחורים און מיידלעך טאַנצן מיט התלהבות, מיט באַגייסטע־רונג, מיט חסידישן ברען. די יוגנט פלאַקערט, דער טאַנץ ברענט אונטער די פיס. דער ענטוזיאַזם שטייגט העכער און העכער: לע־בעדיק, לעבעדיק!

ס'פלעכטן זיך הענט מיט הענט, ס'קלאַמערן זיך פינגער מיט פינגער, אַקסל צו אַקסל.

אידישע אַרבעטער, אידישע סאָלדאַטן, אידישע מאַטראָזן. מייד־לעך און ווייבלעך, אַלע, אַלע פון איין פאָלק, האָבן זיך איצט אַוועק־געלאָזט אין טאַנץ פון פרייהייט פאַרן פאָלק.

זע איך דאָך איצט, צום ערשטן מאָל, אַן אמתע אידישע פאָלקס־פייערונג, אַן אמתן פאָלקס־יום־טוב.

דורות לאַנגע, האָט אַ פאָלק געחלומט, געהאָפט און געגאַרט נאָך אויסלייזונג, נאָך פרייהייט אויף אייגענער ערד אין ארץ־ישראל — און דאָס פאָלק איז אויסגעלייזט געוואָרן.

טאַנצט איצט דאָס פאָלק און פרייד זיך מיט דער פרייהייט, וואָס ס'האָט געוואונען מיט פינף יאָר צוריק. טאַנצט מען מיט פרייד און עקסטאַז.

מ'טאַנצט אויף דער רחוב הנביאים און ביז צו דער „עיריה" (מאַגיסטראַט).

די לאַנגע הערצל־גאַס, וואָס ציט זיך אַרויף העכער און העכער, זעט איצט אויס, ווי אַ פעלד מיט זאַנגען. מענטשלעכע זאַנגען וואָס באַוועגן זיך הין און צוריק צום טאַקט פון דער מוזיק.

מ'טאַנצט אידישע טענץ, אינטערנאַציאָנאַלע טענץ און חסידי־שע טענץ.

די זיידעס און טאַטעס פון דער ארץ־ישראל יוגנט, האָבן גע־טאַנצט מיט התלהבות שמחת־תורה, לכבוד תורת־ישראל.

און די זין און אייניקלעך טאַנצן איצט מיט עקסטאַז, מיט שמחת־ישראל, לכבוד ארץ־ישראל, לכבוד אַ פרייער ארץ־ישראל...

מיטאמאָל ווערט שטיל אויף א מינוט. די מוזיק הערט אויף צו שפּילן, דער טאַנץ שטעלט זיך אָפּ א ווײַלע און פון די הילכערס דערהערט זיך א רוף, וואָס הילכט אָפּ, ווי א ווידערקול און דער לופט איבער אַלע גאַסן:

— און איצט צו דער האָרא, צו דער האָרא!

און ספּאָנטאַן ווערן רעדלעך אויסגעשטעלט אינמיטן גאַס, ס'ווערט מיטאמאָל א געלאַף צו די רעדלעך. הענט אויף אַקסלען, הענט שליסן זיך מיט הענט, אָרעם אויף אָרעם.

און מ'וואַרט, מ'האַלט איין דעם אָטעם.

און ס'גיט מיטאמאָל א שאָל אַרויס פון די הילכערס די עקזאַל־טירטע האָרא־מוזיק.

רעדלעך מענטשן באַוועגן זיך צום טאַקט פון דער מוזיק. א ראָד אַהין א ראָד אַהער.

מ'טאַנצט נישט בלויז מיט די פיס, וואָס קלאַפּן אָפּ צום טאַקט אויפן הארטן אַספאַלט, ניין! מ'טאַנצט מיטן גאַנצן גוף, מיט דער גאַנצער נשמה, עפּעס ווי א הייליק, עקזאַטישן טאַנץ.

ס'באַוועגן זיך צום ריטמישן טאַקט הונדערטער קעפּ אַרויף, אַראָפּ און אַרויף. מיט דבקות, מיט רעליגיעזער פאַרטיפטקייט. באַ־וועגן זיך די רעדלעך מענטשן הין און צוריק, הין און צוריק. נישט איין רעדל, נישט צוויי, נאָר צענטליקער רעדלעך באַוועגן זיך צו דער האָרא־מוזיק.

זעט דאָס אויס, ווי צענטליקער מענטשלעכע קארוסעלן באַוועגן זיך אינמיטן די גאַסן, אונטער דער בלענדנדיקער ליכט פון די רע־פלעקטאָרס.

דער עולם אויף די געפּאַקטע טראָטוארן ווערט מיטגעריסן מיט די טאַנצנדיקע רעדלעך אינמיטן גאַס. הונדערטער הענט פּאַטשן צו צום טאַקט פון דער מוזיק, און הארציקע אויסרופן פון טיפער פרייד.

די האָרא־מוזיק דערוואַרעמט, קאָכט אויף דאָס בלוט. מ'קען זיך נישט קאָנטראָלירן, צוריקהאַלטן, לויפט מען אַראָפּ פון טראָטואַר און מ'דרייט זיך אַריין אין א רעדל — און שוין, מ'טאַנצט שוין!

ניין, כ'האָב זיך דאָס נישט געקענט פאָרשטעלן.

אזא גוואַלדיק־באַגייסטערטע פאָלק־שמחה, האָב איך נאָכנישט געזען.

כ'האָב געהערט א סך פון דער טאַנצנדיקער ישראל־יוגנט, אָבער

וואָס כ׳זע איצט ביינאַכט אויף די גאַסן פון חיפה, איז איבער דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע. דאָס זע איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

כ׳זע דאָך איצט דעם כוח פון דער יוגנט, וואָס האָט דערפילט, אַז זי איז פריי.

אַ פאָלק אָטעמט פריי אָפּ. אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרזוכט פינף יאָר פרייהייט אין זיין אייגן לאַנד.

אַ פאָלק, וואָס האָט דערפילט, אַז ס׳קען אויסשטרעקן די אָרעמס, געבן אויסדרוק צו די געפילן פון אייגענער נישט געפּענטעטער פרייהייט.

אַ יוגנט, וואָס דאַרף זיך נישט שעמען מיט אירע נאַציאָנאַל־מענטשלעכע געפילן. וואָס דאַרף נישט בעטן דערלויבעניש, ווי צו פייערן אירע יום־טובים...

טאַנצט מען אויף אייגענער ערד אינמיטן גאַס. דער ענטוזיאַזם וואַקסט. די טענץ ווערן הייסער, ברענענדיקער. די מוזיק הילכט אָפּ איבער דער גאַנצער שטאָט.

כ׳בין ווי פאַרכישופט, כ׳בין גערירט ביז טרערן. אידן האָבן דערלעבט פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט אין זייער אייגן לאַנד, איז מען פאַרשיכורט פון נחת, טאַנצט מען פאַר פרייד.

ניין, כ׳האָב נאָך אַזעלכע מאַסן־טענץ נישט געזען!

טאַנצט, טאַנצט אידישע יוגנט, אַז וואויל איז אייך!

איר דאַרפט נישט אויסשטיין די שטעכיקע בליקן פון אונדזערע שונאים, און נישט די קנאה־בליקן פון אונדזערע גוטע פריינט...

איר טאַנצט אויף אייערע אייגענע גאַסן, אויף אייער אייגענער ערד, אין אייער לאַנד, אונטערן בלויען ארץ ישראל הימל.

איר האָט געקעמפט פאַר פרייהייט, איר זענט שטענדיק גרייט זיך מקריב צו זיין, פאַר דער פרייהייט פון אייער לאַנד. פרייט איר זיך איצט מיט אייער פרייהייט.

זאָל אייך וואויל באַקומען!

טאַנצט, טאַנצט, זאָל זיין געטאַנצט!

אייער שמחה, איז אויך אונדזער שמחה. אייער יום־טוב איז אויך אונדזער יום־טוב.

שטייען די טוריסטן אויף די געפּאַקטע טראָטואַרן פאַרגאַפט, איבעראַשט און רופן אויס מיט פרייד: אָ, ווי שיין, ווי שיין! ווי וואונדערלעך! זעט, זעט ווי זיי טאַנצן!

וואס פאר א טייערע אידישע יוגנט, וואס פאר א ליבשאפט צו מדינת־ישראל, צו דער פרייהייט פון זייער לאנד. א, ווי זיי טאנצן!

פילט מען איצט, ווי די לופט וואלט געווען ווארעם, היים פון דער מוזיק און טענץ, פון די אויסרופן אין די געפאקטע גאסן, פון דער ענגשאפט אויף די טראטוארן.

קען מען קוים דורכגיין, ארעמס באריר̃ן זיך, עלנבויגנס באגעגענען זיך. אבער קיינער שטופט זיך נישט, קיינער שטערט נישט. מ'זעט דאך נישט קיין שום פאליציי...

א, גאט! וואס פאר א הארציקע פריינטשאפט פון איינעם צום אנדערן.

וואס פאר א מוסטערהאפטע ארדענונג!

נאך פאר חצות, פאר האלבער נאכט, האבן זיך די טענץ געענדיגט מען איינשטילן. דער הייסער ענטוזיאזם קילט זיך ביסלעכווייז אפ. די מידע טענצער ציען זיך ביסלעכווייז צוריק.

די מוזיק שטעלט זיך אפ. דער עקסטאז לעשט זיך פאמעלעך. די מידע צעהיצטע טענצער רוען זיך אפ, און א גרוים צופרידנקייט שיינט ארוים פון זייערע צעשטראלטע אויגן.

וואס פאר א וואונדערלעכע יום־טובדיקע נאכט!

ווי גוט איז דאס צו טאנצן אין דרויסן, אויף דער פרישער לופט, אונטער אן אויסגעשטערנטן טיף־בלויען הימל.

לאזן זיך א טייל יוגנטלעכע אוועק אויף א שפאציר. טייל גייען מידע פאמעלעך אהיים זיך אויסרוען אויפן מארגנדיקן יום־העצמאות. אויף דער מיליטערישער דעפילאדע.

מ'לאזט זיך גיין אין די רעסטאראנען, אין קאפעען, זיך דערוויקן מיט א קאלט גלעזל סאדע־וואסער (גזוז). מיט א גלאז „מיץ" מיט קיכעלעך, בייגעלעך און מיט א גוט גלעזל ארץ ישראל ווייַן.

די קאפעען זיינען איצט איבערפולט. האבן מיר קוים געקריגן א טישל און זיך געלאזט וואוילגיין לכבוד יום־טוב, מיט „גלידה" (אייז־קרעם), מיט עפעס צובייסן און מיט א געשמאק טעפעלע שווארצע קאפע.

יא, מיר האבן וואונדערלעך פארברענגט ביז אין דער טיפער נאכט אריין.

מאָנטיק דעם 20-טן אַפּריל

היינט איז דער גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב פון פינפטן יאָר זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת־ישראל.

דער פינפטער יום־העצמאות.

א זעלטן־שיינער טאָג, איז היינט אין חיפה. איינער פון יענע מילדע פרילינג־טעג אין ארץ ישראל, ווען אין דרויסן נעמט דעם מענטש ארום א פריש, לינד ווינטעלע. און פון בלויען הימל שטראַלט אַראָפּ אויף דער שטאָט א גאָלדענע זון, וואָס בריט נישט, וואָס ברענט נישט, נאָר וואַרעמט דעם מענטש מיט אירע גאָלדענע שטראַלן, עפּעס אזוי מחיהדיק, עפּעס אזוי אָנגענעם צערטלעך.

כ׳וואָלט איצט נישט מיד געוואָרן צו שטיין ביים ים שעהן לאַנג, אונטער דער מילדער פרילינג־זון און איינאָטעמען די געזונטע, פרישע ים־לופט, און קוקן אויף די ברויזנדע כוואַליעס, וואָס יאָגן זיך מיט אימפּעט איינע נאָך דער אנדערער.

זעט די גאַנצע שטאָט היינט אויס יום־טובדיק. היינט איז דער גרויסער יום־טוב, וואָס אידן האָבן אויף אים געוואַרט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר — זיך פּאָרט דערוואַרט...

דער יום־העצמאות!

א ים פון בלוי־ווייסע פענער פלאַטערן איבער די באַרגיקע גאַסן און הייזער פון דער פּרעכטיקער פּאָרט־שטאָט, ביז אַרויף צום כרמל.

שטייען אויך אין פּאָרט אַלע אידישע שיפן, אויסגעפּוצט לכבוד יום־טוב.

אויף די האַנדלס־שיפן און אויף די קריגס־שיפן, פלאַטערן איצט בלוי־ווייסע פענער. פון איין מאַסטבוים ביזן אנדערן ציען

זיך אין דער לענג פאַרשידן־פאַרביקע פענדלעך פון אַלע פעלקער.

שנירלעך קליינע פענדלעך ציען זיך פון די שפּיצן שיף ביזן מאַסטבוים, ביזן קוימען און ביזן קאַפּיטאַנס שטיבעלע אינדער־הייך אויף דער שיף. בלאָזט אַ ים־ווינטל און די קאָלירטע פענדלעך פלאַטערן אויף די שיפן, אַזוי שפּילעוודיק, אַזוי יום־טובדיק.

אַ פאַרכישופטער פאַרבן־שפּיל: אַ העל־בלויער הימל מיט אַ צע־שטראַלטער גאָלדענער זון. בלוי־ווייסע פענער פלאַטערן אין דער דורכזיכטיקער, ריינער לופט. און אַן אָפּענער, אויסגעשפּרייטער גרין־בלויער ים, מיטן אייביקן גראַנגל פון די רווישנדיקע כוואַליעס, וואָס צעפּלאַן זיך מיט אַ ווייסן שוים ביים געל־זאַמדיקן ברעג.

אויפן אַספּאַלטירטן שאָסיי לעבן ים הינטער דער שטאָט, צו־פוסנס פון לאַנגן כרמל־באַרג, שטייען אויסגעשטעלט לאַנגע בענק פון דיקע ברעטער, איין באַנק איבער דער אַנדערער אינדערהייך, מער ווי אַ קילאָמעטער ציען זיך די בענק פון ביידע זייטן שאָסיי.

דאָ דאַרף באַלד פאָרקומען די מיליטערישע דעפילאַדע לכבוד יום־העצמאות.

פון ביידע זייטן בענק, הענגען אויף הויכע שטאַנגען גרויסע בלוי־ווייסע פענער, וואָס ציען זיך אַוועק ווייט איבערן גאַנצן וועג. ביים אַריינגיין צו די אויסגעשטעלטע לאַנגע בענק, שטייט די עסטראַדע מיט ספּעציעלע בענק פאַרן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, פאַר דער רעגי־רונג און שטאָט־פאַרוואַלטונג. באַלד דערלעבן זעט מען אַ הויך אַרקאַדיש טריאומף־טויער, באַצירט מיט בלומען און מיט העברע־אישע אויפשריפטן.

נאָך באַלד אינדערפרי, האָבן לעבן דער „עיריה" (מאַגיסטראַט) געוואַרט הונדערטער אויטאָבוסן, צו פירן די טויזנטער טוריסטן און איינגעלאַדענע געסט צום פּלאַץ פון דער דעפילאַדע, הינטער דער שטאָט. צענטליקער פּאָליציאַנטן קאָנטראָלירן די איינלאַדונג־קאַרטן פון דער „עיריה", ביים אַריינגיין אין די אויטאָבוסן.

עלף אינדערפרי, זיינען שוין כמעט אַלע בענק געווען פאַרנומען, און דער ריזיקער עולם האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז די מילי־טערישע דעפילאַדע זאָל זיך שוין אָנהייבן.

לעבן די אויסגעשטעלטע בענק שטייען צענטליקער סאָלדאַטן און אָפּיצירן און גיבן אכטונג אויף דער אָרדענונג. זעען אַז יעדער גאַסט, יעדער טוריסט זאָל האָבן אַן אָרט צום זיצן.

דאָרט וואו ס'ענדיקן זיך די זון־באַנאַסענע בענק, שטייען אין

איין זייט אָפּגעצאַמט לעבן שאָסיי, טוויזנטער מענטשן, וואָס וואַרטן צו קענען כאַפּן אַ קוק אויף דער דעפילאַדע. נישט ווייט פון שאָסיי לעבן ברעג ים, זעט מען ווי אויף די גלאַנציקע שינעס, קומט פאַר־מעלעך אָן אַ באַן מיט אַ סך וואַגאָנען, און ציט זיך גלייך אַוועק אויפן וועג אין שטאָט אריין.

פון דער אַנדערער זייט פון דער גרויסער בימה, ווייט אַוועק אויפן לאַנגן שאָסיי, אויף עטלעכע קילאָמעטער די לענג, שטייען אויסגע־שטעלט די מיליטערישע איינהייטן, און וואַרטן אויף אַ סיגנאַל, אָנ־צוהייבן דעם מאַרש.

צוועלף אַזייגער איז פון שטאָט, דורכן שאָסיי גיך אָנגעקומען אַ טונקעלער אויטאָמאָביל, פאָראויס און ביי די זייטן זיינען געפאָרן מאָטאָציקלעטן מיט מיליטערישער פּאָליציי, אין ווייסע העלמעטס, ווייסע פּאַסקעס און מיט ווייסע הענטשקעס.

פון אויטאָמאָביל, וואו עס זיינען געזעסן עטלעכע הויכע אָפיצירן, האָט אַרויסגעשיינט דער ווייסער קאָפּ האָר מיטן ענערגיש־שמייכלדיקן פּנים פון קריגס־מיניסטער (און פּרעמיער) דוד בן־גוריון. האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אַ שטורמישע אַוואַציע פון ריזיקן עולם, ביים דערזען דורכפאָרן דעם פּרעמיער בן־גוריון.

האָבן זיך אַלע דיפּלאָמאַטן און געסט אויף דער בימה אויפגע־שטעלט און באַגריסט דעם פּרעמיער־מיניסטער. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאַלן פון טראָמפּייטן, און דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם נאַציאָנאַלן הימן.

בן גוריון האָט גערעדט עטלעכע מינוט, אָבער פון ווייטנס איז אומעגלעך געווען עפּעס צו הערן.

האָבן די פּויקן אָנגעהויבן צו קלאַפּן און עטלעכע טראָמפּייטן האָבן געגעבן דעם מיליטערישן סיגנאַל, און דער מיליטערישער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן.

פאָרויס זיינען געפאָרן צענטליקער מיליטערישער מאָטאָציקלעטן. הינטער זיי אַ גרויסער מיליטערישער אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט אַ מיליטערישן מאַרש. פאַרן אָרקעסטער איז געגאַנגען אַ הויכער, אַטלעטישער זעלנער, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ לאַנגן שטע־קען מיט אַ מעשענעם קנאָפּ. דער זעלנער האָט קונציק געדרייט מיטן שטעקן אַרויף און אַראָפּ, הין און צוריק צום טאַקט פון דער מוזיק, ווי ביי די ענגלישע מיליטערישע אָרקעסטערס.

האָבן באַלד אָנגעהויבן מאַרשירן די מיליטערישע איינהייטן מיט

די פענער און אָפּצייכענונגען פון יעדן פּאָלק (רעגימענט) באַזונדער.

די אָפיצירן גייען פאָראויס פאַר יעדן באַטאַליאָן. די קאָמפּאַקטע שורות זעלנער, גייען מיט פעסטע טריט אין אַ מוסטערהאַפט־מיליטערישער אָרדענונג, צום טאַקט פון דער מוזיק, און אויסגעצויגן גלייך ווי די ווירעס.

די טויזנטער צוקוקער זיצן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, און באַוואונדערן דאָס מאַרשירן פון די באַטאַליאָנען; באַטאַליאָן נאָך באַטאַליאָן, יעדער פּאָלק מיט אַן אָרקעסטער.

פון די שורות גלייך־מאַרשירנדע סאָלדאַטן, הערט מען דאָס אָפּקלאַפּן פון די געמאָסטענע טריט אויפן הארטן אַספאַלט. נון די הונדערטער ביקסן גלאַנצן אַראָפּ די באַיאָנעטן קעגן דער שטראַלנדיקער זון, און בלאַנקען פון ווייטנס איבער די אַקסלען פון די מאַרשירנדע סאָלדאַטן.

ס׳מאַרשירן דורך די באַטאַליאָנען זעלנער־מיידלעך אין שיינגעפּרעסטע אוניפאָרמען מיט פּאַסקעס אַרום די דינע טאַליעס. די זעלנער־מיידלעך מאַרשירן מיט די געטאַקטע מיידלשע־פיסלעך, אין פּערפעקטער מיליטערישער אָרדענונג, מיט אַזוי פיל גראַציע און חן, פונקט ווי ס׳איז טאַקע דער נאָמען זייערער ח״ן (חיל נשים)...

דער ריזיקער עולם נעמט זיי אויף מיט רווישנדיקע אָוואַציעס.

ס׳קומען אָן אָפענע מיליטערישע אויטאָס, וואו ס׳זיצן שורות זעלנער מיט ביקסן אין די הענט. די אָפיצירן שטייען פוןביידע זייטן און סאַלוטירן די גרויסע מאַסן צוקוקער.

און באַלד הינטער די אויטאָס קומען אָן די מעכאַניזירטע באַטעריעס הארמאַטן פון פאַרשידענעם קאַליבער. די צענטליקער פאַרשידענע טיפּן הארמאַטן, ווערן געפירט פון קליינע אויטאָס מיט צוויי סאָלדאַטן פון פאָרנט.

ס׳קומען אָן מיט גרוים געפּילדער די צענטליקער ריזיקע שערמאַן־טאַנקען, וואָס מאַכן אַן אַ גוואַלדיקן גערויש מיט זייער קאָלערן זיך אויף די ברייטע שטאָלענע פּאַסן אויפן הארטן שאָסיי. הינטער זיי ציען זיך פאַרשידענע געפּאַנצערטע אויטאָס מיט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, פעלד־טעלעפאָנען, און אַמבולאַנסן פון רויטן מגן־דוד.

דער ריזיקער עולם זיצט פאַרגאַפט, געפּלעפט, פון דעו גראַנדיעזער מיליטערישע דעפילאַדע.

די אַטמאָספערע איז אָנגעגליט מיט עמאָציעס. אין דער ליפט ווייברירן די מוזיק־טענער פון די מיליטערישע אָרקעסטערס. די ריט־

מיש־מיליטערישע מארשן הייטערן אויף די געמיטער, צינדן דאָס בלוט.

מיטאמאָל דערהערט זיך אין דער לופט פונדערהייך אַ מוראדיק גערויש. אויפן הימל באַווייזן זיך די סקאַדראָנען מיליטערישע עראָ־פּלאַנען, צו דריי צו זעקס און צו ניין אין אַ גרופּע, און מאַכן פאַר־שידענע מאַנעוורעס אין דער לופט אונטערן בלויען הימל מיט אַ בריליאַנטענער זון.

און באַלד שווימען אָן נישט ווייט פון ברעג, עטלעכע קליינע און גרויסע קריגס־שיפן, וואָס יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע. שיפן מיט זייערע האַרמאַטן און קנוילן רויך, הייבן זיך אויף די כוואַליעס פון אַלע זייטן.

די טוריסטן זיינען אַנטציקט און וואונדערן זיך:

ווען האָט מדינת ישראל געקענט שאַפן, אַזאַ פּרעכטיקע אַרמיי, מיט אַזאַ פּערפעקטער מאָדערנער באַוואָפענונג...

און אַלע מורמלען שטיל, ווי אַ תפילה: אָ, גאָט! וואָס פאַר אַ וואונדער! וואָס פאַר אַ וואונדער איז געשען אין ארץ ישראל!

און הלוואי, הלוואי מ׳זאָל דאָס אַלץ נישט דאַרפן...

כ׳זיץ און טראַכט:

אין יאָר זיבעציק נ. ק. ווען דער רוימישער גענעראַל טיטוס האָט חרוב געמאַכט ירושלים און באַזיגט יהודה, האָט מען אין רוים, פאַר גרויס פרייד מיטן נצחון איבער דער אידישער אַרמיי, אויסגעגאָסן אַ מטבע אויף איין זייט אויפגעשריבן „יודעא קאַפּטאַ״, און אויף דער אַנדערער זייט „יודעא דעוויקטאַ״ (יהודה איז געפאַנגען, יהודה איז באַזיגט).

ווען טיטוס וואָלט איצט געזען, ווי די אידישע אַרמיי מאַרשירט אין פולער אָרדענונג און באַוואָפענונג. וואָלט ער זיכער זיך איבער־געדרייט אין קבר פאַר שרעק און אויסגערופן:

אָ! יהודה לעבט ווידער? יהודה מאַרשירט? יהודה מיט אַ אי־דישער אַרמיי?

יאָ, יהודה לעבט און וועט לעבן!

רוים האָט ירושלים נישט באַזיגט!

זיצט לעבן מיר אַ טוריסט, וואָס האַלט אין איין פרעגן זיין פריינט פון ישראל: ווי אַזוי קען אַזאַ קליין לאַנד אויסהאַלטן אַזאַ שטאַרקע אַרמיי?

זיין פריינט ענטפערט אים גאַנץ הויך:

ישראל מוז האָבן אַ שטאַרקע אַרמיי. דאָס לאַנד איז דאָך אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס האָבן פיל גרעסערע אַרמייען...

בין איך טאַקע גישט קיין גרויסער ליבהאָבער, און ווער אויך נישט שטאַרק נתפּעל פון מיליטערישע מאַרשן... אָבער אַ יונגע מדינה, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס קענען יעדע שעה, יעדע מינוט באַפאַלן און ווילן חרוב מאַכן אַליז, וואָס איז מיט אַזוי פיל שווייס און בלוט געשאַפן געוואָרן, פון אידישער פּראַצע און שווערער האַרעוואַניע, מוז זיך קענען פאַרטיידיקן.

מוז דאָך זיין ווער עס זאָל דאָס אַליז באַשיצן. מוז דאָך זיין אַ זעלבסטשוץ — אַ הגנה.

איז טאַקע די אידישע אַרמיי אין ישראל, אַ צבא הגנה לישראל.

אַ פאַרטיידיקונג־אַרמיי פאַר ישראל!

איז טאַקע די גראַנדיעזע מיליטערישע דעפילאַדע, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע צוויי שעה, געווען אַ גרויסער פּרעסטיזש פאַר דער ישראל־רעגירונג און פאַר חוץ־לאָרץ... פאַר די מאַסן ישראל־בירגער, וואָס האָבן זיך דערפילט אַ סך זיכערער און מוטיקער מיט זייער אויסגעצייכנטער פאַרטיידיקונג־אַרמיי און אויך אַ גרויסער פּרעסטיזש און באַוואונדערונג אין די אויגן פון די טויזנטער באַגייסטערטע טוריסטן פון אַלע לענדער.

און גאָר אַ גרויסע וואָרנונג פאַר די שכנים אַרום מדינת ישראל, אַז די אידישע מדינה איז שטענדיק גרייט ז״ך צו פאַרטיידיקן.

צבא הגנה לישראל, די אידישע פאַרטיידיקונג־אַרמיי, מוז און דאַרף פאַרטיידיקן דאָס אידישע לעבן — אין אידישן לאַנד.

האָבן דאָך אַמאָל די אידישע רעוואָלוציאָנערן געשאַפן אין רוסלאַנד אַ זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען, צו פאַרשיידיקן די אידישע פרויען און קינדער קעגן די אויפגעהעצטע מערדערישע כוליגאַנעס.

היינט, האָבן די אידישע בויער און שאַפער אין ארץ ישראל, גענוזט שאַפן אַ זעלבסטשוץ אַ „הגנה" קעגן די אויפגעהעצטע מדבר־כוליגאַנעס, וואָס ווילן אָנפאַלן אויף דער אידישער מדינה, פּאָגראָמירן און אַליז צושטערן.

דערציילט דאָך אַ לעגענדע, אַז די שווערד מיטן בוך (סיפא וספרא) זיינען צוזאַמען אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד.

האָבן די אידן בעסער אויסגעקליבן דאָס בוך... און זיינען געוואָרן אַ עם־הספר, דאָס פאָלק פון בוך.

האָט דאָס פאָלק פון בוך טאַקע געגעבן דער וועלט דעם תנ״ך,

די ביבל. דאָס בוך פון ביכער, מיט די נביאישע פּאָסטולאַטן פון עטיק און מאָראַל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

האָט אָבער די „טייערע" וועלט אונדזערע, באַצאָלט דעם פאָלק פון בוך — מיט דער שווערד...

קומט אָבער אַמאָל אַ צייט, ווען מען מוז דאָס פאָלק פון בוך, פאַרטיידיקן מיט דער שווערד...

איז טאַקע די „הגנה" די פאַרטיידיקונג־אַרמיי פון ישראל.

ביים צוריקפאָרן אין שטאָט אויף די אומזיסטע אויטאָבוסן, וואָס ד „עיריה" האָט צוגעשטעלט פאַר די איינגעלאַדענע געסט, האָב איך זיך באַקאַנט מיטן וויצע־בירגערמייסטער פון חיפה, אדון יעקב כ"ץ.

האָט מיך ר' יעקב כ"ץ מכבד געווען מיט זיין וויזיטקאַרט (סגן ראש עירית חיפה) און אויפגעשריבן: למזכרת יום־העצמאות תשי"ג, און מיר נאָך צוגעגעבן עטלעכע גוטע ברכות.

איז אדון כ"ץ אַ סימפּאַטישער שטיל־פּאַרטראַכטער, פרומער איד, וואָס פאַרטרעט דעם רעליגיעזן סעקטאָר פון חיפה.

יאָ, איז דאָס טאַקע אַ שיינע מידה פון טאָלעראַנץ:

אַ סאָציאַליסטישער בירגערמייסטער, אבא חושי פון מפא"י, און אַ וויצע־בירגערמייסטער ר' יעקב כ"ץ פון די פרומע אידן פון שטאָט.

האָב איך זיך אָפּגערוט אַביסל נאָכן יום־טובדיקן מיטאָג, און מיר גייען שוין ווידער אויף אַ שמחה.

האָב איך דאָך דערלעבט צו זען, ווי אידן פייערן דעם טאָג פון זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת־ישראל, דעם יום־העצמאות — אין ארץ ישראל...

איז דאָס טאַקע פאַר מיר אַ גרויסע זכיה, נו, זאָל טאַקע זיין געיום־טובט. גיי איך טאַקע — מחיל אל היל, פון איין איינלאַדונג צו דער אַנדערער.

האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג, די „עיריה" איינגעאָרדנט, באַלד נאָכמיטאָג, אַן אימפּאָזאַנטע פייערונג לכבוד יום־העצמאות, אין שיינעם שטאָט־גאָרטן „גן־האם" אויפן כרמל.

זיינען אויף דער פייערלעכער אויפנאַמע, געווען איינגעלאַדן, דיפּלאָמאַטן, טוריסטן און וויכטיקע מענטשן פון שטאָט.

האָבן די אויסגעפּוצטע אידישע פּאָליציאַנטן קאָנטראָלירט די איינלאַדונגען ביים אריינגאַנג אין גאָרטן. און דער ענערגישער שטאָט־

טאטע אבא חושי, האט אויפגענומען די געסט און די פני־העיר, מיט א צופרידענעם, יום־טובדיקן שמייכל אויפן פנים.

איז טאקע אין שיינעם רחבותדיקן גארטן, געווען אן אמתער קיבוץ גלויות...

הונדערטער אידישע טוריסטן פון צענטליקער לענדער פון אלע עקן וועלט, זיינען זיך געקומען פרייען אויף אן „עכט" אידישער שמחה...

אויף דער איינאונאיינציקער אמתער אידישע שמחה פון פרייהייט, פון גאולה, אין ארץ־ישראל. אין א פרייער, זעלבסטשטענדיקער ארץ־ישראל!

האט מען געזען אין גארטן צווישן די איינגעלאדענע געסט, הדרת־פנימדיקע רבנים, און אויך פארשטייער פון אנדערע רעליגיעס:

עטלעכע קאטוילישע גלחים מיט גלאטע פנימער, שווארצע קאפער־לושן און לאנגע פארמאכטע קאפאטעס.

פראטעסטאנטישע גלחים מיט אויפגעשטעלטע ווייסע קעלנער ארום האלדז, און מיט א שמן־זיתדיקן שמייכל אויפן גלאטיקן פנים.

גריכיש־ארטאדאקסישע גלחים מיט שווארצע בערד, ברייטע לאנ־גע קאפאטעס און מיט קיילעכדיקע, הויכע שווארצע היטלען אויף די באהארטע קעפ.

צווישן די געסט, האט מען אויך געזען, ארומדרייענדיק זיך אין גארטן, אראבישע פארשטייער אין לאנגע קאפאטעס, ברוינע אליוון־פנימער מיט פארבונדענע ווייסע קעפיאס אויף די קעפ. אראבער מיט טורבאנען און רויטע פעסקעס אויף די קעפ. שלאנגע בעדואינער אין לאנגע אבייעס, מיט ווייסע טורבאנען.

דרוזן מיט די קליינע קיילעכדיקע, ווייסע היטעלעך אויף די קעפ, ווייסע קאפטאנעס מיט ברייטע שווארצע פעלערינעס אויף די אקסל.

א געמיש פון פארבן און קאלירן. פארשידענע טיפן פון פעלקער און רעליגיעס, וואס זיינען געקומען זיך משמח זיין אויפן אידיש־נאציאנאלן יום־טוב.

זיינען איבערן גארטן אויסגעשטעלט א סך געגרייטע טישן מיט כל־טוב:

וויין, מי־ץ, טעלער מיט צעשניטענעם לעקעך, קוכן, שטרודל און קליינע קיכעלעך. טעלער מיט פאמעראנצן, נים, ראזשינקעס מיט מאנדלען.

און שיינע, חנעוודיקע ישראל־דאמען שטייען לעבן די טישן און

באדינען די געסט. האבן זיך טאקע די חשובע געסט געלאזט וואויל־גיין, קיין עין הרע, ביי די געגרייטע טישן.

און דער פאליציי־ארקעסטער שפילט פארן גרויסן עולם פאר־שידענע מוזיק־נומערן.

די נאכמיטאג זון ווארעמט עפעס אזוי מילד, אזוי מחיהדיק. און איבערן גאנצן גארטן פילט מען די שמעקנדיקע ריחות פון די צע־וואקסענע ביימער, פון פרישן גראז און צייטיקע בלומען.

פריינט באגעגענען זיך, שטעלט מען זיך אפ, מ׳באגריסט זיך מיטן חג־שמח און מ׳כאפט א שמועס. גרופעס מענטשן שפאצירן הין און צוריק איבערן גארטן. מ׳רעדט זיך דורך הויך, פריינטלעך, אויף א צענטליק שפראכן. הערט מען טאקע איבערן גארטן א גערויש, א געמורמל פון הונדערטער מיילער...

א פרייד, א גדולה! דער גאנצער עולם פילט זיך יום־טובדיק און גוט אויפגעלייגט אויף דער פרישער לופט אין גארטן.

דער גוטמוטיקער „ראש העיר" (בירגערמייסטער) אבא חושי, גייט ארום פון איין גרופע צו דער אנדערער, פון איין רעדל צום אנדערן, באגריסט יעדן מיט א הארציקן שמייכל חג־שמח, חג־שמח!

אט שטייט ער אינמיטן פון א גרופע דרוזן און שמועסט מיט זיי אויף אראביש. די דרוזן, די געטרייע ישראל־בירגער, האבן שטארק ליב זייער חבר אבא חושי.

ווען די ענגלישע מאנדאטן־רעגירונג אין ישראל, האט אמאל ארעסטירט די גאנצע אידישע אגענטור, האט מען אויך ארומגעזוכט אבא חושין און אים געוואלט ארעסטירן.

אבער מ׳האט אים שפעטער בשום אופן נישט געקענט געפינען. אבא חושי איז געווען באהאלטן ביי זיינע גוטע פריינט אין א דרו־זישן דארף... האט מיך שפעטער אביסל מיין קוזין פארגעשטעלט פאר אבא חושין. ווען כ׳האב אים געזאגט, אז די פרומע אידן זיינען בייז אויף אים, פארוואס ער דערלויבט די אויטאבוסן צו פארן אום שבת אין חיפה.

האט ער אויף מיר געגעבן א קוק מיט זיינע בליציקע אויגן, און מיר געענטפערט מיט א שמייכל: זאגט מיר, כ׳בעט אייך, וואס איז דאס פאר אן עונג־שבת צו גיין אויף די בערגיקע גאסן פון שטאט. ס׳איז דאך א סך גרינגער און טאקע א גרעסערע מצוה אויך, זיך נישט צו ברעכן שבת די פיס ביים גיין צו פיל...

איז דער „גן־האם" אויפן כרמל אן אויסערגעוויינלעכער גארטן,

אַן אמתע, אָפּשפּיגלונג פון דער שטאָט. איז די שטאָט אַ באַרגיק־זיגזאַגישע — איז טאַקע אויך דער שטאָט־גאָרטן, אַ באַרגיק־זיגזאַגישער.

ציט זיך דער גאָרטן אויפן כרמל, באַרג אַרויף און אַראָפּ. לעבן די שמאָלע, זאַמדיקע סטעזשקעס, וואַקסן קליינע בוקס־ביימעלעך. אין מיטן גאָרטן ציען זיך צום בלויען הימל שורות שאָטנדיקע ביימער, און ביי די זייטן אָפּגעהיטענע בלומען־בייטן.

דורך אַ שמאָלע סטעזשקע אין אַ זייט גאָרטן אביסל באַרג־אַראָפּ, שטייט אַרומגעצוימט אַ קליינע אָפּטיילונג פון פאַרשידענע פייגל און חיות.

דאָרט וואו דער גאָרטן ציט זיך משופּעדיק, גליטשט זיך פּאַמעלעך אַרויס, פון איין זייט באַרג, אַ קליינער וואַסערפאַל און רינט אַראָפּ אונטן אין די באַרג־שפּאַלטן. דאָס שמאָלע קלאָרע וואַסערל ריזעלט זיך צווישן די בערג און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן, לויפנדיק גיך־גיך, ביזן סוף גאָרטן.

יאָ, דער „גן־האם" אויפן כרמל, איז טאַקע אַן אמת־ראָמאַנטישער גאָרטן. אַ גן־עדן פאַר ראָמאַנטישע פּאָרלעך.

איר קענט זיך דאָרט באַהאַלטן מיט אייער מיידל (אָדער ווייבל), אונטער אַ שאָטנדיקן בוים און ראָמאַנסירן וויפל אייער האַרץ גלוסט...

פאַרנאַכט, ווען די צעפלאַמטע זון האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן ווייט און מערב זייט. האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ רוף פון אַ טראָמפּייט. דער גרויסער עולם האָט זיך ביסלעכווייז דערנענטערט צו דער עסטראַדע פון אָרקעסטער, די וואָס האָבן שפּאַצירט האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אין גאָרטן איז שטיל געוואָרן.

האָט מען פריער אַנאָנסירט, אַז מ'האָט געפונען אין גאָרטן אַ פּאָר ברילן (משקפים). וועמ ס'האָט זיי פאַרלוירן, זאָל קומען זיי אָפּנעמען.

וואָס אויף אַ שמחה אין ישראל קען זיך טרעפן צווישן אַזאַ גרויסן עולם... מ'וויל אָפּגעבן פאַרלוירענע ברילן!

האָט זיך באַלד דערהערט דורכן מיקראָפאָן די שטימע פון אבא חושי. דער באַליבטער בירגערמייסטער פון חיפה, האָט זיך געזעגנט מיט זיינע טוריסטער איינגעלאַדענע געסט. זיי געוואונטשן אַלדאָס גוטס, און די טוריסטן איינגעלאַדן צו קומען אין ישראל אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, נישט בלויז אויפן יום־העצמאות. מדינת ישראל וועט

זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און מיט אַ סך ברכות, — און להתראות!

האָט אַ שטורעם פון רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן גאָרטן.

ווען דער אָרקעסטער האָט געענדיקט שפּילן „התקוה", האָט זיך דער גרויסער, צופרידענער עולם געלאָזט גיין פּאַמעלעך צו די אָפענע טויערן פון גאָרטן.

איז שוין געווען גוט טונקל, ווען מיר זיינען אַרויס פון „גן־האם".

דער גרויסער עולם איז אַוועק צו די אויטאָבוסן און צו די אויטאָס, און מיר האָבן באַלד אַוועקשפּאַצירט אויף אַן אַנדערער זייט פון כרמל, צום קליינעם גאָרטן פון דער הסתדרות.

אויף אַ זייטיקער שטילער גאַס, שטייט אין אַ קליינעם גאָרטן אַ שיינע געביידע מיט אַ רעסטאָראַן און אַ גרויסער זאַל פאַר די קולטורעלע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות.

שטייען אין באַלויכטענעם גאָרטן אויסגעשטעלט טישלעך מיט שטולן. איבערן גאָרטן הענגט אַ גרויסער טראַנספּאַרענט מיט אויפשריפטן: עם עובד — עם יוצר. און אונטן: ברכת פועלי־חיפה ליום־העצמאות. (אַן אַרבעטנדיק־פאָלק, אַ שאַפנדיק־פאָלק. וואונטשן פון די חיפה־אַרבעטער צום יום־העצמאות).

גייען זיך דאָ איצט משמח זיין די איינגעלאַדענע געסט, און די חברים טוריסטן פון פאַרשידענע לענדער, דורך דער קולטור־אָפּטיילונג פון דער הסתדרות. זעצן מיר זיך ביי אַ טישל מיט עטלעכע באַקאַנטע חברים, און כ'וואונדער זיך שטאַרק. אויף יעדן טישל איז אָנגעגרייט כיבוד: פלעשער מיץ, טעלער מיט לעקעך און אויך טעלער מיט שטיקלעך ברויט און אויפן ברויט ליגן שטיקעלעך וואורשט מיט שטיקלעך זויערע אוגערקע...

יאָ, שטיקלעך ברויט מיט וואורשט ליגן דאָך אַזוי שיין אויסגעלייגט אויף די טעלער... זיינען טאַקע צום ערשט, פאַרשוואונדן געוואָרן פון די טעלער, די רעפּטלעך ברויט מיטן וואורשט... יאָ, כ'האָב געזען ווי מענטשן האָבן זיך צוגעכאַפּט מיט גרויס אַפּעטיט קיין עין הרע, צום וואורשט — מיט ברויט... די שטיקלעך קוכן זיינען געבליבן לענגער אַביסל אויפן טעלער...

אינמיטן גאָרטן צווישן די טישלעך, שטייט אַ ברייטע הילצערנע פּלאַטפאָרם, באַלויכטן פון אויבן מיט אַ רעפלעקטאָר. האָט פון דער ליכטיקער פּלאַטפאָרם, חבר יוסף אַלמוגי, דער סעקרעטאַר פון

דער הסתדרות אין חיפה, באגריסט אויף העברעאיש אלע פאר־זאמלטע לכבוד יום־טוב און איז באלד איבערגעגאנגען אויף אידיש. ער באגריסט די געסט פון די שטאטן, פון לאטיין־אמעריקע און פון אנדערע לענדער, מיטן חברישן גרוס פון הסתדרות און פון מדינת ישראל.

האט חבר אלמוגי דערקלערט, אז איידער ס׳וועט זיך אנהייבן דער פראגראם פון אוונט, וועט דער ליבער חבר דוד פינסקי לייענען אויף אידיש, א ספעציעל אנגעשריבענע זאך לכבוד יום־העצמאות.

האב איך טאקע געזען, ווי באליבט דער זקן־הסופרים, חבר דוד פינסקי, איז ביי די ישראל־ארבעטער און ביי אלע געסט פון אויס־לאנד.

א שטורעם פון אפלאדיסמענטן, האבן באגלייט דעם „יונגן" פינסקי אויף דער ליכטיקער פלאטפארם.

האט דער באוואוסטער שרייבער און דראמאטורג, געלייענט מיט א הויכער לויטערער שטימע, זיין אנגעשריבענע סקיצע אויף אידיש.

יא, זעט דאס טאקע אוים אויסערגעוויינלעך:

אין מדינת־ישראל, אויפן יום־טוב לכבוד יום־העצמאות, אין לופטיקן גארטן אויף דער הסתדרות פלאטפארם, האט דער אידי־שער שרייבער דוד פינסקי, געלייענט זיין אנגעשריבענע ארבעט — אויף אידיש... און דער גרויסער עולם האט דעם וועטעראן פון דער אידישער ליטעראטור, באלוינט מיט ליבשאפט און הארציקע אוואַ־ציעס.

האט זיך חבר פינסקי מיט זיין „אדיוטאנט", דער קוועקזילבער־דיקער חבר יורים, געזעצט נאענט פון אונדזער טישל. האט מען באלד צוזאמענגערוקט עטלעכע טישלעך, און פינסקים חברים און פארערער האבן זיך ארומגעזעצט לעבן זייער באליבטן שרייבער.

האב איך זיצנדיק לעבן חבר פינסקי, געהערט ווי עטלעכע חברים רעדן ענגליש און לעבן זיי זיצט א פרעכטיקע דאמע מיט א מאן און א יונג אינגל פון א יאר צוועלף. איז מיר עפעס די שטימע פון דער שיינער פרוי געוועזן באקאנט. אבער כ׳האב זיך נישט געקענט דערמאנען, וואו כ׳האב די פרוי געזען און געהערט.

קוק איך זיך גוט צו, זייער גוט און — יא, אוודאי, זיכער! ס׳איז דאך עמא שייוועֶר, די בארימטע אפערע־זינגערין פון אמעריקע מיט איר מאן און זון.

וואס פאר אן איבעראשונג!

איז די באַרימטע זינגערין עמאַ שייווער געווען אין מעקסיקע מיט 15 יאָר צוריק און געגעבן אַ קאָנצערט אין בעיאַס־אַרטעס־טעאַטער, לטובת דער היגער אידישער שולע.

אַ, וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע צייט איז דאָס געווען!

מיר האָבן דעמאָלט אַזוי וואונדערלעך פאַרברענגט צוזאַמען מיט חבר משה און חברה עמאַ שייווער, וואָס זיינען געקומען פון די שטאַטן אויף אַ וויזיט אין מעקסיקע. און איצט, נאָך אַזאַ לאַנגע שטורמישע צייט, טרעפן מיר זיך ווידער און וואו? אין ארץ־ישראל! אין הסתדרות־גאָרטן אויפן כרמל, אויף אַ יום־טוב. אויפן יום־העצמאות פון מדינת־ישראל.

האָב איך זיך זייער דערפרייט. מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם אַמאָל אין מעקסיקע, דערמאָנט פריינט און חברים. און איבערהויפט האָט די פּרעכטיקע עמאַ שייווער, באַדויערט איר פריינט, דעם האַרציקן מענטש, משה ראָזענבערג ע"ה, דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון „וועג", וואָס איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט.

איז אויך דער פּראָגראַם פון אָוונט אויסגעצייכנט געווען.

האָט די קינסטלער־גרופּע פון הסתדרות, אויסגעפירט פאַרשידענע טענץ, רעציטאַציעס און געזאַנג מיט דער באַגלייטונג פון אַן אייגענעם קליינעם קאַמער־אָרקעסטער.

האָבן אויף דער פרישער לופט, אונטערן טיף־אויסגעשטערנטן הימעל, די פליטן אַזוי צאַרט, אַזוי פאַרבענקט אויסגעשפּילט די פאַרכישופטע ישראל־מעלאָדיעס, אַזוי נשמהדיק־זיס, באַגלייט בלויז פון אַקאָרדיאָן־טענער און קליינע האַנט־פּייקעלעך.

האָבן אַכט מיידלעך מיט זיבן בחורים, אַזוי וואונדערלעך־שיין אויסגעטאַנצט דעם שניט־טאַנץ מיט סערפּן אין די הענט.

האָבן די יונגע קינסטלער אויסגעפירט פאַרשידענע טענץ. איז דאָס מצוה־טענצל און דער חסידישער טאַנץ געוואָרן אויסגעפירט אין גרים און מיט ספּעציעלע טראַדיציאָנעלע קליידער. האָבן די ישראל־יוגנטלעכע געטאַנצט דעם חסידים־טאַנץ, מיט אַזוי פיל געפיל, מיט אַזאַ חסידישן ברען און התלהבות, פונקט ווי זייערע זיידעס און טאַטעס האָבן געטאַנצט ביים רבין, אָדער שמחת־תורה ביי די הקפות.

האָט די קינסטלער־גרופּע, צום סוף אָנגעהויבן שפּילן און זינגען „הבה נגילה", און דער גאַנצער עולם העלפט צו. ס'ווערט איין גרויס האַרציק־געזאַנג פון פרייע, יום־טובדיקע אידן אין ארץ יש־

ראל, בייַנאַכט אונטערן אויסגעשטערנטן בלויען הימל, אויפן כרמל.

כ'פאַרגעס וואו כ'בין, כ'פאַרגעס, אַז כ'זיץ אין דרויסן אויף דער קילער לופט. כ'ווייס איצט נאָר איין זאַך: כ'זיץ איצט צווישן אידן, אויף אַ גרויסער אידישער שמחה, אויף אַ גרויסן אידישן יום־טוב אין ארץ־ישראל, אין אַ פרייער מדינת־ישראל.

האָבן מיר, נאָכן ענדיקן דעם אָוונט, זיך געזעגנט מיט אונדזערע פריינט און חברים און פאַרלאָזט דעם גאָרטן מיט די ליידיקע טישלעך.

פון אויבן אויפן כרמל־באַרג, זעט מען איצט, ווי אונטן נישט ווייט פון פּאָרט, שטייען איצט די שיפן שטיל פאַרשלאָפן. די בלוי־ווייסע פענער פלאַטערן איצט אויף די שיפן, גיך־גיך, הין און צוריק, פון קילן ים־ווינטל, וואָס בלאָזט פון אָפענעם ים.

שטייען איצט נאָך די שיפן אילומינירט פון אַלע זייטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. ארום די שיפן שפּיגלען זיך אָפּ די ליכט־פּאַסן אויף טונקעלען וואַסער. און די כוואַליעס וואָס באַרירן די שיפן, באַלייכטן זיך אביסל און לויפן געיאָגטע גיך אַוועק.

בין איך שפּעט בייַנאַכט געקומען אַהיים, אַ באַרוישטער פון אַזוי פיל איבערלעבונגען אין איין טאָג... און אַ פאַרשיכורטער פון אַזוי פיל פרייד.

יאָ, אַ גרויסער, פריידיקער טאָג איז פאַר מיר היינט געווען!

אין דער פרי — די מיליטערישע דעפילאַדע פון דער הגנה־אַרמיי.

נאָכמיטאָג — די שטאָט־אויפנאַמע אין גן־האם אויפן כרמל.

און אין אָוונט — די הסתדרות־אויפנאַמע אויפן כרמל.

אָ, גאָט! אַזוי פיל פרייד אין איין טאָג!

פון טרויער, פון צופיל טרויער, ווערט אַ מענטשלעך האַרץ צעבראָכן... אָבער פרייד?

זייער אַ סך פרייד, קען אויפנעמען דאָס מענטשלעכע האַרץ.

דינסטיק, דעם 21־טן אַפּריל

אַ זעלטן שיינער טאָג איז היינט.

די זון באַגריסט די באַרגיקע שטאָט, מיט אירע גאָלדענע שטראַלן, אַ קיל פריש ווינטעלע ווייעט פון אָפענעם ברייטן ים.

די גאַסן זיינען שוין פול מיט באַוועגונג. מ׳גייט, מ׳פאָרט באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. אונטן ביים פּאָרט, העכער אויפן הדר און אויפן סאַמע הויכן כרמל, פילט זיך דער פּולס פון דער ענערגישער, אַר־בעטזאַמער שטאָט פון שאַפן, פון האַרעוואַניע, פון אידישער פּראַצע. מענטשן גייען גיך הין און צוריק אויף די טראָטואַרן. אויף טייל פּנימער ליגט נאָך אַביסל יום־טובדיקע אויסגערוטקייט, און אויף אַ סך פּנימער שיינט אַראָפּ אַ מידקייט פון פרי אויפשטיין, נאָכן נעכטיקן יום־טוב!

היינט איז שוין אויס יום־טוב!

חיפה האָט זיך צוריק גענומען צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

די ענערגישע חיפה־איינוואוינער האָבן זיך צוריק איינגעשפּאַנט אין יאָך, ווידער צו דער אַרבעט.

יאָ, חיפה האָט זיך צוריק גענומען צו דער עבודה!

כ׳זיץ ביים פענסטער און קוק אַרויס צום ים. אויף אַ סך דעכער און באַלקאָנען פלאַטערן נאָך די בלוי־ווייסע פענער פון נעכטיקן יום־טוב. אויפן בלויען ים באַוועגן זיך שיפלעך הין און צוריק. די גרויסע שיפן וואָס שטייען פאַראַנקערט ביים פּאָרט, גרייטן זיך שוין צוריק אין וויטן וועג אַריין.

כ׳פיל זיך איצט נאָך אַביסעלע מיד פון די נעכטיקע איבערלע־בונגען דעם גאַנצן טאָג. אָ, וואָס פאַר אַ וואונדערלעך־פרייידיקער טאָג, איז נעכטן געווען פאַר מיר.

דאכט זיך מיר, אז א זיסן, שיינעם חלום האָב איך נעכטן אי־בערגעלעבט.

אָבער היינט איז שוין אוים יום־טוב! פיל איך זיך טאַקע היינט אַביסל אומעטיק, ווי אַלעמאָל נאָך א יום־טוב!

כ׳בין היינט דעם לעצטן טאָג אין חיפה. אין דריי טעג ארום מוז איך זיך שוין גרייטן אין וויטן וועג אריין — צוריק קיין פּאַ־ריז, און צוריק אַהיים קיין מעקסיקע.

איז מיר אָבער היינט, באַלד אין דער פרי, באַשערט געווען אַן אַנגענעמע איבעראַשונג.

כ׳וועל האָבן נאָך א וואונדערלעך־באַצויבערטן טאָג אין ארץ־ישראל. כ׳וועל איינזאַפּן אין זיך מיט די אויגן, די ברייטע ליכטיקע לאַנדשאַפט מיט די פּרעכטיקע פּייסאַזשן פון צעבליטן עמק־יזרעאל.

דער גוט־האַרציקער חבר חיים צוקערמאַן, איז מיך געקומען איינ־לאַדן אין זיין דזשיפּ פון דער הסתדרות. ער פאָרט באַזוכן די מע־ברה פון די קורדישע אידן, וויל ער איך זאָל מיטפאָרן און באַזוכן עטלעכע קיבוצים אין עמק. האָב איך זיך טאַקע שטאַרק דערפרייט — איצט וועל איך דאָך קענען באַטראַכטן דעם גאַנצן עמק פון דער נאָענט.

האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין דזשיפּ לעבן טייערן שאָפער חבר חיים און דער דזשיפּ שפּרינגט שוין גיך אונטער איבער די חיפהער גאַסן. מיר פאָרן!

האָט דער חבר חיים עפּעס פאַרגעסן אין זיין וואוינונג. פאָרן מיר שוין צו אין א שיכון הינטער חיפה ביים ראַנד פון באַרג־כרמל. האָב איך זיך אין איינוועגס דערוויל באַקאַנט מיט דער חברה רחל. די סימפּאַטישע פרוי פון חיים צוקערמאַן. טרעפט מען די פרוי אין קיך, ווי זי שיילט פּאָמעראַנצן און גרייט צו מיטאָג פאַר דער פאַ־מיליע

איז אָבער די פליסיקע חברה רחל, א חוץ א גוטע באַלעבאָסטע, אויך א גוטע, טאַלאַנטירטע שרייבערין און א גרויסע קונסט־ליב־האָבערין. זי שרייבט קונסט־קריטיק און אויך עסייען וועגן קונסט, אין דעם העברעאישן חודש־זשורנאַל „דבר הפועלת”, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „מועצת הפועלות” פון דער הסתדרות.

גייען מיר אַריין אין א צימער וואו ס׳שטייט אַן אַלטער פאָר־טעפּיאַן. די חברה רחל איז א גרויסע מוזיק־ליבהאָבערין און שפּילט אויך פּיאַנע. ווייזט זי מיר דעם פרויען־זשורנאַל „דבר הפועלת”

וואו ס'איז אָפּגעדרוקט אירם אַ גרויס ארטיקל „אמנים יהודים בישׂ־ראל", (אידישע קינסטלער אין ישראל). זי שרייבט אין דער עסיי וועגן מאַלעריי און מוזיק.

קען מען זען אַזאַ אויסערגעוויינלעך בילד פון אַ האַרציקע פאַ־מיליע־אידיליע — נאָר אין ארץ ישראל: דער מאַן אַ שאַפער, דאָס ווייב אַ שרייבערין, אַ קונסט־קריטיקערין און אַ באַלעבאָסטע אין שטוב...

די חברה רחל לייענט איר עסיי וועגן דער מאַלערין חנה אורלוף, וועגן מארק שאַגאַל און וועגן חזן און קאָמפּאָזיטאָר לייב גלאַנץ.

דער חבר חיים שטייט אָנגעלענט אויף דער פּיאַנע און קוקט אויף זיין ווייבל מיט אַזוי פיל ליבע און צערטלעכקייט, און מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל פון גרויס נחת. אין דער זייט שטייט זייער זונע־לע, עסט אַ פּאָמעראַנץ און באַטראַכט אונדז אַלע מיט זיינע גרויסע שמייכלדיקע אויגן.

זיינען מיר באַלד אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן געפלאַסטערטן שאָ־סיי, אויפן וועג צום עמק.

אויפן גלאַנציקן שאָסיי. וואו ס'גליטשט זיך אַזוי גיך דער דזשיפּ. הערשט איצט אויף די וועגן פון עמק אַ שטילקייט. מ'זעט נישט קיין שום דורכגייער, קיין שום אויטאָבוס פאָרן אויפן ליידיקן שאָסיי.

די מענטשן פון עמק זיינען איצט פאַרנומען ביי דער אַרבעט. אויף די פעלדער און גערטנער, אין די שטאַלן און אין קיך.

עפּעס פילט זיך אין דער איינגעהאַלטענער שטילקייט, ווי דער עמק אָטעמט איצט מיט מענטשלעכער פּראַצע. דער עמק איז איצט פאַרנומען מיטן אויסלאָדן זיינע כוחות ביים פרישן טאָג אַרבעט.

עפּעס הערט זיך איבערן עמק אַ שטיל־איינגעהאַלטן געזאַנג, וואָס זינגט איצט שירה צו די אויפגייענדיקע פאַרזייעטע פעלדער, צו די זון־באַגאָסענע לאָנקעס, וואו ס'פּאַשען זיך איצט אויפן פעטן גראָז די קי מיט די פולע אייטערס און די שעפּסן אַרומגענומען מיט זייע־רע וואָלענע מאַנטלען...

אַ שטיל־געזאַנג צו די אידישע הענט מיט מאַזאָלעס און פאַר־ברוינטע שטערנס מיט שוויים, וואָס באַפרוכפּערן גאָטס גוטע ערד.

איז די ערד אַ גוטע אין עמק. האָבן אידישע הענט, מיט אַ סך יאָרן צוריק געשאַפן די הערלאַישע עפּאָפּייע פון עמק, דאָס וואונ־דערלעכע ליד — „שיר העמק", וואָס פאַרענדיקט זיך — אָנו לך מישמרת (מיר היטן דיך).

אידישע חלוצים האָבן דאָך אויסגעטריקנט די געפערלעכע זומפּן אין עמק. מקריב געווען זייערע יונגע לעבנס, געשטאָרבן פון מאַ־לאַריע — און פּאָרט באַזיגט דעם אויסגעשפּרייטן עמק. צוריק פּרוכטבאַר געמאַכט די זומפּיקע, פאַרפּעסטעטע ערד.

זיינען אויפן עמק, קיבוצים, דערפער און שטעט אויסגעבויט געוואָרן.

איז טאַקע דער עמק, דער סימבאָל פון אידישן ווילן, אויסדויער און געדולד: צוריק אויפצובויען ארץ־ישראל, און צוריק פּרוכטבאַר מאַכן די פאַרלאָזטע אידישע ערד.

פאָר איך איצט איבערן עמק און זע, ווי ס׳שפּראָצט און ס׳בליט אויף די פאַרזייעטע פעלדער און רחבותדיקע גרינע לאַנקעס מיט פעטע פאַשע. וואָס ליגן זיך אַזוי שטיל, אַזוי רואיק אויסגעשפּרייט אונטער דער צעשטראַלטער זון.

שטייען זיך צוויי מיידלעך אין דער זייט שאָסיי אַזוי שטיל, פאַר־טראַכט און וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. שטעלט זיך אָפּ דער דזשיפּ און חבר חיים בעט זיי אַריין, ער וועט זיי צופירן אין קיבוץ אַריין. ס׳איז איצט שווער צו קריגן אַן אויטאָ. קענען שוין אַלע אין עמק דעם גוטהאַרציקן חבר חיים מיט זיין הסתדרות־דזשיפּ, און אויב ס׳איז נאָר דאָ פּלאַץ, איז — בבקשה! (בעבאַקאַשאַ, ביטע), ביטע קומט אַריין, זעצט זיך און פאָרט...

אַביסל שפּעטער נעמט ער אַרויף אין דזשיפּ אַ אידישן אָפיציר, וואָס דאַרף צופאָרן עטלעכע קילאָמעטער.

שטייט אויפן שאָסיי אַ אידישער זעלנער און וואַרט, ער דאַרף פאָרן אין עפולה, שטרעקט דער זעלנער אויס אַ האַנט — און חבר חיים נעמט אים אַריין אין דזשיפּ.

זעט טאַקע אויס דער גוטער חבר חיים, ווי אַ קהלישער בעל־עגלה, און דער הסתדרות־דזשיפּ — ווי אַ קהלישער וואָגן... וואָס יעדער איד וואָס וואַנדערט אויפן וועג אין עמק, קען בעטן מ׳זאָל אים אַביסעלע אונטערפירן.

איז אפשר נישט אַזוי באַקוועם אַלעמאָל זיך אויפצוהייבן און אַריינלאָזן אַ נייעם פּאַסאַזשיר אין דזשיפּ. אָבער ס׳איז דאָך פּשוט אַ נחת צו קוקן, ווי חבר חיים איז גרייט יעדן אַ טובה צו טאָן און אַרויפנעמען אין זיין הסתדרות־רייטוואָגן...

שטעלן מיר זיך אָפּ אין עטלעכע פּונקטן, ביז מיר קומען צו צום באַרימטן קיבוץ „משמר־העמק״.

איז דער קיבוץ געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1926, און איז היינט איינער פון די גוטשטייענדיקע קיבוצים מיט אן אכט הונדערט נפשות.

איז טאַקע משמר־העמק, דער שטאַרקסטער קיבוץ אין עמק... און האָט געהאָלפן אָפּשטעלן די ערשטע אַראַבישע אַטאַקע קעגן חיפה און דער באַפרייאונג־מלחמה. זיינען אין קיבוץ משמר־העמק, אויך דאָ עטלעכע וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס.

אין קיבוץ איז איצט שטיל. אַלע זיינען פאַרנומען ביי דער אַרבעט: אויפן פעלד, אין גאָרטן, אין די שטאַלן און אין קיך.

גייען מיר אַריין אין קיבוץ דורך אַ לאַנגער אַלייע, קומט אונדז אַקעגן די שלאַנקע, הויכע חברה רחל, מיט אַ ברוין אָפּגעברענט פּנים און מיט אַ ברייטן שטרוי־הוט אויפן קאָפּ, פירט אונדז די חברה רחל ווייזן דעם געטאָ־מאָנומענט, וואָס שטייט אין אַ ווינקל פון קיבוץ לעבן שאָטנדיקע פּאַלמען.

דעם פּרעכטיקן געטאָ־מאָנומענט, האָט אויסגעהאַקט פון גראַניט אַ חבר פון קיבוץ בן־צבי. דער קינסטלער־סקולפּטאָר האָט מיט גרוים מייסטערשאַפט אויסגעשטאַלטיקט די סימבאָלישע פיגורן פון די געטאָ־מאַרטירער. קומט מען פון גאַנצן לאַנד באַוואונדערן דעם געטאָ־מאָנומענט פון דעם קיבוץ־מייסטער בן־צבי.

פאָרן מיר ווייטער עטלעכע קילאָמעטער, ביז כפר־מגידו. פון דאָרט קירעוועט זיך אוים דער דזשיפּ און פאָרט אַרויף אויפן שאָסיי, וואָס ציט זיך אַוועק אין דער ברייט פון עמק, און מיר פאָרן אַריין אין סאַמע צענטער פון עמק, אין עפולה.

אין די שטאָט עפולה געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1925 און איז דער טראַנזיט־צענטער פון גאַנצן עמק. מאַכט די שטאָט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט שוין געשטאַנען, מי יודע ווי לאַנג:

שטאַרק געמויערטע הייזער, ברייטע גאַסן, פאַבריקן און אַ סך גאַראַזשן מיטן מעכאַנישע וואַרשטאַטן צו פאַריכטן אויטאָבוסן. אויף דער צענטראַלער גאַס, ציט זיך אַ ברייטע אַלייע מיט צוויי שורות צעוואַקסענע, גרינע פּאַלמען.

וואוינען אין עפולה אַן אַכט טויזנט אידן. איז דאָרט אויך דאָ אַ גרויסער שפּיטאָל פאַר גאַנצן עמק־יזרעאל, אַ סך בילדונג־אינסטיטוציעס און אויך די „וויצאָ" אַגריקולטור־שולע פאַר מיידלעך.

איז פונקט אויף דער גאַס דורכגעגאַנגען דער בירגערמייסטער פון עפולה, אדון דוד קאַנעל. שטעלט זיך אָפּ דער דזשיפּ און מיר

גייען צו צום ראש־העיר. האָב איך זיך באַקענט מיטן חשובן שטאָט־טאַטע פון עפולה, אַ גוטמוטיקער קאָוונער איד (אַ ליטוואַק) וואָס איז שטאַרק באַליבט ביי אַלע קרייזן פון דער גרויסער שטאָט אין עמק.

שטעלן מיר זיך שפּעטער אָפּ לעבן אַ גאַראַזש, וואו מ׳קלאַפּט און מ׳האַמערט, מ׳פּיילט און מ׳שרויפט. חבר חיים רעדט דאָרט עפּעס מיט אַן אַרבעטער וועגן זיין „רייטוואָגן" — און מיר פאָרן שוין ווייטער.

פאָרן מיר באַלד אַרויס פון שטאָט, אויף דער אַנדערער זייט פון עמק, צום דרום־מזרח עק פון עמק, און מיר פאָרן צו צו דער „מעב־רה" פון די קורדישע אידן.

אַביסל העכער פון שאָסיי אויף אַ גרויס ליידיק פעלד, נישט וויט פון דער אַראַבישער גרענעץ מיטן געפּערלעכן אַראַבישן דאָרף דזשענין. שטייען אויסגעשטעלט די שורות הילצערנע הייזער פון די קורדישע אידן.

שטייען אויך אויף דער רויער ערד לעבן דער מעברה, עטלעכע הילצערנע הייזער וואו ס׳געפינט זיך די ביוראָ מיט די אויפזעער פון דער מעברה, אַ שולע פאַר די קינדער און אַ קולטור־הויז פון דער הסתדרות, און די „ערשטע־הילף" פאַר די איינוואוינער פון דער מעברה, פון קופּת־חולים.

באַקען איך זיך מיט די מעברה־פירער, מיט די לערערקעס, אונד־זערע טייערע אידישע מיידלעך, וואָס ברענגען אַריין אַביסל אידישע קולטור צווישן די קינדער און דערוואַקסענע פון אונדזערע פּרימי־טיווע צוריקגעשטאַנענע ברידער אין דער מעברה. אַלע אָנפירער און לערער רעדן, אַ חוץ העברעאיש און אַראַביש, אויך אַ גוטן פּליסיקן אידיש.

זעען אויס די קורדישע אידן, הויכע, שטאַרקע, מיט טונקל־ברוינע פּנימער. טייל רעדן שוין העברעאיש, נאָר צווישן זיך רעדן זיי אַ פּערסיש־איראַקער דיאַלעקט.

באַקען איך זיך מיט זייער „חכם" (כאַכאַם, רב). אַ הויכער ברייט־פּלייציקער איד, מיט אַ פּעך־שוואַרצער באָרד און געדיכטע גרויסע ברעמען. רעדט ער מיט מיר העברעאיש געמישט מיט אַראַ־מיש. עפּעס אַ מין תרגום־לשון.

ציטירט פּסוקים פון זוהר, פאַלט אַריין אין קבלה מיט די הימ־

לישע מזלות... און פארענדיקט מיט משיח בן־דוד, וואס דארף באלד קומען, נאר דערוויל איז שוין געקומען משיח בן־יוסף... כ'שטיי און באטראכט כדי מעברה. אין עטלעכע שטיבלעך זיינען די קליינע פענסטערלעך פארהאנגען מיט טונקעלע פארהענגלעך. די טירן שטייען אפן. עטלעכע פרויען, ארעם אנגעטאן שטייען לעבן די שטיבלעך און וואשן עפעס. עטלעכע קינדערלעך דרייען זיך ארום צווישן די שטיבלעך, און א קליין מיידעלע פון א יאר אכט שטייט לעבן מיר און קוקט מיט אירע צוויי שווארצע, ברענענדיקע אויגן, ווי כ'רעד מיט איינעם פון דער מעברה.

די גרויסע, שווארצע אויגן פון ארעם־געקליידטן מיידעלע דריקן אויס אזוי פיל טרויער און בענקשאפט. א בענקשאפט נאך א בעסער און באקוועמער לעבן פאר די ארעמע אידישע קינדערלעך אין דער מעברה...

א טייל איינוואוינער פון דער מעברה, ארבעטן נישט ווייט פון עפולה, טייל ארבעטן ביי רעגירונג־ארבעט. אבער די צענטליקער ארעמע משפחות, וואס וואוינען דערוויל אין די הילצערנע שטיבעלעך אויפן אפענעם פעלד, אין דלות, אפגעשטאנענקייט און פרימיטיווע באדינגונגען. זיינען צופרידן און דאנקען גאט, וואס זיי האבן זיך געראטעוועט דאס לעבן און וואוינען אין ארץ ישראל. אין אן אייגן לאנד...

ביים פארלאזן די „מעברה" טראכט איך: זיינען דאך אין א סך רייכע לענדער, הינטער די גרויסע שטעט, אויך דא הונדערטער הילצערנע און ליימענע שטיבלעך מיט צעבראכענע, אלטע דעכער. און הונדערטער מענטשן וואוינען דארט אין גרויס ארעמקייט און נויט.

דאס איז אבער א קנאפער טרייסט...

אין באפרייטן, אויסגעלייזטן ארץ ישראל, דארף מען נישט דערלאזן, אז הונדערטער אידישע משפחות זאלן לעבן אין די פרימיטיווע, ארעמע שטיבלעך אין די מעברות.

א רחמנותדיק אידיש־הארץ, קלעמט און וויטיקט פון אזא ארעם מיזעראבל לעבן, פון אונדזערע געראטעוועטע ברידער אין ארץ־ישראל.

פארן מיר אביסל שפעטער צוריק אין עפולה און שטעלן אפ דעם דזשיפ לעבן א רעסטאראן.

ס'איז איצט מיטאג־צייט. זיצן אידן ביי טישלעך און עסן א זאטן מיטאג, א „כשרן" מיטאג אן פלייש. יא, א מיטאג אן פלייש,

איז דאָך אוודאי כשר... היים איך אונדז געבן אַ יום־טובדיק מיטאָג. ס'איז דאָך דער לעצטער טאָג, וואָס כ'בין אין חיפה, איידער כ'פאַרלאָז מדינת־ישראל, און כ'עס דאָך עפּעס מיטאָג אין צענטער פון עמק — אין עפולה.

כ'בין היינט דעם לעצטן טאָג אין עמק, זאָג איך דעם גוט־האַר־ציקן חבר חיים, וואָס רעדט אַזאַ געשמאַקן, קערנדיקן, בעסאַראַבער אידיש. חבר חיים, היינט געזעגענען מיר זיך. כ'פאָר היינט פאַרנאַכט צוריק אין תל־אָביב, און אין דריי טעג אַרום דאַרף איך פאַרלאָזן ארץ ישראל. זענט איר איצט מיין גאַסט, טאָ לאָמיר עסן צוזאַמען אַ יום־טובדיק מיטאָג.

זיצנדיק אין דזשיפּ, מוז איך פאָלגן דעם חבר חיים. אָבער אין רעסטאָראַן, האָט מיך דער גוטער חיים געמוזט פאָלגן...

איז מיר טאַקע בייגעשטאַנען דער „זכות", וואָס כ'בין אַ טו־ריסט... און איך מיטן חבר חיים האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין מיט אַ אמתדיק אידישן מיטאָג, פּונקט ווי אין אַ אידישן רעסטאָראַן אין מעקסיקע...

אַ פיינער פאַרשפּייז, אַ געשמאַקע זופּ, און — אַ גוט פּערטעלע עוף, סאַלאַד, קאָמפּאָט, אַ גרויסע ארץ ישראלדיקע פלאַש ביר, דאָס געשמאַקע ארץ ישראל ברויט, און צום סוף — אַ שטיקל קוכן מיט אַ היים גלאָז טיי...

איז דאָס טאַקע געווען אַ יום־טובדיק, זאַט מיטאָג, אין זאַטן, פרוכטבאַרן עמק...

האָבן מיר זיך אַביסל אָפּגערוט אין רעסטאָראַן, און מיר פאָרן שוין ווייטער איבערן עמק צו צפון זייט.

פאָרן מיר דורך די מושבה פון אָרטאָדאָקסישע אידן, כפר־גדעון, וואָס געפינט זיך פיר קילאָמעטער פון עפולה. און בלויז איין קי־לאָמעטער ווייטער איז שוין דאָ, דער קיבוץ מזרע.

ווען אונדזער דזשיפּ קירעוועט זיך אויס צו מערב־זייט, זעט מען אויפן וועג צעבליטע גערטנער, אויסגעשפּרייטע לאָנקעס באַדעקט מיט הויך, פעט גראָז.

אויף די רחבותדיקע גרינע לאָנקעס, רויטלען זיך אונטער דער גאָלדענער נאָכמיטאָג־זון, טויזנטער בלימעלעך, וואָס זעען אויס ווי רויטע אייגעלעך, וואָס הנדלען זיך און ווינקען אַרויס פון געדיכטן גרינעם גראָז.

פאָר איך איצט נאָכאַמאָל דורכן שאָטנדיקן באַלפור־וואַלד, נישט

ווייט פון דער קבוצה דזשינעגאַר. ווייטער אביסל זעט מען דעם קיבוץ שריד און דערלעבן דעם מאַסאַריק־וואַלד מיט די צעוואַקסע־נע סאָסנע־ביימער.

פאָרן מיר איצט אין אַ גרין־צעוואַקסענע וועלט: צעבליטע גערט־נער, פאַרזייעטע פעלדער און שאָטנדיקע ביימער. די לופט איז אַרום און אַרום פול מיט אַ סווישטשעריי פון פייגל, וואָס פליען אַרום צווישן די ביימער לעבן זייערע נעסטן.

אַ לינד ווינטעלע, אָנגעזאַפּט מיט געשמאַקע ריחות פון די אָפּע־נע פעלדער, וואו עס צייטיקן זיך שוין די פאַרזייעטע תבואות, בלאָזט איצט אַקעגן אין אָפענעם דזשיפּ.

דאָס אויג זעטיקט זיך מיט דער פּרעכטיקער עמק־לאַנדשאַפט. עפּעס איז מיר איצט אַזוי גוט אויפן האַרץ. כ׳פיל ווי כ׳וואָלט זיך באַהאָפטן, צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער צעבליטער נאַטור, מיט גאָטס שיינער וועלט.

קומען מיר איצט צו צום אַנדערן עק עמק, צו נהלל.
און ווי סימבאָליש:

ווען כ׳בין אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט אין ישראל, מיט פיר וואָכן צוריק. האָבן מיר געזונגען אין לויפנדיקן דזשיפּ אויפן שאָסיי קיין חיפה, שוין נאָך האַלבער נאַכט, דאָס ליד פון עמק (שיר העמק):

מה מה, לילה מליל
דממה ביזרעאל.

און היינט, דעם לעצטן טאָג אין חיפה, און דריי טעג איידער כ׳פאָר צוריק אַוועק פון ישראל, בין איך טאַקע אַרומגעפאָרן אַ גאַנצן טאָג איבערן עמק יזרעאל, ביז נהלל.

איז נהלל דער ערשטער מושב־עובדים, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן אין יאָר 1921.

אין דעם שיינעם דאָרף נהלל, וואָס איז פול, קיין עין הרע, מיט כל־טוב, האָט יעדער חבר זיין אייגן פעלד, הויז אוןווירטשאַפט. נאָר די פעלדער ווערן שותפותדיק באַאַרבעט, און די פּראָדוקטן ווערן פאַרקויפט דורכן דאָרף־קאָאָפּעראַטיוו. וואוינען איצט אין נהלל אַריבער טויזנט נפשות.

פאָרן מיר אַריין אין צעבליטן דאָרף. נהלל איז איצט אין פולן בליען, איינגעטונקען אינגאַנצן אין גרינס. די פּאָמעראַנצן צייטיקן זיך שוין אויף די בייכיקע, קליינע ביימלעך. די ווייסע הייזער שטייען

פארהילט פון די שאָטנדיקע פרוכט־ביימער, און מיט שמעקנדיקע רייפע בלומען ביי די זייטן.

לאָזן מיר שטיין דעם דזשיפּ אויף א ברייטע סטעזשקע אין דאָרף, און פרעגן זיך וואו ס'וואוינט דער חבר פון מושב, נתן חפשי.

גייען מיר אדורך עטלעכע שמאָלע אַלייען מיט שיין־געבויטע הייזער, די לופט איז דאָ פריש, מחיהדיק. די פרוכט־ביימער און רייפע בלומען פארשפרייטן א זיסן האָניק־ריח איבער די אַלייען און סטעזשקעס. קומען מיר צו צו א ווייס קליין הויז. דאָרט וואוינט דער באקאנטער שרייבער און פרייער עטישער סאָציאַליסט, נתן חפשי.

פירט מען אונדז אריין אין א האלב־טונקל צימער, וואו די פענס־טער זיינען פארשטעלט פון דדויסן מיט פּאָמעראַנצן־ביימעלעך. די גאָלדענע פּאָמעראַנצן־אויגן קוקן אריין דורכן פענסטער גלייך אין צימער אריין.

זעט אויס חבר חפשי, ווי א הייליקער, ווי א נזיר: א ווייסן קאָפּ האָר, מילדע פארטראכטע אויגן, ווייסע הויזן, א ווייס העמד מיט אָן אָפענעם קאָלנער ביים האַלדז. דערפרייט זיך חבר נתן חפשי, ווען כ'גיב אים אָפּ א גרוס פון מעקסיקע, פרעגט ער זיך נאָך אויף זיין גוטן פריינט, דעם בארימטן פּעדאַגאָג און קעמפער פאר אינטעגרא־לער אידישער קולטור, חבר אברהם גאָלאָמב, און אויף זיין פרוי די לערערקע רבקה.

ווייסט ער אויך, דער חבר חפשי, אז אין מעקסיקע געפינט זיך איצט דער עטישער סאָציאַליסט ד"ר י. נ. שטיינבערג אויף א לעקציע־טור. בעט ער מיך אָפּגעבן א גרוס זיין פריינט ד"ר שטיינבערג, און גיט מיר מיט פאר אים א קליין בריוועלע.

זיצן מיר ביים טיש און שמועסן אביסל. חבר חפשי, דער עטי־שער מענטש, איז נישט צופרידן זעענדיק, ווי אפילו די אידייען פון די פרייע סאָציאַליסטן, ווערן אויך היינט שלעכט פארשטאַנען...

שווער, זייער שווער, ארויסצוקומען מיט אן אָפן עטיש וואָרט פאר יושר און אמת, רעדט חבר חפשי ארויס שטיל, געלאַסן און פארטראכט זיך אביסל, ווי א נישט צופרידענער.

דערציילט ער מיר, אז ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיינע פעל־דער. ער האָט זיך איבערגעלאָזט בלויז זעקס דונאַם ערד פון די 26 דונאַם, וואָס ער האָט געהאַט אין נהלל.

לעבט ער, חבר חפשי, ווי אן אמתער וועגעטאַריאַנער, פון בלויז

גרינצייג, פרוכטן און מילך. זעט ער טאקע אויס, מיט זיין רואיקייט, מיט זיין ווייך שטיל רעדן, ווי אן אסקעט. איז ער טאקע אויך א גרויסער ליבהאָבער פון דער נאטור, און וויל זען א פרייע ארץ־ישראל און א פרייע מענטשהייט.

פרעגט מיך, חבר חפשי, צי אברהם גאָלאָמב איז נאָך אלץ אזוי עקשן, און צי ער קעמפט נאָך אלע פאר זיינע אידייען וועגן אידיש־קייט, און צי די נייע אידישע שולע פראָגרעסירט. ביים געזעגענען זיך מיטן איידעלן, עטישן מענטש, נתן חפשי, בעט ער מיך מיטנעמען א בריוועלע (האלב העברעאיש און האלב אידיש), פאר זיין גוטן פריינט אברהם גאָלאָמב אין מעקסיקע.

פאָרן מיר שוין צוריק אויפן שאָסיי פון עמק, פון דער צווייטער זייט עמק, פון נהלל.

זינגט מען טאקע אזוי אין „שיר העמק": — מבית אלפא עד נהלל! פון איין עק עמק ביזן אנדערן.

ס׳איז שוין פינף אזייגער פארנאכט. מיר שטייען שוין ביים ראנד פון עמק.

א וואונדערלעכער טאָג איז היינט געווען פאר מיר.

כ׳האָב געזען ווי די שפע גייט אויף אין עמק.

כ׳האָב געזען אין לעצטן טאָג איידער איך פארלאָז חיפה, ווי־די בשורה פון אונדזערע נביאים ווערט מקוים. דאָס אלט־נייע לאנד ארץ ישראל, ווערט ווידער יונג.

ארץ ישראל בליט און וואקסט ווידער אויף!

כ׳שטיי אויפן בארג און קוק אראָפּ אויף די אויסגעשפרייטע גרינע לאָנקעס. אויף די פעלדער מיט די אויפגייענדיקע תבואות, וואָס זעען אויס פון ווייטנס, ווי אויסגעשפרייטע קאָלירטע טעפּיכער אויף רויער ערד.

די פארנאכטיקע מילדע זון גיסט אויס אירע לעצטע גאָלדענע שטראלן אויף די פעלדער, לאָנקעס און באוואקסענע משופּעדיקע בערגלעך ארום עמק.

כ׳גיב דעם לעצטן בליק אויפן עמק. און שטילערהייט פליסטער איך ארויס דעם לעצטן פערז פון שיר־העמק:

— תברך ארצי ותהלל.

מבית־אלפא עד נהלל!

זייט געבענטשט איר האָרעפּאשניקעס. איר שאפער און בויער פון עמק!

פון מזרח זייט רוקט זיך שוין אָן דער אָוונט. די בערג אַרום עמק ווערן איינגעהילט אין שאָטנס. אַ קיל ווינטעלע לאָסטשעט דאָס פּנים.

ס'בייטן זיך איצט די קאָלירן אויף די בערג אַרום עמק. אַט זיינען זיי פיאָלעט און ביסלעכווייז הילט זיי אַרום דער אָוונט־נעפּל.

פון מזרח זייט קומט אָן די נאַכט. פון מזרח־זייט לויערט די סכנה...

כ'דריי זיך אויס צו מערב־זייט, דאָרט איז נאָך ליכטיק, דאָרט איז נאָך העלער טאָג; דאָרט האָט זיך איצט צעפלאַקערט די צע־גליטע זון, וואָס לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ ביים האָריזאָנט.

די עמאָציעס, פון וואונדערלעכע איבערלעבונגען דעם גאַנצן טאָג, באַהערשן מיך איצט.

ס'נעמט מיך אַרום אַ בין־השמשות שטימונג.

דער פאַרנאַכטיקער אומעט דריקט אַביסל דאָס האַרץ און נשמה. שוין!

זעקס אַזייגער פאַרנאַכט בין איך שוין געזעסן אין אויטאָ, וואָס האָט זיך געגליטשט אויפן גלאַטיקן שאָסיי קיין תל־אביב.

ניין, כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די פריידיקע שעהן, וואָס חיפה האָט מיר פאַרשאַפט אין די לעצטע פיר טעג. קיינמאָל נישט!

שווער זיך צו שיידן פון דער קאָלירפולער, ברוויזנדער שטאָט חיפה.

זיי געזונט חיפה! שלום!

מיטוואָך דעם 22־טן אַפּריל

כ׳בין שוין צוריק אין תל־אביב.

עפּעס בין איך היינט אין אַ שלעכטער שטימונג. כ׳ווייס נישט וואָס פריער צו טאָן, מ׳דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין. מאָרגן פּאַרנאַכט מוז איך שוין ווייטער פאָרן, אָבער נישט אין ישראל, נאָר אַוועקפאָרן פון ישראל...

האָב איך היינט, די לעצטע צוויי טעג אין ישראל, עטלעכע איינ־לאַדונגען צו באַזוכן משפּחה, פריינט און באַקאַנטע.

איבער די אַכט טעג, וואָס כ׳בין נישט געווען אין תל־אָביב, זיינען געקומען מיך זוכן עטלעכע חברים. אָבער כ׳וועל דאָך קיינעם נישט קענען היינט באַזוכן, און נישט קענען אָנעמען קיין שום איינ־לאַדונג. ניין, כ׳מוז זיך פון דעם פאַרגעניגן אָפּזאָגן. נישטאָ קיין צייט! און די צייט פון אַוועקפאָרן רוקט זיך דאָך אָן אַזוי גיך, אַזוי גיך...

האָב איך אָן איינלאַדונג פון דיכטער ל. גרושקאָ. דער חבר גרושקאָ לאַדט מיך איין מיטפאָרן מיט אים אין רחובות, באַזוכן דעם וויצמאַן־אינסטיטוט, וואו ער איז דאָרט איצט באַשעפטיקט. איז דער דיכטער גרושקאָ געווען דריי יאָר אין מעקסיקע. אין 1945 האָט ער אין מעקסיקע אַרויסגעגעבן אַ בוך לירישֿ־האַרציקע לידער און פּאָעמעס „געווען אַ הויז אין פּוילן״.

מיט דריי יאָר שפּעטער איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל. און כאָטש דער דיכטער גרושקאָ, איז אַ הייסער, געטרייער „העברעער״, קען ער זיך פאָרט אײנגאַנצן נישט צעשיידן מיט זיין מאַמע־לשון — אידיש...

זינדיקט ער אונטער אַביסל מיט אידיש און — דווקא אין ארץ־

ישראל... שרייבט ער אין דער תל־אביבער אידישער צייטונג „לעצ־טע נייעס" אן ארטיקל „מיטן כוח פון וויסן". וועגן־ווייצמאן־אינס־טיטוט אין רחובות.

האב איך היינט צופעליק טאקע געטראפן חבר גרושקא אויף אלענבי גאס. האבן מיר זיך דערפרייט, שוין אכט יאר נישט געזען און אט טרעפן מיר זיך אין ישראל. האט ער מיך ווידער איינגע־לאדן מארגן צו פארן אין רחובות. אבער כ'האב, צו מיין גרויס באדויערן, געמוזט זיך אפזאגן פון דעם פארגעניגן צו באזוכן רחובות. נישטא מער קיין צייט ערגעץ צו פארן. כ'וועל דאס אוודאי טאן דאס צווייטע מאל, אויב מיר וועט נאך באשערט זיין צו פארן קיין ארץ ישראל.

בין איך דאס ערשטע, היינט אינדערפרי, געגאנגען נאכאמאל אין רעדאקציע פון „דבר", זיך געזעגענען מיטן חבר דן פינעס, און אפשר וועל איך דאס מאל דארט טרעפן דעם רעדאקטאר חבר דוד זכאי.

האב איך דעם חבר פינעס נישט געטראפן אין רעדאקציע, ער איז קראנק געווארן. יא, די חברים פון דער אלטער „גווארדיע" זיי־נען איצט שוין נישט איבעריק געזונט... אוועקגעגעבן די יוגנט, די גאנצע כוחות פארן אידעאל, פארן בויען און שאפן די וואונדער־לעכע ארבעטער ארגאניזאציע, די הסתדרות, איז מען איצט אביסל שוואך און מיד...

בעט מען מיך זיצן אוןווארטן אביסל, דער חבר דוד זכאי דארף באלד אריינקומען.

האב איך געווארט אין רעדאקציע בלויז א האלבע שעה. זיצט ביי דער שרייב־מאשין א מיידל און קלאפט מיט אירע דינע פינגער גיך־גיך, זי שרייבט איבער א העברעאישן מאנוסקריפט. די שטא־לענע אותיות שפרינגען שנעל ארויף און אראפ. זי קוקט נישט אויף דער מאשין, נאר בלויז אויפן פאפיר, וואס ליגט לעבן איר אויפן טישל לעבן דער שרייב־מאשין.

א טייער אידיש מיידל, א „סאברע", וואס רעדט אויך אביסעלע מאמע־לשון... זי הייסט מיך ווארטן און טרייסט מיך, אז חבר זכאי וועט זיכער באלד קומען.

און כ'האב זיך דערווארט!

באקען איך זיך מיטן חבר דוד זכאי, גייען מיר דערנאך אריין אין זיין רעדאקציע־צימער כאפן א שמועס. זיץ איך קעגנאיבער חבר

זכאי און מיר שמועסן אביסל וועגן ישראל און תפוצות־ישראל. וועגן אידיש־העברעאיש, וועגן שרייבער און ליטעראטור.

זעט חבר זכאי אויס, מיט זיין לומדישן שטערן, רואיקער האל־טונג און מיטן פּינעם, עלעגאַנטן טאָן אין רעדן, ווי אַ פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע...

איז ער טאַקע אַ חוץ אַ שרייבער, אויך אַ גרויסער געלערנטער, אַ מאַטעמאַטיקער און באַשעפטיקט זיך אין זיין פרייער צייט מיט פּראַקטישער אַסטראָנאָמיע. זאָגט ער מיר מיט אַ שמייכל, אַז ער טראַכט וועגן קומען אַמאָל אין מעקסיקע, ווייל אין חודש נאָוועמ־בער קען מען דאָרט זען זייער קלאָר געוויסע שטערן, און מ׳קען זיי בעסער באַטראַכטן, ווי אין אַנדערע לענדער.

יאָ, קעגנאיבער מיר זיצט אַ גייסטיקע פּערזענלעכקייט. ער רעדט אַזוי האַרציק, דער חבר זכאי, און מיט אַזאַ פּשטות. אויפריכטיקייט און גוטסקייט שיינט אַרויס פון זיינע פאַרטראַכטע, קלוגע אויגן, אונטער דורכזיכטיקע, קלאָרע ברילן.

פון זיינע רייד שיינט אַרויס חכמה און האַרציקער הומאָר. די שווערסטע פּראָבלעמען פאַרענטפערט ער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן.

פרעגט מיך חבר זכאי, אויב איך קען אים טאָן אַ טובה און מיטנעמען מיט זיך אַ קליין פּעקעלע קיין מעקסיקע. ווען דער דיכטער יעקב גלאַנץ איז געווען אין ישראל, האָט ער דאָ פאַרגעסן אַ פּעקעלע מיט עטלעכע ביכער און אַן אַלבום.

האָב איך געבעטן דעם חבר זכאי, ער זאָל אַזוי גוט זיין און מיר צושיקן דאָס פּעקעלע מיט ביכער צו מיין קוזין. און אוודאי וועל איך דאָס מיטנעמען פאַר חבר גלאַנץ אין מעקסיקע. ביים געזעגע־נען, האָט חבר זכאי מיך געבעטן אָפּגעבן אַ גרוס דעם פּעדאַגאָג און שרייבער אברהם גאָלאָמב, און דעם דיכטער יעקב גלאַנץ און זיין פרוי לוסי.

ווען כ׳בין נאָכמיטאָג אַהיים געקומען, האָט מיר מיין קוזין אַן איבעראַשטער געזאָגט: אברהם, דו ווייסט ווער דאָ איז געווען? דוד זכאי איז דאָ געווען! ער האָט דיר געברענגט אַ פּעקעלע מיטצונע־מען קיין מעקסיקע. שטעל דיר פאָר, דוד זכאי איז אַרויפגעגאַנגען אויפן דריטן שטאָק, און ער אַליין האָט דיר דאָס פּעקעלע געברענגט.

בין איך טאַקע אַליין אויך געווען אַביסל איבעראַשט.

זיינען דאָך אין דער רעדאַקציע דאָ אַרבעטער און אָנגעשטעלטע,

דארף טאקע דער רעדאקטאר אליין זיך מטריח זיין מיטן ארויפ־טראגן דאס פעקעלע?

איז טאקע חבר זכאי געקומען שפעטער נאכאמאל צו מיין קוזין און מיך ווידער נישט געטראפן. ער איז געקומען מיך פרעגן צי דאס פעקעלע ביכער, וועט נישט זיין שווער פאר מיר מיטצונעמען אויפן עראפלאן.

טראכט איך:

אט דאס זיינען דאך עטישע, הייליקע מענטשן!

דאס זיינען די אידישע אידעאליסטן, די בויער און שאפער פון דער הסתדרות. די עטישע מענטשן, וואס ווילן קיינעם נישט באלעמ־טיקן, ווילן נישט אויסנוצן קיינעם פאר זיך אליין, ווילן נישט באַ־מיען אנדערע חברים מיט איבעריקער ארבעט.

מ׳טוט דאס אליין!

דער עטישער מענטש, חבר דוד זכאי, האט אליין געברענגט דאס פעקעלע ביכער, איז אליין צוויי מאל ארויפגעגאנגען אויפן דריטן שטאק אויף דער נחמני גאס, פרעגן מיך, צי דאס פעקעלע וועט נישט זיין צו שווער פאר מיר...

האט דאס אויף מיר, און טאקע אויך אויף אלע אין שטוב, א גוואלדיק־גרויסן איינדרוק געמאכט...

יא, דאס זיינען דאך די אידישע אינטעליגענטן, די אינטעלעק־טואלן, וואס האבן פארלאזט אוניווערזיטעטן, זייערע קאריערעס, זייער יוגנט און זיינען אוועק קיין ארץ־ישראל.

זיי זיינען געקומען אין וויסטן, פארווארלאזטן לאנד. אויפבויען א לאנד פארן צעשפרייטן און צעזייטן אידישן פאלק. אויפבויען א צענטער פארן אידישן וועלט־פאלק. שאפן אן אדרעס פאר א פאלק אן א לאנד...

דאס זיינען די עטישע, פרייע מענטשן, וואס האבן געשאפן די הסתדרות און געהאלפן שאפן — מדינת־ישראל!

דאס זיינען גרויסע אידעאליסטן, קעמפער פאר מענטשלעכער חשיבות.

פאר זיי איז מענטשלעכע ארבעט, אידישע פראצע — הייליק!

זיי זיינען געטרייע זין פון אידישן פאלק!

איז מיר נאך היינט באשערט געווען א וואונדערלעכע איבער־לעבונג. א טיף־מענטשלעכע, עמאציאנעלע איבערלעבונג אין תל־אביב.

שטיי איך אזוי פארנאכט, אויף דער רווישנדיקער אלענבי גאס, וואו די באוועגונג פון אויטאבוסן און אויטאס איז איצט זייער גרויס. כ'ווארט אויפן עק גאס, ביז ס'וועט זיך אנצינדן דער רויטער סיגנאל אויפן סעמאפאר, מ'זאל קענען אריבערגיין אויף דער אנדע־רער זייט גאס.

שטיי איך אזוי פארטראכט און ווארט, דערפיל איך פלוצים א ווייך ווארעם הענטעלע נעמט אן מיין הייגט. כ'גיב זיך גיך א דריי אוים, דערזע איך א קליין מיידעלע פון א יאר זיבן, האלט מיטן אנדערן הענטעלע איר קלענער שוועסטערל פון א יאר פינף. דאס מיידעלע קוקט ארויף צו מיר מיט אירע גלאנציקע, שמייכלדיקע אייגעלעך, און מיט א זים שמייכעלע אויף די ראזע, פרישע ליפעלעך.

זי זעט, אז כ'וואונדער זיך עפעס, זאגט זי מיר געלאסן, מיט איר צארט־קלינגנדיק שטימעלע אויף העבראיש: אדוני, ביטע פירט מיך אריבער די גאס. די מאמע האט מיר אנגעזאגט, כ'זאל אליין די גאס נישט אריבערגיין.

האב איך איר פוכקע ווארעם הענטעלע געהאלטן אין מיין האנט, און א ווארעמער שטראם איז מיר דורכגעלאפן איבער גאנצן קערפער.

עפעס א זיסע צערטלעכקייט, א ווארעמער רחמנות־געפיל, האט זיך דערוועקט אין מיין הארץ צו די צוויי קליינע, אידישע קינדערלעך.

אויף דער אנדערער זייט גאס, נעמט דאס מיידעלע פאמעלעך ארוים פון מיין האנט איר צארט ווארעם הענטעלע. ביידע שוועס־טערלעך גיבן אויף מיר א בלישטש מיט פינקלדיקע אייגעלעך, און מיט א צופרידן שמייכעלע זאגן זיי מיר ביידע מיטאמאל:

תודה, תודה רבה! (א דאנק, א גרויסן דאנק) און גייען זיך פאמעלעך אוועק זייער וועג אהיים, ווי צוויי קליינע, יונגע קאטשקעלעך.

באטראכט איך דאס פאר א זכיה...

אזוי פיל מענטשן שטייען און ווארטן אויפן עק גאס. האבן די קינדערלעך פונקט מיך געבעטן זיי אריבערפירן די גאס.

א מאדנער צופאל!

כ'וועל דאס ווארעמע קינדיש־הענטעלע, מיט די בלישטשנדיקע אייגעלעך, מיטן זיסן שמייכעלע פון צוטרוי און חנעוודיק־קלינגנ־דיקן תודה רבה, קיינמאל נישט פארגעסן.

ווערן די ישראל־קינדערלעך דערצויגן, מיט געזונטע, גאנצע נשמהלעך, אָן שום קאָמפּלעקסן... געזונטע, טייערע קינדערלעך, מיט אָפענע, פרייע בליקן. אָן שום מורא, אָן פּחד פאַר די נישט־אידישע קינדער, ווען זיי וועלן זיך אַמאָל צעקריגן מיט זיי.

די אידישע ישראל־קינדער האָבן נישט דעם מינדערווערט־קאָמפּלעקס. זיי האָבן אינגאנצן נישט דאָס געפיל, אז מ׳קען זיי באַליידיקן, אָדער רופן זיי „פרעמדע", „אידן"...

זיי זיינען אין זייער אייגן לאַנד נישט קיין פרעמדע... און זיי זיינען טאַקע אידן — געזונטע, שטאָלצע קליינע אידעלעך!

די אידישע קינדערלעך פילן זיך דאָך אין ארץ־ישראל פריי ווי די פייגעלעך. זיי קענען פריי אַרומפליען וואו זיי ווילן. אין וואַלד, אין פעלד. זיי זיינען דאָך אויף אייגענער ערד, אין אַן אייגן פריי־לאַנד.

זיי באַוועגן זיך אין אַ אידישער סביבה. זיי האָבן זיך מיט גאָרנישט וואָס צו שעמען פאַר אַנדערע, נישט־אידישע קינדער... אָדער באַהאַלטן זיך מיט עפּעס, פאַר אַנדערע קינדער... זיי האָבן צוטרוי צו דערוואַקסענע, עלטערע מענטשן, אַז מ׳וועט זיי חלילה נישט באַליידיקן, מ׳וועט זיי חלילה קיין שלעכטס נישט טאָן.

זיי לעבן דאָך צווישן אידן, צווישן אייגן פאָלק, אין זייער אייגן לאַנד.

אַ געזונטער פרייער דור, וואַקסט־אויף אין דער פרייער ארץ־ישראל!

מוז איך אויך אין די לעצטע שעהן, פון מיין זיין אין מדינת־ישראל. פאַרצייכנען אַ וואונדערלעכן עפּיזאָד, וואָס קען נאָר פאָרקומען צווישן אידן, אין אַ פריי אידיש לאַנד, אין ארץ־ישראל.

געווען איז דאָס מאָנטיק ביינאַכט, דעם דרייצנטן אַפּריל.

פאַרנאַכט בין איך צוריקגעקומען פון חדרה קיין תל־אביב, אַן אָנגעזאָפּטער מיט דער פרישער לופט, פון די געזונטע פעלד־ריחות פון צעבליטן שומרון. פון דער שפּרודלדיקער צעבליטער חדרה, די „וועג־ווייזערין" פון די שומרון־קאָלאָניעס.

בין איך שפּעטער אַביסל געגאַנגען באַזוכן אַ פאַמיליע, נישט ווייט פון ים. אַרום אַכט אַזייגער ביינאַכט, בין איך אויפן אויטאָבוס געפאָרן אַהיים.

נישט ווייט פון אַלענבי גאַס, שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָבוס. די

טראַפיק־פּאָליציי לאָזט ווייטער נישט פאָרן, מ׳קען איצט נישט פאָרן אויף אַלענבי.

הייסט די פּאָליציי פאַרקירעווען דעם אויטאָבוס אויף דער נחלת־בנימין גאַס, די צווייטע פּאַראַלעל־גאַס לעבן אַלענבי.

בין איך אַראָפּ פון אויטאָבוס און אַביסל שפּאַצירט אויף דער ליכטיקער אַלענבי גאַס.

נישט ווייט פון דער גרויסער שטאָט שול, זיינען געשטאַנען הונ־דערטער אידן אויפן טראָטואַר און אינמיטן גאַס, און זיך צוגעהערט צום הויכן רעדן פון אַ מיקראָפאָן. בין איך פּאַמעלעך צוגעגאַנגען אַביסל נענטער און האָב אַן איבעראַשטער דערזען אַן אויסערגע־וויינלעך בילד:

אויף דער אַנדערער זייט גאַס פון דער גרויסער שול. שטייט אַ גרויסע שיינע געביידע. געפינט זיך דאָרט אַ מושב־זקנים און אויפן ערשטן שטאָק, איז אויך דאָ אַ גרוים בית־מדרש, וואו מ׳דאַווענט דריי מאָל אין טאָג.

זע איך צווישן גרויסן עולם, וואָס שטייט איצט אויף דער גאַס לעבן בית מדרש, אַן אָפּיציר, אַ מאַיאָר, מיט אַ קליין קיילעכיק בער־דעלע אַרום אַן איידל, לויטער פּנים. פרעג איך אים וואָס דאָ קומט איצט פאָר. דערקלערט ער מיר אין אַ געשמאַקן אידיש, אַז דאָ איז בית־מדרש איז אויך דאָ אַ חברה ש״ס, וואו ס׳ווערט אַלע נאַכט געלערנט אַ בלאַט גמרא פון די תל־אביבער באַלעבאַטישע אידן און לומדים.

איז פונקט היינט דער סיום הש״ס. די חברה ש״ס האָט היינט געענדיקט לערנען די 2702 בלעטער גמרא, וואָס ווערן פאַרענדיקט לערנען אַלע זיבן יאָר.

שטייט אויפן באַלקאָן, ביי דער אָפענער טיר, דער באַרימ־טער גאון הרב יוסף כהנהמאַן, דער פּאָניוועזשער רב, און זאָגט איצט דעם „הדרן״ דורכן מיקראָפאָן, כדי הונדערטער אידן וואָס קענען נישט מער אריין אין בית־מדרש, זאָלן אויך קענען הערן דעם הדרן.

דער באַרימטער גאון, זאָגט איצט אַ טיף גמרא־פּשטל. ער שווימט אין די טיפענישן פון ים־התלמוד אזוי זיכער אזוי באַ־האָוונט, און ברענגט אַרויס פון דאָרט פּערלדיקע געדאַנקען, אין אַ פּרעכטיקן, פליסיקן אידיש. דאָס שטאַרקע, אָנגענעמע קול פון גע־

לערנטן רב, קלינגט אָפּ איבער דער אַלענבי גאַס, און צעשפּרייט זיך, ווי אַ בת־קול איבער די אַרומיקע קלענערע גאַסן.

די הונדערטער צוהערער שטייען אונטן פאַרגאַפט, מיט פאַר־ריסענע קעפּ אינדערהייך צום באַלקאָן. זיי זאָלן חלילה נישט פאַר־הערן קיין איין וואָרט פון טיף־לומדישן הדרן, פון באַרימטן גאון.

האָט דאָס אויף מיר אַ גוואַלדיקן איינדרוק געמאַכט.

כ'שטיי אויף דער גאַס און טראַכט:

וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? אויף דער צענטראַלער אַלענבי גאַס, אין דער גרויסער שטאָט תל־אביב, ווערט אָפּגעשטעלט דער גאַנצער טראַפיק.

אַ באַרימטער געלערנטער רב, זאָגט דורכן מיקראָפאָן אַ שאַרפ־זיניקן הדרן, ווייל די חברה ש"ס האָט היינט געמאַכט אַ סיום. און הונדערטער אידן שטייען אויף דער גאַס, און הערן אויס דעם הדרן.

אין וואָס פאַר אַ לאַנד, אין וואָס פאַר אַ שטאָט, קען פאָרקו־מען אַזאַ אימפּאָזאַנט, פּרעכטיק בילד פון פרומע אידן? די רעלי־גיעזע אידן לעבן זיך דאָך אויס אין זייער לאַנד, אין ארץ ישראל, אין פרייהייט און אמתער טאָלעראַנץ... אויף די גאַסן אין ארץ ישראל קלינגט טאַקע אָפּ דאָס קול פון תורה־לערנען, ווי אין די צייטן פון די גרויסע תנאים.

דאָ קלינגט דאָך אָפּ אויף די גאַסן, דער קול־התורה, דאָס גמרא־לערנען, פּונקט ווי אַמאָל אין תלמוד־צענטער פון בבל, וואו דאָס אי־דישע לעבן האָט זיך צעבליט אין די שטעט; נהרדעא, סורא, מחוזא און פומבדיתא.

יאָ, כ'האָב דערפילט אין יענעם אָוונט, אז כ'בין אין אַ פריי אידיש לאַנד:

אידישע אַרבעטער, אידישע סאָציאַליסטן, באַלעבאַטישע אידן, און רעליגיעזע אידן. אַלע, אַלע אינאיינעם בויען צוריק אויף דאָס אַלטע אידישע לאַנד.

יאָ, ישראל סבא, דער אַלטער ישראל לעבט! דער אַלטער ישראל ווערט ווידער יונג אין ארץ־ישראל!

דאָנערשטיק, דעם 23-טן אַפּריל

דעם לעצטן טאָג אין ארץ־ישראל!

א העלער, זוניקער פרימאָרגן איז היינט. די זון איז נאָך ווייט אין מזרח־זייט. זי רוקט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צום זעניט.

די פריש־גאָלדענע זון, וואָס האָט זיך געטובלט אין ים א גאַנצע נאַכט אין מערב־זייט, שיקט איצט אירע בלישטשנדיקע שטראַלן פון מזרח, אויף דער נאָר־וואָס אויפגעוואַכטער תל־אביב מיט אירע ווייסע הייזער, און זאָגט אָן אירע איינוואויער, אַז ס'קומט א לוי־טערער, שיינער פרילינג־טאָג.

כ'האָב זיך היינט באַגינען אויפגעכאַפּט. כ'בין בלויז געשלאָפן עטלעכע שעה, און זייער שלעכט געשלאָפן.

בין איך נעכטן געגאַנגען שפּעט שלאָפן, געשריבן אַביסל, זיך געוואָלט איינמידן, אפשר וועל איך שפּעטער עטלעכע שעה קענען שלאָפן.

אָבער ס'איז דאָך אַלץ אומזיסט געווען...

מיט פינף וואָכן צוריק, האָב איך אויך אַזאַ שלאָפלאָזע נאַכט איבערגעלעבט אין מעקסיקע. געדאַנקען, ווי כוואַליעס, האָבן זיך כסדר אריינגעגליטשט אין מוח און מיך נישט צורו געלאָזט א גאַנצע נאַכט.

אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשיד? וואָס פאַר א פאַרגלייך?

אָ, גאָט! וואָס פאַר א טיפע אינערלעכע פרייד, האָב איך דע־מאָלט איבערגעלעבט. וואָס פאַר א הערלעכע מאָמענטן דאָס זיינען געווען פאַר מיר, ווען כ'האָב זיך אַזוי פיבעריש, אַזוי גליקלעך גע־גרייט צו דער רייזע קיין ארץ־ישראל. זיך געגרייט צו דער זיסער־דערוואַרטונג, אַליין צו קענען זען די אויסגעחלומטע אידישע מדינה.

האָבן איך מיט פינף וואָכן שפּעטער, ווידער איבערגעלעבט אַ שלאָפלאָזע, טרויעריקע נאַכט, מיט אומעטיקע געדאַנקען... וואָס מאַטערן אַזוי אויס דעם מענטשלעכן מוח:

צו וואָס פאָר איך אַוועק פון ישראל?

וואָס פאַר אַ גליק קען מיר שוין דאָס לעבן אין אַן אַנדער לאַנד אָקעגנטראָגן?

אַ זאַט מיטאָג, אַ שיין מלבוש און אַ ווייך געלעגער. נישט מער!

אָט דאָס איז עס אײנגאַנצן!

לוינט זיך אפשר נישט דאָס וואַנדערן, דאָס אַרומבלאָנקען זיך אין דער פרעמד...

אפשר טאַקע בלייבן דאָ?

די פאַנטאַזיע צינדט זיך אָן. ס'וואַקסט אין מיר דער באַגער, דער פאַרלאַנג דאָ צו בלייבן, בלייבן אויף תמיד, ביזן לעצטן טאָג פון מיין לעבן.

בלייבן, יאָ, בלייבן!

אין מוח פלאָנטערן זיך פאַרשידענע געדאַנקען. פאַנטאַסטישע מחשבות דרייען זיך אין קאָפּ, איין געדאַנק פאַנטאַסטישער פון אַנדערן.

דאָס לאָגישע דענקען, דאָס רעאַלע טראַכטן, הערט דאָך אויף אין אַזאַ צושטאַנד, אין אַזאַ שלאָפלאָזע נאַכט.

אָט חלום איך, אַז ס'טרעפט זיך אַ נס, אַ צופאַל און איך ווער גאָר פאַרבלאָנדזשעט אויף די זיגזאַגישע, מאַלערישע וועגן, וואָס שלענגלען זיך אויף די הויקערדיקע בערג אין גליל.

און דער באַגער וואַקסט אין מיר: אַנטרינען ווערן ערגעץ אין די שאָטנדיקע וועלדער; אין די טונקעלע טאָלן אַרום די סודותדיקע בערג אין ירושלים, אָדער גאָר אויף די פאַרהוילענע, ברייטע שליאַכן אין וויטן פאַרכישופטן נגב.

אַנטלויפן, אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, פון זאַטן מאָנאָטאָנעם לעבן, וואָס גיט מיר אַזוי זעלטן אַביסעלע גייסטיקע צופרידנקייט, נשמה־רואיקייט.

בלייבן דאָ אין ארץ־ישראל. אויסמישן זיך מיט די מענטשן, וואָס ברויזן מיט אַזוי פיל ענערגיע, שאַפן אַ ניי געזונט לעבן, אַ גייסטיק־אידיש לעבן, מיט אַזוי פיל אידעאַליזם, מיט אַזוי פיל איבערגעבנקייט און האַרציקייט.

בלייבן, טאַטשעט מיך אַ געדאַנק, בלייבן, בלייבן!

בין איך היינט טאַקע פרי אויפגעשטאַנען, און פיל זיך אין אַ געדריקטער שטימונג.

כ'בין דאָך היינט דעם לעצטן טאָג אין ארץ־ישראל.

קוק איך אויפן פאַרפאַקטן וואַליז, אויפן קליינעם רענצל פון דער עראָפּלאַן קאָמפּאַניע, און אַן אומעט באַפאַלט מיך.

עפּעס אַן אומרואיקייט האָט מיך אַרומגענומען. כ'קען זיך קיין אָרט נישט געפינען...

די משפחה מיינע וואונדערט זיך, קענען נישט פאַרשטיין. זיי ווייסן דאָך נישט דעם נשמה־געראַנגל, וואָס איך לעב איצט איבער.

שוין, שוין, אין עטלעכע שעה אַרום וועל איך ווייטער דאַרפן פאָרן. אין עטלעכע שעה אַרום וועל איך דאָך פאַרלאָזן דאָס אויסגעחלומטע לאַנד, אַוועקפאָרן פון ארץ־ישראל.

זייער שווער זיך צעשיידן פון דעם קליינעם, וואונדערלעכן לאַנד, וואָס איז אַזוי פאַרוואָרצלט אין יעדן אידישן האַרץ און נשמה.

שווערע, טרויעריקע מאָמענטן לעב איך איצט איבער. כ'פיל זיך עפּעס אַזוי דערשלאָגן, ס'איז מיר עפּעס אַזוי אומעטיק אויף דער נשמה.

אַוועק איז מיטאַמאָל די זיסע נשמה־פרייד, וואָס כ'האָב מיט אַזאַ דאָרשטיקייט געטרונקען עמערווייז, אין די עטלעכע וואָכן אין אויסגעחלומטן ארץ ישראל.

ס'איז מיר איצט אַזוי אומעטיק. עפּעס אַ בענקשאַפט נאָגט און פרעסט דאָס האַרץ. כ'קען דאָס קיינעם נישט דערציילן, כ'קען דאָס קיינעם נישט איבערגעבן.

ס'טוט מיר אַזוי באַנג צו פאַרלאָזן דאָס אידישע לאַנד, וואָס ברויזט מיט אידישער שאַפונגס־קראַפט, וואָס בויט זיך אַזוי האַסטיק און גייט פאָרויס צום ליכטיקן מאָרגן.

האָב איך שפּעטער אַביסל, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די תּל־אביבער רוישיקע גאַסן און האָב זיך טאַקע דערפילט אַביסל אויפגעהייטערטער, אַביסל מונטערער.

האָב איך אויך אַרומגעוואַנדערט אָן אַ ציל אין די ווייטע הינטערגאַסן. כ'האָב געוואָלט דאָס לעצטע מאָל אין זיך איינזאַפּן דאָס אידישע לעבן, פון דער גרויסער אידישער שטאָט.

איז דאָס טאַקע פאַר מיר געווען דער לעצטער פאַרגעניגן, צו שפּאַצירן אין דער גרויסער, זון־באַגאָסענער אידישער שטאָט.

ניין, כ'זע דאָ נישט די דורכדרינגלעכע בליקן פון די אַרומיקע מענטשן, וואָס דערמאָנען מיך מיט זייער בליק, אַז כ'בין אַ פרעמ־דער...

כ'פיל דאָ נישט די בליקן פון מיינע גוטע שכנים, וואָס רעדן צו מיר מיט זייערע אויגן: דו ביסט טאַקע אַ ווּאוילדער מענטש, אָבער־פאַרט אַ פרעמדער, נישט קיין אייגענער... נאָר בלויז אַ גוטער איינ־וואוינער אין אונדזער לאַנד...

אין די עטלעכע וואָכן וואָס כ'בין אין ישראל, האָב איך געפילט, ווי ס'קומט עפּעס פאָר אין מיר אַן ענדערונג.

עפּעס האָב איך זיך דאָ געפילט פרייער, מענטשלעכער, אידישער.

עפּעס אַ שווערער פּסיכישער עול, איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון מיר...

כ'טראָג זיך מער נישט אַרום, מיט אַ גייסטיקער־טאָפּלטקייט...

כ'פיל דאָ מער נישט קיין נשמה־צעשפּאָלטנקייט...

כ'דאַרף דאָך דאָ נישט נאָכמאַכן מיינע גוטע נישט־אידישע שכ־נים. כ'דאַרף דאָך נישט וועלן יוצא־זיין און געפעלן ווערן:

אוי! וואָס וועלן זאָגן מיינע נישט־אידישע פריינט?...

כ'פיל זיך דאָ, אין ארץ־ישראל, אַ גאַנצער מענטש און אַ גאַנ־צער איד.

האָב איך זיך דאָ די גאַנצע צייט, נישט געפילט ווי אַ פרעמדער, ווי אַן אויסלענדער... עפּעס באַוועג איך זיך דאָ אַזוי פריי, אַזוי גרינג און אַזוי היימיש

בין איך שוין דאָ, אין ארץ־ישראל עטלעכע וואָכן. און וואונ־דער איבער וואונדער: כ'האָב נאָכנישט געטראָפן קיין איין גוטן גוי, וואָס זאָל מיך דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט, אַז כ'בין אַ איד...

כ'האָב נאָך אפילו נישט באַגעגנט קיין איין שלעכטן גוי, וואָס זאָל מיך מכבד זיין, צוליב „פאַרגעניגן", מיט עטלעכע גראָבע זידל־ווערטער, אויפן אידישן חשבון...

דאָ, אין ישראל, ווייס איך אַליין, אַז כ'בין אַ איד, קיינער דאַרף מיך דאָס נישט דערמאָנען, קיינער דאַרף מיר דאָס נישט זאָגן.

אוודאי, בין איך אַ איד! אַ אידישע מענטש!

און צוליב זיין אַ איד, האָב איך דאָ נאָכנישט געהערט קיין איין זידל־וואָרט...

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, האָב איך דאָך געלעבט צווישן אידן, אויף אידישער ערד — אין אַ אידיש לאַנד...

בלאַנדזשע איך אַרום איבער די גאַסן פון דער ציכטיקער איי־דישער שטאָט. כ'זע מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט, מיט וואָס פאַר אַ פלייסיקייט, און מיט וויפיל ענערגיע אידן בויען און שאַפן.

דאָ רעדט מען דאָך אַזוי ווייניק און מ'שאַפט אַזוי פיל, און אַזוי גיך.

כ'האָב דאָך אין די עטלעכע וואָכן, וואָס כ'בין דאָ אין ארץ־ישראל, נאָכנישט געהערט קיין איין ציוניסטישע רעדע...

כ'האָב דאָך דאָ נישט געהערט קיין איין דיסקוסיע, צי אידן דאַרפן אַ לאַנד', אַ טעריטאָריע, אָדער זיי דאַרפן גאָרנישט...

אויב מ'וויל נישט הערן קיין ציוניסטישע רעדעס, זאָל מען טאַקע פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָ רעדט מען נישט — דאָ טוט מען!

אין ארץ־ישראל, זיינען דאָך אַלע אידן אין ציון...

אין מדינת־ישראל, זיינען אַלע ציוניסטן געוואָרן — ישראל־בירגער.

אַ מידער בין איך שפּעטער, אין אַ געדריקטער שטימונג אַהיימ־געקומען.

ניין, ס'האָט מיך נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן אַזוי גיך דאָס אויס־געבענקטע לאַנד, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל יצירה, מיט אַזוי פיל שעפערישקייט, מיט אַזאַ אמתדיק, עכט אידיש לעבן.

אָבער — אוים יום־טוב!

כ'מוז פאַרלאָזן די יום־טובדיקע טעג, און זיך צוריק איבערגעבן דער מאָנאָטאָנער וואָכעדיקייט.

און וויפיל אַזעלכע, גייסטיק־דערהויבענע, יום־טובדיקע טעג, האָט דאָס דער מענטש אין זיין גרוי, וואָכעדיק לעבן?

דאַנק איך טאַקע גאָט, וואָס כ'האָב דאָך די זכיה געהאַט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, צו טרעטן אויף דער הייליקער, אידי־שער ערד אין ארץ־ישראל.

איינזאַפּן מיט מיינע אויגן די טיפע בלויקייט פון ארץ־ישראל הימל.

איינאָטעמען אין מיינע לונגען די געזונטע, פרישע לופט פון די גליל־בערג.

הערן דעם ריטמישן גערויש פון די בלוי־גרינע כוואַליעס, וואָס צעקלאַפּן זיך אויף די זאַמדיקע ים־ברעגעס, אין דער לענג פון דער אידישער מדינה.

פאַרנאַכט, האָב איך, אַן אומעטיקער, אַ פאַרטראַכטער, זיך שטיל

געזעגנט מיט מיין משפחה. און מיט פייכטע אויגן זיי געוואונטשן דעם טראַדיציאָנעלן: שאַלאָם (שלום) און להתראות! אין גיכן זיך ווידער צו זעען אין ארץ־ישראל. להתראות!

זעקס אזייגער פאַרנאַכט, אין טונקעלען בין־השמשות, ווען די צעפלאַמטע זון, האָט דעם לעצטן בליאַסק געטאָן אויף דער ריינער, ווייסער תל־אביב, בין איך שוין געזעסן אין אויטאָבוס, וואָס פירט די טוריסטן צום לופט־פּאָרט אין לוד.

זיי געזונט, דו אויסגעהאָדעוועטע, אידישע שטאָט תל־אביב!
שאַלאָם דיר, ווייסע, ציכטיקע תל־אביב!
אַדיאָס תל־אביב! להתראות!

אויפן לופט־פּאָרט איז איצט שוין ליכטיק. די טוריסטן גייען גיך הין און צוריק, מ'באַזאָרגט דעם באַגאַזש, מ'לייגט אַ פרישן שטעמפּל אויפן פּאַס, אַז מ'פּאָרט אַרויס.

די לופט איז פול מיט אַ זשומעריי, אַ געדערעריי. מ'געזעגנט זיך מיט פייכטע אויגן, מ'לאָזט עטלעכע טרערן. מ'רעדט געציילטע, האַר־ציקע ווערטער און אויגן זאָגן וואָס דאָס האַרץ פילט...

דאַכט זיך מיר, אַז אויף אַלע אידישע טוריסטן, איז עפּעס אויס־געגאָסן אַן אומעטיקייט ביים פאַרלאָזן דאָס שיינע, אויסגעחלומטע לאַנד ישראל.

כ'זע דעם אייביקן אידישן אומעט פון דור־דורות, אין זייערע אויגן, ווען זיי געזעגענען זיך מיט זייערע פאַמיליעס און פריינט.

טייל טוריסטן זיצן ביי די טישלעך אין רעסטאָראַן, און דער־קוויקן זיך' דערווייל מיט אַ היים גלעזל טיי, אָדער אַ טעפּעלע קאַפע.

זיינען מיך געפאָרן באַגלייטן ביז לוד, מיינע צווייטע קוזינס משה און יוסף מיט זיין ניין־יאָריק סאַברעלע שוקעלע (יהושוע). דאָס אינגעלע האָט דווקא געוואָלט זען, ווי אַזוי אַזאַ גרויסער „אווי־רון" (עראָפּלאַן) מיט אַזוי פיל מענטשן, הייבט זיך אויף אין דער לופט און פליט...

אין דרויסן אויפן לופט־פּאָרט, איז איצט טונקל. בלויז אויפן טורעם דרייען זיך די ליכט־סיגנאַלן, פון די עלעקטרישע רעפלעקטאָרס.

פון ווייטנס שלאָגט אָפּ אין דער לופט, אַ מאַטע ליכטיקייט פון דער שטאָט לוד, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון לופט־פּאָרט.

אויפן טיף־בלויען הימל פינקלען און ציטערן, עפּעס אַזוי אומע־טיק די גאָלדענע שטערנדלעך. די האַלבע לבנה, ווי אַן איבערגעשניטן רעפּטל ציטרין, שווימט זיך אַזוי איינזאַם, אַליין אין דער קילער,

לויטערער לופט, און באַליכט מיט איר איבערגעשניטן ליכט, בלויז איין זייט הימל.

אַן אומרואיקער דריי איך זיך אַרום הין און צוריק אויפן לופט־פּאַרט. כ׳פיל זיך איצט עפּעס אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן. אַ טרויע־ריק־עלעגישע שטימונג באַהערשט מיך אינגאַנצן, כ׳וואָלט שוין גע־וואָלט זיצן אין עראָפּלאַן.

האָט זיך אַרום אַכט אַזייגער דערהערט אַ רוף פון מיקראָפאָן: צום „עיר פראַנס" עראָפּלאַן! צום עראָפּלאַן וואָס פליט אָפּ דורך רוים קיין פּאַריז.

שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיטן קליינעם רענצל און עטלעכע ביכער אין האַנט, גיי איך צווישן די פּאַסאַזשירן צום עראָפּלאַן.

אויף דער טונקעלער, אָפּגעצוימטער וועראַנדע פון לופט־פּאַרט, שטייען אויסגעשטעלט די פאַמיליעס און פריינט, וואָס זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט די פּאַסאַזשירן.

מיטאַמאָל דערהער איך פון ווייטנס: אברהם, אברהם! שלום, שאַלאָם! להתראות!

כ׳דריי זיך אויס און גיב דעם לעצטן בליק צו דער וועראַנדע, און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט ענטפער איך אָפּ אין דער טונ־קעלער נאַכט אַריין: שאַלאָם! שאַלאָם! להתראות!

פּאַמעלעך גיי איך אַרויף די טרעפּ אויפן לייטער צו דער טיר פון עראָפּלאַן, און ווער פאַרשלונגען אין דער ליכטיקער עפענונג פון ריזיקן עראָפּלאַן.

כ׳זוך זיך אויס אַ פּלאַץ אויפן סאַמע פליגל פון עראָפּלאַן, זעץ זיך לעבן פענסטערל און נעם אַביסל באַטראַכטן די מיטפליער מיי־נע, וואָס זיצן איצט אַזוי שטיל און וואַרטן אויף עפּעס...

דער עראָפּלאַן איז געפּאַקט, אַלע פּלעצער פאַרנומען. עס זיינען אויך דאָ עטלעכע מעקסיקאַנער אידן. זיי ווילן בלייבן אין רוים עטלעכע טעג. איך האָב אָבער נישט קיין איטאַליענישע וויזע, וועל איך פליען פון רוים קיין פּאַריז.

די מאָטאָרם האָבן זיך איינציקווייז צעבייזערט, און מיט אַ גוואַל־דיקן געררויש אויפגעקאָכט די קילע, נאַכטיקע לופט.

דער ריזיקער עראָפּלאַן האָט אויספּראָבירט זיינע שטאָלענע כו־חות, און ראַפּטום זיך געגעבן אַ רייס אָפּ פון דער ערד און — מיר פליען!

בין איך שוין אביסל צוגעוואוינט צום פליען. זיץ איך מיר רואיק, פארטראכט אין מיינע אומעטיקע געדאנקען, און הער זיך צו צום ריטמישן מאטאר־געזאנג פון פליענדיקן עראפלאן.

האט מען שפעטער אביסל סערווירט א געשמאקע פראנצויזישע וועטשערע. אבער כ'האב זיך, דאס מאל, געמוזט אפזאגן פון דער אכילה. אין מיין איצטיקער שלעכטער שטימונג, האב איך אפילו צו דער געשמאקער וועטשערע קיין אפעטיט נישט געהאט. ווען כ'האב זיך שפעטער בארואיקט אביסל, האב איך בלויז געטרונקען א קאניאק און א טעפעלע שווארצע קאפע.

לאז איך זיך איבער דאס קליינע טישעלע וואס ווערט צוגעפעס־טיקט צו דער שטול ביים עסן, און נעם עפעס פארצייכענען, מאכן עטלעכע נאטיצן.

איז טאקע גאנץ באקוועם, צו שרייבן אויפן טישעלע לעבן זיך איבער די קניען אין עראפלאן. אויף דער באן איז נישט איבעריק באקוועם צו שרייבן. די וואגאנען שאקלען זיך, די רעדער קלאפן אויף די שינעס. אין אויטאבוס — נאך ערגער!

אבער דער עראפלאן גיט זיך דאך נישט קיין ריר, קיין וואקל.

כ'זיץ זיך אזוי „רואיק"... אויף א ווייכער, באקוועמער שטול. דאס אנגענעמע, מילדע ליכט פאלט אויפן פאפיר פון אויבן, ברענט נישט אין די אויגן. און דער עראפלאן שווימט זיך אזוי גלאטיק, ווייך־סאמעטיק אין דער פרישער, ריינער לופט אינדערהייך, נענ־טער צום בלויען הימל, נענטער צו די גאלדענע, פינקלדיקע שטערנ־דלעך, נענטער צו דער איינזאמער, בלאסער, האלבער לבנה.

כ'זיץ און טראכט:

כ'האב דאך נאר וואס געזען מיט מיינע אויגן, ווי די איבער־געשגיטענע אידישע זעלבסטשטענדיקייט דורך רוימישע שווערדן, אין יאר 135 נ. ק. איז צוריק גאנץ געווארן...

די לעצטע שלאכט פאר אידישער זעלבסטשטענדיקייט, וואס בר כוכבאס ארמיי האט פארשפילט, מיט די רוימישע לעגיאנען. האט דאך די העלדישע הגנה־ארמיי, פארענדיקט מיט א גרויסן נצחון, מיט פינף יאר צוריק.

ארץ־ישראל איז ווידער פריי און זעלבסטשטענדיק!

האט דאך אונדזער געפייניקט פאלק געלעבט, הונדערטער און הונדערטער יארן, אין אלע לענדער בלויז אין א גייסטיקער „טערי־טאריע".

און איצט באהעפט זיך צוריק דאָס פאָלק, אויך מיט זיין פיזי־שער טעריטאָריע, ווערט צוריק א נאָרמאַל פאָלק.

ניין, דאָס איז נישט קיין קאַפּריז פון דער געשיכטע.

די געשיכטע איז גערולדיק, און באַצאָלט אירע חובות וואָס זי איז שולדיק...

און מיטן ווידערגעבורט פון מדינת־ישראל, איז פאַרעכט געוואָרן א גרויסע היסטאָרישע עוולה, וואָס די אַנטיקן־וועלט און טאַקע אויך די קריסטלעכע וועלט, איז באַגאַנגען לגבי דעם אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

יאָ, די געשיכטע צאָלט אירע וועקסלען...

די געשיכטע איז פאַרט דער פּוסק־אחרון, דער לעצטער און העכס־טער ריכטער:

די „בילויים" האָבן נאָך די גרויסע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין 1883, געוויזן דעם איינציקן וועג פאַרן אידישן פאָלק — ארץ־יש־ראל.

די „עם־העולם"־גרופּע האָט געוויזן דעם וועג, אין דער פרייער אַמעריקע.

האָט די געשיכטע געפּסקנט: ביידע זיינען געווען גערעכט, יאָ, ביידע!

די „בילויים", די ערשטע פּיאָנערן, האָבן געלייגט דעם נאַציאָ־נאַלן פונדאַמענט אין ארץ־ישראל. און די אַמעריקאַנער אידן זיי־נען באַרופן פון דער געשיכטע, צו העלפן אויפבויען מדינת־ישראל — און זיי העלפן!

השגחת־הגעשיכטע!

האָב איך שפּעטער, נאָכן שרייבן אביסל, צוריק אַריינגעשטעלט דאָס טישעלע אין דער זייט שטול, זיך געמאַכט באַקוועם אויף דער־אויסגעבויגענער ווייכער שטול, געזאָגט בידך אפקיד רוחי... און אַנט־דרימלט געוואָרן אין פליענדיקן עראָפּלאַן — — —

האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, ווען אין עראָפּלאַן איז ליכטיק גע־וואָרן, און דורכן מיקראָפאָן האָט מען געמאָלדן, מ'זאָל זיך אַרומ־גאַרטלען מיט די פּאַסקעס.

דער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ אין דער אַלטער שטאָט רוים.

האָב איך זיך טאַקע דערפילט, נאָך די עטלעכע שעה שלאָפן, דער־פרישט און מונטער. אַמאָל איז דער שלאָף די בעסטע רפואה, וואָס דערפרישט דעם מידן קערפּער און הייטערט אויף אביסל די נשמה...

יאָ, דער שלאָף איז דערווייל דער איינציקער געטלעכער פאַרגע־ניגן, וואָס מ׳דאַרף פאַר אים נישט באַצאָלן „עקסטרע״... פונקט ווי מ׳דאַרף נישט באַצאָלן פאַרן אָטעמען גאָטס פרישע לופט.

האָב איך זיך אָפּגערוט אַ צוויי שעה אויפן שיינעם לופט־פאָרט אין רוים. זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַ היים טעפּעלע טיי מיט ציטרין, (אַז מ׳גיט נישט קיין גלאָז, מוז מען טרינקען אין אַ טע־פּעלע...), אין גרויסן באַקוועמען רעסטאָראַן, אַרום האַלבער נאַכט, אויפן וועג קיין פּאַריז.

זיך אָפּגערוט אביסל און ווייטער געפלויגן.

פרייטיק, דעם 24-טן אפריל

זעקס אזייגער אינדערפרי, ווען פאריז איז נאך געשמאק געשלאפן; ווען די פאריזער איינוואוינער האבן אויסגעחלומט די לעצטע מינוטן פון א ראמאנטישער נאכט; זיך געקוויקט מיט די רעשטלעך פארגע־ניגן פון פריילעכע, לאקנדיקע קאבארעטן. האט זיך דער עראפלאן שטיל אראפגעלאזט אויפן לופט־פארט אין פאריז.

האט מען מיך דאס מאל, אריינגעפירט אין א שענערן און גרע־סערן האטעל, ווי דאס ערשטע מאל, ווען כ׳בין אנגעקומען פון מעק־סיקע.

בין איך די דריי טעג, וואס כ׳בין ווידער געווען אין פאריז, איינ־געשטאנען אין דעם שיינעם האטעל „לוטעסיא״, אויף ראספייל בול־וואר. לעבן סענט־זשערמיין בולוואר.

זיך אויסגערוט אביסל, האב איך זיך געלאזט אויף א שפאציר איבער די פאריזער, רחבותדיקע שיינע בולווארן.

ווידער בין איך אין דער אלטער איראפע. כ׳שפאציר ווידער אין דער וועלטס הויפט־שטאט פון קונסט און עלעגאנץ. ווידער גיי איך ארום צווישן די קולטורעל־ראפינירטע פראנצויזישע מאסן.

אבער כ׳בין נאך אלץ אונטערן איינדרוק פון די וואונדערלעכע אומפארגעסלעכע בילדער, פון ברויזנדיקן, שאפנדיקן אידישן לעבן אין ישראל.

פאר מיינע אויגן שוועבט נאך אלץ די פארכישופטע ארץ־ישראל לאנדשאפט.

מיט פינף וואכן צוריק, אין סוף מארץ, איז נאך געווען אין פאריז, אביסל קאלט. ס׳האט מיך דערמאנט, דאס אמאליקע פאר־פסח־וועטער אין פוילן. איצט, סוף אפריל, עטלעכע טעג פארן ערשטן מאי, האט זיך פאריז צעבליט. פאריז שטייט איצט פארהילט מיט צעבליטע און צעוואקסענע ביימער; צעבליטע גערטנער מיט שמעקנ־דיקע בלומען, פארקן מיט גרין גראז און שאטנדיקע ביימער.

דערינערונגען וועקן זיך אויף.
כ'לעב ווידער איבער א פרילינג אין אייראָפּע.
נאָך דריי צענטליק יאָר, זע איך ווידער א צעבליטן פרילינג אין אייראָפּע, עטלעכע טעג פאַרן ערשטן מאַי.
אַמאָל, אַמאָל האָט די אידישע יוגנט אין פּוילן דערוואַרט דעם פרילינג, נאָך א שווערן, קאַלטן ווינטער מיט אַזוי פיל פרייד, מיט אַזוי פיל ענטוזיאַזם.
אַמאָל האָט די רעוואָלוציאָנערע אידישע יוגנט, דערוואַרט דעם ערשטן מאַי מיט מורא און האָפענונג. מ'האָט געהאָפט אויף ליכטיקע טעג. אפשר וועט פאַרט ווערן אביסל פרייער דאָס אידישע לעבן אין פּוילן. אפשר וועט מען דאָך אויסקעמפן א פרייער בעסער לעבן, פאַר די אידישע מאַסן, פאַר דער אידישער קולטור.
פאַרשניטן זיינען געוואָרן די טייערע יונגע קעמפער, אומגעבראַכט איז געוואָרן די אידישע יוגנט אין פּוילן פון די היטלער־רוצחים.
נישטאָ מער די אידישע יוגנט, וואָס זאָל ארויסגיין איבער די וואַרשעווער גאַסן מיט די רויטע פענער, מיט לאָזונגען פאַר אידישער און מענטשלעכער פרייהייט.
דאָס וואָרט „פרייהייט" קען מען נישט און מ'טאָר מער נישט הערן, אפילו דעם ערשטן מאַי. מאָסקווע האָט שוין די אידן אין פּוילן און די אידן אין רוסלאַנד, באַזאָרגט מיט פרייהייט, און מיט אידישע קולטור...
ניין, נישטאָ מער די וואונדערלעכע אידישע יוגנט אין פּוילן, וואָס האָט זיך ארויסגעלאָזט אויף א „מאַיאָווקע"־שפּאַציר הינטער די שטעטלעך, אויף די פעלדער און וועלדלעך און אריינגעצויגן אין זיך, די שמעקנדיקע, זיסע ריחות פון צעבליטן בעז און דופטיקע בלומען.
בין איך היינט געווען איינגעלאַדן אויף מיטאָג ביי מיין קוזינס שוועגערין האָב איך זיך דאָרט באַקאַנט מיטן שרייבער און קולטור־טוער מ. וואַלדמאַן, וואָס גיט אויך ארויס אין פּאַריז א קינדער־זשורנאַל. האָט מיר פריינט וואַלדמאַן געזאָגט, אז אין פּאַריז איז דווקא דאָ א גרויסע אידישע מאַסע, וואָס לעכצט נאָך א אידיש וואָרט, וויל הערן א אידישע לעקציע. אָבער ס'הערשט דאָ א צעשפּליטערונג פון די קולטור־כוחות.
דער אידישער קולטור־קלוב טוט אָבער קולטור־אַרבעט לויט זיינע באַשיידענע כוחות. אָרדנט איין ליטעראַרישע אָוונטן, רעפעראַטן

און קונסט־אויסשטעלונגען. דער קולטור־קלוב האָט אַן אייגענעם לאָקאַל און אַ לייען־זאַל אויף סענט־אַנסטאַז גאַס 5. אָבער האָט נישט געקענט געלט־מיטלען אַנצוגיין מיט זיין קולטור־אַרבעט צווישן די אָרעמע אידישע מאַסן אין פּאַריז.

האָט מיך פריינט וואַלדמאַן איינגעלאַדן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט שבת ביינאַכט אין אידישן קולטור־קלוב.

בין איך נאָכמיטאָג צוריק אַוועק אין האָטעל. זיך געזעצט שרייבן אַביסל, אין גרויסן עלעגאַנטן אָפּרו־זאַל פון האָטעל „לוטעסיאַ".

באַוואונדער איך טאַקע דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וואָס האַלט זיך אַזוי שטאַרק ביי אירע אַלטע טראַדיציעס און לעבנס־שטייגער. מיט די אַלטע הייזער, וואוינונגען און האָטעלן.

זעט טאַקע אויס דער שיינע אָפּרו־זאַל אין האָטעל, ווי אַ מוזייאום: הויכע דעקאָרירטע ווענט מיט אַ טונקעל־ראָזע קאָליר, ווי אַלטער בראָקאַט. דער סופיט איז פול מיט שטוקאַטור און געזוימטן מיט אַ קאָליר פון אַלט גאָלד.

אַלטמאָדישע קרישטאָלענע זשיראַנדעלן און פּאָרצעלייענע לאָמפּן. אין די ווינקלען פון זאַל שטייען הויכע קיילעכיקע טישעלעך מיט אַלטע אַנטיק־זייגערס.

ביי די ווענט שטייען געשניצטע, זיידענע קאַנאַפּעס. שיין געשניצטע אַלטמאָדישע טישעלעך און שטולן פון העלן גאָלד־קאָליר, פון די צייטן פון לואים דעם פופצנטן.

אין זאַל הערשט אַ שטילקייט. דאַכט זיך מיר, אַז אָט־אָט וועלן אַריינקומען געאַרעמט, די אויסגעפּוצטע פּאָרלעך אין אַטלעס און אין זייד, מיט ווייסע פּאַרוקן אויף די קעפּ; די דאַמען אין ברייטע קרינאָלינעס, און נעמען טאַנצן אַ מינועט...

זיץ איך ביי אַ טישל אויף אַ ווייך־געבעטער שטול מיט דין געטאַקטע פיסלעך און באַטראַכט די געסט, וואָס זיצן אויף זיידענע שמאָלע קאַנאַפּעס, אָדער ביי אַ שמאָל טישל און שרייבן בריוו.

זע איך עטלעכע אַמעריקאַנער טוריסטן, מיט פולע רויטע באַקן און גרויע קעפּ־האָר. זיי זיינען נאָר־וואָס אַרויסגעקומען פון „באַר" מיטן רויט־געדעמפּטן ליכט. זיצן זיי און רעדן עפּעס אַזוי שטיל, ווי מ'שעפּטשעט אַ תפילה, אָדער ווי מ'רוימט זיך איין אַ סוד.

ווייזט אויס, אַז אַ סך אַמעריקאַנער ווערט נמאס דאָס יאָגעניש און דאָס טעגלעכע פּראָזאַאישע לעבן. קומען זיי זיך אַביסל אָפּרוען אין דער פּאַריזער אַטמאָספערע. אַנזאַפּן זיך אַ ביסל מיט פּאַריזער־

ראָמאַנטישקייט, וואָס ווערט נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט און אויפגעהאַלטן, אין די פּאַרקן, בולוואַרן, און נאָך מער אין די עלעגאַנטע אַפּרו־זאַלן אין די האָטעלן.

פאַרנאַכט בין איך ווידער געגאַנגען באַזוכן מיינע גוטע פריינט, די פאַמיליע קויפמאַן.

האָב איך געגעבן זייער שיינע טאָכטער פּאָולעט עטלעכע ישראל־מטבעות. האָט זיך דאָס פּרעכטיקע, רויט־האָריקע מיידל, אַזוי דערפרייט מיטן ארץ ישראל־געלט, אַז זי האָט מיך פאַר גרויס שמחה ארומגעכאַפּט, און מיר געגעבן, אויפן פראַנצויזישן שטיינער, א קוש אין ביידע באַקן...

און הויך אויסגערופן: געלט! געלט פון מדינת ישראל! געלט מיט העברעאישע ווערטער! זע פּאַפּאַ, זע מאַמאַ, מיר האָבן שוין אויך אייגן געלט, אידיש געלט! זי האָט געהאַלטן אין האַנט די מעטאַלענע ישראל־מטבעות, זיי געגלעט, באַטראַכט פון אַלע זייטן, ווי מ׳באַטראַכט א בריליאַנט אָדער א שיינעם איידלשטיין...

בין איך שוין געבליבן אויף דער שבתדיקער סעודה ביי דער גוטהאַרציקער פאַמיליע. כ׳האָב איבערגעלאָזט די רייכע וועטשערע אין האָטעל, מיט די דריי קעלנער, וואָס יעדער טוט עפּעס ביים עסן: איינער שטעלט־אַוועק די טעלער, דער צווייטער ברענגט דאָס עסן און דער דריטער, דער שר־המשקים אין א טונקל לעדערן פאַרטוך מיט א שוואַרצן פראַק, גיסט אָן דעם ווייַן אין גלעזל... און זיך גלייכער דערקוויקט מיט די געשמאַקע שבתדיקע מאכלים, פריינטיקצונאַכט ביי א אידישן טיש מיט אָנגעצונדענע שבת־ליכט.

האָבן מיר שפּעטער, נאָכן עסן, שפּאַצירט אביסל אויפן קאָנקאָרד, אויף שאַמפּס־עליזעי. זיך געלאָזט וואַוילגיין מיט א טעפּעלע געשמאַקע קאַפע, ביי א טישל אויפן ברייטן טראָטואַר, לעבן דער עלעגאַנטער ליכטיקער קאַפע, אויף שאַמפּס־עליזעי.

זיץ איך און באַטראַכט די רואיקע מענטשן ביי די טישלעך, וואָס שמועסן אַזוי געמיטלעך. אויפן טראָטואַר שפּאַצירן די פּאַריזער עלעגאַנטע דאַמען מיט זייערע באַגלייטער עפּעס אַזוי שטאָלץ, אין זייערע מאַלערישע היטעלעך אויף די אויפגעהויבענע קעפּ.

טראַכט איך: ווי לאַנג איז, ווי כ׳בין אַזוי געזעסן ביי א טישל אויפן טראָטואַר, אין א קאַפע אין תל־אביב?

כ׳האָב זיך דערמאָנט — ארץ־ישראל, און מיט א בענקשאַפט אין האַרץ בין איך אַוועק צוריק אין האָטעל.

שבת, דעם 25־טן אַפּריל

ס׳איז היינט אַ קילער פרימאָרגן. דער הימל איז אַביסל פאַר־וואָלקנט און כ׳פיל זיך עפּעס אַזוי אומעטיק.

כ׳בין אין פּאַריז, אָבער מיין געדאַנק איז אין ארץ־ישראל.

ניין, כ׳וויל נישט און כ׳קען נישט זיך באַפרייען פון די וואונ־דערלעכע ארץ־ישראל איינדרוקן.

זע איך אָך דאָ, אין פראַנקרייכס מעטראָפּאָליע, אין פּאַריז, די שטאָט פון קולטור און קונסט — די אַלטע דעמאָקראַטישע אייראָ־פּע: וואונדערלעכע קונסט־מוזייאומס, הערלעכע אַלטע פּאַלאַצן, פּרעכ־טיקע גערטנער און פּאַרקן.

אָבער דאָס נייע אידישע לעבן, וואָס ווערט געשאַפן מיט אַזאַ גוואַלדיקן טעמפּאָ אין ישראל. די וויים־ציכטיקע תל־אביב, די ברוינז־דיקע מאַלערישע חיפה שטייט מיר פאַר מיינע אויגן.

כ׳בין אין פּאַריז — און זע ירושלים!

כ׳בין אין פּאַריז — און זע די באַרגיקע טבריה מיט דער פאַר־כישופטער כנרת.

בין איך באַלד איינדערפרי געפאָרן מיט פריינט קויפמאַן צו שאַמפּס דע מאַרס (מאַרס־פעלד), זען דעם וואונדער פון טעכניק אין פּאַריז: דעם באַרימטן אייפל־טורעם.

איז דאָס אַ ריזיקער, וואונדערלעכער טורעם צוזאַמענגעפלאָכטן פון דיקע שטאָלענע שטאַבעס. דער שטאָלענער גיגאַנט רייסט זיך מיטן שפּיץ צום הימל, און מיט די ריזיקע שטאָלענע פיס, האַלט ער זיך פעסט אויף דער ערד.

זיינען דאָ אויף די דריי הויכן ביזן שפּיץ טורעם, 1710 טרעפּ. אָבער דער שטאָלענער, שווערער „עלעוואַדאָר" פירט אַרויף ביזן סאַ־

מע שפּיץ, אויפן דריטן שטאָק. איז אויך דאָ אויף יעדן שטאָק, אַ ברייטער באַלקאָן מיט אַ קאַפע, אויסגעשטעלטע טישלעך מיט שטולן, וואו מ'קען זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ הייס גלעזל פּונטש, אַ קאָניאַק און אַ קאַפע מיט צובייסן.

איז אויפן באַלקאָן אינדערהייך געווען אביסל קאַלט. אָבער פונ־דערהייך אויפן טורעם, וויקלט זיך אויס פאַר די אויגן אַ וואונדער־לעך, הערלעך בילד.

כ'זע גאַנץ פּאַריז אויסגעשפּרייט, ווי אויף אַ מאַפּע: די גאַסן, בולוואַרן, הייזער, פּאַלאַצן, פּאַרקן און מאָנומענטן. און די באַרימ־טע נאָטער־דאַם־קירכע, מיט די צוויי קאַנטיקע טורעמס ביי די זייטן.

אויפן טייך „סען" וואָס זעט אויס פון ווייטנס, ווי אַ בלויע וואַסער־לענטע, וואָס גאַרטלט אַרום האַלב פּאַריז; שווימען איצט אַרום עטלעכע שיפלעך, וואָס זעען אויס פון אויבן, ווי אויסגעמאָל־טע בילדלעך אין אַ לעגענדאַריש קינדער־מעשהלע.

זיינען אַרום באַלקאָן אויפן אייפעל־טורעם אויסגעשטעלט קליינע טעלעסקאָפּן. וואַרפט מען אַריין אַ מטבע אין אַ קליינער עפענונג, קען מען זען אויף מיילן ווייט, די שטעטלעך און דערפער אַרום פּאַריז.

בין איך אין אָוונט געגאַנגען מיט פריינט קויפמאַן און מיט דער שיינער פּאָולעט, אין אידישן קולטור־קלוב, האָט זיך מיר אויסגע־וויזן, אַז כ'גיי אַריין אין אַ גרויסן וואַרשעווער הויף. דער קלוב איז אויפן צווייטן שטאָק. אַ קליינער צימער, אַ טיש מיט פאַרשידענע אידישע צייטונגען, עטלעכע שאַפעס ביכער. און פון לייען־זאַל, גייט מען אַריין אין גרעסערן זאַל פון קלוב. שטייען אין זאַל אויסגע־שטעלט לעבן דער בימה, עטלעכע רייען שטולן און אויך עטלעכע לאַנגע הילצערנע בענק, ווי אין אַ בית־מדרש.

זעט דאָס אַלץ אויס אַזוי איינפאַך, אַזוי אָרעם; און ס'דערמאָנט מיך אין די אַמאָליקע זאַלן, וואו מ'פלעגט האַלטן לעקציעס אין די שטעטלעך, אין אָרעמען פּוילן... ניין, נישטאָ דאָ די גרויסע אויס־געפּוצטע זאַלן מיט די שיינע מאָדערנע שטולן, וואָס מיר האָבן דאָ אין אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, און אין די ליידיקע קולטור־קלובן פון מעקסיקע.

אָבער דער באַשיידענער, אָרעמער אידישער קולטור־קלוב אין פּאַריז, איז פול מיט לעבן, מיט פּאַלקסטימלעך אידיש לעבן. מ'קעמפט פאַר דער אידישער קולטור מיט אָרעמע געלט־מיטלען, און

מ׳פארשפרייט אידישע קולטור צווישן די פאריזער אידישע מאסן.

האב איך זיך אין קלוב באקענט מיט עטלעכע אידישע שרייבער, און מיטן בארימטן שרייבער ישראל אשענדארף, וואס האט זיך געגרייט צו פארלאזן פראנקרייך אויפן וועג קיין ארגענטינע.

זיינען מיר שפעטער אוועק אויף שאמפס־עליזעי, וואו מיר האבן זיך געטראפן אין א קאפע מיט עטלעכע פריינט.

אויפן בארימטן שאמפס־עליזעי, איז איצט, שבת ביינאכט, א גרויסע באוועגונג. פאריז האט זיך ארויסגעלאזט אויפן שפאציר.

די מילדע ליכט פון די נישט הויכע לאמטערן, באשיינען די ברייטע טראטוארן. און פוןביידע זייטן גאס, שפריצן איצט די פאנטאנען. ווערט דאס שפריצנדיקע וואסער באלויכטן מיט פארשידענע קאלירן, און ס׳מאכט דעם איינדרוק, ווי שפריצט ארויף אינדערהייך קאלירטער וואסער־שטויב.

די טישלעך ביי די קאפעען אויפן טראטואר, זיינען איצט אלע פארנומען. ס׳זיצן פאמיליעס, פריינט, געליבטע און טרינקען פון די דינע געשליפענע גלעזלעך דעם וויין, קאניאק, אפעריטיוו, אדער א דין טעפעלע שווארצע קאפע. מ׳שמועסט אזוי געמיטלעך, מ׳יאגט זיך נישט, מ׳זופט פאמעלעך די קאפע, דעם וויין, ווי מ׳טוט עפעס א הייליקע ארבעט...

און ס׳וואונדערט מיך שטארק, וואס מ׳זעט דאך נישט קיין קעלנערקעס, נישט אין קאפע און נישט אין רעסטאראן, בלויז קעלנערס. פאריז אן קעלנערקעס...

האב איך זיך געזעגנט מיט מיינע פריינט און בין אוועק כאפן א קוק אויפן פאריזער נאכט־לעבן.

האט דאס גאנצע ביינאכטיקע פארגעניגן־יאגעניש אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק, ווי די מענטשן וואס גיסן אין זיך אריין די גלעזלעך קאניאק מיט די געשליפענע באקאלן שאמפאניער, זיינען עפעס ווי פארצווייפלט, ווי אנטוישט. האבן אין רעאלן לעבן נישט קיין אנהאלט...

לאזט מען זיך אריין אין ביליקע, נישט גאנץ עסטעטישע פארגעניגנס... ווילן זיך פארטויבן, בארוישן מיט צופיל שאמפאניער. פארגעסן אביסל דאס מיזעראבלע, ביטערע, מאנאטאנע לעבן.

בין איך שפעט ביינאכט צוריק אוועק אין האטעל, זיך אביסל אויסרוען. מארגן פארנאכט, דארף איך שוין ווידער פארן צום לופטפארט. וויטער פליען, דעם לעצטן פלי, ביז דער שיינער מעקסיקע.

זונטיק, דעם 26־טן אַפּריל

אַ שיינער זוניקער פרימאָרגן מיט אַ לויטערן בלויען הימל. אָבער ס׳איז נאָך קיל אַביסל. די פרילינג־זון וואַרעמט דאָ נאָכנישט ווי אין ישראל.

בין איך באַלד נאָכן אָנבייסן געפאָרן אין טולערי־גאָרטן, אין „לואוור"־מוזייאום.

איז נאָך צופרי געווען. דער גראַנדיעזער פּאַלאַץ פון לואוור־מוזייאום מיט די טונקעלע זיילן און אויסגעשטעלטע פיגורן אין דרויסן מיט די געשניצטע קאַרניזן אויף די ווענט, איז נאָך פאַרמאַכט געווען.

האָב איך דערוויל געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן טולערי־גאָרטן, מיט די פּרעכטיקע, אַלטע פּאַלאַצן אין איין זייט, און אויף דער אַנדערער זייט ציט זיך דער לאַנגער סען־טייך, מיט די מאַסיווע בריקן באַצירט מיט פּלאַסטישע פיגורן, אָרנאַמענטן און געזימסן.

פון ביידע זייטן פון דער ברייטער פּרעכטיקער אַלייע פון טולערי־גאָרטן, ציען זיך די גראַנדיעזע, טונקעלע פּאַלאַצן פון לואוור־מוזייאום.

אינמיטן אַלייע איז דאָ אַ קליין אַרומגעצוימט גערטנדל. שטייט דאָרט דער מאָנומענט פון פראַנצויזישן פרייהייט־קעמפער גענעראַל לאַפאַיעט, רייטנדיק אויף אַ פערד מיט אַ שווערד אין האַנט.

איז אויפן פּעדעסטאַל דאָ אַן אויפשריפט אין ענגליש: דעם אָנדענק פון לאַפאַיעט, דעם פריינט פון אַמעריקע; דער חבר־סאָלדאַט פון וואַשינגטאָן; דער פּאַטריאָט פון צוויי לענדער.

זעץ איך זיך אויף אַ באַנק לעבן מאָנומענט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט גרינע ביימער און בלומען־בייטן און איך טראַכט:

אַט זײַן איך לעבן מאָנומענט פון פראַנצױזישן פרײַהײט־קעמפּער לאַפאַיעט, װאָס האָט געהאָלפן דער אַמעריקאַנער רעװאָלוציע. גע־האָלפן דעם פאָלק זיך באַפרײַען פון פרעמדן יאָך און שאַפן די פרײַע פאַראײניקטע שטאַטן.

און מיט צװײ טעג צוריק בין איך געװען אין דער באַפרײַטער, זעלבסטשטענדיקער מדינת־ישראל, װאָס די פרײַע און בראַװע פאַר־אײניקטע שטאַטן העלפן איצט באַפעסטיקן די באַפרײַטע, זעלבסט־שטענדיקע ישראל־מדינה.

װי װאונדערלעך שײן, װי הערלעך, איז דאָס אױסשטרעקן די האַנט אַ פאָלק, װאָס קעמפט פאַר פרײַהײט, פאַר זעלבסטשטענדיקײט!

שטײט בײַם אַרײַנגײן אין גאָרטן דער „אַרק דו קאַרוסעל״, דאָס טריומף־טױער מיט די פּלאַסטישע פיגורן, װען נאַפּאָלעאָן האָט גע־װאונען די שלאַכט בײַ אױסטערליץ, אױף זײַן מאַרש אין אײראָפּע.

פון בײדע זײַטן שטײען צװײ שורות װײַסע מירמל־שטײנערנע פיגורן. ציען זיך אין דער לענג פון גאָרטן שאָטנדיקע בײמער, און זײַטיקע סטעזשקעס מיט אױסגעשטעלטע בענק, װעראַנדעס און שמע־קנדיקע בלומען־בײטן.

אַרום די פאָנטאַנען שטײען צענטליקער מענטשן און קוקן זיך צו צום ספּאָרט פון שיפל־געיעג אױפן װאַסער. לױפן די קלײנע שי־פעלעך מיט ספּרונזשינעס, און װעלכעס שיפל ס'קומט פריער, דער געװינט.

אַ שפּילעװדיק פאָלק, זײַנען די פראַנצױזן, מיט אַ גרױסן לוסט צו פאַרװײַלונג און געלעכטער.

אין צענטער פון גרױסן קאָנקאָרד־פּלאַץ שטײען עטלעכע קלײנע מאָנומענטן, און אין מיטן הײבט זיך אַרױף צום הימל, דער שמאָ־לער לוקסאָר־אָבעליסק מיט היראָגליפישע אױפשריפטן.

בין איך שפּעטער אַביסל אַרײַן אין לואװר. כ'גײ פון אײן סאַ־לאָן אין אַנדערן, כ'בלײַב שטײן פאַרװאונדערט און געפּלעפט פון די גרױסע קונסטװערק פון עפּאָכעס גאַנצע.

װאָס פאַרא געניאַלע מענטשן זײַנען דאָס געװען!

די גרױסע קינסטלער, זײַנען דאָך געטלעך אין זײערע מאָנומענ־טאַלע־קרעאַציעס.

אַרױסגײענדיק פון לואװר, געזעטיקט מיט גרױס קינסטלערישן־גענוס, טראַכט איך: אַז ס'איז איבערטריבן די מײנונג פון די, װאָס

האלטן, אז דער מוזייאום איז היינט א טורמע, אן אמתע תפיסה פאר דער קונסט...

דאכט זיך מיר, ס'איז פונקט פארקערט: אמאל, אין מיטלאלטער, און פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע, זיינען דאך די גרויסע קונסט־ווערק פון אלטערטום, און פון דער רענעסאנס־עפאכע, געווען פארשלאסן אויף זיבן שלעסער, פאר די ברייטע פאלקס־מאסן.

די געניאלע קונסט־ווערק, זיינען געווען פארמאכט אין די רייכע לוקסוס־פאלאצן, פון מלכים, הערשער און פעאדאלן.

היינט קען דאך יעדער ארבעטער, יעדער פויער פון דארף, אריינקומען אין די גרויסע פרעכטיקע מוזייאומס, און הנאה האבן פון די געניאלע קונסט־ווערק פון אלע צייטן.

דער געפיל פאר שיינקייט און עסטעטיק, איז דאך פארוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נשמה. די פרימיטיווע מענטשן, ווען זיי האבן זיך געמאכט כלים צום עסן און טרינקען, האבן זיי אויך אויף די ליימענע כלים אויסגעקריצט און אויסגעמאלט פארשידענע צאצקעס און פיגורן.

אבער פון דער קונסט, טאר מען נישט מאכן קיין געטשקע...

קונסט, עסטעטיק — אן מאראל און עטיק, איז עבודה־זרה... די דייטשע רוצחים האבן אונדז שוין וועגן דעם, געגעבן א גוטע לעקציע...

ירושלים און פאריז!

ביידע זיינען גלייך נייטיק פאר דער מענטשלעכער נשמה.

ירושלים, מיט דער מאראל און עטיק פון אונדזערע נביאים — פאריז, מיט איר קונסט און עסטעטיק.

קונסט, עסטעטיק — אן מאראל און עטיק, איז פארפירעריש און נוצלאז.

שיינקייט אן גוטסקייט, איז פונקט, ווי א שיינער ליידיקער טעלער — פאר א הונגעריקן...

זעקס אזייגער פארנאכט, בין איך שוין ווידער אויפן לופטפארט. כ'פארלאז די וועלט־שטאט פון קונסט און קולטור. כ'פארלאז די אלטע אייראפע און פלי צוריק צו דער נייער וועלט...

כ'גיב דעם לעצטן בליק פון ווייטנס אויף דער באלויכטענער פאריז: אפשר, פאריז, וועל איך נאך אמאל שפאצירן אויף דיינע רחבותדיקע שיינע בולווארן און צעבליטע פארקן; זיך זעטיקן מיט

דיינע גרויסע קונסט־אוצרות אין דיינע וואונדערלעכע מוזייאומס, אפשר?

דערוויל — אַרעוואואַר פּאַריז!

פלי איך איצט דעם זעלבן מאַרשרוט, וואָס כ׳בין געפלויגן מיט פינף וואָכן צוריק פון מעקסיקע.

דער עראָפּלאַן האָט זיך בלויז אָפּגעשטעלט אויף אַ שעה אין גאַנדער, ניו־פאַונדלאַנד, קאַנאַדע, און איז שוין געפלויגן גלייך קיין ניו־יאָרק.

ביסלעכוויז, הייבן אָן צו פאַרבלאַסן די איינדרוקן פון די לעצטע דריי טעג אין פּאַריז. און ס׳שווימען צוריק אויף אין מיין מוח, די איבערלעבונגען און איינדרוקן פון ארץ־ישראל.

יאָ, די ארץ־ישראל־איינדרוקן זיינען איינגעקריצט געוואָרן אין מיין מוח, אין מיין בלוט און וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

כ׳האָב דאָך שפּאַצירט אויף די אַלטע וועגן און שליאַכן פון ארץ־ישראל. כ׳האָב דאָך געזען די היסטאָרישע שטעט, בערג און טאָלן, טייכן און ימים, פון מיינע יוגנט־חלומות.

כ׳האָב דאָך געזען, ווי די האָפענונג פון אונדזער פאָלק ווערט פאַרווירקלעכט.

כ׳האָב געזען, ווי משיחישע וויזיעס, ווערן מקוים אין אונדזערע טעג.

ארץ־ישראל איז פריי און זעלבסטשטענדיק!

יאָ, מדינת־ישראל לײַדט; לײַדט פון אירע שכנים, ארץ־ישראל לײַדט איצט אויך עקאָנאָמיש.

אָבער ס׳וועלן קומען פריידיקע טעג אויף ישראל!

דער גרויסער מייסטער, נאַטור און מענטשן־ליבהאָבער — דער געניאַלער בעטהאָווען, האָט אויפגעשריבן אויף זיין אומשטערבלעכער ניינטער סימפאָניע: — פון לײַדן צו פריידן!

וועט אויף דער אומשטערבלעכער „ישראל־סימפאָניע”, וואָס דאָס אידישע פאָלק שאַפט איצט אין מדינת־ישראל, אויך זיין אויפגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות:

— פון לײַדן צו פריידן!

מאָנטיק, דעם 27־טן אַפּריל

זעקס אַזייגער אינדערפרי, ווען די ריזיקע שטאָט ניו־יאָרק האָט זיך שוין גענומען וועקן, אויפשטיין צו אַ פרישן טאָג אַרבעט.

האָט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּגעלאָזט אויפן ניו־יאָרקער לופט־פּאָרט. און מיט צוויי שעה שפּעטער, בין איך שוין געפלויגן — דעם לעצטן פלי — ביז מעקסיקע.

דער עראָפּלאַן איז געווען האַלב ליידיק. האָבן די ליידיקע שטולן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שטילן אומעט.

זיץ איך אין האַלב־ליידיקן עראָפּלאַן פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין מיינע מחשבות. כ׳ווער ווידער פאַרוועבט מיט די איינדרוקן פון די לעצטע פינף וואָכן:

אָ, ווי וואונדערלעך שיין איז די ארץ־ישראל לאַנדשאַפט! ווי סודותדיק זיינען די ישראל־בערג! ווי ראָמאַנטיש, חנעוודיק זיינען די טאָלן און די ים־ברעגן אין ישראל־לאַנד!

מעקסיקע איז שיין. מעקסיקע, דאָס לאַנד, וואָס האָט מיר געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט צו זאַט. דאָס לאַנד וואו כ׳בין אַ בירגער.

האָט דאָס פרייע, גרויסע לאַנד מעקסיקע, שיינע פּרעכטיקע לאַנד־שאַפטן. די בערג און טאָלן, די וואונדערלעכע פּייסאַזשן מיט די שיינע ים־ברעגן, זיינען דאָך באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט.

בין איך שוין געווען פינף מאָל אין די שטאָטן, אין דער שיי־נער „מלאכים שטאָט” (לאָס אַנדזשעלעס). געגאַנגען, געפאָרן אויף די האַליוואָודער בערג, שפּאַצירט ביי די פּרעכטיקע ים־ברעגן.

אָבער אַזוי פאַרכישופט, ווי ס׳איז די ארץ־ישראל לאַנדשאַפט; אַזוי הערלעך פאַנטאַסטיש, ווי ס׳איז דער ישראל־פּייסאַזש, האָב איך

אין קיין שום לאנד, וואו מיין גורל האט מיר אויסגעטיילט צו זיין — נאכגישט געזען.

פאריז, די רעוואלוציאנערע פאריז, איז וואונדערלעך שיין, מיט אירע היסטארישע געביידעס, פאלאצן, מאנומענטן און קונסט־מו־זייאומס.

אבער ירושלים, די איבער דריי טויזנט יאריקע ירושלים, איז הערלעך שיין. זי פארכישופט מיט אירע בערג און טאלן, מיט איר אייביקן גייסט, וואס שוועבט איבער דער הייליקער שטאט.

פון ירושלים איז דאך געקומען די בשורה פון יושר און צדק. דער רוף פאר גערעכטיקייט פון אונדזערע נביאים, פאר דער גאנצער מענטשהייט.

יא, פינף וואכן האב איך ארומגעשוועבט אין צויבער־לאנד, אין חלום־לאנד...

פינף וואכן האב איך געהאלטן דעם „בלויען פויגל" פון גליק... פינף וואכן פון גייסטיקער דערהויבונג!

דאנק איך דעם באשעפער פארן ביסעלע גליק, וואס מיר איז באשערט געווען אין מיין לעבן.

כ'האב דאך געזען מיט מיינע אויגן, דעם חלום פון מיין יוגנט — אויף דער וואר!

פינף אזייגער פארנאכט, האט זיך דער פראנצויזישער עראפלאן פאמעלעך אראפגעלאזט אויפן לופט־פארט אין מעקסיקע.

טרעט איך שוין ווידער אויף דער ערד פון דער פרייער, שיינער מעקסיקע.

יא, כ'בין געפארן קיין ארץ־ישראל!
כ'בין געווען אין ארץ־ישראל!

כ'האב איינגעזאפט מיט מיינע אויגן דעם בלויען ישראל־הימל!
בליט איצט ווידער אויף אין הארץ, א האפענונג, א וואונטש:
— להתראות!

דערשינענע ביכער פון
אברהם ווייסבוים:

מעקסיקאַנער זיגזאַגן

(געקליבענע פעליעטאָנען, מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס און בילדער) אין יאָר 1947
באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון
צבי קעסעל־פאָנד אין מעקסיקע.

אונטערן ישראל הימל

רייזע־איינדרוקן
(טאָג־בוך)
אין יאָר 1954

גרייט צום דרוק:

פון מעקסיקע ביז לאָס אַנדזשעלעס

(פעליעטאָנען, מאָנאָלאָגן, בילדער און רייזע־איינדרוקן)

אדרעס פון מחבר:

A. WEISBAUM

Orizaba 149 México, D. F.

Se terminó de imprimir este libro el día 6 de agosto de 1954, en los talleres de la "Imprenta Moderna" - Manuel Pintel Calle Dr. Garciadiego 28 - México, D. F.